STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00208

MILHOME

Peretz Markish

Permanent preservation of this book was made possible by
Rae F. Kallenberg
in memory of
Peral Leah & Isaac Leib Katz

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פּרץ מאַרקיש

מ ל ח מ ה

פרץ מאַרקיש

מלחמה

פיר טיילן • אין צוויי בענד

ערשטער באַנד

איקוף פאַרלאַג

ניו-יאָרק

דאָס בוך איז דערשינען מיט דער הילף פון,

ליפּע און בעלאַ פעלד

אין אָנדענק פון זייער ברודער

ז ל מ ן פ ע ל ד מ אַ ן

א ו ן ז י י ן פ אַ מ י ל י ע

וואָס זיינען אומגעבראַכט געוואָרן דורך די
היטלעריסטישע מערדער אין לאָדז.

PERETZ MARKISH

MILCHOME

Published by
YKUF-FARLAG
New York, 1956

Printed in the U.S.A.

209

אינהאַלט

ערשטער באַנד

נחמן מייזיל — צום לייענער — זייט 1

I

אין אָנהייב

1. דער אַלטער טאָפּאָל — — — — — 13
2. ביים קבר — — — — — — — 17
3. גראַנאָטאָפּער ריכטונג — — — — 20
4. אויפֿן ערשטן פֿאַרהער — — — — 22
5. אַ בריוו פֿון דער היים — — 26
6. אַמאָל איז געווען — — — — — 29
7. דער עראָפּלאַן און דאָס שמעטערל 33
8. צוויי סאָלדאַטן צו דער פּאָר — 36
9. דער בושל ברענגט אַ ידיעה — 40
10. פּראָוויאַנט — — — — — — — 42
11. פּאָזעמקעס — — — — — — — 45
12. אין טויטן־לאַגער — — — — — 49
13. פֿלוגבלעטלעך — — — — — 53
14. די שבועה — — — — — — — 56
15. ביים טייכעלע בורלוק — — — 60
16. אַ טאַנק ביים וועג — — — — — 62
17. ביימער ווייזן אָן דעם וועג — 65
18. אין דייטשישער אוניפֿאָרם — — 67
19. מיט אַ פֿערד און מיט אַן עמער האָניק — — — — — — — — 71
20. נאָך אין קאָרדאָן — — — — — 74
21. אַ געזעגענונג מיט דער שטילקייט 78
22. דער שפּיגל — — — — — — — 83
23. די לעצטע אסיפֿה — — — — — 86
24. אַן אָנפֿלי — — — — — — — 88
25. אַ שטאָט אויף דער עקדה — — 91
26. געפֿלויגן איז די גאָלדענע פּאַווע 93
27. שיראָקאַ סטראַנאַ מאָיאַ ראָדנאַיאַ 96
28. כל נדרי — — — — — — — — 100
29. פֿון דער גרוב — — — — — — 108
30. אַ באַגעגעניש מיט דעם געקרייצטן 112
31. תחית המתים — — — — — — — 115
32. אַ מענטש פֿון יענער וועלט — — 118
33. פֿאַר וועמען קרייט דאָרטן אַ האָן 121
34. געפֿאַלן ווייט זייִנען די עפּל פֿונעם בוים — — — — — — — — — 125
35. אַ חיות איז צו לעבן — — — — 129
36. דער שאָטן פֿונעם זאָנדערפֿירער 133
37. די גימנאַסטיאָרקע — — — — — 136
38. אַ קאָמפּלעקט קינדער־בגדים — 139
39. די ראַדיסטקע — — — — — — 144
40. די וועלט דורך אַ שפּאַרונע — — 148
41. זיך דורכגעריסן ! — — — — — 152
42. ווייניקער מיט אַכט און דרייסיק 156
43. קיין מאָסקווע — — — — — — 158

II

מאָסקווע

1. דער זייגער איז פֿאַרטונקלט — 165
2. ווייזערס אויפֿן טורעם — — — 169
3. די אָנגעבלאָזענע פּראָש — — — 172
4. אַ רעפּליק צו באַרקלייען — — 176
5. געבוירן אַ קינד — — — — — — 180

א י נ ה אַ ל ט

6. פרעגט די וועלט אַן אַלטע קשיא — 185
7. מתנות — 190
8. מאָסקווער זאָאָ פּאַרק — 193
9. נאָך ברויט — 196
10. אָפּענע פענצטער — 199
11. דייטשן גרייטן אַ פּאַראַד — 203
12. בינאָקלען אונטער מאָסקווע — 205
13. אַ דועל — 209
14. אין מאָרג — 213
15. אויפן רויטן פּלאַץ — 216
16. אַ פּאוזע — 219
17. פּאָזיציעס אונטער מאָסקווע — 223
18. דער ערשטער שפּאַציר — 227
19. טאַניעס קול — 232
20. אַ קאַפּעלע מיט בעטהאָווען — 235
21. וועלט־באַהערשונג — 241
22. טאָגבוך — 243
23. זי לערנט אים — 246
24. אויף קאַטאָרגע — 249
25. אַ נאַגאַן — 252
26. זי איז אַ פּאַסטעכל — 255
27. אַן עפּל — 260
28. חלומות — 265
29. וואָס קאָסט אַ בערן־פּעלץ? — 269
30. אַ נאַכטלעג אין קאַסטיאַל — 272
31. זיבן קינדער — 275
32. ויהי ערב, ויהי בוקר — 278
33. קימפּעט — 281
34. מזומן — 284
35. זאָג ניט קיינמאָל, אַז דו גייסט דעם לעצטן וועג — 288
36. אַן געווער — 291
37. אַ ביקס — 294
38. התבודדות אין בערלין — 298
39. עקספּערימענטן — 302
40. אַ בריוו פון אוראַל — 305
41. פון אַן אויסגעקוילעטן שטעטל — 308
42. קיין סטאַלינגראַד — 312

צ ו ו י י ט ע ר ב אַ נ ד

III

סטאַלינגראַד

1. ביי דער וואָלגע — 317
2. דער קאָבזאַר — 320
3. אַש פון סעוואַסטאָפּאָל — 322
4. די ברכה — 326
5. סטאַלינגראַד — 329
6. די שטאָט לעבט! — 333
7. אויף אַ דייטשישן טאַנק — 335
8. מאָרזע — 338
9. פּרישטיק אין אַ דייטשישן שטאַב — 341
10. דער פינפטער זון — 345
11. אַ דעמבענע בלאַט — 349
12. די ערד אַן אויפגעריסענע — 353
13. אַ זעאונג — 356
14. אוקראַיִנישער נדן פאַר גערטרודען — 358
15. לאַטקעס — 363
16. דעם אייגענעם זון אויף — 366
17. אַ דעזערטיר — 369
18. אַ באַגעגעניש — 373
19. יעדער שפּאַן ערד — 377
20. אַ בריוועלע דער מאַמען — 380
21. ראָזעווע קאַיאָרן — 384
22. דער משפט — 389
23. די פּאַרטיזאַנער אין וואַלד — 392
24. פּאַלונדראַ — 395
25. די טאַטואירונג „סטאַלינגראַד" — 399
26. די בין אין סאַנבאַט — 402
27. אַ לעזגינקע — 407
28. מיט אויסגעברענטע אויגן — 409

א י נ ה אַ ל ט

29. אין געפּאַנגענשאַפט — — — — — 413
30. אין טאַנק — — — — — — — 416
31. איינס אויף איינס ! — — — — — 421
32. אַ פּאָלק זאָגט קדיש — — — — 426
33. פלאַקערדיקערהייט — — — — — 429
34. אַ צירק־נומער — — — — — — 434
35. צום טייבעלע צאַריצאַ — — — — 437
36. קיין טראָט צוריק — — — — — 441

IV

אויף מערב

1. אַ מתים וועג — — — — — — 449
2. דער קרייז פאַרשליסט זיך — — — 451
3. די סטאַלינגראַדער זאַווערוכע — 456
4. פּאַן־קאָלוסעס לעצטער פּיבער — 461
5. געגנטן וואַכן אויף — — — — — 463
6. די סעודה אַרום אַ פערדישער פגירה — — — — — — — 467
7. אויג אויף אויג — — — — — — 472
8. דער אונטערבראַך פון די אויבערמערדער — — — — — — 475
9. שייטערס — — — — — — — 479
10. לעצטע מחשבות — — — — — 482
11. קרעמאַטאָריעס — — — — — — 485
12. ציגיינער אין מאַידאַנעק — — 490
13. דאָס לעצטע וואָרט — — — — — 493
14. די לעצטע זיצונג — — — — — 496
15. דאָס וואָרט באַקומט די שמידערייי ! — — — — — — — 501
16. אַרויסגעגעבן לעבעדיקערהייט — 504
17. באַגייסטערונג — — — — — — 507
18. אַ טראָפּן האָניק — — — — — — 511
19. דער טויט פון לעצטן אויפשטענדלער — — — — — — 515
20. דער צווייטער תחית המתים — 522
21. רעיונות — — — — — — — — 525
22. אויפן לעצטן פאַרהער — — — — 529
23. געשפּרעך מיטן שטן — — — — — 532
24. אַ קאָנטער־אָנגריף — — — — — — 542
25. אַ סאָוועטישע סאַניטאַרקע — — 544
26. פּיין — — — — — — — — 547
27. די העכסטע פּרואוו — — — — — 550
28. אויפן וועג קיין טאַשקענט — — 554
29. אַ שפּרונג אויף איין פוס — — 558
30. ביי אַ שאַכמאַט־פּאַרטיע — — 562
31. מאָסקווער סאַליוטן — — — — — 568
32. די דריי קאַוואַלעריסטישע פערד 571
33. פּאַרטיזאַנישער פּלאַט — — — — 575
34. דער מיף אויפן דניעפּער — — 578
35. דערקאָנט דעם פאָטער — — — — 583
36. דעם זיידנס שיפל — — — — — 585
37. עצמות היבשות — — — — — — 589
38. די קבורה פון אַ פויגל — — — 595
39. רוסישער חסד — — — — — — 599
40. ביים בראַנדענבורגער טויער — 602
41. טאַטע ! — — — — — — — — 605

ווערטער-און פסוקים-פּאַרטייטשונגען

בעזשענקע — אַ פליכטלינג־פרוי.

וואָיענקאָמאַט — מיליטערישער קאָמיסאַריאַט.

זאַם — שטעלפאַרטרעטער.

מעטראָפּאָליטען — אונטערגרונט־באַן (סאָבוועי).

נאַרקאָמאַט — פאָלקס־קאָמיסאַריאַט.

סאַנבאַט — סאַניטאַרישער באַטאַליאָן.

סאָוונאַרקאָם — סאָוועטישער פאָלקס־קאָמיסאַריאַט.

ס׳דאָסטאַוואָקאָי נאַ דאָם — צוגעשטעלט אַהיים.

פּאַרטקאָם — פּאַרטיי־קאָמיסאַר.

פּאַרטאָרג — פּאַרטיי־אָרגאַניזאַטאָר.

פּאָליטרוק — פּאָליטישער אָנפירער.

פערעטערפּים — מיר וועלן איבערליידן.

צאָ — זאָאָלאָגישער גאָרטן אין בערלין.

קאָמיוגיסטקע — מיטגליד פון קאָמוניסטישער יוגנט.

קאָמסאָמאָל — קאָמוניסטישע יוגנט־אָרגאַניזאַציע.

ראסקינולאָס מאָרע שיראָקאָ — ברייט האָט זיך אויסגעשפּרייט דער ים.

שיראָקאַ סטראַנאַ מאָיאַ ראָדנאַיאַ — ברייט איז מיין לייבלעך לאַנד.

ויהי ערב, ויהי בוקר — ס׳איז געווען נאַכט און ס׳איז געווען טאָג.

מה טובו אוהליך, יעקב — ווי גוט זיינען דיינע געצעלטן, יעקב (אַ פראַזע פון אַ תפילה).

הכל שוחטין ושחיטתן כשרה — אַלע האָבן רעכט צו שעכטן, און זייער שחיטה איז כשר.

אל נקמות — דער גאָט פון נקמה.

לבאים אחרינו, לשארית הפליטה — צו די נאָכקומענדיקע, צו די איבערגעבליבענע.

אל טל ואל מטר — עס זאָל קיין טוי און קיין רעגן ניט זיין.

תמות נפשי עם פלישתים — זאָל איך אומקומען אינאיינעם מיט די פלישתים.

הבל הבלים הכל הבל — ס׳איז גאָרנישט מיט גאָרנישט — אַלץ איז גאָרנישט.

שקץ תשקצנו — פּאַרמיאוסן זאָלסטו אים פּאַרמיאוסן.

צום לייענער

.1

אין 1946 האָט פרץ מאַרקיש אויפגעזאַמלט אין אַ באַנד, אונטערן נאָמען „הא לחמא", זיינע לידער, איינצעלנע און אין סעריעס, געשריבן אין די גרויזאַמע יאָרן פונעם צווייטן (לעצטן ?) וועלט־קריג. אין די פאַרשיידענע לידער האָט מאַרקיש אויף זיין אייגנאַרטיקן, קרעפטיקן און צעשויבערטן, ליריש־עפּישן אופן און שטייגער אַרויס־געוויטיקט און אַרויסגעשריגן דעם פּיין און צאָרן פונעם אויפגעשווידערטן ייד און מענטש, יידישן ייד און סאָוועטישן מענטש, קעגן דער נאַצישער בעסטיע, וואָס האָט זיך פאַרנומען אויסצוראָטן די וועלט און דאָס יידישע פאָלק מיט ביז־אַהער ניט־גע־הערטער און ניט־געדאַכטער אויסגעפלאַנירטער אכזריות. אָט־די אַלע מאַרקיש־לידער, חי טיף־אָריגינעל און שטאַרק־אייגנטימלעך זיי זיינען נישט געווען מיט זייער פאָרם און אינהאַלט, האָבן זיי זיך אַריינגעגאָסן אינעם אַלגעמיינעם גרויסן כאָר פון די יידישע דיכטער־באַוויינער פון אונדזער גרויסן חורבן און פון די דיכטער־צאָרנער קעגן די דייטשע ברוטאַלע האָרדעס.

גאָר אַנדערש איז פרץ מאַרקישעס „מלחמה", וואָס איז צוערשט דערשינען אין מאָסקווע, סוף 1948. עס איז אַ גאַנץ דיכטעריש ווערק, מיט אַ גרעסערער צאָל הויפּט־געשטאַלטן, עיקרדיקע און פירנדיקע, און מיט אַ היפּשער צאָל מיטווירקנדיקע, דער־בייאיקע, אגב־אורחאדיקע מענטשן, וואָס גייען אַדורך אינעם ווערק פון די סאַמע ערשטע קאַפּיטלען ביז די לעצטע, און וועלכע זיינען די רינגען, וואָס קייטלען די איינ־צעלנע פּאַסירונגען אין דעם גאָרן גאַנג פון דעם ווערק. „מלחמה" ברענגט אַרויס דעם מוראדיקן וועלט־קריג פון זיין אָנהויב ביזן סוף, פון אַ פאַרוואָרפן דערפל אין אוק־ראַינע ביזן בראַנדענבורגער טויער אין באַזיגטן און חרובן דייטש־נאַצישן בערלין.

עס איז זיכער דאָס גרעסטע, אין כמות און אין איכות (אין קוואַנטיטעט און אין קוואַליטעט), יידיש קינסטלעריש ווערק וועגן דעם לעצטן וועלט־קריג, וועגן זיינע שוי־דערלעכקייטן און גרויזאַמקייטן, וועגן די יחידישע גבֿראַנגלעניש און קאָלעקטיווע מאַסן־קאַמפן, וועגן די שרעקלעכע ברוטאַלע פייניקונגען און העפּטיקע הערואישע שטרייטן, וואָס גאָר די מענטשהייט און באַזונדערס — דאָס יידישע פאָלק האָט געהאַט אויסצו־שטיין אין דער צייט פונעם גרויליקסטן חורבן אין דער מענטשלעכער געשיכטע און אין דער מאַרטיראָלאָגיע פונעם אַלטן, פיל־געפּרואווטן יידישן פאָלק.

„מלחמה" באַשטייט פון פיר טיילן: אין אָנהויב — 43 קאַפּיטלען; מאָסקווע — 42 קאַפּ.; סטאַלינגראַד — 36 קאַפּ.; אויף מערב — 41 קאַפּ. — אַרום־און־אַרום — 162 קאַפּיטלען, וואָס יעדער איינער פון זיי האָט פון אַ 6 ביז אַ 23 לידער צו 16 שורות יעדעס. אין סך־הכל — איז עס אַ ווערק פון 1,276 זעכצן־שורהדיקע לידער, דאָס מיינט — איבער צוואַנציק טויזנט שורות.

מיר האָבן דאָ אַ געוואַלטיקע שפע פון בילדער, שילדערונגען, לירישע אָפּנויגן, פּאַטעטישע אויסרופן, ציינקריצערישן סאַרקאַזם, דערציילונגען וועגן פּאַסירונגען, באַ־פליגלטע מעטאַפאָרן, קורצע עפּישע דערציילונגען, וואָס מישן זיך מיט קלאָג־רייד, מאָ־נאָלאָגן און דיאַלאָגן, העלע וויזיעס און רעאַלע פאַרצייכענישן, עקסקורסיעס אין דער פאַרגאַנגענהייט פון די געשילדערטע מענטשן, וואָס ווערן מיט פולע הויפנס אַרויס־געבראַכט אין גאַנג פון בוך, כדי גענויער צו כאַראַקטעריזירן די העלדן, אַרויסברענגען

די סביבה, און אַרויסאַנטפּלעקן זייער אָפּשטאַם און אויך אָנצייכענען די דורות־פֿאַרבינדונג פֿון אַמאָל און איצט.

יעדער פֿון די 162 קאַפּיטלען — און אָפֿט אויך באַזונדערע לידער פֿון אַ קאַפּיטל — זיינען דאָס רוב ווי אָפּגעשלאָסן פֿאַר זיך. עס האָט צו טאָן מיט אַ באַשטימטן פּעריאָד, מיט אַן איינצעלנער פּאַסירונג, מיט איבערלעבענישן פֿון איין מענטש אָדער אַ גרופּע, וואָס איז אַריינגעצויגן אין קריג. מיר טרעפֿן זיי אויף די פֿאַרשיידנסטע פּאָזיציעס, און אין פֿאַרשיידענע סיטואַציעס, וואָס די קריגס־יאָרן האָבן געשאַפֿן פֿאַר די אַרויסגעבראַכטע געשטאַלטן אין לויף פֿון דער שווידערלעכער צייט. און אָפֿטמאָל, ווען מיר לייענען אַזוי איין ליד נאָך אַ צווייטן, איבערהויפּט אינעם ערשטן טייל פֿון בוך, קאָן מען מיינען, אַז דאָס זיינען איינצעלנע, אָפּגעריסענע לידער פֿון דער קריגס־צייט, און עס איז אפשר נישטאָ צווישן זיי קיין דירעקטע שייכות, קיין פֿעסטע פֿאַרבינדונג. אָבער דערנאָך דערזעען מיר די פֿעדעם, וואָס ציען זיך דורך די אַלע לידער. עס איז ווי פֿאַרשיידענע ריטשקעלעך פֿליסן צו איין טייך. עס איז איין אַקציע, וואָס אין איר זיינען סוף־כל־סוף פֿאַרוויקלט אין איין שרעקעלכן גערANגל אַלדי מענטשן, וואָס לעבן דאָ און דאָרטן, אויף ווייטע שטחים, און וואָס געפֿינען זיך אויף פֿאַרשיידענע פּונקטן. אַלע טראָגן זיי דעם שווערן יאָך, ווערן געפּייניקט דורך דער זעלבער בעסטיע מיט די זעלבע מעטאָדן פֿון אויסראָט און פֿאַרוויסטונג. ברוכשטיינער פֿון איין גרויסן בנין, וואָס איז צעשטערט געוואָרן פֿון דער נאַצישער בעסטיע. איין ווילדער גורל פֿאַראייניקט זיי אַלעמען און אויך דערביי — איין גרויסער וואונטש, איין מעכטיקער דראַנג — וואָס גיכער צו פֿאַרניכטן דעם מאָנסטער, וואָס שנעלער אים פֿאַרטרייבן אין כּף־הקלע, אַז זיין ווסטער זכר (זייכער) זאָל בלויז פֿאַרבלייבן אויף אייביקע יאָרן אויף שאַנד און אויף האַס.

און הגם אַלע „באַטייליקטע" זיינען אַריינגעצויגן אינעם ביטערן קאַמף מיט די חיסטע אַריינדרינגער, און דער קריג מיטן שונא איז אַ בשותפֿותדיקער, איז אָבער אויף די יידן אויסגעגאָסן אַ גאַר־באַזונדערער צאָרן. אויב די אַלגעמיינע באַפֿעלקערונג איז פֿאַראורטיילט צו פֿאַרשקלאַפֿונג, ווערן די יידן, אַלע אָן אויסנאַם, פֿאַרפּייניקט, דערמאָרדעט, אויסגעראָטן. ממילא זיינען די איבערלעבענישן פֿון די יידן באַזונדערע, אויסטערלישע, און די געפֿילן, איינדרוקן און נאָכטראַכטענישן ביי די צופֿעליק־געבליבענע יידן זיינען שטאַרקערע, טיפֿערע, מער צעווייטיקטע.

דאָס לאָזט זיך פֿילן שוין אין די ערשטע קאַפּיטלען. מאַרקיש גופֿא און אויך זיינע מענטשן באַטאָנען עס כּסדר. עס ווערן געשילדערט די גרויל־טאַטן פֿון די קאַלטע דייטשע מערדער און זייערע ספּעציעלע באַזונדערע סאַדיסטישע מעשׂים בנוגע די יידן. דאָס ברענגט ער אַרויס אין די „לירישע אָפּנויגן", אין די טראַגישע „רעפּליקעס", וואָס קומען אין פֿיל פֿון די לידער. די באַזונדערע יידן־טראַגעדיע איז די „אָווער־טיורע", דער לייט־מאָטיוו און דער אַקאָרד פֿון פֿיל לידער און קאַפּיטלען אינעם בוך.

2.

עס זיינען אין בוך, ווי געזאָגט, ברייט געשילדערט יידן און נישט־יידן, און עס איז געגעבן, אַזוי פֿאַרבייגייענדיק, די סביבה, וואו די מענטשן זיינען אויסגעוואַקסן, און די טאַטעס און זיידעס פֿון די קעמפֿער און מאַרטירער, און די צייט און די באַדינגונגען, וואָס האָבן אויסגעפֿורעמט די פֿאַרשיידנסטע כאַראַקטערן.

שוין אין די ערשטע צוויי קאַפּיטלען „דער אַלטער טאָפּאָל" און „ביים קבֿר" ווערן אַרויסגעבראַכט פֿון איין זייט „דער געוועזענער לייב־גוואַרדיע סאָלדאַט פֿון אימפּעראַטאָרישן פּאָלק פּונעם וואָלינער". „מיט קנאַפּע הונדערט יאָר צוריק געשלאָגן

„מיט קנאַפּע הונדערט פופציק יאָר צוריק האָט זיין סאָטע זיך ביי סעוואַסטאָפּאָל...‟ „געשלאָגן האָבן זיי זיך אויך אין פּאָרט־געפאַלן אונטער מאָסקווע איז זיין זיידע...‟ „געשלאָגן האָבן זיי זיך אויך אין פּאָרט־אַרטור, אי אויף דער טריקעניש, אי אויף די ימען‟. און איצט שלאָגן זיינע אור־אייניקלעך זיך מיט די דייטשן. און איינער פון זיי איז דער העלד אַלעקסיי סאַדאָווסקי, דער יונגער אַגראָנאָם, וואָס מאַרקיש פירט אים אַדורך כסדר אין פאַרשיידענע איבער־האַנדלונגען, פונעם אָנהויב ביזן סוף אין זיין גרויסן מאָנומענטאַלן מלחמה־עפּאָס.

און פון דער צווייטער זייט — דר. צבי מאַרגוליס. ער איז אַנטרונען פון שטאָט, צוזאַמען מיט זיין פרוי און קינד, אינמיטן וועג האָבן די דייטשע מחבלים געהרגעט די פרוי און אין דער פינצטערניש האָט ער זי געבראַכט צו קבורה. „ביי סאַמע וועג, ביי דעם צעאַקערטן פון בליי, געשטאַנען איז אַ מענטש נעבן אַ קבר — איינגעבראָכן, ווי אַ מצבה, אויסגעבויגן פונעם ווינט, די אויגן אויסגעקריצט, ווי אותיות פון אור־אַלט. . .‟ פאַר אים, פאַרן אַלטן צבי מאַרגוליס, הויבט זיך אָן אַן אומענדלעכער טרויעריקער גלות, וואָס ער מאַכט אַדורך מיט טיפן פיין און מיט מענטשלעכער ווירדע, מיט שווערע איוב־פראַגן און מיט אָננעמען דעם פאַרשאָלטענעם גורל. ער פאַרלירט נישט דעם צלם־אלהים און די מסירת־נפשדיקע גרייטקייט צו העלפן קראַנקע, צו היילן און צו פאַרבינדן וואונדן. אויך דר. צבי מאַרגוליס האָט אַ גרויסן חלק אין דעם קאַמף קעגן דייטש, זיין זון לייב מאַרגוליס, דער וואונדערלעכער פליער, האָגלט פון זיין עראָפּלאַן אויף די דייטשע קעפּ און שליידערט אַראָפּ דייטשע עראָפּלאַנען.

„אויף יידיש רעדט ער מיט די וואָלקנס אין דער הויך,
אויף יידיש רעדט ער מיט די קוילן אין דער נידער,
פון יעדן וואָרט ווערט פלאַם, פון יעדן וואָרט ווערט רויך,
און ס׳פּרעגלט זיך אין זיי די דייטשע פליענדיקע הנידע...‟

לייב מאַרגוליס איז אַ גוטמוטיקער בחור, מיטן לידל „אַ בריוועלע דער מאַמען‟ באַגייט ער העלדישקייטן מיט זיין עראָפּלאַן.

שפּעטער טרעפן מיר אָט־די צוויי אויסטערלישע העלדן, אַלעקסיי סאַדאָווסקי און לייב מאַרגוליס ביי אַ שאַכמאַט־פּאַרטיע אין אַ שפּיטאָל, וואו זיי היילן זיך פון זייערע וואונדן.

אין דעם גאַנג פון די געשעענישן און אין דער אַנטוויקלונג פון דער אַקציע אין בוך האָבן מיר שאַרפע שניידיקע פאַרגלייכן, אַנאַלאָגיעס צווישן דעם באַזונדערן גורל פון ייד און נישט־ייד אין דעם גרויזאַמען קריג. אין דעם קליינעם טייל אַרומגערינגלטע רויטאַרמייער, וואָס אַלעקסיי סאַדאָווסקי נעמט איבער אויף איר די קאָמאַנדע, האָבן מיר די יידן אָוואַדיס, גור־אריה, דאַדיק מאַנציס און די נישט־יידן סעמיבראַט, מאַמעדאָוו, דראָזד, וואָס יעדער איינער קומט פון אַן אַנדער געגנט פונעם הייס־געליבטן צווישנפעלקערלעכן סאָוועטן־פאַרבאַנד. יעדן איינעם זיינען אָנגעצייכנט שווערע נסיונות און איבערלעבענישן אין לויף פון די קריגס־געשעענישן. שפּעטער קומען צו נאָך און נאָך מענטשן, יונג און אַלט, מאַן און פרוי, און אויך קינדער, וואָס די דייטשע מערדער־אויסוואורפן ווענדן אָן קעגן זיי די ראַפינירטע אכזריותדיקע קאַלטבלוטיקע „עקספּע־רימענטן‟. און דערביי האָבן מיר אויך אַ גאַלעריע פון די העסלעכע דייטשן, בעת זייער אויספילן און אַדורכפירן די מערדערייען. זיי ווערן געגעבן אויך אין זייער גרויל־צעפוילטער געפאַלנקייט און מערקווירדיק־נישטיקן בראָך.

פון די וויכטיקסטע יידישע מענטשן אין בוך האָבן מיר אבראַם אָוואַדיס, פון דער שטאָט ביראָבידזשאַן (אגב, האָט מאַרקיש אַ אינטערעסאַנטע דראַמע „די משפחה אָוואַדיס‟, וואו ס׳ווערט אויך אַרויסגעבראַכט אבראַם מיט זיין קרעפטיקער פאַמיליע.

— אַ ייִדע, פֿאָטער און זון) ; הירש גליק,* אַ קינסטלעריש־איבערגעשטאַלטיקטער געטאָ־אויפֿשטענדלער (פֿון הירש גליק, דעם מחבר פֿון „זאָג נישט קיינמאָל, אַז דו גייסט דעם לעצטן וועג“ און אַנדערע לידער) ; גור־אריה, אַ טיף־אָריגינעלע און טראַגישע געשטאַלט, וואָס מאַכט אַדורך די אַלע שבעה מדורי־גיהינום אונטער די דייטשן, אַ מענטש מיט רייכער וויזיע און אינטערעסאַנטע נאָכטראַכטעניש, אַ מין „אייביקער ייִד“, וואָס פּרץ מאַרקיש טיילט אים באַזונדערס אויס אויף ליידן, אויף קידוש־השם, אויף מסירת־נפש און אויך אויף וואַרפֿן צעווייטיקטע רייד אויפֿן אַדרעס פֿון וועלט און ייִדישן פֿאָלק. אויסער אָט־די עטלעכע דערמאָנטע הויפּט־געשטאַלטן זיינען דאָ נאָך און נאָך מענטשן, וואָס קומען אויף און פֿאַרשווינדן, טוען אַ לויכט־אויף און ווערן פֿאַרלאָשן.

יעדער איינער פֿון די אַרויסגעבראַכטע ייִדישע געשטאַלטן טראָגט אין זיך אַ דורות־דיקע, טויזנטיאָריקע ייִדישע פֿאַרגאַנגענהייט, וואָס פֿאַרטיפֿט די ליידן און פֿאַרגרעסערט די טראַגעדיע. אין דעם זיינען איז פּרץ מאַרקישעס ווערק באַזונדערס אינטערעסאַנט. ס'איז אַ שטאַרקע אָפּלייקענונג פֿון די אומווירדיקע הפקר־פֿאַרוואורפֿן, מצד די „געוויסע“ היגע שרייבער, וואָס האָבן געהאַלטן און האַלטן אין איין דערוויזן, אַז די סאָוועטיש־ייִדישע ליטעראַטור איז נישט געווען קיין ייִדישע, אַז זי איז אויסגעליידיקט פֿון ייִדישן תוך, פֿון ייִדישע טראַדיציעס און פֿון דורות־לאַנגער ירושה. ס'איז אַ פּרעכטיקער ענטפֿער צו די אַלע, וואָס האָבן יאָרנלאַנג געהאַלטן אין איין מבטל זיין די סאָוועטיש־ייִדישע ליטעראַטור און אירע אַלע, אָן אויסנאַם, ייִדישע שעפֿער. מאַרקישעס גור־אריה, הירש גליק, דר. צבי מאַרגוליס, פֿאַרמאָגן פֿיל מער ייִדישע דערהויבנקייט, מער ייִדישע נשמה, מער עכטן ייִדישן העראָאיזם, ווי פֿיל פֿון די שרייבער און דיכטער, וואָס „לייגן־איין וועלטן“ און גלאָצן מיט די אויגן פֿאַר ייִדן און ייִדישקייט.

.3

דער אויפֿמערקזאַמער לייענער, וואָס וועט ערנסט לייענען און ווידעראַמאָל לייענען דאָס דאָזיקע בוך, וועט דערזען און דערפֿילן די אַלע גרויליקע איבערלעבענישן, אויסטערלישע נסיונות און ער וועט מיטגעריסן ווערן פֿון די טראַכטונגען, אַרויסזאָגונגען און וויזיעס ביי די גרויזאַמע סיטואַציעס, אין וועלכע די מענטשן פֿאַלן אַריין אין לויף פֿון דער אכזריותדיקער צייט און אונטער די פֿאַרשיידנערליי פֿיזישע און גייסטיקע ברוטאַלע אומענטשלעכע פּייניקונגען.

מיר ברענגען בלויז אייניקע פֿון זיי צו ווייזן דעם כאַראַקטער און מהות פֿון די מאַרקיש־מענטשן און ממילא — פֿון פּרץ מאַרקיש דעם גרויסן דיכטער און אייגנאַרטיקן שאַפֿער־דענקער.

דר. צבי מאַרגוליס :

„דער שאַרפֿסטער האַק איז ניט באַוואוסט דער טעם
פֿון וואוקס, פֿון אַ צעפּלאַנץ זיך אין דער הויך טאָן !
אָדער דער מינדסטער שפּור פֿון אַן אַרומגעהאַקטן שטאַם
גייט פֿריער צי שפּעטער אויף מיט בליאונג אַ באַהויכטער“.

ווען דער קאַפּיטאַן אל. סאַדאָווסקי פֿרעגט ביי דר. מאַרגוליס, דעם עלטערן מאַן, וועגן זיבניאָריקן קינד, ענטפֿערט אים דר. מאַרגוליס קורץ און שאַרף :

* הירש גליק איז אויך דער הויפּט־העלד פֿון פּרץ מאַרקישעס אַ דראַמע „דער אויפֿשטאַנד אין געטאָ“. זי איז געשפּילט געוואָרן מיט גרויס דערפֿאָלג אין די ייִדישע טעאַטערן אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד אין די יאָרן 1946־1948. זע דעם קאַפּיטל „הירש גליק אין פּ. מאַרקישעס ווערק“ אין אונדזער ביכל „הירש גליק“, 1949, ז"ז 49־57.

צום לייענער

„דאָס סאַמע אַלטע אויסקויף־בלוט פון דר׳ערד".

דער אַלטער יידישער שניצער לייזי, דער אַריבער אַכציקער, וואָס איז באַרימט אין דער גאַנצער געגנט פון גראַנאָטאָפּ מיט זיינע „כישופדיקע הענט", וועלכע האָבן געמאַכט „מלכותדיקע אָרון־קודשס" (דאָס פּרעכטיקע קאַפּיטל „כל נדרי") ווערט גע־פּירט מיט די אַלע אַנדערע יידן, קליין און גרויס, פרוי און מאַן, מיט די פאַרשיי־דענע בעלי־מלאכות, קלעזמער, אויסער דער שטאָט צו אויסראָט, צו אויסמאָרד. דער דייטשער קאָט הייסט אים אויסגראָבן פאַר זיך אַ גרוב, דריי איילן פינקטלעך...

„נאָר ס׳איז כל־נדרי איצטער אויף דער וועלט,
און גראָבן מיט אַ רידל אום יום־כיפּור איז אַ חילול..."

און דער אַלטער שניצער לייזי טוט אַ טראַכט: „מע דאַרף זי ניט, די וועלט..." דער הענקער האָט געלאַכט, און לייזי טראַכט ווייטער: „אַ וועלט אַזאַ איז חייב מיתה!" און דער קאַפּיטל ענדיקט זיך מיט די פיר שורות:

„... אַ הוילע גאַרנישט ניט באַנעמענדיק אויף אַקוראַט,
און ווי אַ לייב מיט אַ געברום: על דעת המקום! —
האָט ער אַ לאָז געטאָן דעם רידל אויפן קאָפּ
און ווי אַ קווייטשנדיקן קלאָץ געגעבן אַ צעברעך אים!"

ווי געזאָגט, איז גור־אריה ביי מאַרקישן דער טרעגער פון די פיינלעכסטע גרויז־זאַמקייטן און גלייכצייטיק דער מאָנער, ווידזאָגער, צווייפלער און דאָך אָנזאָגער פון „נצח ישראל לא ישקר". נישט איין מאָל קומט אים אויס זיך צו טרעפן פּנים־אל־פּנים מיטן פאַרווילדעטן שונא, ער ווערט געשלאָגן און געפּייניקט, ער טיילט דעם גורל פון די פאַרפּייניקטע יידן. ער קריכט אַרויס אַ האַלב־לעבעדיקער פון דער מאַסן־גרוב פון די לעבעדיק־באַגראָבענע יידן אין באַבי־יאַר. „וואוהין איז נאָך פון קבר דען פאַראַן אַ וועג?" און „צו־וואָס איז ער אַרויס?" גור־אריהן טרייבט אַ מאָדנער געפיל:

„נאָך טעג און נעכט פון בלאָנדזשען דורכן וואַלד,
געיאָגט פון שרעק און אימהדיקן לויער,
האָט אַ פאַרמאַטערטער געטאָן אַ פאַל
גור־אריה ביי אַ שטיבל פון אַ פּויער".

דער קאַפּיטל טראָגט דעם נאָמען „אַ באַגעגעניש מיט דעם געקרייצטן", — גור־אריה שמועסט זיך אַדורך אין פיבער, אין ווזיע מיטן געקרייצטן, ער רעדט צו אים ביטערע ווערטער, ער צאָלט אים אָפּ פאַר דורות־אומגליקן, וואָס האָבן זיך, אין זיין נאָמען, געשאָטן אויפן יידישן פאָלק. מאַרקיש רעדט צום געקרייצטן דורך דעם צעפּייניקטן און אויפגעשווידערטן גור־אריה:

„... נו, גיי! נו, גיי, געקרייצטער מאַן!
און גיב צו ווּסן אין דער געטאָ ביים טויער,
אין הימל קיינער איז פון קרייץ ניט אויפגעגאַן,
אויף דו זיך אויסבאַהאַלטן האָסט אין שטיבל ביי אַ פּויער,
וואָס ווייסט נאָך אַלץ ניט ביז אַצינד,
אַז ס׳גייט די וועלט אין בלוט אָפּ פון דיין שטייער,
האָסט מיט זיין אויסלייזונג די הענקער מער געדינט,
משולח געטלעכער, ווי די באַפרייער!

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

וואַרף פונעם קאָפּ דעם דערנער־קראַנץ אַראָפּ,
און מיט די הוילע פיס צעטרעט, צעשטויב אים!

און גיי ! קלאפ אן דארט אין דער ערשטער טיר,
דער גענטא א ידיעה איבערגעבן לאז זיך !
באגעגענען דו וועסט געקרייצטע קינדער אן א שיעור,
וואס זיינען הייליקער און ריינער פון דיר, נזיר !" —

און מאַרקיש, דער גרויסער דיכטער און ייד, גיט צו :

„... און א געפלעפטער האט דער פויער ניט באנומען :
א וועלכער איז פון זיי אראפגעגאנגען פון זיינע ווענט,
א וועלכער איז פון זיי אין שטוב צו אים אריינגעקומען..."

און אזוי גייט אלץ ווייטער גור־אריה, וועלכער איז ווי אויפגעשטאנען תחית־המתים, וואס, ווי ער זאגט וועגן זיך גופא, „די געשאכטענע געמיינדע האט אים ארויס־געשיקט פון גרוב, ער זאל די אויפגעוויקלטע מגילה פונעם בראך זיין".

אט באגעגנט ער דעם קאפיטאן סאדאווסקי, מיט וועלכן ער פארבינדט זיך אויף לעבן און טויט און מיט וועלכן ער מאכט דורך דעם ווייטערדיקן וועג דורך קאמף און פיין אזש ביז בערלין. — סאדאווסקי פרעגט אים : „פון וואנען שטאמסטו ?" און גור־אריה ענטפערט : „פון יענעם שטאם, וואס ער איז אפשר מער ניטא שוין !" ער טרעפט זיך אינעם וואלד מיטן דר. צבי מארגוליס, וואס איז באצייטנס אנטלאפן פון שטאט. „ערשט איצט ער בוילעס האט דערזען דעם ווייאון־וויגד, וואס וועט זיך קיינמאל שוין פון אים ניט אפטאן". און אין סיבער דערציילט גור־אריה וועגן דעם איבערגעלעבטן ביים לעבעדיקן מאסן־קבר :

„ווער אויף א נס געוואָרט ס'האט ביי דער גרוב,
ווער ס'האט דעם נס פארביטן אויף א שטיין א שארפן,
ווער מיט די הוילע הענט זיך האט קעגנגעשטעלט
ביז צו די לעצטע גסיסהדיקע קראמפן,
און ווער געגאנגען ס'איז מקדש זיין די וועלט —
מיט חקירה בליציקער, מיט פלפול און געמפער.
ביים קבר האט דער קאט געוואלט באהעפטן זיי
פון דער צעזייטקייט איבער אלע שבעה ימים,
ס'זאל פון די זיבעציק לשונות דאס געשריי
פארטויבט ווערן אין פייער און אין פלאמען".

און אזוי טרעפן מיר אים, גור־אריהן, אין די פארשיידענע שלאכטן, אויף פאר־שיידענע געפערלעכע פאזיציעס, און אומעטום טראגט ער צוזאמען מיט זיין קאמף־גרייטקייט און העראאישקייט, זיינע שווערע איבערלעבענישן און די טראגישע מחשבות וועגן דעם יידישן פאלק. און ווען מאמעדאוו פרעגט אים וועגן זיין היים, ענטפערט אים גור־אריה :

„געהאט א היים... און עלטערן געהאט,
געהאט רשות זיך אנקערן דער וועלט און די באגערן,
און רעכט געהאט צו זיין אזוי זיך גלאט..."

פון גרויס קינסטלערישן באטייט און פון נאך גרעסערער וויזיאנערישער קראפט זיינען די צוויי גרעסערע קאפיטלען אינעם לעצטן טייל פון ווערק : „געשפרעך מיטן שטן" און „עצמות היבשות", וואס קאנען קאנקורירן מיט די בעסטע שטעלן פון ביאליקס נביאיש־שטראפערישער דיכטונג.

גור־אריהן איז באשערט צו זיין אן עדות פון דייטשלאנדס בראך, דאס מזל האט אים צוגעשפילט, ער גופא זאל צוויילן די מפלה. און ס'איז אינטערעסאנט, ווי די גרויסע פרייד מישט זיך ביי אים מיטן גרויסן איבערגעלעבטן אומגליק. אין פאר־

שיידענע פלעצער אינעם בוך טרעפן מיר גור־אריהן, ווי ער קעמפט און שלאָגט זיך מיטן שונא און ווי ער קאָן אַלץ נישט שטילן זיין אינעווייניקסטן ווייטיק און פאַר־היילן זיינע יאַטערדיקע וואונדן. די ראָד האָט זיך שוין געגעבן אַ דריי אויף צוריק, און פּ. מאַרקיש דערציילט (אין קאַפּיטל „בעגנטן וואַכן אויף״):

„געריסן פון געפאַנגענשאַפט האָט אַ קאַנט זיך נאָך אַ קאַנט,
און שטעט געשמידטע — איינע נאָך דער צווייטער.
איעדע איינע האָט גור־אריהן אין זיין בראָך דערמאַנט,
אין יעטווידער פון זיי געווען באַגראָבן איז זיין ווייטיק...״

און ווען ער, גור־אריה, צוזאַמען מיט זיין טייל רויטאַרמייער און מיט זיין חבר אין קריג סאַדאָווסקי, קומען צוריק צו אוקראַינע, דערציילט מאַרקיש:

„אַן אַ באַוועג און אַ מינדסטן ריר,
ווי אַ פאַרכישופטער אין שטערנדיקן נעפל,
געזען גור־אריה האָט זיין קאָמאַנדיר
אַ פאַל טאָן מיט דער קאַסקע צו דעם דניעפּער...
— — — — — — — — — — — — — — — — —
אַזוי וועט יעדער ייד אַ פאַל טאָן צו דעם אַש
פון שטעטלעך חרובע, פון קברים און פון שייטערס!״...

פון דער גרויסער גאַלעריע פון דערהויבענע, פּאַרטיפּטע געשטאַלטן אין דער יידי־שער ליטעראַטור, באַדאַרף גור־אריה פאַרנעמען אַן אַנגעזעענעם אָרט.

און אַזוי ווי עס זיינען געמאָלט איינצלנע מענטשן אינעם בוך, אַזוי אויך זיינען בעגעבן קרעפטיקע, קאָלירפולע און פאַרכאַפּנדיקע בילדער פון שטעט, פון בעגנטן סיי אין זייער העראָאישן ווידערשטאַנד און סיי ווען זיי געפינען זיך אונטערן קנאַפּל פון די דייטשישע תליינים. פון אַ גאָר גרויסן פאַרנעם זיינען די קאַפּיטלען, וועלכע ברענגען אַרויס דעם מערקווירדיקן ווידערשטאַנד פון מאַסקווע. פון איין זייט איז געגעבן דער דייטשישער גיר, די העסלעכע טייוולאָנישע פּלענער פון די דייטשישע אָנפירער אַריינצוררייסן זיך און באַהערשן די שטאָט, און פון דער צווייטער זייט — די אַלגעמיינע פּאַנאַטישע איבערגעגעבנקייט און אַנטשלאָסנקייט אין קיין פאַל נישט אָוועקצוגעבן מאָסקווע. אָט־די קאַפּיטלען וועגן דעם פּאַטאָס און אימפּעט, וואָס האָט אַלעמען אַרומגעכאַפּט, זיינען פון גרויס מייסטערשאַפט, זיי האָבן זייער גלייכן נישט אין דער יידישער דיכטונג מיט זייער גבורה און פאַרנעם. און אַזוי אויך די קאַפּיטלען, וואָס גיבן איבער וועגן די העפטיקע עקשנותדיקע העראָאישע געראַנגלענישן אין סטאַלינגראַד, וואָס האָבן ענדלעך געבראָכן דעם באַוואָפנטן דייטשישן אָנגריף און אַנטשיידט דעם גאַנג און אויסגאַנג פונעם וועלט־קריג. עס זיינען אויך דאָ אייניקע קאַפּיטלען, וואָס דערציילן די אַלע גרוילן און גרויזאַמקייטן פון דער געטאָ און וואָס שילדערן די פאַרצווייפלטע, אָבער העלדישע קאַמפן, פון די אויפשטענדלער. דאָ דער־גרייכט מאַרקישעס פלאַם־פייערדיקע דיכטונג צו גאָר הויכע קינסטלערישע מדרגות.

4.

אַ גאָר באַזונדערן אָרט גיט אָפּ פּ. מאַרקיש די דייטשישע אוממענטשן, די נאַ־צישע מערדער. מיר טרעפן זיי אין זייער „גדולה״, אין זייער פאַרווילדערונג, און מיר האָבן זיי אין זייער טיפער געפאַלנקייט. און סאַר אַ „מוקצה מחמת מיאוס״ זיי זיינען, און ווי געמיין, ווי ברוטאַל און ווי העסלעך זיי קומען אַרויס אין ביידע פאַלן! פּרץ מאַרקישעס איבערטרייבערישקייט, היפּערבאָלישקייט קומט אים דאָ שטאַרק צוניץ.

ווי אַנדערש קאָן מען מאָלן אַט־די מנוולים, אַט־די טייוואָנים! פּרץ מאַרקיש ווערט אַליין ווי פאַרכלינעט פון דעם שטראָמענדיקן מענטשן־און פּאַסירונג־מאַטעריאַל, וואָס געפינט זיך פאַר אים און וואָס ער וויל וואָס־מער אַריינגעמען אינעם ווערק.

עס ווילט זיך דערציילן דעם לייענער, ווי איך האָב געלייענט דאָס בוך. לכתחילה האָב איך אין אַ מערקווירדיקן נייגיר און מיט אַ ניט־געשטילטן דאָרשט געבלעטערט דאָס בוך, געלייענט דאָ און דאָרטן, געשלונגען איינצעלנע לידער און קאַפּיטלען. דערנאָך האָב איך גענומען עס לייענען כסדר, פונעם ערשטן זייטל און אַזוי ווייטער און ווייטער. ערשט נאָכן פאַרענדיקן די לעצטע לידער, האָב איך אויפגעמישט דאָס בוך ווידער פונעם סאַמע אָנהייב און מיט אַ פאַרשטאַרקטן אינטערעס אויפגענומען שטעלן, זאַצן, פּרטים, וואָס כ׳האָב אַפּריער נישט געגוג תופס געווען, צוליב... דער אַלגעמיינער באַטויבונג פון דער אויסטערלישער עשירות און ווידזאַנערישער פאַרבלענדעניש, די מעלות טובות פון מאַרקישן דעם דיכטער.

דאָס בוך, וואָס ציט זיך אויף הונדערטער זייטן און וואו עס בייטן זיך שנעל און האַסטיק סיטואַציעס און פּאַסירונגען, מענטשן און געראַנגלענישן, איז, פאַרשטייט זיך, נישט פון איין שטיק אויסגעגאָסן. ס׳איז אַ רייכע סימפאָניע, וואָס אין יעדן אָפּשניט בייט זיך דער טאָן, דער ריטם, די קלאַנגען, די מאָטיוון. ס׳זיינען כסדר דאָ האַסטיקע איבערגאַנגען — פון אידילישע בילדער, פון צערטלעכע שילדערונגען צו אויפברויז־באַשרייבונגען. לירישע מאָטיוון ענדערן זיך אויף צאַרנדיקן סאַרקאַזם, רעדאַלע שילדערונגען — אויף דיכטערישע ווזיעס. פּרץ מאַרקיש באַנוצט זיך מיט זיין גאַנצן דיכטערישן כלי־זיין און מיט זיינע אַלע שאַפונגס־עלעמענטן. אַט איז ער, ווי זיין שטייגער אַפּט, באַרעדעוודיק, ער קאָן באַרנישט איינהאַלטן דעם פליסנדיקן שטראָם, און אַט גיט ער געפּרעסטע, געהאַמעוועטע שילדערונגען און ער הויפּט אָן בילדער און מעטאַפאָרן, און פאַרברויכט אַלץ וואָס קומט אים אונטער דער האַנט — עכטיידישע רעדנסאַרטן און טיף־רוסישע רעטאָריק. און — דאָס איז פּרץ מאַרקישעס מעלה און חסרון, גבורה און שוואַכקייט, — ער ווערט געטריבן פון דעם אינעווייניקסטן אימפּעט, ער פאַרלעשט און צינדט כסדר אָן נייע פייערן אינעם אייגענעם געפלאַקער, די פייער־צונגען פאַרכאַפּן אַלץ־נייע ערטער, געגנשטאַנדן. ער איז נישט קיין מקפּיד אויף זיין רעדן, ער שטעלט נישט קיין צוימען זיך גופא, ער איז פאַרכאַפּט מיט דער סטיכיע און אַפּט קאָן ער זי נישט גובר זיין און באַזיגן. און ווי קונציק עס וואַקסן דערביי אַרויס, איינס און צוויי, גראַמען, אַסאָנאַנסן!

.5

פאַר די לייענער, וואָס זיינען ווייניק באַקאַנט מיט פּרץ מאַרקיש, מיט זיין לעבן און שאַפן, לאָמיר בקיצור דערציילן וועגן זיין וואוקס און אַנטוויקלונג.

פּרץ מאַרקיש איז געבוירן אין 1895 און אויפגעוואַקסן אין וואָלין. ייִנגלווייז האָט ער געלעבט אין בערדיטשעוו (געווען אַ משורר ביי אַ חזן!), דערנאָך אין אָדעס, וואו ער איז מאָביליזירט געוואָרן אין דער צאַרישער אַרמיי, געווען פאַרוואונדעט אינעם ערשטן וועלט־קריג, געלעבט שפּעטער אין יעקאַטערינאָסלאַוו, און זינט 1918 געווען פאַרבונדן מיט דער קיעווער רעוואָלוציאָנערער גרופּע שרייבער און דיכטער. ער איז נאָך קיין פולע צוואַנציק יאָר נישט אַלט געווען, ווען ס׳איז אויסגעבראָכן די ערשטע וועלט־מלחמה. און אַט קומט די רעוואָלוציע, בירגער־קריג, פּאָגראָמען, אויפקום פון נייע מלוכות. ער לעבט צווישן פרילינג און שחיטה, סאָציאַלער רעוואָלוציע און ברודער־קאַמף, פאַרוויסטונג און אויפבוי, נייע האָריזאָנטן און יידישע מאַסןפּאָגראָמען. און דאָס אַלץ ראַנגלט זיך אינעם האַרץ פונעם אויפגעוואַכטן דיכטער,

וואָס געפינט זיך צווישן אָט־די ווידערשפּרעכנדיקע כּוחות און קעמפנדיקע וועלטן. אין די איינצעלנע לידער שפּירן מיר אָט־די צעטרייסלונג, צעשויבערטקייט, וואָס לאָזט אים נישט זיך „איינצושטילן" און „אָפּצושטעלן". עס ברענט די ערד אונטער זיינע פיס. ער קאָן נישט אָניאָגן די אומאויפהעריקע ענדערונגען און פּראָצעסן, וואָס קומען פאָר פאַר זיינע אויגן. ער האָט קיין צייט ניט, קיין רו אָפּצואוואַרטן ביז ס'וועט זיך איינשטעלן און איינשטילן, כּדי ער זאָל בּאַרואיקטערהייט קאָנען עס פאַרפיקסירן אין אַ מער־סטאַטישן צושטאַנד אין זיינע דיכטערישע שאַפונגען.

לאָמיר אויסרעכענען בלויז זיינע גרעסערע ביכער: „שוועלן" (לידער, קיעוו, 1919) ; „סתם" (יעקאַטערינאָסלאַוו, 1920) ; „פּוסט און פּאַס" (יעקאַטערינאָסלאַוו, 1920) ; „די קופּע" (פּאָעמע, וואַרשע, 1922) ; „וואַלין" (פּאָעמע, ווילנע, 1922) ; „פאַר־קלעפּטע ציפּערבלאַטן" (כאַרקאָוו, 1929) ; „ברידער" (פּאָעמע, קיעוו, 1929) ; „דור אויס דור איין" (ראָמאַן, כאַרקאָוו, 1929) ; „איינס אויף איינס" (ראָמאַן, כאַרקאָוו, 1934) ; „דעם בעל־גופס טויט" (מאָסקווע, 1935) ; „פּאָטערלעכע ערד" (געזאַמלטע לי־דער, מאָסקווע, 1938) ; „דור אויס דור איין" (צווייטער טייל, מאָסקווע, 1941).

מיט דער רשימה איז נאָך ווייט נישט אויסגעשעפּט מאַרקישעס פּלוייטיק שאַפן. ס'זיינען אַרויס אין יעקאַטערינאָסלאַוו, ווילנע, וואַרשע, קיעוו, פּאַריז, בערלין, כאַר־קאָוו, מאָסקווע, נאָך און נאָך לידער־זאַמלונגען, ווי אויך אייניקע דראַמאַטישע ווערק (זינט 1930), וואָס זיינען געשפּילט געוואָרן אין פאַרשיידענע יידישע טעאַטערן אי־נעם סאָוועטן־פאַרבאַנד. מען דאַרף צו דעם אַלעמען צוגעבן די פאַרשיידענע אַר־טיקלען, עסייען, אָפּהאַנדלונגען, פּאָלעמישע אַרבעטן, וואָס גאָר אַ קליינער טייל איז אַרויס אין בוך־פאָרם. דערצו זיינען אייניקע ביכער דערשינען אין פאַרשיידענע אויפ־לאַגעס. הקיצור, אַ גאַנצער אוצר מיט ווערק, וואָס זעלטן וועלכער יידישער שרייבער קאָן זיך מיט אים אין דעם זיינען פאַרגלייכן.

פון דעם ערשטן אַרויסטריט אין דער ליטעראַטור מיט דער גרעסערער לידער־זאַמלונג ביז דעם גרויסן בוך „מלחמה", האָט מאַרקיש, דער מענטש און דיכטער, אַדורכגעמאַכט אַ זייער אינטערעסאַנטן שאַפערישן וועג. ער האָט פאַרעפנטלעכט איין ווערק נאָכן אַנדערן, וואָס האָבן באַרייכערט די יידישע ליטעראַטור, פאַרברייטערט אירע ראַמען און אַריינגעבראַכט אַ שלל נייע געזאַנגען און פּראָבלעמען. דורך די פאַרשיידענע דיכטערישע און פּראָזאַאישע ווערק האָט מאַרקיש רעאַגירט אויף די אַקטועלסטע און עיקרדיקסטע דערשיינונגען און געשעענישן פון דער צייט. עס וואָלט וויכטיק געווען נאָכצופאָלגן מאַרקישעס לידער, פּאָעמעס, ראָמאַנען און דראַמאַטישע ווערק, כּדי צו באַווייזן ווי דאָס יידישע לעבן מיט אַלע זיינע פּראָצעסן האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אין זיין שאַפן. מאַרקיש איז געווען נישט נאָר איינער פון די פּראָ־דוקטיווסטע יידישע שרייבער, ער איז אויך געווען דער געטרייסטער „אויפנעמער" פון אַלדי ענדערונגען אין יידישן לעבן און לידנשאַפטלעך אויף זיי רעאַגירט.

6.

אין די גרעסערע ווערק, — אין די דיכטערישע ווי אין זיין צוויי־בענדיקן פּראָזע־ראָמאַן „דור אויס דור איין" (וואָס האָלט אַ טויזנט זייטן) — האָבן מיר שוין באַר־ברייטע לייוונטן, אויף וועלכע ס'וויקלען זיך פאַנאַנדער תּקופות און פּעריאָדן פונעם היינט־צייטיקן יידישן לעבן. אויפגענומען די פּאַסירונגען און געשעענישן, די מענטשן און זייערע געראַנגלעענישן אין דעם סאַמע קאָך, אין דעם יורדנדיקן צושטאַנד, באַווייזט דאָך מאַרקיש אַרויסצוברענגען פּאַראַלעל־איינערטע שילדערונגען און פאַרגאַנצטע געשטאַלטן.

דער ראָמאַן „דור אויס דור איין" נעמט אַרום דעם צייט־לויף פון עטלעכע יאָר,

זינט דעם אויסברוך פונעם ערשטן װעלט־קריג אין 1914 ביזן סוף פון בירגער־קריג אַרום 1920.

עס איז דאָ פיל אַלגעמיינס אין די צוויי װערק — דעם פּראָזע־בוך „דור אויס דור איין" און דעם דיכטערישן װערק „מלחמה", װעלכע מאַרקיש האָט פאַרעפנטלעכט אין די יאָרן 1929 און 1948. עס בעטן זיך װײט־גײענדיקע פאַרגלײכונגען צווישן אָט־די בײדע װערק, צווישן די לעבנס, װאָס װערן דאַרטן און דאָ אַרויסגעבראַכט, צווישן דער ידישער װעלט פון אַמאָל און איצט, צווישן די הויפּט־העלדן פון ערשטן קריג און צװײטן, און באַזונדערס צווישן מאַרקישן דעם קינסטלער פון 1929 און 1948. פיל סצענעס, פיל עפּיזאָדן, פיל עיקר־איבערלעבענישן און אויך אײניקע הויפּט־געשטאַלטן פון אַמאָל און איצט רופן זיך איבער. די מוראדיקע „המשכדיקייט" פון דער ידישער טראַגעדיע! אין 1918־1920 זײנען ידן אויסגעראָטן געװאָרן דורך די פּעטליורישע באַנדעס, דורך די דעניקינצעס, װײסע פּאָליאַקן, מאַכנאָװצעס, און אין 1939־1944 — אין אַ גרעסערן פאַרנעם און מוראדיקן פּלאַן — דורך די דײטשע האָרדעס מיט זײערע אַרויסהעלפער, די אַפּגעשטאַנענע רעאַקציאָנערע עלעמענטן אין די אַלע לענדער, װאָס די דײטשן האָבן פאַרכאַפּט און באַהערשט. עזרא, סאָניע, װעלוול, דער זון פון קאַנאַריק דעם שוסטער, װאסילי פּאָפּעליוכע, מאַקס און די יונגע מײדל בליומע, — אָט־די אַלע, װאָס האָבן ביטער געקעמפט מיט אַ מערקװירדיקער העראָאישקייט בעתן ערשטן װעלט־קריג און בירגער־קריג (אין פּ. מאַרקישעס „דור אויס דור איין"), האָבן װירדיקע נאָכפאָלגער, העלדן, װאָס האָבן, ביי נאָך שװערערע באַדינגונגען און בײ גרעסערע געפאַרן, געפירט דעם גרויזאַמען קאַמף אויף שלאַכטפעלדער, אין געטאָ, אויף די געפערלעכסטע פּאָזיציעס אין מאָסקװע, װאַרשע און סטאַלינגראַד. אַ טייל איז אומגעקומען און אַ טייל איז פאַרהיקלט אין די נײַע שטרײַטן און פאַרמעסטן — אויפצוריכטן די חורבנות און אײַנצושטעלן אַ נײַע גערעכטע װעלט, װאָס זאָל נישט דערלאָזן צו נײַע בלוט־באָדן, צו נײַע פאַרװיסטונגען און צו אַ נײַעם װעלט־קריג, װאו דער הויפּט־קרבן װעט װידער זײַן דאָס ידישע פאָלק.

גור־אריה, אַ צעװייטיקטער, צעפּייניקטער, אינגאַנצן אַ צעשרויפטער, שטיקט אין זיך דעם חיי, געװיין און פּרואװט זיך מוטיקן. און אין סוף פון דעם בוך „מלחמה" טרוימט ער װעגן דער גליקלעכער צײַט נאָכן לעצטן (!) װעלט־קריג:

„עס װעלן קינדער שלאָפן רואיק און באַהיט
און ס'װעט די װעלט אַ גליקלעכע זיי גיין אנטקעגן,
און מענטש צו מענטש — אין ברודערשאַפט פאַרטרויט,
פאַראײניקט אין באַשאַף — אַן אומה צו אַן אומה.
ס'װעט קײנער מער ניט טרעטן אויף די פעלדער ס'ברויט,
באַרופן אויף די בײַטן בליען װעלן בלומען".

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

דאָס איז דער לעצטער אַקאָרד פונעם גרויסן „מלחמה"־װערק...
ליידער און ליידער, איז דעם דיכטערס באַגער און טרוים נישט דערפילט געװאָרן.

7.

דאָס איז געװען מיט אַן אַכט יאָר צוריק. פּרץ מאַרקיש איז אין די יאָרן פונעם גרויל־גרויזאַמען װעלט־קריג, אין די יאָרן פון היטלערס מערדערלעכער הערשאַפט אַרומגעפאָרן איבער שטעט, געגנטן און לענדער, און אײַנגעזאַפּט אין זיך דעם שרעק און די גיהינום־ליידן. פּרץ מאַרקיש האָט באַלד נאָך דער מפּלה פון די היטלעריסטישע מאָנסטערס, באַזוכט די חרובע ידישע שטעט און לענדער, און אַלדאָס געזעענע און

בעהערטע, איבערגעלעבטע און אַדורכגעפּיבערטע אַרויסגעבראַכט אין זיין ברוינדיקן ווערק „מלחמה״. און פול מיט איינדרוקן און איבערלעבענישן, האָט ער זיך ערשט פאַרמאָסטן אויף נאָך און נאָך ווערק.

אָבער... אָבער אים, ווי אַ גרויסער צאָל אַנדערע יידיש־סאָוועטישע שרייבער, איז נישט באַשערט געווען צו לעבן און צו געניסן פון רו, פון פרייהייט, כדי צו קאָנען ווייטער שאַפן און אויסצולאָדן אַלדאָס אָנגעזאַמלטע אין די קריגס־יאָרן און אין די נאָך מלחמה־יאָרן.

אַ פאַרברעכערישע באַנדע אינעם סאָוועטנפאַרבאַנד האָט געלויערט אויפן לעבן און אויף דעם שאַפן פון די דאָרטיקע יידישע וואָרט־קינסטלער און אין איינעם אַ טאָג מיטאַמאָל אומגעבראַכט אַלץ, וואָס די יידישע שרייבער האָבן געשאַפן, און אויך אַרויפגעלייגט זייער לאַפּע אויף די לעבנס פון די יידישע שאַפער גופא. פּרץ מאַרקיש, ווי אַ צאָל אַנדערע שרייבער, זיינען ערגעץ־וואו אומגעקומען.

אויף דעם שער־בלאַט פונעם בוך „מלחמה״, וואָס פּרץ מאַרקיש האָט מיר צו־געשיקט פון מאָסקווע, איז דאָ אַן אויפשריפט (דאַטירט דעם 12־טן אָקטאָבער 1948) בזה הלשון: „ליבער נחמן, איך בין דיר שולדיק, אַז די האָר זיינען נים מיינע. וועלן מיר אָנהויבן פונעם דאָזיקן בוך. מים די בעסטע גרוסן — פּרץ מאַרקיש״.

אַט דער נייער אָנהייב איז, לײדער, געווען דער לעצטער גרוס פון פּרץ מאַרקיש, וואָס אַ לאַנגיאָריקע פריינדשאַפט און ליבשאַפט איז געווען צווישן אונדז, — אַ פריינד־שאַפט און ליבשאַפט, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן נאָך איידער מיר האָבן אין אונדזער קיעווער „אייגנס״ אַריינגענומען זיינע ביכורים־לידער, זיינע ערשטלינג־שאַפונגען, און אַזוי ביז די לעצטע, סאַמע לעצטע יאָרן.

פּרץ מאַרקיש איז איצט מער נישטאָ צווישן די לעבעדיקע. מיר ווייסן נישט עד־היום ווען, וואו און ביי וואָסערע באַדינגונגען זיינע ברענענדיקע אויגן זיינען אויס־געלאָשן געוואָרן און זיין פלאַמיק האַרץ האָט אויפגעהערט צו קלאַפּן.

אויב ער איז, צוזאַמען מיט אַנדערע יידישע שרייבער־קינסטלער געפייניקט און אומגעבראַכט געוואָרן, זיינען נישטאָ גאָר קיין ווערטער, וואָס זאָלן קאָנען אַרויסברענגען דעם צער און צאָרן, דעם גרויל און האַס פאַר די אומגערעכט־פאַרשניטענע, פאַר די פּריצייטיק־אומגעבראַכטע. קיין שום טרייסט און קיין שום פאַרגיבונג איז דאָ ניט שייך.

מיר זיינען זיכער, אַז ווען פּרץ מאַרקיש גופא וואָלט איצט צוגעגרייט די צווייטע

***

אויפלאַגע פון זיין ווערק „מלחמה״, וואָלט ער אַן ספק אַ צאָל קאַפּיטלען אָדער שטעלן אין בוך אויסגעמעקט אָדער ער וואָלט זיי איבערגעמאַכט און געענדערט. און אַוודאי וואָלט ער אַרויסגענומען די אַלע איבערגעטריבענע לויב־געזאַנגען און פאַרהערלעכונג־ווערטער אויפן אַדרעס פון י. סטאַלין, וואָס סאָוועטישע שרייבער האָבן געדאַרפט אָדער געמוזט אַריינברענגען אין זייערע שאַפונגען.. מיר האָבן דאָס נישט געוואָלט טאָן און מען דאַרף אפשר עס נישט טאָן. זאָל דאָס ווערק דערגרייכן צום לייענער אין דער פאָרם און אין דער פולער באַנצקייט, ווי עס איז אויסגעפּיבערט, אויסגעוויטיקט און געשאַפן געוואָרן מיט אַן אַכט־ניין יאָר צוריק. עס איז דאָך אַ גרויסער, וויכטיקער היסטאָריש־קינסטלערישער דאָקומענט פון אַ באַשטימטער צייט, פון אַ באַשטימטער תקופה אינעם יידישן לעבן בכלל און אינעם סאָוועטיש־יידישן לעבן בפרט.

און, צו אונדזער ווייטיק און צאָרן, איז די איצטיקע אויפלאַגע פונעם בוך אויך אַ אָנדענק אויף דעם טראַגיש־פאַרשניטענעם מענטש און דיכטער פּרץ מאַרקיש.

דעם 10־טן אַפּריל, 1956.

נחמן מייזיל

I. אין אָנהייב

1. דער אַלטער טאָפּאָל

I.

אים האָט ניט אָנגעקלאַפּט דער אומגליק אין דער שויב,
צו זיינע פענצטער איז דער טויט ניט צוגעריטן;
פון זיין פאַרטייעטקייט געטאָן האָט אים אַ הייב
דער שפּרונג פון זיין געביין, ווי אַ געוויטער.
עס איז אין דערפעלע שוין קיינער ניט געווען,
און פון דער שטילקייט זיך געהויבן האָט אַ נעפּל.
געווען באַנעצט זיינען מיט ליכטיקייט די ווענט,
ערגעץ געוויינט האָבן די כוואַליעס אויפן דניעפּער.
די נאַכט אַראָפּ איז אַ געשוואָלענע פון שרעק,
געשניטן טאָפּאָלס זיך אין הימל האָבן שוואַרצע,
האָט פון געלעגערטן כיבאַרקעלע ביים וועג
אַליין אַרויסגערוקט דער זקן אין דער נאַכט זיך.
אויף זיין פאַרמעג האָט ער געאַרגיס פיר געהאַט
און דורות פיר — אין סאַמע רעכטן בלי נאָך;
ער — דער געוועזענער לייב־גוואַרדיע־סאָלדאַט
פון אימפּעראַטאַרישן פאָלק פונעם וואָלינער.

II.

ער האָט אַ שנייד געטאָן די פינצטערניש פון נאַכט
מיט זיינע שטאָלצע סיווע באַקענבאַרדן.
האָבן אים טאָפּאָלס דען אַ וויווע ניט געמאַכט?
האָבן זיך ווינטן פאַר זיין אויסזען ניט צעשפּאַרט דען?
באַדעקט געווען איז זיין קאָפּ מיט ווייסע האָר,
ווי ווייסער בליט געטאָן וואָלט אים באַדעקן;
אַריבער נייַנציק אָפּגע׳רעש׳טע יאָר
זיך האָבן אָנגעלענט מיט כבוד אויף זיין שטעקן.
אים האָט געדוכט, אַז ס׳האָט דער טייך געטאָן אַ פליי,
אַז פון זיין פענט האָט ער געגעבן אַ צעברויז זיך;
געברענט אויף פעלדער האָט דאָס קאָרן און דאָס ווייץ,
דער הימל אויסגעזען האָט פייערלעך און גרויזאַם,
געווען די שטילקייט איז פאַרטייעט, אָן באַוועג,
און ווי אַ תענית — דאָרשטיק־אויסגעלייטערט.
דערהערט דער זקן האָט פון ווייטן אויפן וועג
אַ צעפּלאָכעטן געיעג ערגעץ פון רייטער.

III.

דעם בליק אַנטבלויזט, ווי שווערדן צו געפּעכט,
איבערן דאַרפס־וועג דעם צעטראָטענעם און וויסטן
זיינען אויף אויפגעשוימיקט־הירזשענדיקע פערד
אַדורכגעפלויגן דריי קאַוואַלעריסטן.
איעדע ווייל — אַ קער געטאָן די קעפּ,
די ווייט אַ צי געטאָן זיי האָבן יעדע רגע.
געלעגן שטיל־פאַרחלשט איז דער דניעפּ
אַן אָנגעגלאָזטער אויף די זאַמדיק־געלע ברעגן.
און מיטאַמאָל האָבן זיך אָפּגעשטעלט די פערד,
איינס אָן דעם צווייטן רייבנדיק די בייכער.
אין וועג די רייטער אַ געפּאַר האָבן דערהערט,
כאָטש ס׳האָט דער וועג געצויגן זיך אַ גלייכער.
זיי האָבן איינער מיט דעם צווייטן ניט גערעדט,
בלויז מיט די נאָזלעכער געסאָפּעט און געוואונקען.
און פון די צוימלעך אונטער ציינערדיקן פלעט
ביי פערד אין מיילער האָבן דורכגעזעצט זיך פונקען.

IV.

מיט אַ דערשראָקענעם און איינגעצוימטן טראָט
געלאָזט דער זקן פונעם ווינט האָט זיך אַ ריס טאָן:
ביים שליאַך אָנועקגעשטעלט זיך נאָכקוקן ער האָט
נאָך די פאַרשווינדנדיקע דריי קאַוואַלעריסטן.
ער האָט זיך איינגעהערט אין טויבן צעפּאַלאַך,
ווי סוואָלט אַ כמאַרע זיך פאַרביי אַדורכגעטראָגן:
צי ערגעץ יאָגט נאָך זיי דאָ עמעצער זיך נאָך,
צי זיי אַליין נאָך עמעצן זיך יאָגן?
מיט באַקענבאַרדן מיט צעפליורעטע באַשטאָט,
האָט אין באַדינער אין פאַרצייטיקע דערמאָנט ער.
ער איז געווען אַ לייב־גוואַרדיע־סאָלדאָט
נאָך פאַר דער צייט פון אימפּעראַטאָר אַלעקסאַנדער.
אַליין געשטאַנען איז ער איצט אינמיטן וועג,
ווי פונעם ווינט ער וואָלט געוואָרט אויף אַ קאָמאַנדע.
ס׳האָט ניינציק יאָר דער רעש אין אים געוועקט
און האָט אין צייטן פאַרגאַנגענע דערמאָנט אים.

V.

אַן איינגעשרומפּענער, מיט פּייערלעך אין בליק,
איז ער געשטאַנען, ווי אַן אָפּגעבליטער טאָפּאָל.
מיט קנאַפּע הונדערט יאָר צוריק
געשלאָגן האָט זיין טאַטע זיך ביי סעוואַסטאָפּאָל.

ער האָט געהערט, ווי אויפן דניעפּ זיך רייסט אַ בריק,
ער האָט געזען, ווי ס׳פליען פייערן צעזייטע,
מיט קנאָפּע הונדערט פּופּציק יאָר צוריק
געפאַלן אונטער מאָסקווע איז זיין זיידע.
אים איז פון פאַנשטשינע געבליבן נאָך אַ שפּור
און פון מלחמות דריי — פאַרצירעוועטע שראַמען.
געשלאָגן האָבן זין זיך אויך אין פאָרט־אַרטור,
אי אויף דער טריקעניש, אי אויף די ימען.
אין וועג זיך איינגעקוקט ער האָט — צי עמעץ גייט,
און צו די רייטער די פאַרשוואונדענע געשטאַמלט:
ער האָט די אייניקלעך אין שלאַכט אַזוי באַגלייט,
אויף קעגן דייטש געגאַן זיי זיינען דאַמאָלט.

VI.

ווי צו זיין שטאַם גיט ער צום דניפּער זיך אַ צי:
אַוועק פון דאַן איז אויך אַ לאַנגע צייט שוין.
עס שלאָגן זיינע אור־אייניקלעך זיך אַצינד —
ער ווייסט ניט וואו, נאָר — ווידער מיט די דייטשן.
ס׳האָט אין זיין גרייזקייט זיך די נאַכט געטאָן אַ שטויס,
און אין דער ווייט ערגעץ אַ טראַג געטאָן האָט דאַן אים.
איז אויפן וועג ער, פאַרן טויט, אַזוי אַרויס
צומאָל אַ קוק טאָן — וואָס אַזוינס עס איז געראַמאַניע.
אַן אייגן שיפעלע ביים דניעפּ האָט ער געהאַט,
דעם דניעפּ אַליין האָט ער געהאַט אונטער דער האַנט דאָ,
ער איז געווען לייב־גוואַרדיע־סאָלדאַט
נאָך פאַר דער צייט פון אימפעראַטאָר אַלעקסאַנדער.
אַט וועט ער אָפּשטאַרבן און אַלץ נאָך ניט פאַרשטיין:
וואָס האַקט מען אויס אַ בוים, ווען ס׳איז זיין בליאונג טאַפּל?
אינמיטן וועג איז ער געשטאַנען איצט אַליין,
אַנטקעגן ווינט, געוואַרצלט, ווי אַ טאַפּאָל.

VII.

ער האָט געהערט דעם שאָרך פון בלאַט צו בלאַט,
געגנישטערט אין דער פינצטער האָט אַ ווינט אַ האַרטער.
לאָז זיך באַווייזן קעגן אים אַ דייטשישער סאָלדאַט,
ער וועט אויף אים די אַלטע אויגן אַ צעשפּאַר טאָן:
„דיך קומט עפּעס אַרויס פון אונדזער ערד?
מיט קברים האָט מען דיינע טאַטעס דאָ באַעזוֹלהט?
צי ביסטו זיי ניט אָפּמאַנען געקומען איצט אַהער,
זיי טיפער אויסגראָבן פאַר זיך און זיי פאַרשיטן בראָוער?״ —

די הייך געטאָפּט פון אַ פּראָזשעקטאָר האָט אַ שטראַל,
דעם הימל אויסגעהעלט אין מילעכדיקע שטרייפן;
לאָז זיך באַוויזן קעגן אים אַ דייטשער גענעראַל,
לאָז זיך באַוויזן קעגן אים אַליין דער טייוול, —
„וואָס טוט איר ווידער דאָ? — וועט ער אים אַ טאָן אַ פרעג, —
צי וועט זיין וואוילגעבוירט זיך ניט דערמאָנען,
אַז ס'גייט אין בײדע זייטן דאָ דער וועג —
אי קיין ראַסיי, אין קיין גערמאַניע?"

VIII.

געבלאַנדזשעט האָט זיין אויפגערעגטער בליק
איבערן אַלטן וועג — אין בײדע זייטן;
און מיטאַמאָל האָט ער דערזען, ווי ס'יאָגן זיך צוריק
די פערד, אַליין, פאַרסאַפּעט, אָן די רייטער.
געשלונגען אומרואיק די ערד האָט זייער טראָט,
פון גריוועס שטיל געטראָגן זיך אַ שאָרך האָט.
לעם זקן אָפּגעשטעלט זיך איינער האָט,
זיך מיט דער גריווע צערטלדיק צעפּאַכעט.
און גלייך דער צווייטער און דער דריטער אין אַ ריי
האָבן מיט טריט מיט אומרואיקע אויסגעשטעלט זיך.
און פאַר די צוימלעך האָט דער זקן אָנגענומען זיי,
געגלעט זיי צאַרט די גריוועס און די העלדזער,
ווי דורכשווימען די נאַכט וואָלט ער מיט זיי זיך דאָ געלאָזט,
די באַקענבאָרדן וויגנדיק אין בײדע זייטן,
געפירט האָט ער זיי, ווי אַן אַלטער באַלעבאָס,
און זיי באַטראַכט, ווי אַ צוואה פון די רייטער.

IX.

צי האָט אַ שטערן פון דער הייך געטאָן אַ פאַל?
צי האָט אַ לעק געטאָן דעם הימל אַ פּראָזשעקטאָר?
געבראַכט דער זקן האָט די פערד אין שטאַל,
באַגלייט פון ליכט דורך אומגליק אויפגעוועקטער.
און אין דער ווייט זיך איינהערנדיק וואַך,
צום הימל יעדע וויל פאַררייסנדיק די אויגן,
האָט ער אויף אומגליק זיך געריכט. צו האַלבער נאַכט
זיינען פאַרדאַרבער אויפן וועג מיט שטורעם אָנגעפלויגן.
געריסן ביימער מיט די וואָרצלען האָבן זיי,
און מיט געפייף זיי אין דער פינצטערניש צעמאַלן,
נאָר ס'האָט אין שטאַל דער זקן אויפגעשאַרט אַביסל היי
און, קרעכצנדיק, געוואָרפן עס די פערד אין זשאַלעב.

אויב עפּעס־וואָס גיט אים דער דייטש אַ פּרעג,
ווערט ער אים זאָגן, ניט אַוועקגייענד פונדאַנען,
אַז ס׳גייט איןביידע זייטן דאָ דער וועג —
אי קיין ראַסיי, אי קיין גערמאַניע!

X.

געווען די נאַכט איז אויסגעהוילט און וויסט,
איבערן וועג געגאַן דער טויט איז נאָכן אַקער.
ס׳האָט דורכגעסווישטשעט יעדע ווייל אַ ריס,
און יעדע ווייל האָט אויפגעבליצט אַ פלאַקער,
אַ פאַלנדיקן מענטש באַלויכטן אין דער ווייט
און ביי דעם לעצטן שפרונג — אַ צעפּלאַכעטע בהמה.
דערשראָקן און בייזוואונדערדיק־פּאַרטיי׳ט,
געטוליעט זיך צו דר׳ערד האָבן די שטיבעלעך אין אימה.
„געוועזענער לייב־גוואַרדיע־סאָלדאַט!"
האָט זיך געדוכט, אַז ס׳רופט דער טויט אַליין אים
מיט דונער און מיט בליץ — אי אום אי גראָד —
דורך פאַלנדיקע שטיבעלעך, דורך קרעכצן און געוויינען.
ער האָט אין שטאַל, ווי דורך אַ חלום, עס געהערט
און ניט געקאָנט פון אָרט אין ערגעץ זיך אַ ריס טאָן.
מיט ציטערדיקע הענט האָט ער געהאַדעוועט די פערד
פון די פאַרשוואונדענע די דריי קאַוואַלעריסטן.

2. ביים קבר

I.

צום דריטן האָנען־קריי איז די געפּאַר פאַרביי,
אַ האַלבער דעמב האָט זיך געוואַלגערט צווישן מאַכן.
ביים סאַמע וועג, ביי דעם צעאַקערטן פון בליי,
געשטאַנען איז אַ מענטש נעבן אַ קבר — איינגעבראָכן,
ווי אַ מצבה אויסגעבויגן פונעם ווינט,
די אויגן אויסגעקריצט, ווי אותיות פון אוראַלט,
און מיט אַ פידל אונטער פאַכווע האָט אַ קינד
צו אים זיך, ווי אַ בראַכשטיק, דאָרט געניורעט.
געווען געשמידט ס׳איז צו דער קברדיקער ערד,
דער בליק האָט דורכגעריסן צאַמען,
עס האָט דאָס קינד געקוקט, ווי חסדיקע רעכט
ווערט אונטערוועגס דאָרט אָפּגעטאָן זיין מאַמען.

ס'איז ניט געווען קיין כבוד פאַרן מת,
מע זאָל אים ברענגען אין דער פינצטערניש צו קבורה.
נאָר ס'האָט געדוכט, אַז ס'שטייט דער מאַן שוין אַ מעת־לעת,
ווי אַ מצבה מיט אַן אויפשריפט פון דעם אוראַלט.

II.

דעם וועג געוויזן האָבן שטערן דאָרט געהיים,
נאָר די אבלים ניט געאײַלט האָבן פאַרשטאַרטע,
ווי אין דער אײנציק וואוינונגס־רעכטער היים
וואָלט די געהרגעטע פאַרבעטן זיי אויף נאַכטלעג.
און אין דער הייך — אַ דײַטשישער עראָפּלאַן
האָט זיך אין וועג געלאָזט שוין אויף הריגה,
נאָר פון דעם קבר איז ניט אַפּגעגאַן דער מאַן,
דאָס מויל — מיט טרויער מיט צעוואַקסענעם פאַררִיגלט.
עפּעס האָט פּאַכעדיק די לופט געטאָן אַ ברי,
מיט אַ געצוויטשער פון קאַיאַר אַדורכגעפלויגן,
ווי פון אַ נעסט זיך אויפגעכאַפּט פאַרפרי
וואָלט אים אַרויס מנחם־אבל זײַן אַ פויגל.
גענומען זיך מיט חדווה קרײַזן אַרום אים
און מיט געצוויטשער נאָך אַ ווערעמל זיך יאָגן:
דער פויגל אַנגעפּאַנגען האָט זײַן מי
אין דער פאַרכישופטער געהיימעניש פון טאָגן.

III.

שוין האָבן שאָטנס זיך געשיידט מיט זייער רו,
שוין האָבן אײנציקוויז געלאָשן זיך די שטערן.
פון יעדער צוויטש געוואָרן העלער איז אַרום,
איעדער טרעל — אַ שנירל בלאַנקעדיקע פּערל.
עס ווענדט ניט אָפּ פון דער יצירה זיך די גאַב
אפילו דאַן, ווען זי פאַרלענדט און זי פאַרהאַגלט!
האָט ער זיך אומגעקוקט, אַ הייב געטאָן דעם קאָפּ,
פונקט ווי געהאָט וואָלט ער דעם גאַסט זײַנעם צו זאָגן:
„דער שאַרפסטער האַק איז ניט באַוואוסט דער טעם
פון וואוקס, פון אַ צעפּלאַנץ זיך אין דער הייך טאָן!
אָבער דער מינדסטער שפּור פון אַן אַרומגעהאַקטן שטאַם
גייט פרײַ'ר צי שפּעטער אויף מיט בליאונג אַ באַהויכטער".
געווען די פליגעלעך צעטריפּלט זײַנען, גרוי,
פונקט ווי די אַרבל פון אַ וואַכעדיקן רעקל;
האָט פאַרן גאַסט אָוועקגעלייגט דער מאַן אַ שטיקל ברויט,
געקוקט, ווי מיטן פּיסקל ער צעהאַקט עס און צעברעקלט.

IV.

די פינצטערניש האָט דורכזיכטיק געבלאָסט,
זיך דורכגעפּיקט דורך איר, ווי דורך אַן איי, דער טאָג האָט.
געקוקט האָט ער אויף זיין פרימאָרגנדיקן גאַסט,
פּתּקט זוי געהאָט ער וואָלט אים נאָך צו זאָגן:
„ווען ס'קלאַפּט דער שטורעם אָפּ פון צוויַיג די פרוכט,
גראָבט זי מיט חכמה דורך די טיפקייט פון דער ערד דאָרט
און קערט זיך פונדאַסנייַ אום דורך געבורט,
אַ זיבן מאָל צעצוויַיגטע און פאַרמערטע..."
אונטער די ברעמען, ווי אין שטייגן־נעסט פאַרשפּאַרט,
האָבן געפאַנגענע געטרויערט זייַנע אויגן,
נאָר ערגעץ וויַיט געריסן זיך, פאַרטראַכט,
פונקט ווי דערזאָגן ער באַדאַרפט וואָלט נאָך דעם פויגל:
„קומט פונעם מענטש דען וויניקער ווי פונעם בוים, וואָס גריַינט?
איז צו זיין קלוגער פאַרזעצונג אַ תחום געשטעלט דען?"
געגאַן איז אים מנחם־אבל זיין דער ווינט,
און דער באַגין האָט שוין פון ערגעץ זיך געגנע'נטערט.

V.

אַ בין האָט ושומענדיק צום פעלד זיך שוין געיאָגט,
אַ מורעשקע האָט אונטער לאָסט זיך שוין געדרייט דאָרט, —
דאָס ווערק פון מלכותדיקן אויפוואַכן אויף טאָג
האָט זיך געשאַפן אינעם איינגעשטעלטן סדר.
דער ראַנד פון הימל האָט שאַריַעט און געהעלט,
דער מזרח אויפגעגאַן איז אין געשאַל פון טרויבן;
ווי ליכט געצונדענע צוקאַפּנס ביי דער וועלט
האָבן זיך שרפות אין פאַרטאָג אַריין געהויבן.
און צו קאַיאָר, ווי נאָר דער חושך איז אַראָפּ,
האָט ער זיך נידעריקער ווי שטענדיק אָנגעבויגן,
אונטערגעלייגט עפּעס דעם מת אונטערן קאָפּ,
אים דאָרטן צוגעדעקט מיט שערבעלעך די אויגן,
און, ניט צעשטערנדיק די שטילקייט מיט געוויין,
דעם אָפּשייד שליסנדיק, אין ווירבל־פּיין געלייטערט,
האָט ער געבראַכט אַן אונטערוועגדיקן שטיין
און מיטן קינד געלאָזט אין וועג אַריין זיך וויַיטער.

3. גראַנאַטאַפּער ריכטונג

I.

אין דער פאַרלאָזטער שטאָט האָט זיך געהערט אַ קנאַל,
נאָר ניט געהערט האָט זיך קיין לעבעדיקע שטים מער —
אין רויך האָט זיך געשטיקט דער אַלטער אַרסענאַל,
און ס׳האָט געברענט דער באַרג פון הייליקן וולאַדימיר,
ווי אַ באַשווערנדיקער נדר פון דער שטאָט,
אַז ניט צעשיידן וועלן זיי קיין קייטן און קיין קלעמער
מיט איר צעצוימטן גורל און באַראָט.
און נאָכגעקוקט האָבן די אַלטע קופּאָלן, ווי שליעמען,
נאָך די פאַרשווינדנדיקע מחנות אין דער ווייט,
נאָך שטאָמען אויסגעריסענע אויף וואָגל און אויף וואַנדער,
און ווי אין שטאָט פירט איבער אויף צוריק די צייט
אַליין דער טויט אין פייער און אין בראַנדן.
אַ בוים האָט קרעכצנדיק געטאָן אַ פאַל,
און ווי אַ חלום איז געווען דאָס אַש פון הימל...
די וואונד האָט צוגעלייגט צו דר׳ערד דער אַרסענאַל,
און ס׳האָט געברענט דער באַרג פון הייליקן וולאַדימיר.

II.

אויף מיילן־ווייט געהערט האָט זיך דער טראָט,
אויף מיילן־ווייט דער פיבער האָט געהערט זיך:
פאַרשטיינערט אָפּגעטראָטן מ׳איז פון שטאָט,
נאָר אין איר יעדן שטיין געלאָזט האָט מען די הערצער.
האַרמאַטן וואונדיקע געטראָגן אויף די הענט,
ווי שבועות — אין דער הייך ביים זיך צעשיידן.
עס האָט דער דניעפּער זיי אויף וויאַרסטן ווייט געזען
און אָנטאָן ניט געלאָזט פון די באַצווינגער זיך די קייטן.
די בריקן אויפגעריסן איבער זיך האָט ער אַליין,
מיט דונער־קנאַלן אויסגעמישט האָט זיין געוואַי זיך —
געהערט האָט זיך, ווי ער באַשווערט איעדן שטיין,
ווי ער אין פיינט זיך שליידערן איז אויף זיי גוזר,
ווי צו דעם גרינס פון ביימער טראָגט זיך זיין פאַרבאָט:
ניט קאָנען זאָל דער פיינט פון זייער בלי געגערט זיין!
צעשטויבט מ׳איז אָפּגעטראָטן פון דער שטאָט,
נאָר אין איר יעדן שטויב געלאָזט האָט מען די הערצער.

III.

א וואַגן נאָך א וואָגן — אָנגעפילט מיט בראָד,
פאַרזאָרגטע אָנטרייבער מיט ביקסן אונטער פּאַכווס.
סאָלדאַטן מענגעסווייז אין טרויער גייען נאָך
דורך גאָלד פון רייפנדיקן פעלד, — נאָר וואָר באַדאַרף עס?
באַקלאַזשקעס, אויסגעלײדיקט ביז צום דעק,
אין קעסעלעך זיי קלינגען, ווי דערשטיקטע גלעקער.
אויף קרענעצעס אין וועג גיט קיינער ניט קיין פרעג,
און ס'קאָן קיין שטיבעלע זיך קיינער ניט דערוועקן.
פון גאַנג דורכאויסיקן דער ווײ און בראַנד
קאָן פון דעם מילדסטן ווינט ניט זיין געלינדערט.
זיך אויסגעמישט האָט גרילצנדיק באַנאַנד
געהירזש פון פערד, פון וואָגנס דער געקלימפּער.
פון אונטער פּיס דער וועג ערגעץ פאַרשווינדט,
א שלייף אַרום די מידע, — ער פאַרדרייט זיך,
און אויפן רויטן האָריזאָנט, אין פייער פון באַגין,
איז נאָכגעגאַן צופוס א ווינטמיל, — ווי א קרייצונג.

IV.

די ווייט א בלאַנק געטאָן האָט פּלוצעם, ווי א שווערד,
געסילעט אויפן גראָז האָט זיך דער פערלדיקער טוי נאָך.
דריי אויסשפּיר־רייטער זיך באַוויזן האָבן אָן די פערד:
פאַרלאָפן איז דעם וועג אין הינטערלאַנד דער שונא!
א שיין געטאָן האָט דער קאַיאַר מיט טויטן־בלענד,
אין פיבער זיך צעשלײדערט האָבן וואָרגנדיקע ווינטן:
דער לעצטער דורכגאַנג ווערט פאַרקלעמט!
פאַראַן נאָך צייט זיך אויפהייבן! געשווינדער!
ס'געשפּענסט פון טויט האָט שוין געטייט אַהער,
און ווער־ניט־ווער האָט שוין דעם קאָפּ אַראָפּגעבויגן,
נאָר איינער האָט א הייב געטאָן ס'געווער
און איבער אַלעמען זיך דורכגעלאָפן מיט די אויגן:
— סאָלדאַטן! אָפּהאַלטן דעם פיינט איז א באַפעל פאַראָן,
ביז אונדזער טייל אויסער געפאַר וועט אין דער פולער מאָס זיין! —
ער האָט פון דעם געוועזענעם לייב־גוואַרדיע־סאָלדאַט געשטאַמט —
א לייבלעך אוראייניקל — אַלעקסיי סאַדאָווסקי.

V.

— ווער גייט מיט מיר? — האָט דורכגעהילכט זיין קול,
און מיט א ווענד צום ראַנד האָט אויסגעשטרעקט זיין האַנט זיך.
און אין געררויש פון נעמען אויפגעשוואומענע א צאָל
דערהערט האָט זיך: „אָוואַדים!" „דראָזד!" און „מאַנציס!", —

דאָס האָבן זיי אינמיטן וועג צעשיידט זיך מיט די פערד...
נאָך זיי האָט סעמיבראַט דער פּאַליטרוק געטאָן אַ לאָז זיך,
און ביז מען האָט צוריק זיך אומגעקערט —
געווען איז אויף אָרום דער קלעם פאַרשלאָסן.
ערגעץ געשפּאַרט האָט שוין פון יעדן ווינקעלע געפאַר,
ווי מיט געשוויל זיך אָנגעבלאָזן האָבן ווייטן,
נאָר רואיק האָט פאַרדרייט סאַדאָווסקי אַ ציגאַר,
אַרומגעגלעט אים מיטן מויל פון אַלע זייטן,
זיך ניט געאײַלט, אַ ביס געטאָן אַ שטיקעלע ביים עק,
פאַררייכערט און אַ זאָג געטאָן מיט האַלבע ליפּן:
— קיין גראַנאַטאָפּ זיך דורכגעשלאָגן האָט דער טייל אַ וועג,
און איצט איז אונדז אַ וועג זיך דורכשלאָגן געבליבן!

4. אויפן ערשטן פאַרהער

I.

פאַרזאָרגט זיך ציט אויף מערב־זייט אַ שליאַך,
אַן אויסגעשטופלטער מיט בראָך און גריבער;
דורך אים האָט אַן עס־עסישע פאַרשטאַרקטע וואַך
אַ מחנה קריגס־געפאַנגענע געטריבן.
פאַרלאָפן זיי דעם וועג אַ סטויפּ איז נאָך אַ סטויפּ
מיט דראָט צעשויבערטן, ווי טרויער־משולחים,
און די געטריבענע דורך ווירבלדיקן שטויב
געשלעפּט האָבן זיך ווייטער אונטער בייטשיקן געפּאַכע.
פאַרבראָטענע, פאַרקוילטע פון דער זון,
באַנומענע און באָרוועסע, האַלב־הוילע,
זיינען זיי אָנגעקומען ערגעץ צו אַ זומפּ,
און דאָרט זיך אָפּשטעלן האָט זיי די וואָך באַפוילן.
געווען פאַרוואונדעטע אַ טייל איז צווישן זיי,
אַ טייל — פאַרמאַטערטע פון דאָרשט און הונגער.
— אַרויסגיין זאָלן יידן פון דער ריי! —
האָט אַ באַפעל איבערן זומפּ אַדורכגעקלונגען.

II.

אַ ווייל האָט קיינער ניט געטאָן זיך קיין באַוועג,
ביי אייניקע האָבן זיך אויגן געגעבן אַ פאַרמאַך גאָר,
און מיט אַן אָפּשייד־בליק צום טרויעריקן וועג
אַרויסגעגאַן איז איינער פון דער מחנה.

פאַרבליבן אים צום טויט זיינען געציילטע טריט,
די וועלט האָט אין די אויגן זיך ביי אים געגומען וויגן.
— פאַרלאַנגסט, פּילייכט, אונדז עפּעס זאָגן, ייד? —
נאָר מיט פאַראַכט האָט דער פאַראורטיילטער געשוויגן.
ער האָט געהאַט שוין זייער ווייניק צייט
אויף קאָנען עפּעס אָפּטיילן פון איר דעם תּליון.
געאײַלט האָט זיך צו אים פון אומעטום די ווייט,
געגעבן האָט דאָס ליכט צום לעצטן מאָל שוין אַ באַפאַל אים . . .
דעם רימען בלויז געגעבן אַ פאַרצי אויף זיך,
ניט אָנגעהערט האָט שוין קיין האָפענונג און קיין געפאַר אים.
— קיין נאָמען האָסטו ניט? — האָט איבער אים געקרימט זיך אַ געזיכט. —
און פון דער הייך אַ זעץ געטאָן דעם תּליון האָט: — גור־אריה!

III.

געוועגדט זיין בליק ז׳געוועזן איבער דער וואַך,
ווי עפּעס נאָך וואָלט ער געהאַט איצט צו באַקלערן.
— אַ באַלשעוויסט? — האָט דער עס.־עס. געטאָן אַ לאַך.
— איך האָב דעם כּבֿוד דער פאַרטיי געהערן! —
אַראָפּגעלאָזט דער קאָט גור־אריהן האָט אַ פּאַטש,
אַ שלידער אים געטאָן און, האַלב צעמישט און האַלב צערודערט,
האָט ער מיט ליפּן שוימיקע געפּייקלט: — קוואַטש!
דאָס האָסטו פאַר דיין ווערטפּוליקן ענטפער, יודע! —
גור־אריה אויפגעשטעלט האָט צוריק זיך אויף די פיס,
זיך אָפּגעווישט דעם שטויב, געקוקט אין דר׳הייך פאַרבלוטיקט.
האָט מיט דער גומי אים דער קאָט פונסניי דערלאַנגט אַ ריס:
— דאָס האָסטו פאַר דיין קוקן אין די הייכן, יודע! —
ס׳האָט ענגער דער המון געגעבן זיך אַ פרעס,
פאַרטייעט דורכגעלאָפן איז אַ ווינטיקער געהודע.
און אַ באַפעל האָט אויסגעריטשעט דער עס.־עס.:
— די טאַשן אויסליידיקן שנעל דעם יודע!

IV.

מיט פּיקלדיקע ווערטער פון באַפעל
האָט פול דאָס זשאַבע־מויל געגעבן אַ פאַרשטאָפּ זיך,
גור־אריהן מ׳האָט די טאַשן אויסגעליידיקט שנעל,
און זיגעריש דערלאַנגט דעם זאַנדערפיורער קלאַפּסן.
נאָר די פּאַפּירלעך די אַדורכגעשפּיזטע מיטן בליק
בעצוואונגען האָבן צו גור־אריהן מאַכן נעענטער אַ שפּאַן אים
און אויפהייבן אַ דבר־אחרישן היק:
— אַך זאָ! געקעמפט קעגן דעם רייך האָסט נאָך אין שפּאַניע? —

און זיך צעלאַכט, זיך לאַכנדיק, פאַרהוס:
— די שפּאַגעס זיך באַגעגנט האָבן ענדלעך.
פונוואַנען אַזאַ נאָבל־קריגערישער גוסט
ביי אַ פאַרדאַמטן פּאַראַזיט און הענדלער? —
און אין דער ביטערקייט האָט, ווי אַ בליץ, געטאָן אַ גיי
אַ זיסע טרייסט אַ לעצטע פאַר גור־אריהן,
וואָס אויך אין שפּאַניע ער געקעמפט האָט קעגן זיי,
אויך דאָס איצט לייטערט פאַרן טויט דעם צער אים...

V.

געוואַלגערט האָט זיך זיין אָראָפּגעקלאַפּטע הוט
לעם זיינע פיס די באַרוועסע, די הוילע,
און ער האָט שוויגנדיק געווישט דאָס בלוט,
וואָס האָט געטריפט פון אויפגעלאָפן מויל אים.
עס האָט אַ היץ פון זיינע אויגן זיך געדעמפט,
געזען זיין היים אין מעזשבעזש, ווי אין חלום, אַ געפלעטער;
געהערט האָט זיך פון דאָרט דאָס שאָרכען פון אַ דעמב
מיט עטלעכע פאַרבליבענע פאַרוועלקטע בלעטער...
געקלאַמערט האָט ער זיך מיט יעדן אָטעם אָן דער היים,
ווי ווייט עס האָט פון דאָרט געגעבן אַ פאַרטראַג אים!
און אויפגעוועקט האָט קלאַפּס אים שנעל מיט אַ געשריי:
— פאַרלאַנגט דער ביבל־ריטער נאָך עפּעס צו זאָגן? —
— יאָ, ער פאַרלאַנגט! — האָבן די אויגן אים געטאָן אַ גלאַנץ
מיט בלוט, ווי דער עמאָל אויף זיין אין שלאַכט פאַרדינטן שטערן, —
ס'איז ביי זיין פאָלק פון בוך ביז שווערד נאָך קלענער די דיסטאַנץ,
ווי פון דער האַק ביז צו די פּלאַכעס ביי דער דייטשישער אימפּעריע!

VI.

אין דער צעבויטעטער פרימאָרגנדיקער רו
האָט אויסגעשטרעקט באַפעלעריש דעם זאַנדערפיורערס האַנט זיך:
— זאָל זיך אַליין דער יודע אויסגראָבן אַ גרוב
אָן אונטערשייד אויף וועלכע־ס'איז דיסטאַנצן! —
גור־אוריה האָט געקוקט: „אָט איז זי, אָט, די וואָר,
אָט איז ער, אָט, זיין לעצטער אינדערפרי דאָ“...
נאָר קלאַפּס האָט אים געאײלט: — פאַרלאַנגט דער יודע נאָך אַ וואָרט? —
און אויסגעפּליסטערט שטיל גור־אריה האָט: — אַ רידל!
— אַ גרוב זיך גראָבן מיט די הענט! — האָט זיך דערהערט
דעם זאַנדערפיורערס לאַכנדיקע שטים די גראַבע.
און ס'האָט גור־אריה זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דר'ערד,
זיך מיט די הענט אַ גרוב גענומען גראָבן...

ער האָט געגראָבן פליסיק, אָרנטלעך — ביז ווײ,
ביז שווײס, ביז בלוט, ביז אײטער אונטער נעגל;
געגראָבן שוין אַ שעה, געגראָבן צווײ,
געגראָבן שווער האָט זיך זײַן קבֿרדיק געלעגער . . .

VII.

פֿאַר די דערראַינערונגען אויסגראָבן אַ גרוב
באַדאַרפֿט וואָלט ער, זײ זאָלן ניט פֿאַרנעפּלען אים די אויגן;
געקומען זײַנען זײ אַהער, זיך אויסגעשטעלט אַרום,
פּונקט ווי אבֿלים — נידעריק געבויגן . . .
אָט זעט ער זיך אַרומדרייען אין יידישן מוזײ,
וואו ער אַ צײַט געאַרבעט האָט ביז סאַמע דער מלחמה;
עס קוקן פֿון די ווענט צו אים געשפּענסטער אַלערלײ,
וואָס קײנס פֿון זײ איז אפֿשר שוין ניטאָ מער . . .
שוין מיטן לעצטן שווײס ער גראָבט. די פֿינגער שוין פֿאַרשטאַרט,
און אַ קינזשאַל זײ טאַפּן אָן אין זשאַווער שטײניק —
אַן עדות פֿון אַן אָפּגעהילכטער שלאַכט.
אַ ווײַל געקוקט, ווי אויסשטעלן ער דאַרף עס אין מוזײ נאָך.
באַשעפֿטיקונגען אַלערלײ האָט ער געהאַט,
געהאַלטן אויסגעשטרעקט פֿאַר אַלעמען האָט ער זײַן לעבן.
געווען פֿאַרוואַלטער פֿון מוזײ, אַ לערער, אַ סאָלדאַט
און איצט צולעצט איז ער פֿאַר זיך אַלײן דער גרעבער...

VIII.

אַרום האָט אַ געפּאָך פֿון פֿײגל זיך געהערט,
געטראָגן אין דער הייך האָט זיך אַ פֿרײלעכער געצוויטשער.
אַ ריס געטאָן האָט זיך צו זײ די גור־אריה פֿון דער ערד,
ווי אויפֿגעוועקט דורך זײ בײַ זײַנע לעצטע טריט שוין.
און וויַטער פֿאַרגעזעצט דאָס גראָבן — ביז פֿאַרנאַכט.
געזעצט האָט פֿון די פֿינגער בלוט, און פֿון די אויגן — פֿײער.
אַדורכגעשמועסט אײנער מיטן אַנדערן האָט זיך די וואָך,
פֿאַררײכערט אײנס בײַם צווײטן אַ ציגײער.
— און איבעריקנס, — האָט קלאַפּס געטאָן אַ שניט
אַן אויפֿגעזאָדענער, מיט גאַל מיט גרינער, —
זאָל ער אַ גרוב זיך אָפּאַרבעטן פֿרײַ׳ר, דער פּאַראַזיט,
אַ קויל זאָל זיך דער יודע פֿרײַ׳ר פֿאַרדינען! —
און אָפּפֿירן באַפֿוילן אים אויף אַ פֿאַרהער,
נאָך אַ געשפּרעך מיט אים באַדאַרף ער האָבן.
זיך אויפֿגעהויבן האָט גור־אריה פֿון דער ערד,
באַגלײט פֿון די עס.־עס., גלײַך ווי פֿון שוואַרצע ראָבן.

IX.

עס האָט זיך קיין שוואַרצאַפּל ניט באַוועגט,
דערשטיקט אין רויש איז ער געגאַנגען אַ געפּלעטער;
זיך אָנגעטראָפן האָט אַנטקעגן אים אַ בוים אין וועג,
אַראָפּגעלאָפן איז צו אים אַ שאָרך פון בלעטער.
וואָס מיינט דער ווינט? וואָס מיינט פון צווייגן דער געוויג?
וואָס קער זיין אָטעם דען זיין אייגענער אַצינד זיך אָן אים?
דאָך האָט ער מיט דער לופט און מיט די רוישן זיך געקוויקט
און, גייענדיק, מיט ווינט זיך אָפּגעפרישט דאָס פּנים.
געלעגן איז די ערד פאַרוואונדיקט, אין פאַרבראַט,
זיך אַ געבונדענע געלאָזט פון דער פאַרדאַרבונג טרעטן;
אַ טויטן-לאַגער האָט זיך דאָרט געשטיקט אין שטעכיק דראָט,
אין קראַמף געאייטערט צאַנקענדיק האָט זיך די געטאָ . . .
איעדער שטויב איז אָפּגעגאָן מיט ווײ און פּיין,
אי דאָ, אי דאָרט אַ טויער האָט געוואָרט מיט צייך, ווי זאָגן.
וואָס איז דער אונטערשייד, אין וועלכן פון זיי ער וועט אַריין?!
אַלצאיינס — מיט יעדער האָפענונג צעשייד זיך און געזעגן!

5. אַ בריוו פון דער היים

I.

געגאַן אַ רעגן איז די גאַנצע נאַכט.
ביי יעדן איינעם אויפן פעלד געשונדן האָט די הויט ער.
און אויסגעווייקט אויף דורך האָט דאָך דער קאָמאַנדיר געטראַכט:
„פאַרשפּעטיקט צו דעם שניט האָבן די ברויטן . . .
ס'איז גערעטעניש אַ ניט-געוועזענע, נאָר ווער,
נאָר ווער וועט זי אַראָפּנעמען און זי פאַרדייען?
אַדורכפירן דורך איר דער דייטש אונטער געווער
וועט אין געפאַנגשאַפט רויטאַרמייער
אויף שוואַרצער קאַטאָרגע און אויף צעשאָס —
פון וויט זאָל יעדער אָפּגעבן זיין ווײ איר" . . .
דער רעגן האָט אַ גאַנצע נאַכט געהאַלטן אין איין גאָס,
געפּאַסעוועט אַ גאַנצע נאַכט די רויטאַרמייער.
און אינדערפרי האָט פון דער פרישער ערד געשפּאַרט
אַ חיותדיקער ריח פונעם גראָז, גלייך ווי פון האָניק —
נאָר ניט צום האַרץ געווען איז אָטעמען די פראַכט;
די גלוסטונג בימלעכווייז זיך אָפּגעטאָן האָט.

II.

פֿאַרשאַרפֿט און טרויעריק, מיט אַ באַנעם
פֿון אַ באַשיידענעם און צניעותדיקן דאָרפֿס־יונג,
באַקלערט האָט זוי דעם טייל אַרויספֿירן פֿון קלעם
דער אָפּגעצערטער קאַפּיטאַן סאַדאָווסקי,
געלעגן אויפֿגעמאַכט פֿאַר אים איז דער פּלאַנשעט.
די מאַפּע — אויף איין זייט, אַ בריוול — אויף דער צווייטער.
אים דוכט זיך: אויף דער מאַפּע שוין אַ וועג ער זעט,
נאָר ס׳האָט צום בריוו אים פֿרי׳ר אַ צי געטאָן מיט ווייטעק.
אַ בריוול פֿון דער היים... דאָס האַרץ רייסט אויף זיך מיטאַמאָל.
מיט בוכשטאַבן מיט גרויסע שרייבט זיין זון אים:
„איך קוש דיך, טאַטקאַ, הונדערט מאָל,
און נאָך אַזוי פֿיל הונדערט מאָל, ווען דו וועסט קומען!״
ביים ראַנד פֿון בריוו נאָך אויסגעמאָלט האָט ער
דאָס שטיבעלע — אַ לעבעדיקס, ווי ס׳שטייט ביים דניעפּער.
געקוקט אויפֿן געמעל דער קאַפּיטאַן האָט דורך אַ טרער,
געקוקט אויפֿן געמעל דער קאַפּיטאַן האָט דורך אַ נעפּל.

III.

דעם בריוו נעבן דער מאַפּע צוגעלייגט געשווינד,
אַ שאַרף געטאָן אין אים האָבן די אויסגעמאָלטע ביימער:
ווער ווייסט, וואו ערגעץ איז זיין זון אַצינד?
צי עפּעס נאָך חוץ דעם געמעל געבליבן פֿון זיין היים איז?
ווער ווייסט, וואָס זיין וואַסיאָנע האָט זיך דאָרט דערוואַרט!
ס׳איז עפּעס אַלץ אַזוי איצט ווייט און נאָענט און געשפּענסטיק . . .
דערמאָנט האָט זיך אַ זומערדיק־שלאָקסרעגנדיקע נאַכט —
וואַסיאָנע פֿלעגט אַראָפּ פֿון בעט, אַן עפֿן טאָן דאָס פֿענצטער,
און ס׳פֿלעגט אַ פֿרישקייט געבן זיך אַ רייס אַריין,
אַז ניט געאָטעמט, נאָר געטרונקען מ׳האָט זי קרעכצנד.
ס׳האָט פֿון דעם בריוו זיך אָנגעשווערט ס׳געמיט מיט פּיין,
קיין אויג ניט צוגעמאַכט האָט אין אַזוינע נעכט זיך...
און פּונדאָסניי — דאָס כתב, אויף דורך און דורך,
עס האָט זיך פֿאַר דער קלאָרסטער מאַפּע דאָן געדאַכט אים,
ווי דורך די קינדערישע בוכשטאַבן געזוכט
וואָלט ער אַ גאַנג — פֿון קלעם זיך דורכרייסן מיט שלאַכטן.

IV.

„איך קוש דיך, טאַטקאַ, הונדערט מאָל,
און נאָך אַזוי פֿיל הונדערט מאָל, ווען דו וועסט קומען!״ —
האָט ער ביז בלוט איבערגעחזרט אויף אַ קול,
אָן אָנגעזאָפּט מיט ווייטן, מיט געקרעמפּעוועטן אומעט.

דער טאָג איז אויפגעשטאַנען לויטער און צעשטראַלט.
באַגינען אויף אַ האַלבן הימל האָט צעשפּרייט זיך.
ס׳האָט דאָס געזאַנג פון פייגל אויפגעוועקט דעם וואַלד,
און אַ געזשום אַ גאָלדענער געגאַן איז פון די ווייצן.
אויף אַרבעט האָבן שמיד־ווערעם געטאָן אַ גיי אַרויס,
און ס׳האָבן שמעטערלעך צעלאָזט זיך שמחהדיק און לעכצנד.
„געשיקט זיך, אַז דאָס אַלץ וועט ווערן אויס?
אַז דאָס וועט אַלץ צעטראָטן און צעשטערט זיין?״
פון פעלד געגאַנגען איז אויף אים אַ זיסער רעש,
די זאַנגען אָנגעפּולט זיינען געוועזן מיט טוי נאָך.
ער האָט געוואוסט, צום טייכל לאָזנדיק זיך טאָן אַ וואַש,
אַז אָפּגעשניטן האָט פון אַלע זייטן אים דער שונא.

V.

געלעגן אַ פאַרוואונדעטער איז אויפן הוילן גראָז
מיטן פאַרבלאָטיקטן שינעל איבערן קאָפּ אַריבער.
ער האָט די וואונד פאַרבאַנדאַזשירן ניט געלאָזט,
ער האָט מיט דער באַגנעטן־שלאַכט דער לעצטער נאָך געפיבערט,
וואו אָפּגעגאָסן אין בלוט ער איז,
וואו אָן געווער, דעם ווי פאַרקלאַמערט,
האָט ער אין גאָרגל פון אַ דייטש געגעבן זיך אַ ריס
און זיך געלאָזט אַוועקטראָגן ערשט דעמאָלט.
אויף ביקסן אים געטראָגן מ׳האָט דעם גאַנצן וועג
אונטער אַ קוילן־גאַס, די קעפּ געבויגן.
— ווי פילסטו זיך, אַרלאָוו, — האָט יעדער אים געפרעגט,
נאָר ער האָט בלויז געפינטלט מיט די אויגן . . .
דער ראַנד האָט אויסגעזען — אַ שווינדלדיקע שוועל,
וואו פאַר דעם טויט געוועזן איז דער אַריינגאַנג אָפן.
עס האָט זיך קיינעם גאָר ניט מער געוואָלט אין פעלד,
נאָר וואו־ניט־איז זיך אויסציִען און שלאָפן . . .

VI.

באַגראָבן האָט זיך ווער אינעם בוריאַן,
אין קאָרן זיך באַהאַלטן ווער עס האָט געפרוּווט דאָרט,
אַרומגעגאַן איז צווישן זיי דער קאַפּיטאַן,
געקוקט: וואָס קאָן ער נאָך מיט זיי איצט אויפטאָן?
ער האָט נאָך אַלץ די קינדערישע בוכשטאַבן געקייט,
די הונדערט קושן, וואָס אין דר׳היים האָבן דערוואַרט אים . . .
אים האָט געדוכט, אַז ס׳קוקט פאַראיבלדיק אויף אים פון ווייט
זיין זיידע דער סאָלדאַט פון דער געוועזענער לייב־גוואַרדיע,

ווי אינעם ערשטן טאָג, ווען צווישן אייניקלעך און זין
זיך מיט די סיוּוע באַקענבאַרדן האָט צעלאָזט ער:
— מיר וועלן פריִ׳ר דאָס דריטע מאָל אַריינגיין קיין בערלין,
איידער זיי וועלן ס׳ערשטע מאָל אַריין קיין מאָסקווע.
צופוס, אַלצאיינס — דורך וואַסער און דורך גרונט,
ווי הונדערט יאָר צוריק אין הוילע לאַפּטיעס, —
און מיטן דריטן קעלישעק געטאָן עס אַ פּאַרטרונק
און מיט די פּיס די אַלטע צוגעקלאַפּט עס.

6. אַמאָל איז געווען

I.

סאַדאָווסקי איז געווען אַ יונגער אַגראָנאָם,
דאָס לאַנד געווען איז ווי אַ יום־טוב־טיש געגרייט אים.
עס האָט זיין טאַטע נאָך געטריבן אַ פּאַראָם,
פאַרזוכט די פאַנשטשינע האָט קינדווייז נאָך זיין זיידע,
און ער געזען האָט, ווי דעם דניפּער און זיין דראַנג,
דעם איינגעפּענטעטן אין שטיינעריקע ברעגן,
שפּאַנט מען אין ברויזנדיקער ליכט און אין געדאַנק,
אַז ניט נאָר בושעווען ער זאָל דאָרט, נאָר באַוועגן!
און ס׳איז אַ פלעטנדיקע פרייד אַזאַ געווען
צו אָט דער מי זיך צו באַהעפטן מיט אַ צוריר. . .
דאָס לאַנד דאָס גאַנצע מיט געצייגן אין די הענט
האָט ווי איין מייסטער אים געשליפן און געפורעמט,
און אים דערלאַנגט ווי אַ באַגינענדיקע גאָב
און מיט דער פרייהייט פון די ימען אים פאַרבונדן.
סאַדאָווסקי שטאָלץ געווען איז אויפהייבן דעם קאָפּ
און קוקן לאַנג פאַרגאַפט, ווי אויף אַ וואונדער.

II.

ער פלעגט אַרויספאָרן באַגינען אויפן פעלד,
אויף זיינע שפּראָצונגען די יונגע זיך אָן איב טאָן —
נאָך אַ פאַרשלאָפענע געלעגן איז זיין וועלט,
און ער געוועקט האָט זי אָן רעש, ווי אַ געליבטע.
פון איין זייט — שטרעקעס דרעמלדיקער סטעפּ
מיט גאָלד פון פעלד־בלימלעך מיט זוניקן פאַרפּראָשעט,
פון צווייטער זייט — דער מלכותדיקער דניעפּ
מיט דער באַצויבערדיקער קרוין פון זאַפּאָראָזשיע,

און ער אַליין, סאַדאָווסקי, איינדערמיט.
ער פּאַרט זיך לאַנגזאַם אין דעם לויטערן באַגינען,
און אַזאַ רואיקייט פאַרוויגט אים דאָס געמיט,
און אַזוי זיס איז אין דער שטילקייט צו באַזינען
פון צויבער־וואוקס די חכמה און די פּראַכט,
פונקט ווי דעם צויבער פון די צוימענדיקע שליוזן;
און קוקנדיק אויף זיי, האָט ער געטראַכט:
„דאָס איז דער אָנהייב פונעם צוקינפטיקן רוסלאַנד!"

III.

און מיטאַמאָל — דער קריג! ווי פון דער העלער הויט.
און אײדער וואָס — חורבנדיקער האַגל שוין פון בלײַ איז;
שוין הפקר הוליעט און עס בושעוועט דער טויט,
און דורכגעבראָכן זײַנען ראַנדן שוין דורך פײַער.
בײַ דעם וואַרשטאַט שטייט נאָך דער אַרבעטער פּאַרטאַן,
נאָך בײַ דעם היי־שניט פּאַרעט זיך דער פּויער,
און ס'קומען צוגן מיט פאַרוואונדעטע שוין אָן,
און אויף אַ נאַכטלעגער בעט זיך שוין דער טרויער.
און אײדער וואָס — דערשלונגען איז שוין ברעסט,
דער אַלטער מינסק אין פײַער שוין דערטרונקען.
און פליטים אויף די וועגן ערגעץ פּרעסט
אַ נידעריק־אַראָפּגעלאָזטער שוואַרצער יונקערס.
איז וואָס וועט ער זיך שטעלן וואַרטן אויף זײַן רײ?
דעם וועג ער טרעפן וועט אַליין אַהינצו;
אַרײַנכאַפּן מען דאַרף אַ ווײַלע זיך אַהײם,
געזעגענען דאָרט מיטן ווײַב און מיטן קינד זיך.

IV.

אַ ווינטל האָט מיט זיסער צערטלעכקייט געגלעט
זײַן אויפגערעגט־פאַרזאָרגטן פּנים;
ער האָט אַרויסגענומען זײַן פּאַרטיי־בילעט,
אַ לייען צוויי מאָל נאָכאַנאַנד געטאָן אים;
דער נאָמען, די פאַמיליע, אָט זײַנען זיי,
ווי פלאַצונגען פון לאַנד מיט ליבע אָנגעצייכנט.
„נו, אָט, מײַן פרײַנט, סאַדאָווסקי אַלעקסיי", —
האָט ער צו זיך אַליין געווענדט זיך מיט אַ שמייכל,
געלאָפן ווײַטער מיטן בליק: „וואָס נאָך?"
אַרײַנזוויגן האָט אַלץ אים מיטאַמאָל געוואָלט זיך.
„געבורט — ניין הונדערט צוועלפטער יאָר,
אַ קאָמאַנדיר פונעם זאַפּאַס", — זיך אויסגעגלײַכט אַ שטאָלצער,

און גאַכאַמאָל אין ביכעלע אַ קוק,
זיין אָפּבילד און דעם שטאַמפּ געפּרואווט אַ מעסט טאָן:
„נו, אָט! צי איז דאָס אַלץ דען ניט גענוג?
מיט וואָס איז דער בילעט ניט קיין געזעצלעכע פּאָוועסטקע?״

V.

דאָס ערשטע מאָל ווי ס'ברענט אַזוי די זון,
געדוכט סאַדאָווסקין גייענדיק זיך האָט דאָרט.
אין הויף געשפּילט האָט זיך זיין קליינער זון,
פון זאַמד פון גאָלדענעם אַ שטיבעלע געקנאָטן,
אַ קוק און צווײ, קיין רגע ניט געזאַמט,
ער אָרום קינד געגעבן האָט אַ דריי זיך...
— אָהערצו טאָן מען ניט! — פאַרדעקנדיק דעם זאַמד,
האָט אויפן פאָטער זיך דאָס קינד צעביזערט.
— גערעכט, מיין זון! — האָט ער געטאָן אַ גיי
און אים, אַ שולדיקער, אַרומגענומען.
— וואו איז די מאַמע, זאָג מיר, וואָראַביי,
די מאַמע איז פון שול נאָך ניט געקומען? —
און נאָך עפּעס געטאָן ביי אים אַ פרעג,
געקוקט אויף אים. אַליין געוועזן ערגעץ ווייט שוין.
— דו פאַרסט אַוועק? — איך פאָר אַוועק!
— וואוהין? — זיך שלאָגן, וואָראַביי. זיך שלאָגן מיט די דייטשן!

VI.

און צו דער שול האָט ער פאַרקער'ווערט שנעל די טריט,
באַמערקט די לערערין האָט אויף אַ האַלבן וועג אים.
די קינדער אָפּגעלאָזט אַהיים פאַרפרי
און זיך צו אים אַליין געלאָזט אַנטקעגן:
— מ'האָט דיך אַרויסגערופן? שוין דיין ריי? —
האָט זי מיט אויגן בלישטשענדע אַ גלעט געטאָן אים.
— איך בין אָן אייגענער! — האָט ער איר שמייכלדיקערהייט
אַ זאָג געטאָן: — קיין איינלאַדונג באַדאַרף אים ניט, וואַסיאַנע! —
אין הויף פון שול האָט מען געקאַסיעט היי,
געמורמלט האָבן ביימער אומעטיק, פאַרשלעפּערט...
זיי זיינען ביידע פּייערלעך געגאַן אַהיים,
אפשר אויף קיינמאָל דאָרטן מער זיך שוין ניט טרעפן.
פונקט ווי פאַרשרייבן זיך פונסניי געגאַנגען זיינען זיי,
מיט ווי געריסן יעדער טראָט האָט פון דער ערד זיך.
דאָס שטיבעלע פון זאַמד באַנייט האָט וואָראַביי,
זיך דאָרט באַזעצן וועלן איצט אויף לאַנג זייערע הערצער.

VII.

פאַר איר סאָלדאַט האָט אַלץ געמאַכט וואַסיאַנע שנעל,
אין וועג אין ווייטן מוטערלעך געגרייט אים;
אַ ווילדע צוגעזעצט אַזוי זיך פאַר דער שוועל,
זי וועט אים ביזן צוג אַליין באַגלייטן.
די גאַנצע צייט אין אים געשפּיגלט האָט זי זיך,
איר האָט געדוכט, אַז זי פאַרהיט אַט דאָ אים פון געפאַר שוין;
איר האָט געדוכט, אַז שוין פאַרברוינט איז זיין געזיכט
פון שווערן גאַנג און אונטערוועגדיקע מאַרשן.
זי האָט קיין וואָרט קיין איינציקס ניט גערעדט,
בלויז מיט די בליקן אים אין זיך אַריינגעזויגן...
— וואַסיאַנע, ס'איז שוין צייט! עס איז שוין שפּעט, —
האָט ער אַ קוש געטאָן וואַסיאַנען אין די אויגן
און מיט דעם מויל אַראָפּגעווישט אַ טרער —
וואַסיאַנעס טרער, ווי זי געטריפט וואָלט פונעם הימל.
עס האָט אַ דורכפּלי זיך פון בושעלעס דערהערט,
און בידע האָבן זיך פאַרקוקט, ווי אויף אַ גוטן סימן . . .

VIII.

און אויפן זיידן נאָך אַ ווילינקע געוואָרט,
געפּאַרעט ערגעץ האָט דער זיידע זיך אין גאָרטן;
ער האָט אַ ווינשלבוים דאָרט מיט אַ דראַנג אונטערגעשפּאַרט,
דאָס פּנים אויסגעקער'וועט בלויז, אין צווייגן איינגעפלאָכטן:
— דו גייסט שוין, אַלעקסיי? נו, גיי מיט מזל! וואָרט . . . —
אַדורכגעשפּאַרט צווישן די ביימער אין דער מיט זיך,
און זיין סאָלדאַטסקע קעסעלע פון דריי מלחמות אים געבראַכט:
— נאַ! ביז מ'עט דיר אַרויסגעבן אין פּאָלק די אַמוניציע! —
זיין קאָפּ אַליין געווען איז ווי ווינשל־צווייט,
וואָס האָט פון גאָרטן צוגעשוועבט באַגלייטן אויף דעם קריג אים;
געקלונגען האָט אים נאָך ביז איצט זיין קול, ווי אַ געשמאַקע ליד,
פונקט ווי דער שאָרך פון ביימער, וואָס פון ווינטן זיך צעוויגן.
איצט האָט ער אויפהייבן די אויגן ניט געוואָגט אַהין,
געשפּרייט האָבן זיך גרוי־געוואָרענע, פאַרשוועכטע מיילן:
די ווידעס... זיי זיינען אַריין דאָן קיין בערלין,
און ער — אין קלעם אַריין איז איצט דערווילע . . .

7. דער עראָפּלאַן און דאָס שמעטערל

I.

אויף מיילן־ווייט געהערט האָט זיך דער טראָט
פון טרזיער־מחנות הימלאָזיקע פּליטים;
געפּלייצט, ניט ווי סנדיק וואוהין, מען האָט,
אין קלומקעס איינגעשפּאַנטע, אָן באַגלייטער.
אַיעדן וועג האָט זיי די פיבער־שטאָט פאַרטרויט,
פאַרטרויט דעם פעלד האָט יעדע גסיסהדיקע גאַס זיי,
און אָנגעטריבן סווישטשענדיק דער טויט
האָט זיי מיט ברענענדיקע בייטשן פון פוגאַסן.
געגאַן אויף מזרח זיינען יונג און אַלט,
מיט קינדער אויף די הענט, מיט זקנים אונטער אָרעם —
זיי נאָכגעגאַן אין ברענענדיקער וואַלד,
זיי נאָכגעגאַן איז אויסגעקלאַפּטער קאָרן.
געשטראָמט, פאַרפּלייצנדיק, אַ מחנה נאָך אַ מחנה האָט —
צופוס, אויף וועגענער, איבערן וועג צעזייטע,
ווי ס׳וואָלט די אַדערן אַליין געעפנט זיך די שטאָט
און אָפּגעגאַן מיט בלוט, און אָפּגעגאַן מיט ווייטעק.

II.

געטאָפּט, ווי אין דער פינצטערניש, האָט יעדן איינעמס שפּאַן,
און גאַרניט זעענדיק, האָבן זיי מיד אַזוי געשלעפּט זיך,
און פון דער הייך האָט זיי דערזען אַ דייטשישער עראָפּלאַן,
אַ לאָז געטאָן זיך, ווי אַ וואָלף, צו אומבאַשיצטע שעפּסן.
ער האָט פּיקירט. דערנאָך — אַ קרייז. דערנאָך — איבער די קעפּ.
פון מאָרד דעם תענוג האָט ער לאַנגזאַם זיך צעצויגן,
און שוועבנדיק אַראָפּ, ווי דורך ספּיראַל־אַרטיקע טרעפּ,
האָט ער די אומגליקלעכע נאָך געוואָלט אַ קוק טאָן אין די אויגן . . .
און צוגעפאַלן איז די מחנה צו דער ערד,
זיך איינגעקלעפּט ביז משוגעת אין אירע פאַלדן,
פאַרטויבטע — ניט געוואוסט האָבן זיי רעכט,
צי זיינען זיי שוין טויט, צי דאַרף דער טויט ערשט אַ באַפאַל טאָן!
אַראָפּגעפּירט פון זיגען האָט זיי בלויז דער זשום
און דער געפּרעסטער רעש פון אייזערנעם געפּאַכע.
עס האָט זיך אַ געשריי געוואָרפן אויף אַרום
און צ׳ריק געפאַלן דאָרט אין בלוט און אין געכאַרכל.

III.

אַ לאַף געטאָן אַ קינד האָט פון דערשרעק,
הערזען אַ שמעטערל און אויסגעשטרעקט די הענט דעם,
און נאָכן קינד האָט זיך געלאָזט דער שפּאַרבער אין גאַיעג —
דעם פּילאָטאַזש דעם סאַמע נידעריקסטן אָנגעווענדעט.
אַ גענעראַל־געשלעג! אַ ריטערלעכער איינס־אויף־איינס
צווישן אַ דייטשן „אַס" און היימלאָזיקן יתום,
וואָס האָט אַ שמעטערל געהאַלטן אין די הענט אַ קליינס,
די פליגעלעך מיט גאָלד מיט זוניקן באַגאָסן.
געריסן האָבן שטיקער ערד זיך אין דער הייך,
מיט קעפּ מיט בערדיקע צעשמעטערט און צעשפּליטערט,
און מיט דעם בלוט פון קינד באַצירט דעם בויך,
זיך אָפּגעטראָגן אין די וואָלקנס האָט דער דייטשער ריטער.
און אָפּגעטאָן מען האָט דאָרט די הרוגים רעכט,
דער דאָקטער הילף האָט די פאַרוואונדעטע געגעבן,
און אויפגעהויבן מ'האָט זיך פון דער טרויעריקער ערד,
געלאָזט זיך ווייטער גיין און ווידער — לעבן . . .

IV.

מיט טאָרבעס אין די הענט, מיט זויגקינדער אין שויס,
מיט בראָך אין האַרץ און מיט שיגעון אין די בליקן —
אויף אומוועגן פון טויט טאָג־איין, טאָג־אויס
האָבן זיך יידן היימלאָזע געזוכט אַן ערי־מקלט,
אַן אָרט, אַ נאַכטלעגער, אַ דאַך
ביים שמידניקן פראָסט און שמעלצנדיקן פייער;
דער יאוש האָט פון זיי, פאַרפלייצנדיק, געשפּאַרט
און זיי געפירט, ווי אַ פאַרבלאָנדזשעט טויזנטיעריקע לוויה . . .
זיך אָפּגעשטעלט צומאָל, באַזונדער און באַנאַנד,
אונטער דעם פייף פון שרויט און פאַטשנדיקן רעגן —
אַן אומגעפאַלענעם דאָרט אויסשטרעקן די האַנט,
און אַ געפאַלענעם באַגראָבן אונטערוועגנס,
און ווייטער זיך געשלעפּט אויף קיינעמס ניט באַראָט,
געוואָגלט ווייטער אין דעם אויסזיכטלאָזן אומגאַנג,
און אויסגעפּאַכט דעם חיות יעדער איינער האָט,
אויף אַקסל שלעפּנדיק, פונקט ווי אַ באַרג, דעם אומגליק.

V.

געטריבן האָט דער דייטש זיי האַסטיק פון דער ערד,
נאָר אין אומענדלעכקייט האָט זיי געפירט דער וועג דורכדאָנען.
פון טרערן אויסגעדעמפּט — איז הויך און שווער
געהאַנגען איבער זיי אַ שוואַרצער עמוד־ענן . . .

די תוכחה האָט פלאַקערדיק אויף זיי באַגינט:
ניט נעכטיקן אָט דאָרט, וואו ס'האָט געטראָפן זיך צו טאָגן,
האָט עס געטראָגן זיי, ווי זאָמד צעווייעטן פון ווינט,
ווי קערנער אויפן פעלד, צעקלאַפּטן פון אַ האָגל.
און ערגעץ מיט אַ קינד מיט אַ צעטומלטס פּאָר דער האַנט,
זיך איינהערנדיק אין זיין יענוועלטיקן קול באַר,
בעגאַנגען איז צווישן די ערשטע אַ באַיאָרטער מאַן,
אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ אין אויפגעשטעלטן קאָלנער:
אונטער דער פּאַכווע — אַ פוטליאַר, פּונקט ווי אַ טרונעלע אַ דינס,
אונטער די ברעמען — אויגן אויסגעלאָשן־מידע;
געבליבן פון דער גאַנצער וועלט איז אים דאָס קינד,
און פון דעם קינד — זיך איינגעקלאַמערט האָט אין אים דער פידל.

VI.

נאָר ער האָט אויף קיין פידל ניט געשפּילט.
דעם מענטשן אויסשפּילן ביים טויט באַרופן ער געוועזן אַמאָל איז.
באַגלייט האָט אים דער זיבן־יערעדיקער פידלער שטיל
איבער זיין אומענדלעכן טרויעריקן גלות.
ער איז געגאַן, פאַרטיפט אין זיך און אין דער וועלט,
געזוכט צוזאַמענהאַנג, וואָס האָט שוין אָפּגעטאָן זיך.
אין זיינע אומרואיקע אויגן האָבן טרערן זיך געשטעלט,
זיי האָבן איבער יעדן קעגנשטאַנד מיט ווייי געבלאָנדזשעט:
דער בוים איז בוים. דאָס גראָז איז גראָז. די ערד איז ערד, —
האָט זיך דאָס האַרץ מיט ביטערקייט געלאָזן אַ באַשאָט טאָן,
נו, און דער מענטש? דער דאָקטער צבי מארגוליס — ער?
קער אים די וועלט אָן ווייניקער נאָך ווי אַ שאָטן?
דער מענטש! געשיקט זיך, אַז דער מענטש קאָן גאָרניט טאָן,
ווען ס'קומט די צייט, ווען ס'קומט די פּרואוו פון גורל?
נו, און אַ פאָלק?! אַוועמען גייט זיין אומגליק אָן
אָט דאָן, ווען סע פאַרשעלט דעם טאָג פון זיין געבוירן?

VII.

ער זעט אַצינד די מענטשהייט ווי אַ קראַנקן בוים,
אין וועמענס פּרוכטן ס'האָבן ווערעם זיך פאַרנעסטיקט,
און וויקלען רונד אַרום זיי מיט אַ וואַרגנדיקער צוים,
און טריפן אָן אין יעדער איינער סם און פּעסט דאָרט,
און דריבגען אין געוועב אַריין שוין דורך אויף דורך,
די וואָרצלען און די קרוינען ערטערוויז געפּלעט שוין.
וואָס פּאָר אַ גליק עס איז פון צוויג זיך אָפּרייסן דער פּרוכט
און, פאַלנדיק אויף דר'ערד, די פּעסט מיט אייגן לייב דערקוועטשן!
געוויס איז יעדע צוויג פאַרטאָן אין זיך אַליין

און ראַנגלט זיך דורכאויס פאַרקלעמט אין פייער,
און ס׳קאָן צו איר דער בראַך פון ברידער ניט דערגיין, —
אָבער דער בוים? דער גאַנצער עץ־החיים?!
עס האָבן די פאַראורטיילטע נאָך אים געפאָלגט
מיט אויגן דורכגעברענט, צו קיינעם ניט געווענדט שוין:
— ווער טראָגט דעם קין־צייכן פאַר אַ פאָלק?
ניט נאָר דער קאַט,—אויך דער, וואָס האָט די האַק געגעבן אין די הענט אים!

VIII.

געצויגן ווייט פאַראויס האָט זיך דער וועג.
איעדע ווייל האָט מען זיך אומגעקוקט צו פרישע גריבער;
מע האָט זיך ניט געציילט דאָרט — וויפל מ׳איז געווען,
מע האָט זיך ניט געציילט דאָרט — וויפל מ׳איז געבליבן...
דער דאָקטער האָט געדענקט: אַז ווי ביים ים דער זאַמד...
דער דאָקטער האָט געדענקט: אַז ווי די שטערן אינעם הימל...
געגאַנגען שטיל. זיך ניט פאַרהאַלטן, ניט געזאַמט.
נאָר ביי די קברים ביי די לייבלעכע פאַרלייגט מען האָט אַ סימן...
פונקט אַט אַזוי געלאָזט האָט ער אַ קבר אויפן וועג
און מיט אַ וואַלגער־שטיין דערהרגעטע פאַרשפּראָכן האָט ער,
און נעכט זיינען געבליבן נעכט, און טעג זיינען געבליבן טעג,
און הימלאָזע דעם ווייטעק מיט די פיס האָבן געטראָטן...
דער דאָקטער האָט זיך אַלע ווילע אומגעקוקט צוריק,
פאַרהאַלטן האָט דער וועג דאָרט יעדן שפּאַן אים.
„און דאָך! — געטראַכט האָט ער, — געהערט דער זיג
דעם קינד, דעם מיטן שמעטערל, איבערן קאַט גערמאַניע!“

8. צוויי סאָלדאַטן צו דער פּאָר

I.

געלעגן פאַר סאַדאָווסקין זיין פאַרמעג איז אַ צעפּראַלטס,
באַשטאַנען ס׳איז פון אַ פלאַנשעט און צוויי־דריי קאַרטעס.
„עס וועט אים אויסקומען, — האָט ער געטראַכט, — איצט זיין דאָ אַלץ:
אי קאַפּיטאַן, אי גענעראַל, אי דער פאַרטיילער פון די וואַכטעס“.
אַ קורצער ראַט מיט קאָמאַנדירן אינעם וואַלד,
באַשלוסן אויסגעטאַקט אין קורצע זאַצן:
אָוואַדיס לאָזט נאָך פּראָוויאַנט זיך באַלד,
מעדיקאַמענטן אָנשמעקן לאָזט ערגעץ סעמיבראַט זיך.

געקוקט פון קאַרטע האָט אַן אַנגעמערקטער וועג,
צו אים נאָך צווײ, — האָט מיט פּאַרמאַכטע אויגן ער דערמאָנט זיך,
אין אויסשפּיר לאָזט דורך איינעם זיך באַנאַכט אַוועק
אינאיינעם מיט אַ גרופּע דער פּאַרטאָרג פון ראָטע — מאַנציס.
בּעענדיקט האָט זיך שנעל דער קורצער ראַט,
די אויפגאַבּעס האָט אין געדאַנק זיך יעדער אויסגעריכט שוין.
סאַדאָווסקי האָט זיין שטאַב אונטער אַ דעמב באַשטאַט,
און אין אַ לאַסטוואַגן — די איבעריקע ווירטשאַפט.

II.

ניט איבערגעפרעגט קיינער האָט קיין וואָרט,
באַרעדעוודיק פון בליק געווען דער גלאַנץ איז,
מיט זיך אין אויסשפּיר האָט זיך נאָך
מאַמעדאָוון און דראָזדן מיטגענומען מאַנציס.
געררוט האָט שטילקייט אויף זיין בייניקן געזיכט,
אַראָפּגעגליטשט פון דעם האָט זיך אַ יעטווידער געטומל;
ער האָט געהאַט אַ טבע רעדן אָפט אַליין מיט זיך
און מיטן קאָפּ נאָך צושאָקלען, ווען עפּעס אויפן זין איז אים געקומען.
דער שווערסטער גאַנג איז ניט געווען פאַר אים קיין יאָך:
איין פּיפּס — און צווײ סאָלדאַטן צו דער פאַר אים!
ביז איצט געדענקט ער, אַז צו קנאַפּע דרייצן יאָר
איז ער צופוס געגאַן פון סטאַלינדאַרף קיין יעוופּאַטאָריע
אינאיינעם מיט זיין טאַטן, מיט דעם גאַנצענעם געזינד —
דאָס פּסחדיקע בעכערל אויף אַ בילעט פאַרהאַנדלען . . .
צי דאָס איז אויפן זין געקומען אים אַצינד,
צי אויפן זין איז אים געקומען איצטער עפּעס אַנדערש,

III.

נאָר אויסגעדאַכט זיך האָט — מיט זיך אַליין ער רעדט
און שאָקלט מיטן קאָפּ אַליין זיך צו נאָך.
די נאַכט האָט זי מיט ריחות זאַפטיקע געפּלעט,
פאַרטויבט האָט זי פון ווייט אַרטילעריסטישער געדונער.
דאָך שטאַרקער פון דער שטאַרקסטער שיסעריי
געווען זיינען די נאַכטיקע די זיסע אַראָמאַטן;
די האָבן זיך אין האַרץ געטאָן אַ ריס אַרייַן
פון גערטנער און פון פעלדער, אַנגעזאַפּט מיט מיאַטע.
— דו ווייסט ניט, דאָדיק, ווען ס'איז ספּאָס? —
האָט דראָזד געווענדט זיך פּלוצעם צו זיין חבר;
די אויגן האָבן אים געהיצט, די ליפּן — בלאָס, —
מיט עפּל קער איצט אָפּגעשיט זיין פּאָלטאָווע! . . . —

ס'האָט דאָדיק מאַנציס וועגן ספּאָס איינגאַנצן ניט געוואוסט,
און ס'האָט אים באַנג געטאָן, נאָר חשק ניט געהאַט צו קלערן;
אים איינהאַלטן געוואָלט האָט זיך דעם אָטעם און דעם הוסט,
אַז עמעצער אַרום זאָל זיי צומאָל דאָ ניט דערהערן . . .

IV.

נאָר ער אַליין האָט אין דער נאַ'נט דערהערט
אַ שטילן שאָרך צווישן די גראָזן אַ געהיימען,
ווי אין אַ קרעכץ וואָלט זיך פאַרגיין אַליין די ערד
און ווי צו עמעצן גערופן וואָלטן ביימער . . .
זיי האָבן זיך אַן אויגנבליק פאַרטיי'ט,
און מיט די בליקן וועגנדיק, זיי האָבן גליך באַשלאָסן:
מע קאָן זיך נעמען מיט דער זייט,
מע דאַרף אָבער נאָך דעם געשאָרך זיך לאָזן . . .
ס'האָט אַלץ זיך אויסגעמישט אין שטילקייט פונעם פעלד:
דאָס קול פון גראָז, פון אַלץ, וואָס ווידמעט און וואָס מערט זיך,
און דאָס דערשטיקט געיאָמער פון דער וועלט,
און פון פאַרוואונדעטע דאָס ווייטעקדיקע קרעכצן.
זיי זיינען צוגעגאַן פון זייטן צוויי,
זיך אומגעקוקט, ווי עמעץ וואָלט נאָך זיי געלאָקערט.
דערהערט האָט פון אַ קינד זיך אַ געוויין,
דערהערט האָט זיך אַ קללה פון אַ זקן...

V.

— פון וועלכן דאָרף? — האָט אים אַ פרעג געגעבן דראַזד.
— איר זייט פון אונדזערע? — האָט זיך אַ הייב געטאָן דער זקן.
איבערגעקייקלט אין דער ווייט האָט זיך אַ שאָס.
— פון אונדזערע! — געאיילט האָט מאַנציס זיך אים זאָגן.
געווען די באָרד ביים זקן איז אין בלוט,
געווען ביים קינד דאָס פּנים איז אין בלאָטע;
אַראָפּגעכאַפּט פון קאָפּ דער זקן האָט די הוט,
מיט איר אויף צעריק אַ טייט געגעבן האָט ער:
— פון וואסילקי, אויף יענער זייט בורלוק, —
האָט אויף אַ טיכל ער ניט אויפגעהערט צו טייטן.
דערלאַנגט אַהין האָבן די אויסשפּירער אַ קוק:
עס האָבן שריפות זיך אויף יענער זייט געשייטערט.
— דעם טיטולס היגט! אויף שטיקער ריסן זיי דאָס דאָרף . . . —
האָט פונעם זקן קוים געהערט זיך אַ געשטאַמל,
דאָס קינד אַ גלעט געגעבן האָט ער פאַר די האָר, —
און זיי, די עופעלעך, מיט אַזאַ שמירעכץ זיי פאַרסאַמען.

VI.

געצויגן אין דער הייך האָבן זיך ביימער אומבאַוועגט,
צום הימל אויסגעשטרעקט די אָפּגעשיילטע העלדזער.
— אַ סך, — האָט מאַנציס אים געטאָן אַ פֿרעג, —
האָבן אין דאָרף פֿון זיי דאָרט אָפּגעשטעלט זיך? —
אינעם געזיכט האָט מאַנציסן דער זקן ניט געזען,
זיין ענטפֿער האָט געטאַפּט דעם חושך, ווי אַ בלינדער:
— ס׳מאַכט איינער דעם בייזוואונדער אָן פּאָר צען,
פֿון צען ווייסט שוין דער טאָג אַליין ניט וואו זיך היינטאָן . . .
נאָר אָנגעשיקט אַליין דער גיהינום האָט אַהין
אַ היצעל מיט אַ קאָפּטע והעלף אינאיינעם.
מע זאָגט: די פֿינצטערניש פֿאַרטראָגן האָט זיי פֿון בערלין,
מיט שאַרבנס זיינען זיי געצייכנט און מיט ביינער,
אויף קינדער גלייך האָבן זיי אויסגעפּרוּווט די העק,
זיי האָבן גלייך די זקנים אויסראָטן באַפֿוילן.
ס׳ווייסט יעדער בוים, ווער איז דער — היצעל — פֿרעג!
אַ יעדער קבר האַלט שוין מיט אַ קללה איצט אין מויל אים . . .

VII.

מיט פֿייערן אַדורכגעגנייט האָט זיך דער ראַנד,
ווי מיט אַ מעסער האָט די נאַכט איעדע ווייל געטאָן אַ שינד אים.
— נו, הייב זיך, זיידע, אויף,—האָט מאַנציס אים גענומען פֿאַר דער האַנט,—
וועסט גיין מיט אונדז, צו אונדזערע אַצינדער! —
געהערט האָט זיך דאָס טייכעלע אויף ווייט, ווי ס׳פּליסט,
גלייך מיט אַ שליחות ס׳וואָלט געאײַלט איבערן ראַנד זיך.
געהאָלפֿן שטעלן האָט מאַמעדאָוו זיך דעם זקן אויף די פֿיס,
דעם שטעקן אויפגעהויבן האָט פֿון דר׳ ערד אים מאַנציס.
אַ מעסט געטאָן דעם וועג צום וואַלד אויף צ׳ריק
און אויפֿן וואונק געווענדעט איילעוודיק און פּראַסט זיך:
— מאַמעדאָוו, נעם דאָס קינד! מאַך אין די אָרעמס דעם אַ וויג!
אַ סעכערל, גיב נאָר אַ נישטער, אפשר האָסטו? —
געגעבן האָט אַ שטערן זיך אַ לאָז אַראָפּ;
צום וואַלד צוריק מיט זיי מאַמעדאָוו האָט געלאָזט זיך,
און אויסקער׳וועגדיק אַלע ווייל צו זיי דעם קאָפּ,
האָט מאַנציס ווייטער פֿאַרגעזעצט דעם וועג מיט דראָזדן.

9. דער בושל ברענגט אַ ידיעה

I.

קיין דורכגאַנג און קיין וועג איז ניט פאַראַנען מער,
אַ ליג געגעבן אויפן האַלדז האָט זיך דער טאָג מיט פיבער:
אָט איז אַ וואַלד אין רואיק־האַרבסטיקן פאַרקלער,
אָט זיינען שטיבלעך היימלאָזע צונויפגעטריבן,
און ווייטער — איז דער פיינט. און ווייטער — איז דער טויט.
און ווייטער אויף אַרום — פאַרזואָרפן שוין אַ שליף איז...
און, פיקנדיק דאָס מיסט, צו אַלעמען פאַרטרויט
געזוכט טאָג־טעגלעך ברויט האָבן די שטילע עופות.
ס'איז, דאַכט זיך, אַלץ אַזוי ווי אַלעמאָל:
די ערד, דער וואַלד, דער הימל און די ביימער,
נאָר ס'האָט ביי יעדן זיך אַ זעץ געטאָן דאָס קול,
און אויסלויפן גענומען האָט די צייט מיט אימה.
געוואָרן עפּעס אַנגעלאָדענער זיינען די פיס,
געקוקט אַזוי אומהיימלעך האָבן וועגן.
צי וועט מען זיך אַדורכרייסן נאָך ווען־עס־איז,
צי שוין מיט אַלץ זיך אין דער וועלט אָט דאָ געזעגן?!

II.

סאַדאָווסקין האָט די אומגעדולד געאיילט,
די זאָרג אויף אים געוואָקסן איז אינדרייען.
זיך אָפּגעטאָן פון אייניקע האָט אויף אַ ווייל
דער מלכותדיקער שטאָלט און גלאַנץ פון חיל.
די היץ פאַרצויגן האָט דעם גאַרגל און געברענט,
פון בוים האָבן זיך שאָטנס ניט געלאָזט פאַנאַנדערשליסן.
ביים האָריזאָנט, די פליגל צו דער הייך געווענדט,
געגאַנגען זיינען ווינטמילן, ווי מ'וואָלט געיאָגט זיי שיסן...
אַ בושל מיט געהיטן וויגעדיקן טראָט
אַראָפּגעלאָזט, ווי אַ ידיעה, האָט פון סטעפּ זיך,
אַז אויפן וועג, יתומהדיק, אויף גאָטס באַראָט,
צעשראָקענע, פאַריאָגטע, בלאָנדזשען ערגעץ שעפּסן . . .
געלעגן דאָס צעטראָטענע געוויקס איז אויפן שליאַך,
קיין ווינט געוואָלט האָט ערגעץ זיך אַ ריר טאָן.
און איינער מיט אַ קינד און מיט אַ שטויביקן פּוטליאַר
געגאַנגען איז, ניט וויסנדיק אין וועלכער ריכטונג.

III.

די ברכה האָט מיט ווי זיך פון דער ערד געשפּאַרט,
ס'איז אַ גערעטעניש געווען. געגאַן איז שפּע.
ווי אַ געפּאַנגענע געלעגן איז די פּראַכט —
פאַראורטיילט, הפקר און פאַרשלעפּערט.
דער רינג פון שונאס קלעם און צוואַנג
האָט ענגער אַ פאַרשליס און אַ פאַרצי געטאָן זיך.
פון בוים צו בוים, פון זאַנג צו זאַנג
געגנבעט האָט אַן אומעט זיך, ווי אַזאַ טריבער אַנזאַג.
— פאַנאַנדערשטעלן גלייך זיך אויף אַן איבערדרוף! —
געגעבן אַ קאָמאַנדע קורץ דער קאָמאַנדיר האָט.
און פון דער ווייט צו אים האָט ווענדן זיך געפּרוואוט
דער מאַן, וואָס האָט, ניט ווייסנדיק וואוהין, דעם וועג געווירעט.
געפאַלן איז די נאַכט. אַן אומרואיקע. וויסט.
דער ראַנד האָט נאָך אין פלאַם געהאַלטן זיך אין שמעלצן.
דער קאָמאַנדיר האָט פונדערווייטנס זיך באַגריסט
און אויף דעם רוף פון אומבאַקאַנטן אָפּגעשטעלט זיך.

IV.

— אָוואו איז אייער ביקס? — אַ קער'ווע זיך געטאָן האָט ער
צו דעם באַיאָרטן מאַן מיט דרך־ארץ.
— כ'פאַרשטיי... כ'פאַרשטיי... נאָר ניט קיין ביקס איז מיין געווער, —
געענטפערט האָט דער מאַן: — אַ סקאַלפּעל מיין געווער איז!
— אָוואו איז אייער סקאַלפּעל? — צוגעלייגט דער קאָמאַנדיר די האַנט
האָט צו דעם שלייף אַלס צייכן פון באַגריסונג.
באַהערשט אַ וויל האָט אַ פאַרלעגנהייט דעם מאַן:
— אפשר איז מעגלעך גלייך זיך צו דערוויסן,
וואו וועט אים אָנווענדן דעם סקאַלפּעל דיין באַפעלט? —
עס האָט דער קאָמאַנדיר די האַנט געגעבן אַ דערלאַנג אים
און אים אַ וויַז געטאָן: — איבערן גאַנצן פעלד!
ס'איז ניט פאַראַנען אין פאַרוואונדעטע קיין מאַנגל . . . —
און דריקנדיק די האַנט מיט אַכטונג דעם כירורג,
האָט ער צו זיך אַליין פון אויפרעגונג גענומען ריידן:
— און סעמיבראַט... דער דריטער טאָג... צי וועט ער דורך...
ס'האָט טרעפן אויפן וועג מיט אים געקאָנט פאַרשיידנס . . .

V.

באַמערקט דער קאַפּיטאַן האָט ערשט אַציַנד
דעם קליינעם בעזשענעץ נעבן דעם טרויעריקן מאַן דעם אַלטן:
— אַן אויגנבליק!... דערלויבט... ווער איז דאָס קינד? —
האָט ער דעם דאָקטער אויף אַ ווײַלע נאָך פאַרהאַלטן,

געקוקט אויף דעם, ווי אַ פֿאַרשולדיקטער, האָט ער
אויף די געזיכט־צוגן די מאַגערע און אויסגעטאָקטע.
— דאָס סאַמע אַלטע אויסקויף־בלוט פֿון דר׳־ערד, —
האָט מיט די אַקסל שטיל אַ קנייטש געטאָן דער דאָקטער.
געוואָרעמט, האָט סאַדאָווסקיס האַרץ אַ בריוו
מיט אַ געמעל, מיט ביימער, מיט אַ שטיבל...
און מיטן קינד אַוועקגעגאַן אין וואַלד־געדיכטקייט טיף
צו די פֿאַרוואונדעטע דער דאָקטער איז אַ טריבער.
באַגלייט סאַדאָווסקי שווייגנדיק האָט אים
און לאַנג אַ טרויעריקן בליק אויף אים פֿאַרהאַלטן.
עס האָט געדוכט, אַז ס׳ציטערט נאָך דעם דאָקטערס שטים:
„דאָס אויסקויף־בלוט פֿון דר׳ערד דאָס סאַמע אַלטע“...

10. פּראָוויאַנט

I.

ביים טייכעלע בורלוק — ביז צו דעם האָלדז אינעם טשערעט —
געוויקט אַוואַדיס האָט אַ גאַנצן טאָג זיך.
אַ וועג אַן איינזאַמער האָט זיך אין ווייט געשטרעקט,
געבלאָנדזשעט איבער אים האָט, רעווענדיק, אַ סטאַדע אָקסן.
געטומלט האָבן דייטשן ערגעץ גאָר ניט ווייט,
פֿון שיך געקאָוועטע געהערט האָט זיך דאָס קלאַפּן.
ווער אַנגעטאָן, ווי האָלדזבאַנדן, די וואורשטן האָט פֿאַרשייט,
ווער אַרום בויך מיט עופֿות, ווי אַ יוסטער קורעלאָפּניק,
נאָר אויסגעריסן זיך פֿון פֿענט ביי איינעם האָט אַן עוף,
צו די טשערעטן וויגנדיק אַ לאָז געטאָן זיך.
און אין אַ רגע — נאָך דעם פֿויגל אין געלאָף
האָט זיך דער שאַרבן־ריטער אין טשערעט פֿאַרבלאָנדזשעט.
אין זומפּ געזונקען האָט זיין יעגערישער טראָט.
געקראָכן פֿון דער פֿעל. געדראָט און זיך געפּלאָנטערט,
און אויף אַ רויטאַרמייער אָנגעשטויסן זיך ער האָט,
פֿאַרפֿאַלגנדיק דעם אומשולדיקן האָן דאָרט.

II.

אַ ווייל איז ער געבליבן שטיק און ניט געוואוסט:
צי לויפֿן ווייטער נאָכן האָן, צי דאָ אינעם טשערעט אים לאָזן;
נאָר אויסגעקרייעט האָט ער: — גיב זיך אונטער, רוס! —
מיט אַזאַ טעמפּן און דערשראָקענעם ירגזון.

געהוידעט האָט זיך פון טשערעט די וואַנט,
אין טייך — פאַרוויקט דער גלאַנץ פון כמאַרעס:
אוואַדיס אויפגעהויבן האָט די לינקע האַנט,
געוועזן נאָענט גאָר פון אים שוין די געפאַר איז
און מיט דער גאַנצער קראַם אויף אים זיך שוין געצילט,
נאָר ער — מיט רעכטער האַנט געצויגן לאַנגזאַם האָט דאָרט
דעם פיסטאָלעט און אומבאַמערקט — דאָס ציינגעלע אַ צי!
און גלייך איז אַפּגעגאַן דער דייטש מיט בלוט אין בלאָטע.
ערשט דעמאָלט האָט אוואַדיס שנעל געטאָן אַ שפּרונג,
צוזאַמען מיטן האָן, אין ערגעץ ניט געלאָזט קיין שפּאַן אים:
— דו דאַרפסט אַ האָן, און איך — אַ צונג!
געמאַכט! איז קריך אַרויס, גערמאַניע!

III.

אַ שטילקייט האָט געשפּרייט זיך אויף אַרום,
ווי גלאָז, פאַרהויכט געוועזן זיבען די ווייטן.
געגאַנגען אין געפאַנגשאַפט איז דער דייטש איבערן זומפּ
און זיך גנביש אומגעקוקט אין אַלע זייטן.
אין בלאָטע אויסגעוויקט — איבערן קאָפּ,
ביים רימען צוגעקניפּט אַ זעקל צו אַ זעקל,
די פאַזעכע, מיט עופות מיט געפּעגטעטע פאַרשטאָפּט,
האָט אַלע וויל פון אים אַרויסגעקרייט אַ „קוקאַרעקו!‟.
אַ חשבון, הייסט עס, שטייט, אוואַדיס, דיר איצט פאַר מיט אים
פאַר גאָר דער וועלט, וואָס ער פאַרוואַנדלט האָט אין אַ בית־עולם...
געשיקט זיך, אַז עס רעדט אַזוינער מיט אַ מענטשן־שטים?
און עפּעס פרעגן קאָן מען אַנדערש דען ווי מיט אַ קויל אים?
אָט גייט ער, שלעפּנדיק די שאַנד, דער דייטשער קאַט,
ס'איז אים ניט שווער. ער שטעלט זיך ניט אַנטקעגן,
ווען איינס־אויף־איינס מיט אַ סאָלדאַט
האָט ער זיך אויפן פעלד באַגעגנט.

IV.

אים איז נאָר שווער די פיס צו שלעפּן אין דער גיך
אונטער דער לאַסט פון רויב־זאַק און פון פחד.
ער וואָלט געקראַכן, ווען מע זאָגט אים: — קריך!
נאָר אָפּגעווענדט פון אים מיט עקל זיך די וואַך האָט.
ער קוקט מיט שרעק, דער הערשער פון דער וועלט,
און מיט די עופות טרויעריק ער זיך געזעגנט.
זיין נאָבל בלוט, וואָס איז באַרופן צו געוועלט,
באַגייסטערט ניט, ווי אַ סאָלדאַט, פאַר ווירדע צו געשלעג אים...

ער הערט אין שרעק צו יעדן שאָרך זיך צו,
דאָס אָנגעררויבטע קריכט אין בלאָטע זיך פאַנאַנדער;
אָט באַלד וועט ער אַרויסשטעקן די טמא צונג,
און פאַר זיין פעל דאָס טמא פאַטערלאַנד פאַרהאַנדלען.
ער וועט עס מאַכן נעט, און פינקטלעך, און גענוי,
אַזוי ווי אַ גענריכט פון רויב אָרגאַניזירט ער;
ניט קאַרגן וועט ער גאַרניט פאַר זיין הויט.
און נעבן אים געגאַנגען איז אָוואַדיס ווי זיין ריכטער.

V.

פון גאָר דער ערד — דער עקל און פאַראַכט,
מער גאָר, מער גאָר צו אים ניטאָ איז.
געקוקט אויף אים אָוואַדיס האָט, געטראַכט:
„ס'מאַכט קיינמאָל די נאַטור דאָך ניט קיין טעות,
זי גיט דאָך ניט דער שלאַנג קיין פיס,
דעם מענטשן גיט זי דאָך קיין גיפט ניט...
צי ווירקלעך עפּעס איבערדיקס אין אים דאָ איז —
אַזוינס, וואָס לייגט ניט איין זיך אין קיין שום באַגריפן?"
געזען האָט ער אים קייקלען פון געלעכטער זיך אין בלוט,
איצט זעט ער אים פון פחד קייקלען זיך אין בלאָטע:
פאַראויס געגאַנגען איז דער האָן באַרוט,
דעם פּיסק אָיעדע ווייל צום דייטש אַ וואָרף געגעבן האָט ער.
פון ווייט אָוואַדיסן דערזען מ'האָט, ווי ער שפּאַנט,
אַ קראָם פון אַלדאָסגוטס האָט ער געהאַט דאָ;
— וואָס איז דאָס?—האָט סאַדאָווסקי זיך געווענדט. — ס'איז פּראָוויאַנט!—
געשמוכט אָוואַדיס האָט: — ס'דאָסטאַוואַקאַי נאַ־דאָם!

VI.

און ערגעץ האָט סאַדאָווסקי איפגענומען טריט . . .
זיך איינגעהערט אין יעדן ווינטלדיקן פלאַטער.
ניט אומגעקערט האָט סעמיבראַט זיך מער צוריק,
עפּעס געשען איז פאַר געוויס מיט סעמיבראַטן . . .
אָבער דעם אומגעוואוּנטשטן מיין געיאָגט האָט ער,
מחשבות אומגעוואונטשענע פון זיך געטריבן:
וועט ווירקלעך סעמיבראַט ניט אומקערן זיך מער? —
געעקבערט און גענאָגט האָט אַ געדאַנק אַ טריבער.
דאָך האָט סאַדאָווסקי, אַ פאַרעקשנטער, געוואַרט . . .
אפשר קומט אויס זיך סעמיבראַטן ערגעץ זאַמען?
געוועזן איז ווייט שוין סעמיבראַט אין יענער נאַכט
נאָך דעם פאַרהער ביי קלאַפּסן אין אַ קאַמער...

געגאַן אַ מורמל פון אַ בלאַט איז צו אַ בלאַט,
און פון בורלוק האָט זיך געטראָגן אַ געבלעבל.
צום טויטן־לאַגער האָט געשלעפּט זיך סעמיבראַט
אין דעם באַגלייט פון דיך ניט־אָנגעהויבן לעבן . . .

11. פּאַזעמקעס

I.

אין גרינס פון וואַלד געשווינדלט מארליע האָט ווי צווייט.
נאָך פון דער ווייט האָבן פּאַרוואונדעטע זיך אָנגעזען דאָרט;
פאַרשנעלערט האָט דער דאָקטער זיינע טריט
און גלייך צו אַלעמען דעם בליק געווענדעט.
צו יעדן איינעם איז ער צוגעגאַנגען נאָ׳נט
פאַרכלינענדיק מיט ריחות זיך מיט האַרבע.
האָט העכערס דען אַ מענטש נאָך ווינטשן זיך געקאָנט,
ווי זיין באַצייכנט דורך די שלאַכטן מיט פאַרדאַרבער?
עס האָט די צוגעדעקט די קרוין פון וואַלד,
איעדעס ווינטעלע זיך צוגעלייגט האָט, ווי אַ היילונג.
אונטער דער מארליע האָט ביי יעדערן דער ווייי געשטראַלט,
אונטער דער מארליע איז איעדע וואונד געווען הייליק.
צו יעדן איינציקן האָט ער זיין בליק געווענדט,
וואָס גיכער נוצלעך זיין געוואָלט האָט זיך אַזוי אים;
ס׳איז אים אַ שאַנד געווען פאַר זיינע גאַנצע הענט,
און פאַר דיך גאַנצן גוף איז אים געווען אַ בזיון.

II.

פאַר זיינע זעקס און פופציק יאָר — דאָס ערשטע מאָל
פון נאַרמעס אויסגעטאָן, ניט פילנדיק קיין ווייי מער,
האָט ער אַצינד געפונען זיך אין אַ שפּיטאָל
אַן וועגט און אָן אַ דאַך, דורכאויס נאַר צווישן ביימער.
דיך גאַנצע וועלט ערגעץ אינמיטן וועג געלאָזט,
ווי אָנגעלעבטע לאַסט — אַן נויטווענד און אַן זיבען;
די קראַנקע האָבן אויסגעזען, באַשטאַטע אינעם גראָז,
ווי שווימענדיקע אויף אַ ים־דעק אויף אַ גרינעם.
די האָבן ניט געמאָנט קיין שכר פאַר זייער לייד —
עס האָט דער שכר געלויכטן אין באַרוף פון קריגער;
און שוויגנדיק די האָבן זיך אַליין באַגלייט
צום לעצטן ראַנד פון גורלדיקן עיגול.

און אויפגעציטערט מיטאמאל האט דער פארוואונדעטער ארלאוו,
דערזען האט ער א פאזעמקע, אין גרעזעלעך פארפלאנטערט,
א וריז געגעבן מיט דער האנט האט ער פון שלאף
און מיט די אויגן פיבערדיק געטאן צו איר א בלאנקע . . .

III.

זי איז געוועזן פלאטערדיק אזוי, פארחלומט־רויט
מיט ראזן פון געלענט אויף גרינעם ציטערדיקן בלעטל ;
ווי ס׳וואלט די ערד אליין געבראכט אים פארן טויט
א טראפן בלוט מיט איר געגאד אים שטיל א גלעט טאן.
אט איז זי. אויסגעצויגן. בייגיק־גליך.
ער וויל זי פונעם אויג קיין רגע ניט פארלירן ;
עס איז אים פון איר ריח אזוי פריש און לייכט,
און זיס אזוי איז בלויז פון איר קאליר אים.
זי האט אויף אלץ פארגעסן אים געמאכט,
פארגעסן פון דער וואונד געמאכט און פון דעם קריג אים ;
אט ועט זי צוגיין באלד אליין צו אים, זיך דאכט,
פונקט ווי זיין שוועסטערל געגאן איז מיט א פולן קריגל.
האט ער א שטרעק צו איר די האנט געטאן
און מיט דער קוליע זי געפרואווט דערלאנגען ;
באוויזן האט דער דאקטער זיך. א בויג זיך אן,
און אויסגעשטרעקט די פאזעמקע דעם קראנקן :

IV.

— פאראן א סך דא פאזעמקעס אין וואלד,
א קאנט אזא, — האט ער אים איינגערוימט, — מיט אלץ באשאנקען,
איך וועל איך אנקלייבן. איך וועל איך ברענגען. באלד . . . —
און קלייבן פאזעמקעס געלאזט זיך בלאנקען.
אז ער איז אין ארומרינגלונג, איז אים געוועזן קלאר,
געזאגט אים האבן עס די גראזן און די ביימער,
און דאך האט אים געדוכט, אז איצט, נאך זעקס און פופציק יאר,
איז אנגעקומען ערשט, ווי ס׳דארף צו זיין, אהיים ער,
וואו ס׳לויערט די געפאר אויף איר אין אלץ,
וואו פון בראשית אנהייבן מע דארף לחלוטין ;
דא, וואו מע שטרעקט פאר יעדן זעמדעלע דעם האלדז,
דא, וואו מע גייט פאר יעדער יאגעדע מיט בלוט אפ,
דא, וואו מע שלאגט זיך פאר דער היים מיט שטאלץ און רום
און וואו מע צאלט פאר איר מיט לעבן און מיט ליידן,
אט דא, — האט ער דעם בליק א פיר געטאן אויף רונד ארום,
אט דא, ביים ארט פון אירע תבלי־לידה . . .

V.

געשטאַנען איז נאָך בוילעט פאַר זיין בליק
די וואַסילקאָווער גאַס... די עטלעכע קאַשטאַנען...
זיין שטוב... דאָס בעטגעוואַנט צעפליקט...
ס'איז אַלץ פאַר זיינע אויגן מיט פאַרענטפערונג געשטאַנען;
מיט בראָך פון דעם צעשלידערטן געשיר,
מיט בושה און מיט ווי זיין בליק געווען נאָך פול איז;
דאָס שילדעלע דאָס מעשנס אויף זיין טיר
מיט ווערטער אויסגראַווירט אויף יידיש: „צבי מאַרגוליס"...
ער האָט געהערט דעם טופּ פון מערדערישע פיס
און דאָס גערויש פון בליאיקע באַזויפטע קולות;
דאָס שילדל אַפגעריסן האָבן זיי געוויס,
געוויס איבערגעשמאַלצן אין אַ קויל עס.
און זוכן אים אַרום מיט רוגזה און מיט פלייס,
דאָס האָרץ אים דורכלעכערן מיט זיין נאָמען;
ער האָט אַ ריס געטאָן אַ יאַגעדע, אַ קוק איבעראַנייס:
אַ שאָד, וואָס דאָ קיין יאַגעדעס זיינען ניטאָ מער!

VI.

ס'האָט ווי אַ נעפּל דורכגעשוועבט ביי אים אין קאָפּ
דאָס בינטל אָפגעקלאַפּטע, אָפגע'רעש'טע יאָרן,
פון זיין געבורט־שטאָט אָן, פון סאַמע גראַנאַטאָפּ,
ביז די צעזייטע אונטערוועגדיקע קברים,
ביז צו דעם סאַמע פרישן דאָ, אונטער דעם ווינט,
וואָס וועט צעטראָטן ווערן פאַר אַ טאָג מסתמא...
אַריינגעזונגען האָט זי ביי די נעכט איר האַרץ אין יעדן קינד,
אים דוכט: זי זינגט פון קבר נאָך ביז איצט „אַ בריוועלע דער מאַמען".
געחלומט האָט זיך אים אַצינד די אַלטע נעסט,
דער דאַך מיט שינדלען אויסגעלאַטעט —
צי ווייל זי איז אַליין געווען שוין אַ מת,
צי ווייל געבליבן איז אין איר אַן אַלטער טאַטע??!
ווי קיין אַמעריקע מ'האָט אים פון דאָרט אַרויסבאַגלייט,
ווען ס'האָט אויף אים די גרויסע שטאָט פאַרוואָרפן אירע מאַסן,
אַצינד, ווי אַ באַוועגלעכע מצבה, צ'ריק ער גייט
ביים זיידן אַפּשטעלן זיין יינגסטן יתום . . .

VII.

געיאָגט האָט ער פון זיך אַ טויזנטיאָרעדיקע לאַסט,
געריסן זיך פון איר, ווי פון אַ טויטן דולהויז:
איז וואָס אַזוינס געווען זיין היים, זיין היים אויף וואַסילקאָווער גאַס?
איז וואָס אַזוינס געווען זיין מעשן שילדעלע: „מאַרגוליס"?

אויב ער האָט הפקר פאַר די חיות זיי געלאָזט
און ניט פאַרטיידיקן אַרויסגעגאַן ער איז זיי . . .
ווי וועט ער עס פאַרענטפערן ? וואָס קען דען זיין פאַר דעם אַ מאָס ?
ווען ער אפילו זאָל דעם מוח זיך צעהריזען ? —
אַ פאַזעמקע אַ מינדסטע רייסט ניט אויס דער ווינט,
ער וואַלגערט זי. ער קלאַפּט זי. און זי ווערט זיך !
אַ ליגן איז געווען זיין הויזגעזינד
מיט די געבורטן, מיט די שמחות, מיט די קרעכצן,
אויב עס צעטרעטן און פאַרטרייבן אין דער גרוב
געקאָנט האָט אַ געפּאַנצערטער אַ ווילדער דבר־אחר.
ס׳האָט אים פאַרפאַלגט פון אומעטום זיין טעמפּער טופּ
און דאָס צעיושעט־פּרעכע זשאַרבעדיקע לאַכן.

VIII.

עס האָט אים נאָך אַ פאַזעמקע אַ וואונק געטאָן,
פון די מחשבות אָפּגעריסן אים אַ ווײַלע ;
ער האָט זיך וואַקלדיק געגעבן אַ בייג אָן
און אַ צעשטרייטער זיך צוריק גענומען איילן.
געשמעקט די ערד האָט אַזוי זיס מיט אינדערפרי,
עס האָבן שוואַלבן זיך געשאָטן אויף און אָפּ אָן אויפהער
מיט אַזאַ גליקלעך, גלעקלדיק־צעפּאַכעטן „צווי־צווי״,
ווי זיי וואָלטן, זיך שפּילנדיק, ביים נאָמען אים גערופן.
צי שטייט ניט ביי דעם קבר נאָך פון דעמאָלט ער
מיט זיין פאַריתומטן מיזיניק לעם דער מאַמע —
און ס׳קומען פייגל אַלץ מנחם־אבל זיין אַהער
און בעטן ברעקלעך ברויט פאַראיינס צוזאַמען ?
ס׳האָט די דערהרגעטע אַדורכגעשוועבט געשווינד
פאַרביי די אויגן זיינע האַלב־פאַרמאַכטע :
זיבן מאָל איז זי געגאַן צו קינד,
זיבן מאָל האָט זי די וועלט געבראַכט אים.

IX.

און זיבן שמחות זיינען שוין געווען,
און זיבן שמחות זיינען פאַרגעשטאַנען,
אויף וואַסילקאָוועד גאַס, דאָרט אין דער היים, ווי דען ?
ער הערט דאָך נאָך אָט דאָ דעם רויש פון די קאַשטאַנען . . .
נאָר ס׳וואַלגערט אונטערוועגס זיך ערגעץ איר געביין,
ניט אויסגעטאַנצט די חתונות, ניט אויסגעוויינט דעם טרויער.
איז וואָס אַזוינס געווען דיין היים,
אויב ניט געקאָנט האָט זי איר גודל אים פאַרטרויען !

ער איז מיט יאַגעדעס אַ הויפן, פרישע, נאָך מיט טוי,
געגאַן צוריקוועגס, זיין געדאַנק דערטראַכטנדיק פּאַוואָליע,
נאָר דער פאַרוואונדעטער געווען איז טויט
און אויסגעזען האָט ער, ווי עפּעס וואָלט זיך אים געחלומט.
און אין דער היך, אויף אַ בערעזע, איבער אים,
געהאַלטן טרויעריק אַ פּיקהאָלץ האָט אין קלאַפּן.
דער דאָקטער האָט אַראָפּגעלאָזט זיך אויף די קני
און אים אַוועקגעלייגט די פּאָזעמקעס, ווי ליכט, צוקאָפּנס.

12. אין טויטן־לאַגער

I.

פאַר אַ קאַרטאָפל אויפהייבן — אַ קויל!
און פאַר אַ כאַפּ געבן דעם אָטעם — אַ נאַהייקע!
ס׳איז אַרבעט־צייט. די לייבער — אָפּגעמאָגערט. הויל.
און איבער בייכער אָנגעבלאָזענע — דער הונגער פּייקלט.
די דאַרע העלדזער אויסגענאָגט פון היץ,
אויף אויסגעקרימטע רוקנס — רייטן שטיינער.
ס׳איז אַרבעט־צייט, די פיס — אויף אַש צעגליט,
אין שמאַטעס — איינגעהילטע הויט־און־ביינער.
זיי גרוזעווען דעם מאַרך קיין דייטשלאַנד ביים וואָקזאַל,
אַליין דער מלאך־המות האַלט דעם אויפזע.
אָט גייט דאָרט עמעצער אונטער דער לאַסט אַ פאַל
און הייבט פון אָרט שוין מער ניט אויף זיך.
עס פאַלט אַ טאָג, ווי ס׳פאַלט אַ בוים,
גלייך ווי אַ תהום די נאַכט רוקט אָן זיך,
דאָרט האָט דער גיהינום זיך מיט דאָרט פאַרצוימט,
צום טויט געשפּענסטער דאָרטן בלאָנדזשען . . .

II.

די „נייע אָרדענונג“ האָט זיך געגעבן אַ צעוואָרף
איבער דער ערד דער זיבן מאָל געשענדטער.
געוואָרגן אונטער איר האָט זיך אי שטאָט אי דאָרף,
געדרוקט האָט איינס צום אַנדערן זיך נע־נטער —
זיך צוטוליען אין פּיק, אין ווינד־און־ווי
מיט שטיקער בראָך, פּונקט ווי געליימטע גלידער.
ווי מצורעים־אינדזלען — אַרום זיי
האָבן זיך טויטן־לאַגערס מיט געפאַנגענע געווידמעט.

ניט בלויז געפֿאַנגען, נאָר פֿאַרצוקט,
האָבן פֿאַראורטיילטע דעם טויט אויף זיך געבעטן.
און אָנגעקומען אַלע ווײַלע איז אַן אַנדער צוג
אויף לעצטער פּײַן מיט מענטשנוואַרג פֿון געטאָ.
דער דײַטש, ווי אַ באַפֿולמעכטיקטער פֿונעם טויט,
איז אומגעגאַנגען דאָרט מיט אַ פֿאַרבלוטיקטן אַריפֿמאָמעטער,
אויף גאָלד איבערגעפֿירט די ווערט פֿון זייער הויט,
און אויף געווינס — די גסיסה פֿון די קנעכט פֿון די געפּלעטע.

III.

די אָדערן אויף העלדזער אײַנגעשלייפֿט, ווי שטריק,
און מיט געווײן פֿון ריפּן דורך דער הויט דער דורכגעברענטער,
געציילט האָבן געפֿאַנגענע זייערע לעצטע טריט,
די הוילע פֿיס — אין וואונדן און אין פּענטן.
ביז בלוט זיך אײַנגעשניטן אויף די נאַקנס האָט די לאַסט,
און ביזן ביין אויף זייער ברוסט האָבן די נומערן זיך אײַנגעפּרעסן.
די האָבן אויסגעזען, ווי שוין פֿון לאַנג וואָלט יעדערער געפּאַסט.
די עלנבויגנס — אויסגעשפּיצט, די אויגן — גרעסער.
ס׳האָט קיינער ניט באַמערקט, ווען עמעץ האָט צו דר׳ערד
פֿריִ׳ר אויף די קני און אויף דער זײַט דערנאָך אַ וואַלגער שטיל געטאָן זיך ;
און רוענדיק, דעם ווײַטעק ווי אין חלום בלויז געהערט,
נאָר דער פֿאַרקילטער בליק האָט אַלץ ניט אויפֿגעהערט נאָך בלאָנדזשען...
צווישן רואינעס ביי דעם חורבן וואַקזאַל
האָט אויף אַ קבֿר זיך געפּלייסט גור־אריה ביי די מערדער,
אויף העלפֿט האָט צוגעדעקט זײַן לײַב אַ זאַק,
אויף העלפֿט האָט צוגעדעקט די ערד אים . . .

IV.

ער האָט ביי קלאַפּסן אָפּגעשפּאַרט אין קבֿר־ריוו אַן אָרט,
ביים אַוטאָמאַט זיך אָפּפֿאַרדינט אַ שטיקל בלײַ אין האַלדז־און־נאַקן.
און זיך צום לעבן ווײַטעקלעך געריסן דאָך,
ער זאָל אין ערגעץ אין קיין שטער זיך ניט פֿאַרהאַקן.
אַ גאַנצן טאָג פֿון סאַמע פֿון קאַיאַר
איז פֿון זײַן רוקן ניט אַראָפּ, פּונקט ווי די הויקערס פֿונעם קעמל,
דער אומגעהערטער זויגנדיקער יאָך
און די ביז בלוט זיך אײַנגעזויגטע קלעמער.
דער ערשטער האַנען־קריי האָט אים דערמאָנט די צײַט,
ביים ערשטן פֿויגל־צוויטש האָבן זיך אָנגעטאָן אויף אים די שלייפֿן.
געלעגן אויפֿן וועג איז אַ צעבראָכן בריקל אויף דער זײַט,
פּונקט ווי אַ חורוב בעט, פֿאַרבליבן פֿון אַ שריפֿה.

פֿאַרקליבן האָט אַן אומעטיקע קוואַטשקע זיך אַהין,
צו איר באַרוף זיך אַ געלעגער דאָרטן אויסגעסדרט.
דאָרט אומגעגאַן דער טויט איז פֿון באַגין,
נאָר צום באַשאַף האָט דאָך קיין צוטריט ניט געהאַט ער . . .

V.

געזעסן איז די קוואַטשקע, ווי אַ הייליקע, פֿאַרשפּאַרט,
איר וואַרעמקייט — די נאָך ניט־אויסגעפּיקטע אָפּגעגעבן.
אַ צוליב איר, האָט גייענדיק גור־אריה זיך געטראַכט,
איז זיך כדאי ביז לעצט צו שלאָגן פֿאַרן לעבן!
זי האָט זיך נאָך אַ קערנדל אַרויסגעכאַפּט ביינאַכט,
און נאָך אַ טראָפּן טוי — אין פֿריאיקן באַגינען.
ניין, ניט צעשטערן קיינער וועט פֿון דער נאַטור די פּראַכט,
וואָס האָט געשענקט דעם מינדסטן עוף פֿאַרשטאַנד און זינען
אויף מערן זיך און פֿאַרזעצן דעם מין,
די איבערחזרונג די אייגענע צו גאַרן און צו זוכן.
אַ שטילער קרעכץ געגאַן פֿון איר איז אין באַגין,
ווי זי געוועקט וואָלט דאָס געהיימניש מיט אַזעלכע שפּרוכן.
און איין מאָל אַ קאַיאַר איז זי אַרויס אין פֿריילעכן באַגלייט
פֿון פּופּצן עופעלעך, העל־גרינינקע און צאַרטע,
ס'האָט זיך אַ זיסער רעש פֿון די געטאָן אַ שפּרייט,
די זינען נאָכגעגאַן אויף פֿליגעלעך אויף קליינע אָנגעשפּאַרטע.

VI.

אין יענעם טאָג האָט אין גוראַריהס „אמת"
אַ לאַנגזאַמקייט אַ טויבע זיך אַריינגעריסן,
פֿאַרקוקט האָט ער זיך, ווי די קוואַטשקע גראָבט דעם זאַמד
און ווי זי העלפֿט איעדן עופעלע זיך שטעלן אויף די פֿיסלעך.
אַ גלעט טאָן מיט דער האַנט האָט זיך געוואָלט כאַטש איינס,
אַז אַלע זינען זיי אַזעלכע פֿישטשענדיקע, פּוכיקע און גרינע,
דאָס לעצטע איז נאָך גאָר אַ ברעקעלע, אַ קליינס,
און ס'הערט ניט אויף די פֿישטשעריי, עס פֿירט אַראָפּ פֿון זינען.
מע וועט זיי נאָך צעטרעטן דאָ אינמיטן וועג.
אָט גיט זיך איינס אויף פֿליגעלע אַ שפּאַר, ווי אויף אַן עלנבויגן.
ווי בעמט מען זיי פֿונדאַנען אַלעמען אַוועק,
ניט קומען זאָלן זיי כאַטש קלאַפּסן אויף די אויגן?
צי ס'האָט זיך אים פֿאַרדרייט דער קאָפּ, צי גלאָט . . .
נאָר מיט דער לאַסט האָט ער דעלאַנגט אויף דר'ערד אַ פֿאַל אַ טויבן.
אַן אויגנבליק! און צוגעלאָפֿן גלייך איז סעמיבראַט
און פֿון דער ערד אים אויפֿגעהויבן.

VII.

צו בלייבן שטיין געווען איז אַ געפאַר,
און נאָך אַ גרעסערע — אינמיטן וועג צו פאַלן.
צי האָט זיי ערגעץ ניט באַמערקט די וואַך ? —
האָט דורכגעשניטן ביידע גלייך פון שרעק אַ כוואַליע . . .
פאַרשוואונדן איז די קוואַטשקע פון גור־אריהס בליק,
ווי סע פאַרשווינדט אינמיטן נאַכט אַ חלום.
דאָס לעצטע עופעלע גיט פון דער ווייט זיך נאָך אַ וויג,
ווי ס׳וואָלט פון ווייט אַ גלעט געטאָן צום לעצטן מאָל אים...
און דאָס איז אַלץ. מער גאָרנישט ניט אַרום.
דאָך אין די אויגן איז ביי אים אַ גרינער פלאַקער.
געשפּענסטער אַנגעלאָדענע מיט שטיינער גייען אום
אַהין און צו׳ריק — געפאַנגענע פון טויטן־לאַגער . . .
דערטראָגן סעמיבראַט מיט אים די לאַסט האָט צו דעם אָרט,
וואו ס׳האָט די וואָך געציילט פון די פאַראורטיילטע די רגעס.
און אָן אַ בליק, און אָן אַ וואָרט,
ווי ביי זיך טרינקענדיקע דורכגעגאַן דער וועג איז.

VIII.

די שטראָף געווען איז פון פאַרפרי׳ר באַשטאַט,
געריסן האָט דער אומגליק זיך דורך יעדער שפאַרע.
און פערציק שמיץ האָט אָפּגענומען סעמיבראַט
פאַר העלפן אויפשטיין פון דער ערד דעם ייד גור־אריה.
געקוקט האָט קלאַפּס אַליין און אָבסערווירט,
ניט אָפּגעפריצעוועט די מאָס זאָל אין דער שטראָף זיין.
ס׳האָט סעמיבראַט זיך ניט געטאָן קיין ריר,
די פרייד די הינטישע פאַרשטערט זאָל זיין ביי קלאַפּסן.
איעדע וואונד געלאַכט אין פּרצוף האָט דעם קאַט,
די רואיקייט געערגערט האָט ביז משוגעת אים,
אַז עפּעס גרעסער איז געוואָרן יעדע ווײַלע סעמיבראַט,
און אויפגעגאַנגען פון זיין לייב זיינען די בלוטיקע, די בלויע פאַסן . . .
איבערגעקרימט ביים קאַט האָט זיך ס׳געזיכט דאָס גראָבס,
דאָס בלוט אַ שפּאַר געטאָן צו אים האָט פון דער הויכער ראַסע :
— נאָך פערציק ! — אויסגעקרייט מיט שום האָט קלאַפּס.
— נאָך הונדערט ! — אויסגעריטשעט האָט ער, ווי אַ חזיר.

13. פלוגבלעטלעך

I.

דאָס קאָרן אויפן פעלד געלעגן איז פאַרקוילט,
און ניט אָראָפּגענומענע געטרויערט האָבן ווייצן.
דאָרט, וואו געכוואַליעט האָט זיך בליענדיק דאָס ברויט,
האָבן ווי לושפּייקעס די דייטשע פלוגבלעטלעך געשפּרייט זיך,
זיי האָבן ווי אַ הישעריק באַלייגט דעם ראַנד,
אַדורכגעוויקט מיט גיפט און סם־המותדיקער העצע:
ביי וועמען זיך געגליטשט פון האַנט צו האַנט,
ביי וועמען — אין די הערצער זיך געפּראַוועט באַזעצן...
„די ייִדן האָבן אויפגעבומט דעם קריג,
די ייִדן מוזן פאַר אים ענטפערן אינדרייען,
די גאַנצע וועלט איז פון די ייִדן אונטערדריקט, —
מיר גייען אייך פון זיי באַפרייען!"
פאַרשיידן האָט די פלוגבלעטלעך זיך יעדערער געטייטשט,
אויף מאַכן „ציגן־פּיסלעך" אויסגענוצט דאָס רוב זיי:
— האָ, האָ! צעקריגן וויל ער אונדז מיט דיר, דער דייטש,
ער סטאַרעט זיך! — געשמייכלט האָט צו מאַנציסן סאַדאָווסקי.

II.

צעפּרעסענע געריסן האָבן וועגן זיך פאַראויס.
אַ רויט־אַרמייער אַן געווער ניט אויפגעהערט האָט רוישן:
— אַרומגערינגלט! אָפּגעשניטן! אויס!
פונדאַנען וועט איצט קיינער ניט אַרויס שוין! —
אים איז אַלצאיינס — וועד ס'וויל אַוועק, דער זאָל אַוועק!
אים איז אַלצאיינס — וועד ס'וויל אַריינגייך, זאָל אַריינגייך!
און ער — ער בלייבט אָט דאָ, אינמיטן וועג
פאַרהריזנעט, אָן געווער און אָן פאַרלאַנגען.
דעם „ווי ס'וועט זיין — זאָל זיין" פאַרטרויט,
פאַרטרויט דעם גורל — טעמפּ און אומבאַוועגלעך,
געקייט אַ שטיקל אויסבאַהאַלטן ברויט,
געשאָטן זאַרגפּעליק אין מויל די ברעקלעך.
עס האָט אים נאָכגעיאָגט אַ לאַנגער וועג צוריק,
וואָס איבער אים האָט ער די צייט די גאַנצע אָפּגעטראָטן:
ער האָט זיך נאָך ניט אויסגעקער'וועט מיטן פּנים צו דעם קריג
און מיטן רוקן צו דעם טויט האָט אומקומען געדראָט אים.

III.

— נו, יאָ! געוויס! דו בלייב! דו וואַרט! —
האָט אַ סאָלדאַט זיך פון דער ווייט געפּראַוועט אַ ריס טאָן,
די אויגן אָנגעפילט מיט ווייטעק און פאַראַכט, —
וועסט ביי זיי זיכער קענען ווערן בורגאָמיסטער! —
ער מיט אַ שמייכל האָט דעם ווי אין זיך געצווימט,
און, קוקנדיק פאַראויס, געוואָרפן אין דער זייט דאָרט:
— דו וועסט זיי העלפן צובינדן אַ רויטאַרמייער צו אַ בוים,
צופוסנס אונטערלייגן אים דעם שייטער
און גיין אין פעדערן אין גאָלדענע ביי זיי...
קאָנסערוון אַלערליי... אין שאַכטעלעך קאָלירטע...
איז וואָס־זשע וואַרטסטו? הויב זיך אויף און גיי,
אָזעלכע־אַ ווי דו זיי זוכן אום מיט ליכט דאָך! —
ער האָט זיך ניט געאײַלט. פּאַוואָליע — וואַרט ביי וואַרט,
ווי ער וואָלט אים דאָרט אויסגעלייגט אויף קאָרטן, —
נאָר ווען ס׳קדחת וועט צוריק זיי טאָן אַ וואָרף,
איז... וויפל רעכנסטו מיט זיי פאַרברענגען דאָרטן?

IV.

און נ׳רגעץ־וואו האָט ווער געקאַכט זיך אַ קוליש,
באַטראַכט האָט ווער זיין וואונד, ווער ס׳האָט געגרוט שוין.
און יענער, פינטלענדיק מיט אויגן פון אַ פיש,
ניט אויפגעהערט האָט אַלעמען דערקוטשען.
פאַרכאַפּנד יעדע וויל אַן אַנדער פלאַץ,
מיט הייסן אָקרעפּ אין אַ שאַכטל פון קאָנסערוון,
האָט ער אַזוי זיך מיט אַ קולכל מיט אַ גלאַטס
דאָרט אַלע וויל דעם קאָפּ געטאָן אַ קער׳זוע,
ווי פון אַ זשאָלעב אָנגעשטאָפּט מיט גלאָז,
און זיך דעם זין דערקלערן, טרינקענדיק, באַמיט דאָרט:
— זיי גייען, זאָגט מען, נאָר קעגן קאָלכאָז,
און הרגענען דערהרגענען זיי נאָר די יידן!
קיין אונדזעריקע — ניט. קיין האָר. פאַרקערט,
זיי קומען אָן, איז גלייך אין קלויסטער אַ מאַליעבען!
— נאָך וועמען? — האָט אַ קול זיך, פרעגנדיק, דערהערט
און זיך אַליין געענטפערט: — נאָך דעם לעבן!

V.

— און הייסן אויסגראָבן אַליין די גרוב! —
האָט זיך אַ צווייטער אויפגעכאַפּט אַן אָפּגעבריטער.
— און לאָזן מיטן פייער אָפּ איעדע שטוב, —
זיך אָפּגערופן הילכיק האָט אַ דריטער.

— און מיידלעך... מיידלעך טרייבן זיי אוועק אין שאַנד, —
אַ קרעכץ געטאָן האָט שטיל אַ פּערטער.
און איינער אויפגעהויבן בלויז האָט נאָר די האַנט
און זי צוריק אַראָפּגעלאָזט — אַן ווערטער.
דאָס איז געווען אַ רויטאַרמייער פונעם דאָרף פּאַגאָסט —
דער קאָמסאָמאָלעץ פּערעליאָט, קיין צוואַנציק יאָר ניט אַלט נאָך;
ער האָט זיך פרייוויליק קעגן דעם דייטש געלאָזט
פון גאַנצן דאָרף באַגלייט, אַ פרייליכער, אַ שטאָלטנער.
האָט אים אַ סך געדולד און מי געקאָסט
זיך ניט אַ וואָרף טאָן גלייך צו יענעם, וואָס טרומייטערט;
געחלומט האָט זיך אים זיין דערפעלע פּאַגאָסט,
דער טאָג, ווען אויף דעם קריג מע האָט אַרויסבאַגלייט אים . . .

VI.

געקומען זיינען אים די ברידער אויפן זין,
זיין מאַמע האָט געטאָן זיך אַ דערמאָן אים.
ער האָט געטראַכט: „אַ בריוו ווען אָפּשיקן מע קאָן אַהין,
זיין מאַמען איבערליי׳נען זאָל מען אים, מאָלאָניען...“
ס׳האָט זיך אים קיינמאָל ניט געוואָלט אַזוי ווי איצט
מיט די געדאַנקען צו דער היים אַ טוליע טאָן זיך נע׳נטער;
און יענער האָט מיט קויט פון מויל געשפּריצט,
האָט ער אַ דריי געטאָן דעם קאָפּ און ווידער אָפּגעווענדט אים:
— נאָר אָט אַזוינע־אַ סקאָוואָטשענדיקע הינט
צוואָרעמעןביים אומגליק זיך די הענט דאָ, —
האָט דורכגעטראָגן זיך דורך אַלע, ווי אַ ווינט,
און ניט געוואָרט פון קיינעם אויף אַן ענטפער.
נאָר יענער האָט דאָרט, ווי אַ פערד די צוים,
דאָס שאַכטל פון קאָנסערוון, שוויצנדיק, געקייעט:
— מע זאָגט אַזוי... מע זאָגט אַזוי...
דערויף איז אין ראָסיי דאָך עפּעס פרייהייט!

VII.

ער האָט אין בײדע זייטן זיך אַ דריי געטאָן,
ווי עמעץ וואָלט אים היין און צ׳ריק געשטויסן:
— אַ קריג! און יידן קוקט מען אויפן פּראָנט ניט אָן!
מע זאָגט, אַז זיי באַהאַלטן ערגעץ אויס זיך;
מע זאָגט: זיי פאָרן אויף די באַנען אום מיט גאַנצע זעק;
מע זאָגט: זיי האָבן שוין ניט מער וואוהין צו שטאָפּן;
מע זאָגט, אַז אומעטום פאַרפּלייצן זיי דעם וועג,
און דו — גיי לייג פאַר זיי דעם קאָפּ אָן!

— נו! — האָט זיך פּערעליאַט געטאָן צו אים אַ קער, —
מע זאָגט, מע זאָגט! נו, האַק און וואַלגער!
מ'האָט, דאַכט זיך, דיך אַליין אַראָפּגעזאָגט אַהער,
ווי אַ פֿאַרשטונקענע אַ דייטשישע שפּאַרגאַלקע! —
ס'האָט יענער נאָך דאָס שאַכטעלע געטאָן אַ זויג
און מיט אַ שטיקל בלעך דערלאַנגט אַ שפּיי האָט:
— מע זאָגט אַזוי... מע זאָגט אַזוי...
דערויף איז אין ראַסיי דאָך עפּעס פרייהייט!

VIII.

— און דו וואָס זאָגסטו? — האָט זיך אַ שניט אַריין
געטאָן אָוואַדיס גראָד אים אין די אויגן.
— ביסט דען אַ ייד, וואָס שטעלסט זיך פּאַר זיי איין? —
— אַ ייד, — האָט ער זיך לאַנגזאַם אויסגעצויגן, —
אַ ייד! פֿאַרשרייב עס... פון דער שטאָט ביראָבידזשאַן!
וואָס נאָך? — האָט ער געשניטן מיט די רייד אים
און נעענטער געטאָן צו אים אַ שפּאַן. —
— מיין נאָמען איז אַבראַם, אַ נאָמען מיין זיידן! —
קיין לוסט זיך אָמפּערן קיין גרויסן ניט געהאַט,
בלויז פונעם קאָפּ ביז צו די פיס אים אָפּגעמאָסטן,
בלויז פעסט אַ דריק געטאָן אין האַנט דעם אויטאָמאַט
און, בלאָס פון אויפרעג, צ'ריק אַראָפּגעלאָזט אים,
און דאָך האָט עס אים טריב און טרויעריק פֿאַרטיטשט,
ביז ווייטעק זיך אין אים אַריינגעשניטן:
אַז שלאָגן שלאָגט ער איצט ניט בלויז זיך מיטן דייטש,
נאָך אויך מיט דעם, וואָס פרעגט: „צי ביסט אַ ייד דען?“

14. די שבועה

I.

זיין יאָר, בעת ס'האָט דער קריג באַגינט,
האָט נאָך צום „רוף“ אפילו ניט געהאַלטן אין געזעגענען:
ביים ערשטן לופט־אַליאַרעם האָט מיט זאָרג זיין קינד
געטראָגן אויף די הענט אַליין צום מעטראָפּאָליטען ער...
מיט אים באַנאַנד געגאַנגען איז זיין פרוי,
אַ קישעלע דעם קינד, אַביסל וואַסער דעם געטראָגן.
— איך וועל עס, אַלגע, האַלטן אויף די הענט ביזן אָטבאָי! —
האָט ער דעם באַנצן וועג ניט אויפגעהערט איר זאָגן.

און אויפן צוועלפטן אינדערפרי האָט אים אַ טראַג געטאָן אַ ווינט,
אין גאַס איז רו פרימאָרגיקע געווען נאָך.
ער האָט אַ קוש געטאָן די פרוי, ער האָט אַ קוש געטאָן דאָס קינד
און פרייוויליק אַוועק אין אָפּאָלטשעניע.
דער „סבאָר" איז אויסגעקומען אין אַ מאָסקווער שול,
געגאַנגען איז מען שטאָלץ אין מענגעס אין געדיכטע;
מיט דינע יוגנט־פריינט איז דאָ געווען שוין פול,
כאָטש נייע סאָרטן טאַנקען קאָנסטרואיר דאָ!

II.

געטרונקען טיי. געשפּילט אין שאָך.
איבערגעוואָרפן זיך מיט שפּריכווערטלעך אַ נאַרע האָט מיט נאַרע;
און יעדן טאָג אין איינער און דער זעלבער שעה
געקומען אַלגע איז צו אים איגאַיינעם מיט טאַמאַרען.
ער האָט דאָס קינד גענומען אויף די הענט,
ווי ער וואָלט פון אַ לאַנגער צייט עס ניט געזען שוין;
און אַלגע האָט צו אַלע מיט די אויגן זיך געווענדט,
פּונקט ווי צו נאָענטע, משפּחהדיקע מענטשן...
ערשט איצט האָט זי דערזען דעם טאַטן מיטן קינד — ווי טראָפּן צווי,
ווען ער האָט אויף די הענט געהאַלטן עס און עס געטאָן אַ קאַטשע,
און עפּעס האָט זיך איר געדוכט ביז ווײַ,
אַז האַלטן האַלט ער ס׳קינד, ווי אַ סאָלדאַט שוין...
אין קלומעק יעדעס מאָל עפּעס אַריינגעשטעקט,
אַזוי, ער זאָל ניט זען און זאָל זי „צוליב וואָס" ניט פרעגן.
פאַרשפּעטיקט האָט זי גראָד אין יענעם טאָג, ווען מ׳איז אַוועק, —
האָט ער מיט איר און מיטן קינד אַזוי זיך טאַקע ניט געזעגנט.

III.

פון שול־באַנק — אויפן פערד! פון קאַבינעט — צום טאַנק!
פון פרידלעכן וואַרשטאַט — אויפן קאַנאָן פון גיהינום!
אין סאַמע אָנהייב קריג, מיט מוט באַפליגלט און מיט דראַנג,
אַוועקגעגאַנגען איז דאָס פאָלק אין אָפּאָלטשעניע.
אויף ווייט אַרום האָט זיך געהערט דער קנאַט
פון פעסטע טריט איבער די אויפגעוויגטע וועגן;
געדוכט, אַז ס׳טרעשטשען שאַרבנס אונטער זיי נאָך פון באָראָדינאָ,
וואו ס׳האָט דער פיינט אַ קבר זיך דערשלאָגן אין געשלעגן.
אַן אַלטער פּאַרטיזאַן מיט שראַמען אויפן לייב,
אַ גראָער וועטעראַן פון מאָסקווער באַריקאַדן,
און יונגלינגען געלאָזט האָבן זיך טריי
מיט טאַטעס איבער וועגן רומפולע און גראַדע.

די הויפּט־שטאָט מאָסקווע האָט באַקרוינט דעם וועג,
בעגאַנגען איז זי ווי אַ כמאַרע פאַר אַ האָגל.
אוּאַדיס פון די ערשטע דעמאָלט איז אַוועק,
זיך אויף אַ צייט געשיידט מיט זיין באַליבטער טעכנאָלאָגיע.

IV.

אים האָט געדוכט: ס׳קלינגט נאָך ביז איצט דעם פּירערס קול,
דאָס אויפגעגאַנגענע פאַרטאָג דעם דריטן יולי...
אויף שטעט האָט זיך געזעצט דער פרעמדלענדישער עול,
און שריפות האָבן הפקר זיך אויף זיי צעהוליעט.
די ערשטע יולי־טעג פון טרויעריקסטן יאָר
אין רעש און ווי נים אויפגעהערט זיך האָבן וועבן;
און דאַן איז אים, אַוואַדיסן, געוואָרן קלאָר
דער זין פון זיין אַריינגאַנג אינעם לעבן,
דערפילט האָט ער זיך דעמאָלט פאַר אַ מאַן,
דערפילט האָט ער זיך דעמאָלט פאַר אַ טאַטן
פון דער באַטריבטער ערד אויף יעדן טראָט און שפּאַן
און פון דעם ווי, וואָס האָט אויף איר געטאָן אַ פּלאַטער.
ער האָט געזען, ווי ס׳טוט זיך מאָסקווע אָן אין זאַמד,
ער האָט געזען, אַז זי פאַרדעקט די פענצטער זיך, ווי אויגן...
האָט ער דעם פּירערס וואָרט קיין רגע ניט פאַרזאַמט,
מיט אַלע זיך געלאָזט, ווי פייל פון בויגן.

V.

ער איז געגאַן צו דער געפאַר, ווי צו אַ ראַנדעוואו
מיט אַ געליבטער, וואָס איז מער נאָך פון זיין לעבן...
אַ יעדער בוים געדעדט מיט אים האָט אויפן וואונק,
אַ יעדער גראָז האָט שטיל צו אים עפּעס געבלעבלט.
ווען מ׳האָט אַ טרונק טאָן אָפּגעשטעלט זיך אויף אַ ווייל
און מיטן קעסעלע געשעפּט די פליסיקייט די קאַלטע,
האָט זיך געדוכט, אַז יעדער שטראָם אים איילט,
אַז יעדעס וועלעכל אים בעט זיך ניט פאַרהאַלטן.
ער איז געגאַן מיט פריינט פון יוגנטלעכע טעג
אין גרויסן גורל פונעם פאָלק זיך אַ פאַרליר טאָן,
פאַרליבט אינעם דערשראָקענעם און טרויעריקן וועג,
פאַרליבט אין דיינע הייליקע און גרויסע פליכטן.
אָט צוליב דעם האָט ער מיט קעטעניש זיך אָנגעטריפט,
געדאַנקען צוליב דעם האָבן ווי קנאָספּן אויפגעשפּאַרט זיך,
און פרייד און בענקשאַפט, דורכגעוועבטע טיף,
געריסן האָבן זיך צוזאַמען פון זיין האַרצן.

VI.

ער האָט אַ הײמיש קװערטל נאָך בײ זיך געהאַט,
אַ פאָטאָגראַפיע פון זײן װאָלדהײמישער משפחה ;
קײן קאָפּ זײ װעלן ניט באַלאַסטן דעם סאָלדאַט,
נאָר אַ צעריגעװע געטאָן ס׳געמיט זײ האָבן דאָך אים,
די זאַכן פון דער הײם זײנען אים ליב געװען ביז װײ,
פון יעדער קלײניקײט האָט ס׳האַרץ אים אױפגעפלאַטערט.
װער װײסט, װאָס טוט זיך איצט אין זײן „װאָלדהײם״ ?
װער װײסט, װאו איז ערגעץ אַצינד זײן טאַטע ?
ער האָט װי קײנמאָל ניט דערפילט די אָפּגעהאַקטע רו,
די לויטערע, די זיסע רו פון שטילן דערפל...
װער װײסט אין װיפל צײט אַרום
װעט ער אַמאָל אַהינצו נאָך פאַרקער׳ן ?
באַװיזן אָנשרײבן אַ קורצן בריװ האָט ער —
געצײלטע װערטער עטלעכע צעשטרײטע,
און שױן אינמיטן װעג צום פּאָסט־קעסטל געטאָן אַ קער,
אַראָפּגעלאָזט אים דאָרט, זיך אומגעקערט און — װײטער.

VII.

אַ שבועה צו דעם לאַנד געװען איז יעדער טראָט,
אַ נדר צו דעם לאַנד — דער אױפגעװעקטער צאָרן ;
דורך בראָך פון פײנט, דורך שאַנד זײנעם און שפּאָט
װעט אױף דער פרײהײט־שװערד געבראַכט זײן דער נצחון.
דער מולד איבער מאָסקװע, װי אַן אױסקוקער בײם ראַנד,
די גאַסן פון דער הױפּט־שטאָט האָבן אױסגעזען פאַרטײעט,
און מתנות מונטערע מאַרשירט האָבן אין שפּאַן
פאַרשטעלן מיט דער ברוסט דאָס הײמלאַנד און די פרײהײט.
געװען ס׳איז נאַכט. אַיעדעס הױז װי אַ געשפּענסט.
אַיעדע גאַס געיאָגט זיך האָט, װי אין אַ תהום נאָר.
אַרײנגעשטראָמט האָט שטרענג איװאַנאָװ װאָזניעסענסק,
דעם װעג איז זינגענדיק פאַרגאַנגען אים קאָלאָמנע.
מע איז געגאַן, געגאַן — געקײטלט און באַנאַנד,
געשלאָסן אײנס אין צװײטן, נעענטער און פעסטער,
און װי אַ הילכיקע באַגריסונג פונעם לאַנד
האָט זיך געשטרעקט די רױטע פּרעסניע.

VIII.

און מײדלעך ! — גיט ער אַ דערמאָן זיך, — מילד און יונג
דאָרט איבער פּולע עמער װאַסער אָנגעבױגן,
מיט שאַלעכלעך געפּאַכעט און געפרעגט:—װיל אפשר עמעצער אַ טרונק ?—
מיט אַזאַ צאַרטער שעמעװדיקײט אין די אױגן . . .

אַראָפּגעריסן האָבן מאַמעס פון צעהאַנגען וועש די שטריק
און אויסגעשטרעקט: — באַדאַרף זיי צו דער ביקס ניט קינער?
נעמט, זונעלעך! איר זאָלט געזונט זיך אומקערן צוריק,
און בינדט זיי צו, ס'זאָל גרינגער זיין צו גיין איך! —
איצט האָבן די מאַרשרוטן זיך געביטן יעדע וויל,
און וועגן אָפּגעגאַן זיינען מיט בלאָנדזשענדיקן טרויער;
איצט האָבן ברונעמס מיט קיין טרונק זיך ניט געאײַלט,
און עפענען זיך ניט געאײַלט האָבן קיין טיר־און־טויער.
וואו קאָן עס זיין איצט אַלגע מיטן קינד?
צי גיט דער נאַרקאָמאַט דאָרט רעגולער אָפּ זיין געהאַלט איר?
און וועגן יענעם, וואָס „מע זאָגט", איז ניט די צייט אַצינד,
דאָך אויפן אויג וועט אויסקומען די גאַנצע צייט אים האַלטן!

15. ביים טייכעלע בורלוק

I.

ווי אַ שליח גייט דאָס טייכעלע בורלוק
צווישן דערשטיקטע דערפּעלעך, אין גראָבנס אײַנגעוועבטע;
עס שטייען ווערבעס נעבן זיי פאַרבוקט
און שעמען ווינענדיקערהייט זיך אויפהייבן די קעפּ דאָרט.
געזען, פאַרבראָכענע, אין טרויער האָבן זיי,
ווי דײַטשן האָבן, הוליענדיק, געטריבן
פון נעסטן פייגל טריבע אין צעדיי
און זויג־קינדער מיט מאַמעס פון די שטיבער.
פאַרנייגט אין טרויער, האָבן זיי געהערט
די לעצטע קרעכצן פון פאַרברענטע רויטאַרמייער,
וואָס ברענענדיקערהייט געהאַקט זיי מיט דער שווערד
האָבן די דײַטשן, טייוולדיק זיך פרייענד.
עס פליסט דאָס טייכעלע פאַריאָמערט און דערציילט,
רוימט די אַרמייער איין, פאַרלייגטע אין טשערעטן:
דערנעבן אינעם דאָרף אַרייַנגיין זאָלן זיי,
עס וואַרטן מאַמעס, וויינענדיק, ווי ווערבעס ווי געפּלעטע.

II.

אויף ביימער גיסט זיך מער ניט אָן קיין פּרוכט,
צעטראָטן, אויסגעקלאַפּט דאָס ברויט איז אויף די פעלדער;
עס איז אַ הישעריק אַ בלוטיקער אַדורך,
און דעם פאַרדאַרב ער טראָגט פון שוועל צו שוועל דאָרט.

די גערטנער בייגן זיך מיט צוויגיקן געוועב,
ווי ראַשיק־אָפּגעברענטע טרויער־קראַנצן;
עס הוידען זיך אויף זיי מיט אָפּגעדרייטע קעפּ
די, וואָס מיט ליבע און מיט מי האָבן געפלאַנצט זיי.
זיי לאָזן ניט פאַרשלעפערן זיך פון דער נאַכט,
זיי לאָזן ניט פון ווינטן זיך פאַרוויגן.
אויף ביימער אויפגעהאַנגענע — מע וואַרט,
די אויגן — אויף. עס האָט דער טויט זיי ניט פאַרזיגלט,
און טויטערהייט די טעג מע ציילט,
מע פאַרגעדענקט די מאָרדן און די גזילה.
דערצייל, שליח אייליקער, דערצייל,
אַלצאיינס וועסטו נאָך אַלץ ניט אויסדערציילן!

III.

דאָס טיכל פליסט געלייטערט, קלאָר,
צו ימען ברויזנדע אין פּיין סע פליסט דאָרט;
עס טראָגט אויף דעם זיך מיט צעלאָזטע האָר
אַן אויסגעפּייניקטע, אַ יונגע קאָמיוגיסטקע...
דאָס ווייסע שאַלעכל טראָגט נאָך זיך ביי דער זייט,
אויף ברוסט אויף מיידלשער — אַן אויסגעבּרענטער שטערן.
אַ פּאַסמע בלוט באַגלייט זי אין דער ווייט,
פּונקט ווי אַ רויטער שניפּס פון פּיאָנערן.
טשערעטן בייגן זיך אויף בײדע זייטן ברעג,
דערשלאָגענע, זיי שפּיגלען זיך אין טיפעניש אין קלאָרער;
עס וועלן אפשר די דערטרונקענע אין טרויער־וועג
דאָרט אויסרוישן אַליין דעם וויטעק און דעם צאָרן.
צו ימען ברויזנדע געלייטערט שווימען זיי,
דעם אומרו טאָג און נאַכט מיט זיי דאָרט טיילן.
דערצייל, שליח טייכעלע, דערצייל,
אַלצאיינס וועסטו נאָך אַלץ ניט אויסדערציילן!

IV.

אָן אבל איז דער טאָג. אָן אבל איז די נאַכט.
און אויסגעזויגן דער קאַיאָר ווי פון אַ שפּין איז.
דערצייל, ווי אין די צוגן, תּפיסהדיק פאַרשפּאַרט,
פאַרטרייבט דער דייטש די טעכטער אוקראַינעס
אויף קאַטאָרגע, אויף אויסראָט און אויף טויט,
אויף פּיין, אויף פאַנשטשינע, אויף אומקום,
מיט סקאָרינקעס אין טרערן איינגעטונקען ברויט,
מיט ווייטענדיקע אויף די אַקסל טאָרבעלעך און קלומקעס;

ווי ס׳האָבן נעצן היצלשע געטאָן זיך אַ פאַרדריי,
ווי הענט זיך צוגערירט צו זיי זיך האָבן טמא,
ווי אויסגעטאָן מ׳האָט זיי פון זייער היים
און אויסגעטאָן פון זייער נאָמען . . .
ווי זיי האָבן געקושט די שוועל, געביסן מיט די ציין
די גלותדיקע שאָלעכלעך און די פּאַטשיילעס...
דערציילי, שליח בלאָנדזשענדער, דערציילי,
אַלצאיינס וועסטו נאָך אַלץ ניט אויסדערציילן!

V.

דאָס דאָרף געלעגן איז פאַרשטאַרט,
און ביי די וועגן ביימער — אויף די קני שוין,
ס׳האָט מאַנציס ניט פאַרשטאַנען, צי ס׳איז נאַכט,
און דראָזד האָט ניט דערקענט, צי ס׳איז אַ ישוב...
די הייזלעך, איינגעבויגענע צו דר׳ערד, האָבן געקוקט,
די פּאַרקנס אונטער זיי, ווי הענט פאַרדרייטע;
געוואַרט האָט מאַנציס, ס׳זאָל אַ רעווע טאָן אַ קו,
געוואַרט האָט דראָזד, אַז ס׳זאָל אַ האָן אַ קריי טאָן . . .
געצויגן האָט די גאַס זיך — אָפּגעשונדן בלאָ,
אָן איינגעפאַלענע ווי נאָך אַ האָגל.
געקוקט האָט מאַנציס — אפשר צינדט זיך אָן אַ לאָמפּ.
געקוקט האָט דראָזד — צי פאַרט ערגעץ ניט אָן אַ וואָגן...
פאַרבראָכענע געשטאַנען זיינען סטויגן היי,
געקעפּטע און צעפּאַטלטע און רונדע;
אַדורכגעשליכט זיך שטיל ווי שאָטנס האָבן זיי,
און שטיל ווי שאָטנס זיינען זיי צוריק פאַרשוואונדן . . .

16. אַ טאַנק ביים וועג

I.

אַ טאָג האָט מען אַרומגעבלאָנקט. אַ נאַכט האָט מען געשמעקט.
און אָנגעשמעקט דעם דורכרייס אויף אַן אומגעריכטן וועג.
די נאַכט איז, דאַכט זיך, קורץ, נאָר יעדע רגע — לאַנג,
און אָנגעשמעקט זיי האָבן שוין איינמיטן וועג אַ טאַנק.
ס׳געפּאַר שטעלט יעדן ווינטל, יעדן פויגל אָפּ ביים פליען
און פרעגט ביי זיי פאַנאַנדער זיך: פונוואַנען און וואוהין?
האָסט עפּעס ביי די אויסשפּירער, געפּאַר, צו פרעגן? פרעג!
שוין אָנגעשמעקט אַ יאָטל אַ קורבאָסע — אַ פאַרמעג.

באַפריינדעט שוין. אין אייגענע מע גיט זיך אַ דערמאָן:
— ווי רופט מען דיך? — איוואַן! — דיין טאַטן? — אויך איוואַן! —
דער בליק איבערן וועג גיט זיך ביי מאַנציסן אַ גליטש:
— איז ביסטו, הייסט עס, בחורל, איוואַן איוואַנאָוויטש! —
ס'געדויערט ניט קיין רגע, איז מען היימיש שוין און נאָ'נט:
און וואו איז עס דיין טאַטע? — מיין טאַטע אויפן פראָנט! —
נאָר ס'אויג איז ביי דעם וועג. ביים וועג איז דאָס געהער:
— וואָס איז עס פאַר אַ טאַנק דאָרט — ניט אַהין און ניט אַהער?!

II.

און מאַנציס האָט פאַררייכערט און אַזוי געטאָן אַ טראַכט:
פאַרשיידנס קאָן מען וואַרטן פון אַן אומגעריכטער שלאַכט.
פאַרשיידנס — ביים געווינען, פאַרשיידנס — ביים פאַרלוסט.
נאָר וואָס איז דאָ צו טראַכטן דען? ס'איז קלאָר און ס'איז באַוואוסט:
דאָס מזל — ווער סע דייט, דאָס מזל — ווער סע שניידט!
מע ווייסט ניט, צי ס'איז נאָ'נט; מע ווייסט ניט, צי ס'איז ווייט.
מע יאָגט נאָך דעם, ווי הונגעריקע יאָגן זיך נאָך ברויט.
פאַרשפעטיקן — אַ שכל איז צו איינס נאָר, צו דעם טויט.
דעם גורל ווער דערווידער גייט — קומט אָפּ בלויז מיט געפאַר,
און ווער ס'באַהאַלט זיך אויס פון אים, איז מער ניט ווי אַ נאַר.
האַלב־שיכורלעך ביים וועג פאַרהאַריזנעט שלאָפט דער טאַנק.
ווער האָט אים דאָרט פאַרוויגט מיט מלאך־המותדיק געטראַנק?
און מאַנציס קוקט אַהין, און מאַנציס קוקט אַהער,
און עפּעס ווערט אים קלערער, ווען ער גיט זיך אַ באַקלער,
און ס'גיט אים דער קאַיאַר מיט אַזאַ בענקשאַפט אַ פאַרזויג:
דעם וועג וועט מען ניט מיידן — אַזוי אָדער אַזוי!

III.

אַדורכגעשאָרט צום טאַנק האָט זיך דאָס יאַטעלע ביינאַכט.
און מאַנציסן ידיעות האָט ער סאַפּענדיק געבראַכט:
—אַ טאַנק!—וואָס נאָך?—געווער!—וואָס נאָך? און גאַרניט, דאַכט זיך, מער!—
„ס'האָט גאָט געגעבן אַליין, — טראַכט מאַנציס, — אים אַוועקגעשטעלט אַהער!
ווי ווייט איז ער פון דאַנען? — דאָס באַלאַנגט שוין אין דיין שפּאַן!
ס'זאָל זיין דער קאַפּיטאַן דאָ, זאָגט מען: חבר קאַפּיטאַן!
קיין אַנדער וועג זיך דורכרייסן, ווייזט אויס, איז ניט פאַראַן!
וואָלט, חבר קאַפּיטאַן, דען ניט געווען קיין פּלאַן
זיך געבן אומגעריכט פון זייער טאַנק אויף זיי אַ לאַז,
און דאָ וועט מען זיך דורכרייסן ביי זיי אונטער דער נאָז?!"
אים דאַכט, אַז ס'קוקט באַטריבט אויף אים פון ווייט דער קאַפּיטאַן
און זאָגט אים: ס'אַ געפאַר אין דעם אַ שטערבלעכע פאַראַן...

איס דאַכט, אַז ס'זירט די האַנט פון קאַפּיטאַן זיין אַקסל צאַרט
און וועגט דאָרט די געפּאַר אויף אים: מאַנציס, וואַרט!
נאָר ער — ער טרעט ניט אָפּ, נאָר ער — ער קייט דעם פּלאַן:
אַ קלייניקייט? מיט זייער טאַנק, חבר קאַפּיטאַן!

IV.

— נו, דראָזד! — האָט מיט די אויגן ער געגעבן אים אַ טאַפּ,
אויף מיר פּאַלט אויס דער טאַנק. אויף דיר פּאַלט אויס דער שטאַב! —
עס וואָלט דער קאַפּיטאַן אים נאָר אַ וואונק געטאָן, אַ וואָרט,
נאָר ס'הערט זיך פון קיין פויגל ניט קיין פלאַטער, ניט קיין פאָד.
— איז וואָס? — גיט ער אַ ווענדע זיך צו דראָזדן פונדאַסניי, —
דאָס האַרץ פון זיך אַרויסרייסן אַצינדערט איז כדאי!
צו זויסן טאָן סאַדאָווסקין נאָר. און גלייך. נאָר ווי אַזוי?
דער יאַט איוואַן איוואַנאָוויטש — אים קאָן מען עס פאַרטרויען...
נאָר ס'איז פאַר אים צו איינגעשטעלט און ווייטלעך דער מאַרשרוט.
און גרייט דאַרף זיין סאַדאָווסקי דאָרט צו יעטווידער מינוט —
פאַרטייען זיך ביים וועג, ווי נאָר באַגינען וועט די שלאַכט,
ס'האָט דראָזד זיך ניט געאײַלט און לאַנגזאַם אַלץ באַטראַכט.
אַ טאַפּ געגעבן דראָזד דורכן בינאָקל האָט די ווייט:
דער טויט וויגט דאָרט דעם טאַנק, פונקט ווי אַ טרומנע פאַרן פיינט:
— וואָס טוסטו, אויב ס'באַמערקט זיך דאָרט אַ דייטשישער סאָלדאַט? —
און דאָס באַטייט, זיך איבערטאָן געגנוי און אַקוראַט . . .

V.

און מאַנציס איז באַרוישט. ס'איז יעדע רגע באַנג.
די פיס זיינען אין וואַלד. דער קאָפּ איז אים ביים טאַנק.
עס ציט איעדע רגע זיך. זי מאַטערט אַזוי שווער.
דער בליק — צום קאַפּיטאַן. דאָס האַרץ — איז ביים געווער.
צום וועג צום ניט געמאַסטענעם גיט מאַנציס זיך אַ לאָז:
דאָס אויג נאָך ערגעץ דאָ, די האַנט איז שוין ביים שלאָס.
און אַנגעוואָרפן מאַנציס האָט אַן אויספירלעכן פלאַן,
אַריבערוואַרפן דאַרף מען אים נאָר גלייך דעם קאַפּיטאַן.
און ס'איז דער פלאַן אַ פּראָסטער — פּראָסטער קאָן ניט זיין:
אַט דאָ—דער וועג, אַט דאָ דער טאַנק, און—אַלץ! און — סיי ווי סיי!
ער קאָן אויף טאַנקען אייגענע ניט וואַרטן דאָ, ווי ס'שיינט,
איז מאַכט ער זיך דערוויל אַ גמילת־חסד ביי דעם פיינט.
דערצו דאַרף ער באַזאָטלען נאָך דעם וועג אין זיין רשות,
און ס'גייט אַדורך דאָס גאַנצע חייל פראַנק־און פריי און — שלום!
און טאָמער וועט ניט אויסקומען זיך זען שוין מער, איז דאָן —
פאַרבלייבט געזונט און שלאָגט די דייטשן, חבר קאַפּיטאַן!

17. ביימער ווייזן אָן דעם וועג

I.

פאַרנאַכט האָבן זי ווידער זיך אַריינגעשליכט אין דאָרף.
ווי שאָטנס איז מען דורך צום בוידעם פון אַ שייער:
— איז וואָס? — מע לאָזט זיך ווייטער צי מע בלייבט שוין דאָ? —
האָט מאַנציס ניט געקאָנט קיין אויגנבליק זיך הייען.
אין דרויסן ביי די פריזבעס האָבן פויערטעס געווײנט,
אין שטיבלעך געווען איז וויסט און חושך.
געלעגן אַ געשמיסענע אויף דר'ערד איז ווי אַ שטייג,
פאַרשוואַרצט פון פיין, פון חרפה — גרוי שוין.
צו איר אין שטוב אַריינגעריסן זיך דער אומגליק האָט,
אַ ווייז געטאָן געוועלטיק אויף איר טאָכטער —
בלויז מיטן וואונק, בלויז מיטן טראָט,
און בלויז מיט דער נאַהייקע, דרייפאַכיק געפלאָכטן.
האָט זי אַ פאַל געגעבן צו דער שוועל,
דעם גאָרגל, כאָרכלענדיק, געטאָן אַ ווייז אים,
און דורכגעשורעוועט אין שטוב האָט אַ באַפעל,
מע זאָל די ווידערשפעניקערן שמייסן.

II.

— אָקסאַנע! — האָט זי אַלע ווייל געטאָן אַ כריפּ.
— אָקסאַנע! — האָט זי אַלע ווייל געטאָן אַ ציטער.
געוויינט האָבן די טאָפּאָליעס אַ גאַנצן אינדערפרי,
זיי זיינען אויף דער ערד דאָ אויפגעגאַן און אָפּגעצוויטעט.
געוועזן דער הימל אויף אוקראַינע איז פון בליי,
די ערד געצויגן האָט זיך טריב ווי אַ דערמאָנונג;
אַוועקגעריסן האָבן דייטשן פון איר מאַמע־לייב
איר שיינע אַכצניאָריקע אָקסאַנע . . .
געהאַט האָט זי אַ זון, האָבן די דייטשן אים דערשטיקט,
געהאַט האָט זי אַ מאַן, האָבן די דייטשן אים געהאַנגען,
געבליבן צוגעבונדן, איינזאַם, צו שטריק
אַ קוואַטשקע איז אין שטוב — מעת־לעתן לאַנגע.
ס'איז אָפּגעגאַן דאָס דאָרף דאָס גאַנצע מיט געוויין,
ווען ס'האָט געשמיסן זי דער קאַט אין טראָלדן גרינע.
אויף דר'ערד איז זי געלעגן, ווי אַ שטיין,
און ס'האָבן טאָפּאָליעס געמונטערט זי: גאַלינע!

III.

אין שטיבעלע געווען איז וויסט און טויט.
געהערט האָט בלויז אַ קרעכץ זיך פון דער קוואָטשקע.
גאַלינע האָט איר אויסגעבעט דאָס אָרט מיט שטרוי,
די לעצטע טעג געוואָרעמט עס זי האָט שוין, —
פאַרזען האָבן די מערדערס זי געוויס
אונטער דעם חרובן, צעקלאַפּטן איוווּן.
אין שטיבעלע געווען איז הויל און וויסט,
און ס'איז דער קרעכץ געגאַן, ווי פון אַ קבר,
געזעסן איז די קוואָטשקע אומעטיק פאַרדוקט,
געוואָרט ווען אויספּיקן די עופעלעך זיך וועלן.
נאָר קיינער ניט געקומען מער איז טאָן אַ קוק,
פאַרגעסן האָט מען איר אַביסל וואַסער אונטערשטעלן.
איז האָט זי אויף דער שטחב דער לידיקער געקרעכצט,
געפילט האָט זי דעם אומגליק גאָר ניט ווייט שוין,
געקוקט אויף לינקס, געקוקט אויף רעכטס —
און אָפּגעדרייט דעם קאָפּ אויך איר האָבן די דייטשן.

IV.

אַריבערטרעטן קאָן גאַלינע ניט די שטוב,
דאָרט לעם דער קוואָטשקע ליגט איר זון דערהרגעט;
זיי ליגן בידע אָפּגעדרייט די קעפּ, ווי אין איין גרוב,
און טויטערהייט אויף עפּעס נאָך זיי וואַרטן . . .
עס האָבן זיך די אויסשפּירער ביינאַכט פאַרטרויט
די טרויעריקע פּויערטעס, צעשליידערטע אויף גאַסן,
איז ווער בגנבה ברענגט ביינאַכט אַ שטיקל ברויט,
און ווער בגנבה ברענגט אַ ביסל וואַסער.
— גאַלינע! צוגעגאַנגען מאַנצים איז צו איר, —
דו וויסט דעם וועג צו אונדזערע איבער די ראַנדן?
איז גנבע זיך אַדורך און ברענג זיי אַ פּאַפּיר,
ס'וועט דיין אי פּאַר דיין קינד, ס'וועט זיין אי פּאַר דיין מאַן דאָ!
געווען איז אין פּאַפּיר פאַרציכנט אַקוראַט:
דער גאַרניזאָן. דער וועג. אַ טאַנק ניט ווייט — דער סימן;
די צייט און דער סיגנאַל. און נאָך אַ פּרט:
דער שטאָב באַשטימט פּאַר אַ מתנה איז דעם הימל!

V.

און שווייגנדיק גאַלינע איז ביינאַכט אַוועק,
קיין איינציק וואָרט ניט אויסגערעדט מיט קיינעם;
געפירט האָט זי דער טרויער דורך דעם קירצסטן וועג,
און ניט פאַרשפּעטיקן געלאָזט האָבן זי טרערן און געוויינען.

געוואַרנט האָט אַ יעדער בוים זי און געהיט,
די ווייטן האָט פאַר איר אַיעדער ווינט צעקלעמט דאָרט;
געגנבעט אויף דער ערד דער לייבלעכער האָט זי די טריט,
און דורך דעם וואַלד דעם אייגענעם געגאַן איז זי אַ פרעמדע . . .
אַ נאַכט געגאַן איז זי אַ גאַנצע ביז באַגין;
עס האָט דער שווערער וועג דעם ווייטעק איר געלינדערט.
געזונגען פייגל האָבן טרויעריק און דין,
און ס'האָט זיך איר געדוכט, אַז ס'וויינט ערגעץ איר קינד דאָרט, —
נאָר זיך ניט אָפגעשטעלט. זיך ניט געטאָן קיין קער.
די אויגן — ווייט געווענדט צו זיי — אַהין נאָר;
פאַריתומט־ווייַנענדיק, אַ פרעמדע אויף איר ערד,
מיט איר איז אַ געשמיסענע געגאַנגען אוקראַינע . . .

18. אין דייטשישער אוניפאָרם

I.

פיר סימנים האָט גאַלינען מאַנציס אויסגעמאָלט,
יעדערן באַזונדער — אויף דער האַנט אַזוי ווי גאָלד,
און מיט אַזאַ פאַרטרווילעך איינגעהאַלטן קול
ער איינגערוימט אין אויער האָט געהיים איר דעם פּאַראָל,
און נאָכאַמאָל דערקלערט, און ווידער מיט אַ ווענד —
צו ווּעמען דער פאַפיר דאַרף גלייך אַריינגיין אין די הענט . . .
געזעגנט זיינען בלעטער אינעם וועלקנדיקן וואַלד,
פאַרטרויערטע, פאַרזאָרגטע — גרייט אויף נע־ונד . . .
אָט וועט אַ האַרבסטיק ווינטל זיי נאָך אַנוויזן דעם וועג,
אָט וועט ער נאָך אַן אָטעם טאָן, איז לאָזט מען זיך אַוועק...
עס הערט זיך שוין דער לאַנגזאַם קרעכצנדיקער פאַל,
נאָר, פאַלנדיק, זיי גיבן זיך נאָך ערגעץ אַ פאַרהאַלט,
אַ טוליע צו דער קאָרע, צו אַ צווייגל זיך אַ ווענד,
נאָר ווידערבלי איז איצטער שוין אין קיינעם ניט געווענדט . . .
עס וועט אפשר אַ פויגל דורכפליען פאַרביי
און אויספאַכען מיט פליגל, וואו עס לויערט דאָ דער פיינט ?! . . .

II.

דריי טעג זיינען פאַרביי. דעם פערטן שוין מע וואַרט —
פון אויספיר אפשר אומקערן וועט עמעץ זיך ביינאַכט ?
און ערגעץ איבער שטעגעלעך, פאַרפלאָנטערט און פאַרדרייט,
געגאַנגען איז אַ פויערטע שווייגנדיקערהייט.

אַרײַנגעגאַן אין װאַלד... קיין צוויגל ניט קיין ריר...
און האָט געבראַכט סאַדאָװסקין אַ פֿאַרחתמעטן פּאַפּיר...
אָט איז ער, דער פּאַראָל! און די סמנים אַלע פיר! —
האָט דאַרשטיק אײַנגעזויגן זיך סאַדאָװסקי אין פּאַפּיר . . .
געשאָקלט מיטן קאָפּ, ווי יעדעס וואָרט וואָלט אים געבריט,
און נאָכגעזאָגט נאָך יעדן: — אויפֿן הימל אַ יאַריד!
און מעגלעך, אַז ס׳זאָל אַפּגילטן אַזאַ מין משוגעת?!
נאָר איצט איז שוין פֿאַרפֿאַלן, און באַדאַנקט האָט ער זיך גאַסט.
נו, צי ס׳איז בלויז אַ חלום, צי ס׳איז ווירקלעך אַ געשלעג,
אַרויסשיקן באַדאַרף מען אויסשפּירער צום וועג.
און גרייט מאַכן געבומען האָט סאַדאָװסקי זיך געשווינד.
וואָס מאַנציסן קאָן אײַנפֿאַלן?! און אפשר... ס׳האָט באַגינט.

III.

מיט וועלקונג אַרום מאַנציסן יאָמערט בלאָט צו בלאָט.
אַ היטל דאַרף איצט מאַנציס פֿון אַ דײַטשישן סאָלדאָט.
דערקענען זאָל פֿון ווײַטן אויפֿן וועג אים ניט דער פֿײַנט.
אין וואָלקנס הילט די זון זיך די פּרימאָרגעדיקע איין.
וואו נעמט מען דאָ אַ היטל — איבערטאָן זיך אַקוראַט?
אַ זוך טאָן סיידן ערגעץ אַ דערהאַרגעטן סאָלדאַט! —
און מאַנציס גיט דעם בליק זײַנעם אַ בלאַנדזשענדיקן פיר:
אַ היטל און אַ גרינעם אַ פּאַשיסטישן מונדיר,
אַזוי ווי פֿון אַ זשאַבע אַן אַראָפּגעשלעפּטע פעל . . .
איז אײנס און צוויי אַ זוך געטאָן: אַ רוח אין דער וועלט!
אַ ביסעלע — אַן אויסוועג! אַ ביסעלע אַ חן!
געדריקט ווי ס׳וואָלט אויף אים אַזאַ מין שימלדיקער שטיין.
געוואָרפֿן האָט פֿון ביימער זיך אַ בלאַט דאָרט נאָך אַ בלאַט:
נעם, מאַנציס, פּוץ זיך אויסעט אינעם מלבוש פֿונעם קאַט! —
געמורמלט האָט דער וואַלד, געפּאָדערט האָט די ערד:
גיי, מאַנציס, זיי זיך נוקם, און געבענטשט זאָל זײַן דײַן שווערד!

IV.

פֿאַראויס קוקט מאַנציס, לויפנדיק, און טרײַבט פֿון זיך די שרעק.
ס׳איז איבעריק אַפילו אים זײַן שאָטן איצט אין וועג.
ער פֿילט ניט צי שוין נאָענט. ער פֿילט ניט צי נאָך ווײַט.
דעם חשבון פֿון דער שנעלקייט פֿירט איצט ניט די צײַט.
ער פֿילט ניט צי נאָך ווײַט. ער פֿילט ניט צי שוין נאָ׳נט,
נאָר ס׳יאָגט אַ קויל אַ סווישטשענדיקע אויפֿן וועג אים אָן.
פֿונוואַנען? — גיט זיך מאַנציס אַ צעפּלאָנטער און אַ פֿאַל, —
געשיקט זיך — פֿון די אייגענע? געשיקט זיך — פֿונעם וואַלד?

ער הייבט זיך אויף און פונדאַסניי זיך גלייך אין וועג אַ לאָז,
און — נאָכאַמאָל אַ שאָס! און אויפן האַרץ איז אַ פּאַרדראָס:
וואָס טוט מען? זאָל ער פאַרזעצן דעם וועג צו גיין?
עס זאָל די שיסעריי כאָטש צו די דייטשן ניט דערגיין! —
באַשלאָגן האָט אַ שוויס, באַפאַלן האָט אַ היץ:
מע שיסט! נו, יאָ! ווי אַנדערש, אַז דערזען מע האָט אַ פּריץ!
באַמערקט מע האָט אַ לויפנדיקן דייטשישן סאָלדאַט,
איז האָט מען ביקסן אָנגעשטעלט און אָנגעצילעט גראַד!

V.

די וואָך וויסט פון קיין חכמות. ניט ביינאַכט. ניט אינדערפרי.
אַ דייטש? — איז ניט געטראַכט! איז פייער איבער אים!
איעדע וויל גיט מאַנציס זיך אַ וואַלגער אויף דער ערד:
ווי גיט מען פון דער ווייטן צו פאַרשטיין זיי, אַז ס'איז ער?!
אַז איבערגעטאָן האָט ער זיך אין וועג אַריין, ניט מער!
אַז בלויז די הוט איז פון אַ דייטש, איז פון אַ פּריץ אָן אָפּיצער!
נאָר מאַנציסן טוט ווײ, וואָס ס'דויערט אַזוי לאַנג.
ער קוקט ניט אויף זיין בלוט. ער קוקט בלויז אויפן טאַנק.
און נאָכאַמאָל אַ דריי זיך און אַ וואַלגער אויף דער ערד, —
דער טאַנק איז נעבן אים, און באַלעבאָס אַצינד איז ער!
אַריינגעשטופּט זיך אינווייניק, דעם ליוק נאָך זיך אַ צי
און אָפּגעאָטעמט, סאָפּענדיק: אָט דאָס הייסט אַ שפּאַציר!
און האָט דערזען טאַנקיסטן צוויי — די קעפּ אויף בריסט פאַרטקויט.
צי שלאָפן זיי פאַרמאַטערטע, צי בידע זיינען טויט?!
אַראָפּגעלאָזט זיך מאַנציס האָט פאַרזיכטיק און מיד.
און צווישן בידע מתים ער פאַרנומען האָט די מיט!

VI.

אַ קבר צי אַ טאַנק דאָס איז — דערגיין איז איצטער שווער.
נאָר מאַנציס דאַרף צום אַלעמערשט אַ פּרואוו טאָן דאָס געווער:
— אין אָרדענונג, — האָט מאַנציס זיך אַ זאָג געטאָן אַליין. —
אַ קבר צי אַ טאַנק דאָס איז — קאָן קיינער ניט דערגיין!
די קוילן זיינען אויסגעשטעלט פּינקטלעך ביי דער זייט,
אַ זוך טאָן וואָלט ער נאָך עפּעס, דערלויבט אים ניט די צייט.
אַ פריילעכס און אַ לעבעדיקס ביים שונא וועט איצט זיין:
דאָס אומגעריכטע פייער פון זיין אייגענעם כלי־זיין! —
ער פילט ניט פון זיין וואונד אַצינד דעם נאָיענדיקן ווײ,
די שכנים אים דערמוטיקן, די טויטע שכנים צוויי!
די זיצן אומבאַוועגטע, זיך אין ערגעץ ניט קיין ריר,
ווי אונטערזועגס צעקריגטע פּאַסאַזשיר מיט פּאַסאַזשיר.

שפּאַקולן אויף די אויגן אויף די גלעזערנע — פּאַרפּרעסט,
ווי צוויינדיקע פענצטער ביי דער פגרדיקער פּעסט.
נאָר מאַנציס האָט קיין צייט איצט ניט זיך צוקוקן גענוי,
ער האָט זיך בלויז צו יעדערן געגעבן אַ פאַרנייג,

VII.

ווי ער וואָלט דאָרטן יעדערן אַ זאָג געטאָן פון זיי:
דעם כבוד כ׳האָב זיך פאַרשטעלן דער דייטשישער אַרמיי!
ס׳איז איך! אַ סטאַלינדאָרפער רויטאַרמייער! ניט געהערט?
עס וועט איך מיט אַ קבר ניט באַוואָלהען אונדזער ערד! —
אין פענצטערל אַ קוק געטאָן אויף ווייט איבערן שליאַך
און רעכטפאַרטיק געמאַכט זיך און זיך צוגעגרייט צום שלאַכט.
אַ דריי געטאָן אַהין זיך, אַ דריי געטאָן אַהער
און נאָכאַמאָל אַ פּרוּוו געטאָן די שלעסער פון געווער,
נאָר ס׳יאָגט פון זיינע שכנים דאָ אַ וואַרגנדיקע שרעק.
די קוקן, ווי זיי וואָלטן עפּעס נאָך ביי אים געפרעגט.
נאָר ס׳קאָן אַצינדערט מאַנציס זיי ניט ענטפערן קיין וואָרט,
ווייל ס׳זעען זיך די מחנות שוין די פינצטערע פון דאָרט.
אָט איז שוין די דיסטאַנץ, ס׳געווער גיט זיך אַ דריי,
אַרויסגעלאָזט האָט מאַנציס גליך אַ פייערדיקע ריי,
און ציטערן גענומען ווי אין פיבער האָט דער טאַנק —
מע פאַלט שוין און מע לויפט שוין — ס׳אַראַ חיותדיק געטראַנק!

VIII.

און מאַנציס קוקט דורך פענצטערל פון פיבערדיקן טאַנק.
אין היגערפלעט די קוילן ער אַליין זיך דאָרט דערלאַנגט.
אַדורכגעשניטן איילעק האָט סאַדאָווסקיס טייל דעם וועג,
אַזוי ווי אַ באַוועגלעכע, אַ לעבעדיקע זעג.
אָט זיינען זיינע אויגן און זיין קאָפּ אין זיינע הענט.
אים דוכט, דער טאַנק אַרומגעכאַפּט מיט פייער איז און ברענט.
די לעצטע קויל! די לעצטע ריי! — דעם ליוק גיט ער אַ שטויס,
און גליך ווי אַ פאַרשיכורטער פון טאַנק ער שפרינגט אַרויס.
אין אויגן — היץ. דאָס מויל — אין בלוט. דאָס פּנים איז פאַרצערט.
ער קוקט זיך אום: מע לויפט אים נאָך. עס לויפט אַן אָפיצער.
אין וועג פאַרוואַלגערט באַליקעס אַ סטאָס איז אויף אַ סטאָס.
אַ בליץ האָט דער בורלוק געטאָן. דערהערט האָט זיך אַ שאָס.
נאָר יעדער טראָפּן בלוט זיינער האָט, טריפנדיק, געברענט:
ניט אָפּגעבן זיך לעבעדיק די דייטשן אין די הענט!
און אויף די קני צום אָפּגרונט פאַלנדיק: — פּאַרטיי! —
אַ שפּרונג געטאָן האָט מאַנציס מיטן לעצטן הויך אין טייך.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

19. מיט אַ פערד און מיט אַן עמער האָניק

I.

ווען ביי דעם איבערררוף, נאָך דריי טעג גאַנג,
האָט „מאַנציס" אײנעם וואַלד אַדורכגעהילכט מיט ליבע,
איז אָפּגעענטפערט אײנער האָט פון רעכטן פלאַנג:
— אין שלאַכט געפאַלן פאַרן הימלאַנד ווי אַ גבור! —
געדוכט האָט זיך: ערשט איצטער יעדערער אים זעט
ווי קײנמאָל ניט — אַ שטאָלטנעם און אַ טריבן . . .
שוין ביי סאַדאָווסקין איז געלעגן אין פּלאַנשעט
אַ בריוו צו טאַטע־מאַמע זײנע אָנגעשריבן.
מיט וואַרעמקײט געווען איז אָנגעשריבן דאָרט,
אַז יעדער רויטאַרמײער וועט זיין אָנדענק שעצן.
נאָר אָפּשיקן דעם בריוו וועט ער קײן סטאַלינדאָרף,
ווי נאָר פון דער אַרומרינגלונג אַרויסרייסן מע וועט זיך.
געבליבן אין די צעטלען פונעם פאָלק איז ער,
און אין די הערצער ביי די פריינט פון שלאַכט איז ער געבליבן.
און ס'האָט אויף יעדן איבערררוף זיך באַמען זיך דערהערט:
—אין שלאַכט געפאַלן פאַרן הימלאַנד ווי אַ גיבור!

II.

און ווייט זיך ציט די טרויעריקע ערד,
די אויסגעטראָטענע פון ווינטן און פון חייל.
סאַדאָווסקיס טייל האָט זיך אויף איר געמינערט און געמערט,
מיט זין באַוואָקסן און מיט טעכטער מיט געטרייע.
קלײנוואוקסיק, רירעוודיק, ווי זיך געקויקלט שנעל,
געגאַן אַ רויטאַרמײער איז, אין ערגעץ ניט פאַרהאַקט זיך;
אַ סאַניטאַרן־טאַש אַריבער דעם שינעל,
אַ ביקס אַן אויסגעפוצטע אויף די אַקסל.
ס'איז ברייט דער וועג, און שמאָל דער זוים, —
אויף אים נאָר קוים אַדורכגיין זאָל מען קאָנען;
געפירט אַ פערד ער האָט דאָרט פאַר דער צוים,
געהאַלטן אין דער האַנט אַן עמער האָניק
און צו סאַדאָווסקין גלייך געמאַכט אַ שפּאַן,
דירעקט, ווי מיט אַ ראַפּאָרט אַ פאַרגרייטן:
— צי דאַרפט איר ניט קײן מענטשן, חבר קאַפּיטאַן?
מיר איז אַלצאײנס — צי דער טייל, צי אַ צווייטער.

III.

פאַרוואונדערט האָט סאַדאָווסקי דאָס געהערט.
געקוקט. פאַרשטיין פאַרשטייט ער עפּעס דאָ ניט:
אַ סאַניטאַרקע מיט אַ פערד. וואָס איז דאָס פאַר אַ פערד?
וואָס איז דאָס פאַר אַן עמער האָניק?
עס האָט די סאַניטאַרקע זיך געטאָן צום פערד אַ דריי,
אַ וויץ מיט שטאָלץ אויף אים אַזוי געטאָן האָט:
— דאָס פערדל, חבר קאַפּיטאַן, איז אַ טראָפּיי,
און אַ טראָפּיי איז אויך דער עמער האָניק! —
גענעזן די פּילאָטקע איז אויף איר מיט חן,
נאָר קוקן אויף איר לאַנג האָט זיך סאַדאָווסקי ניט פאַרגונען.
— פון וואַנען? איך? פון מאָסקווע כ׳בין אַליין!
— דיין נאָמען? — אַנטאָנינע, — אויסגעגליכט זיך ווי אַ סטרונע.
און צוגעגאַנגען איז סאַדאָווסקי צו איר נאָ׳נט,
גענומען פון דער האַנט ביי איר דעם עמער האָניק
און איינהאַלטן זיך פון אַ שמייכל ניט געקאָנט,
דערזעענדיק איר אָפּגעברענט, איר יינגלש פּנים.

IV.

מע האָט זי ליב באַקומען גלייך, אין איין מינוט.
ס׳פאַרדיסן נעזל איז באַשפּרענקלט, ווי מיט ליסקע,
די פולע ליפּן — אויסגעלייגט ווי ביי אַ פלוט.
אַ ריר — און קלינגענדיקס וועט גלייך פון זיי אַ פּליס טאָן.
ביי אַלעמען אַ שניט געטאָן האָבן דאָס האַרץ
אירע באַריידעוודיקע אויגן, פונקט ווי דימענטן ווי גרינע,
נאָר שטעלן רעדן זיך מיט איר אַ סך
האָט זיך סאַדאָווסקי ניט געקאָנט פאַרגינען.
געהייסן אָפּפירן האָט ער דאָס פערד
און אונטערוואַרפן דאָרט אַביסל היי אים.
— איז ווי האָסטו געטראָפן גלייך אַהער?
און וואו האָסטו גענומען די טראָפּייען?
— מע ווייסט, אַז ערגעץ נאָ׳נט איז דאָ פאַראַן אַ טייל,
וואָס רייסט פון קלעם זיך דורך... פון אונדזערע ניט ווייט שוין...
ס׳איז אויך באַוואוסט, אַז פון אַ דייטשישן טראָפּיינעם טאַנק
האָט ער ניט לאַנג אַוועקגעלייגט אַ גאַנצע ראָטע דייטשן!

V.

ביים האָניק האָט שוין דראָזד געשליפט די ציין,
אַרויסגעשלעפּט פון אים די צאַפּלדיקע בינען,
און, קוויקנדיק זיך, האָט ער אויסגעקרעכצט, — דערצייל,
דערצייל, פונוואַנען ווייסטו, שוועסטער אַנטאָנינע? —

באַטראַכט האָט פּערעליאַט דעם עמער פון דער זייט,
באַוועגט ביי אים האָבן זיך דורכגעסאַרפּעטע די ליפּן,
און מיט געשמאַק אַריינגעלאָזט זיך אין אַ שטריט:
— ס'זעט אויס, דער האָניק איז פון הרעטשקע און פון ליפּע.
פון בינשטאָקס אייגענע און גלאַט אַזוי זיך פון דער היים,
און גלאַט אַזוי פון בענקשאַפט — ביז צו טרערן און ביז ווייען.
נאָר אָפּטראָגן מע דאַרף אים אין דער ערשטער ריי
צו די פאַרוואונדעטע — די קומט צום אַלעם ערשטן די טראָפּייען.
איז וואו־זשע האָסטו, שוועסטער, אים געפאַקט? —
האָט פּערעליאַט מיט נייגיר זיך געטאָן צו איר אַ צי נאָך, —
ס'איז אפשר נאָך פאַראַן, צי אַלדעם שלאַק? —
און אויסגעצוויטשערט, ווי אַ פייגעלע, האָט אַנטאָנינע:

VI.

— איז ווייסט מען, אַז ס'איז ערגעץ דאָ אַ טייל פאַראַן,
וואָס רייסט מיט שלאַכט פון קלעם אַרויס זיך.
מע גייט צו אים. מע גייט און איך בין אויך געגאַן
און אויף אַ רייטנדיקן דייטש זיך אָנגעשטויסן.
אינמיטן וועג — אָנטבלויזט די שווערד,
אין כאַליעווע פאַררוקט אַ הילצערנעם פּאַלאָנעק,
געפאָרן רייטנדיק דער דייטש איז אויפן פערד,
געאָרעמט פריילעך מיט אַן עמער האָניק
און איך — איך גיי פאַקטיטשעסקע אַנטקעגן אים...
„פּראָשטשיי! — טראַכט איך זיך, — טאָניע!"
און ער דערלאַנגט אַ ריטש מיט זאַראַזנער שטים,
נאָר שיסן — ניט. ס'איז אים אַ שאָד געווען דער האָניק.
„נו, טראַכטן, טאָניע, — זאָג איך זיך, — זאָל איצטער טראַכטן ער",
און מיט אַ שאָס פון די געדאַנקען אָפּגעטאָן אים,
און אים אַזוי געהייסן גיין אין דר'ערד
אינאיינעם מיט דער שווערד און מיטן הילצערנעם פּאַלאָנעק.

VII.

— ער האָט געזויס געמיינט, דער רייטנדיקער נאַר, —
האָט אויף דער נאָז אַ גלאַנץ געטאָן די הויט ביי איר, ווי ליסקע, —
וויבאַלד אַ רויטער קרייץ — איז בלויז אַ סאַניטאַר...
— ווער דען ביסטו? — כ'בין, ערשטנס, חבר, אַ ראַדיסטקע!
האָט זי אַן עפן אויף געטאָן דעם סאַניטאַרן־טאַש,
אַ זאַך אַרויסגעשלעפּט. באַוויזן פּאַרזיכטיק און אַקוראַט זי:
— איר זעט אָט דעם־אַ בלאַנקנדן באַנדאַזש?
אין אים איז איינגעוויקלט אַ טראָפּיינע ראַציע!

בערלין... — פאַפירן איניקע געגעבן אַ צעשיט, —
ער האָט געהאַט נאָך היבער. וואורשט. נאָר שלעפּן אַלץ מע קאָן ניט —
געפאָרן איז ער, ווי מע פאָרט אויף אַ יאַריד,
באַדאַכט... ס'זאָל זיך ניט אויסגיסן דער האָניק... —
סאַדאָווסקי איז געוואָרן געפּלעפט און איבערראַשט,
עס האָט איר צוויטשעריי געזויגט אים ווי אַ ווינטל:
— איז אָט... כ'קאָן מאַכן אַ באַנדאַזש,
כ'קאָן מאַכן אַ פאַרבינדונג!

VIII.

— ווי אַלט ביסטו? — אינגיכן ניינצן יאָר!
— שוין לאַנג ביסט אויפן קריג? — פון סאַמע אָנהייב! —
אַ כוואַליע בלאָנדע שפּרודלדיקע האָר
האָט זיך אַ ריס געטאָן אויף איר פאַרברוינטן פּנים.
זי האָט זיי גליך פאַרשאַרט מיט איין באַוועג,
אין טאַש די זאַכן ווידער אויסגעמאַסטעט.
פון שול איז זי זיך שלאָגן פריוויליק אַוועק
באַצווייט מיט נאָך אַ חברטע פון סאַמע מאַסקווע.
מיט שלאַכטן אויף צוריק מ'האָט זיך געררוקט,
מ'איז אָפּגעגאַן מיט בלוט, פון ווי פאַרנעפּלט.
געהיילט פאַרוואונדעטע ביים דניעפּער און ביים בוג,
און אויך אַליין פאַרוואונדעט איז געפאַלן זי ביים דניעפּער.
עס האָט סאַדאָווסקי אויסגעהערט זי מיט פאַרטרוי,
מיט נייגיר הייבנדיק די ברעמען:
— נו, גוט! פאַרנעם אַן אָרט אין סטראָי!
— פאַראַן אַן אָרט אין סטראָי פאַרנעמען!

20. נאָך איין קאָרדאָן!

I.

אַ מונטערקייט מיט טאַניען איז געקומען אומדערוואַרט:
צוזאַמען אַלץ — דאָס פערד, דער האָניק און די ראַציע;
אי עפּעס פון אַ קינד נאָך אי אַנטשלאָסנקייט פון שלאַכט
אין אירע קנאַפּע צוואַנציק יאָרן האָט געהאַט זי.
זי האָט שוין אַלץ געמייסטערעוועט אַהין, אַהער,
אַן אָרט שוין אָפּגעשלאָגן אין עפּיר אין הוילן;
און אַלע האָבן שוין פאַרטייעטע געהערט,
און אַלע, הערנדיק, געקוקט האָבן אין מויל איר.

אַ גרוס פון זייניקע האָט זיך סאַדאָווסקי שוין געמאָלט,
כאָטש די געפאַר פון טאָג צו טאָג האָט זיך געטאָפּלט.
אַ פּרוּווו טאָן וועט ער זיך פאַרבינדן מיט זיין פאָלק,
אויב נאָר די שוץ ער האַלט ביי גראַנאַטאָפּ נאָך...
געוואַקסן איז דער מאַנגל אין געווער,
און קוילן אויספּעלן שוין אויך האָבן גענומען.
נאָך איין קאָרדאָן אויב דורכרייסן וועט ער, —
האָט ער געטראַכט מיט האָפענונג און אומעט. —

II.

עפּנט זיך אויף דער וועג צום לעצטן ראַנד,
און מאַכן דאָרט דעם לעצטן שפּרונג וועט מען זיך לאָזן;
מיט ווייפל ביקסן אויף דער האַנט ס׳זיינען פאַראַן —
צי וועט פאַרבינדונג ניט זיין, אָדער יאָ זיין!״
ער האָט סומירט, געוואויגן און געטייטשט
דאָס אַלץ, וואָס ס׳האָט די אויסשפּירונג געבראַכט אים,
דער פייער, די ראַדיסטקע און דער דייטש
און אַלץ אַדורכגעזיפּט דורך אייגענער באַטראַכטונג.
— נו, וואָס? — האָט ער צו אַנטאָנינען זיך געווענדט, —
מע הערט דיך ניט? ווען זען מע זאָל דיך קאָנען,
אַ קוק געבן אויף דיר. ווען ס׳וואָלט אַ מעגלעכקייט געווען,
איז וואָלטן זיך געפונען שוין אויף ענטפערן בעלנים! —
ס׳האָט טאָניע ניט געהאַט קיין טראָפּן לוסט
זיך איבערשליסן איצט אויף זייטיקע געשפּרעכן.
און ער האָט שוין געהאַט פאַרטייעט אַ באַשלוס:
וואָס ס׳זאָל ניט זיין, נאָר דעם קאָרדאָן פאַנאַנדערברעכן!

III.

נאָר איידער וואָס — געמאָלדן האָט ער נאָך
אַן אונטערוועגיקע פאַרטייאישע פאַרזאַמלונג.
די טאָג־אָרדענונג איז — קלייבן אַ פאַרטאָרג.
געבעטן קומען גלייך און ניט פאַרזאַמען.
זיך אויסגעזעצט מע האָט אונטער אַ בוים אויף דר׳ערד,
קאַנדידאַטורן אָנרופן סאַדאָווסקי האָט געבעטן.
און גלייך „אַוואַדיס״ האָט פון אַלע זיך דערהערט,
און ביימער צוגעשטימט האָבן מיט שאַרכעדיקע בלעטער.
— ס׳וויל אפשר עמעצער אַ וואָרט? — האָט ער געטאָן אַ פרעג.
— צו וואָס? מע ווייסט! ס׳האָט ליב אַ יעטווידער סאָלדאַט אים! —
ביים זייט פון וואַלד געגאַנגען איז אַ וועג,
ביים ראַנד פון הימל האָט אַ זון־פאַרגאַנג געפלאַטערט.

סאַדאָווסקי האָט אַ קוק געטאָן אויף אים,
אַ קוק געגעבן אויף די שלאַכטיקע, פּאַרטייעטע אַרומען
און האָט דערקלערט מיט שטילער פייערלעכקייט אין דער שטים:
—אָוואַדיס איינשטימיק איז אָנגענומען!

IV.

— זיך אויפהייבן! — האָט דורכגעהילכט אין פעלד
פונסניי אַ מאַרשעווע קאָמאַנדע.
קיין שנעלקייט האָט אין אויספיל קיינעם ניט געפעלט,
נאָר ס׳האָט קיין ביקס זיך ניט אַריינגעלייגט אין יעדער האַנט דאָרט.
און פיינלעך איז אָוואַדיסן געווען,
מיט דאַרג פאַר יעדער קלייניקייט באַוואַקסן,
דעם וועג דעם ווייטערדיקן צוקוקן און זען
ביי פיל סאָלדאַטן — אָן געווער די יתומדיקע אַקסל...
עס האָבן יאָרן, איינס נאָך איינס, געטאָן אַ פּאָך
אין אַקער, אין פּאַרזיי, אין וואוקס, אין הויכע סטויגן.
אַט זעט ער פון די פינפיאָרן דעם העלן צעפּאָלאָך,
פון זייער ליכט גייען פאַנאַנדער זיך די אויגן.
איז וואָס — געשיקט זיך, אַז דאָס אַלץ איז שוין ניטאָ,
צי ערגעץ יוירט זי נאָך, די קראַפט, נאָך ניט קיין אָנגערירטע?
ווי אַ שטיק לייב שניידט אָפּ פון אים זיך יעדער טאָג,
און דאָך פילט ער זיך יעדן טאָג אָן אויפגעריכטער

V.

בלויז פון אַ ליד, פון אַ סאָלדאַטישער, וואָס אויפן ראַנד
דורך אַלע אָדערן גיט זי מיט גבורה אַ צעפליס זיך;
אין איר אָנבריגיקייט זיך מעלדעט באַכאַנאַנד
סיביר, אוראַל און דער באַגינענדיקער מזרח.
אים דאַכט זיך, אַז ער הערט, ווי ס׳אָטעמען די בערג,
ווי ס׳טוען סטעפּעס אָן זיך אין באַוואָפענונגען רייכע;
ווען אויפהייבן די וועלן זיך, אַ ריס טאָן זיך אַהער,
וועלן קיין ים־פאַרפּלייצונגען מיט זיי זיך ניט פאַרגלייכן!
און מאָסקווע! מאָסקווע — פריי׳ר פאַר אַלץ, —
האָט זיך אָוואַדיס האַפערדיק צום ראַנד געגנע׳נטערט;
און דאָך האָט אים דער ווייַ פאַרשלייפט דעם האַלדז,
און ניט געקאָנט געפינען האָט ער זיך קיין ענטפער!
ס׳האָט אים באַגליט אין וועג אי פיין, אי ברויז,
און אַ געדאַנק איז אויפגעגאַנגען אַלע ווייל, ווי פון אַ בעפל;
געזען מיר האָבן אויף יאַרהונדערטן פאַראויס
און ניט באַמערקט צומאָל די וויזערס דאָ דערנעבן....

VI.

אין יענע טעג איז מאָסקווע שוין געווען גרייט
צום איינס־אויף־איינס מיט די פּאַשיסטישע חיילות;
זיך אָנגעצויגן יעדער אויגנבליק האָט שטייף,
און אויסגעפּרוּווט אַ יעדערער געווען ווי שטאָל איז.
פאַרוואַנדלט אין געווער האָט זיך אַיעדער שטיין,
און מויערן געוואָרט אויף אַ קאָמאַנדע האָבן אַלע;
וואָדן אויפגעהויבן האָבן זיך אַליין
אויף צו געבוירן ווערן פונדאַסניי אין סטעפּעס אין אוראַלער.
געווען אַוואַדיס גראָד איז צווישן די,
וואָס ווערן אָפּגערופן צוריק פון שלאַכט־פעלד,
אַז ס'זאָלן די געווערקן ווי געהעריק זיין באַדינט
ביים איבערוואָרצלען זיי דורך אויסגעאיבטע פאַכלייט.
נאָר ביי זיין נאָמען האָט אַ פראַגע־צייכן זיך געקרויזט,
ווי אין אַ רעמעלע אַ שוואַרצינקס פון אבלות:
— צי איז ער דאָ? צי פונעם קלעם איז ער אַרויס?
צי פונעם קלעם דער גאַנצער טייל איז?

VII.

מיט אים אינאיינעם אין דעם זעלבן וואָד
איז אויך געגאַן דער דאָקטער, אַ פאַרקלערטער:
ער איז פון אַלעמען ניט אָפּגעשטאַנען אויף קיין טראָט,
די לאַסט אויף זיך געשלעפּט, ווי אַ סאָלדאַט אַן עכטער . . .
געלויכטן האָבן זיינע גראָע האָר,
געדוכט האָט זיך: זיין חשבון טרויעריק זיי פירן,
אַז אַלץ, וואָס ער האָט אָפּגעטאָן פאַר אַלע זיינע יאָר,
געווען איז בלויז אַ צוגרייטונג צו אָט דער הייליקער מאַרשירונג.
דערלאַנגט אין וועג אַוואַדיס האָט אים טיי,
אים פאַרן קינד — אַ שטיקל ברויט און צוקער אויסבאַהאַלטן,
און זיך געפּרוּווט אַזוי אים געבן צו פאַרשטיין,
אַז פאַר דעם קריג איז שוין אַ ביסעלע צו אַלט ער...
נאָר ער האָט שמייכלדיק געוויגט דעם גרויען קאָפּ
און אויפן קינד געטײַט: — איר זעט דעם בעזשענעץ דעם אויסגעהיטן?
אויך אים איז ניט כדאי צום זיידן אָפּפירן קיין גראַנאַטאָפּ,
געבראַכט דעם זיידן כ'וואָלט אַהער מיט אַלע גראַנאַטאָפּער יידן!

21. אַ געזעגענונג מיט דער שטילקייט

I.

געבלוטיקט האָט דאָס פעלד מיט רויטן מאָן,
צו דורכגייער געריסן פונעם פעלד האָבן זיך קוויטן.
פאַרטריבן האָט עס שוין צום שטילן דאָן
אַ מחנה אָפּגעברענטע סטאַלינדאָרפער פליטים.
קאָלווירטניקעס מיט קינדער, קליין און גרויס,
געבווירענע אין פעלד, געוואַקסן אויף באַשטאַנעס.
ס'איז יעדן איינעם נאָכגעגאַן אַ זעטיק הויז,
און גוטס פאַרוועבט געווען מיט יעדן שפּאַן איז.
ניט אָנגעזען צום וואָגלעניש האָט זיך קיין סוף,
די סטעפּעס זיך געשפּרייט האָבן ווי געלע ימען.
געטריבן אויף קובאַן זיי האָבן טשערעדעס מיט שאָף
און אָקסן איינגעשפּאַנט מיט אײַזעלעך צוזאַמען.
געגאַן עקשנותדיק, פאַרזאָרגט און האַרט
סיי טאָג סיי נאַכט — חדשים גאַנצע.
און אָפּגעשטאַנען אַלע ווייל פאַרטראַכט
פון טרויעריקן צוג איז מלך מאַנציס.

II.

געלעגן סטאַלינדאָרף איז ווייטלעך פון אַ באַן,
פאַרפּליצט די באַן געווען איז מיט חייל,
ס'האָט מלך אָבלדיק געלאָדן זיין ארבא,
ער האָט זיך עפּעס אַזוי ווייטעקלעך געהייעס,
ווי ער מחילה וואָלט געבעטן ביי דער קו,
און אַ פאַרשולדיקטער געשטאַנען ביי די רינדער.
די צוגעפירט צו דער ארבא, זיך אַלע ווייל פאַרקוקט.
עס האָט דער סטעפּ נאָך אַזוי זומערדיק געגרינט דאָרט.
געקייקלט האָבן זיך די קאָוועס צו דיינע טריט,
אויף אים געקוקט האָבן די ווינטרויב־לאָזעס;
„ווי זאָל דאָס האַרץ ניט פּלאַצן ביי אַ ייד?! — האָט ער געטראַכט, —
גיי רייס זיך אָפּ פון דעם און נעם פאַרלאָז עס״...
צולעצט אַ שטייגל עופות צוגעטראָגן בלויז
און צוגעקרעמפּעוועט צו דער ארבא דעם עמער.
„וואָס קומט פון דער געבענטשטער שפע דען אַרויס,
אַז דאָס, וואָס ס'איז געבענטשט, קאָן מען מיט זיך ניט נעמען?!״ . . .

III.

די ערד, די אויסגעווייטעקטע אין שווייס און מי,
די ערד, וואָס האָט באַשאָנקען מיט אַזוי פיל פרייד אים
און זיך געהייסן אָפּגעבן דאָס טייערסטע פון זיין געמיט, —
מיט איר איז שווער געווען אים זיך צו שיידן...
דאָך האָט ער פון די אויגן ניט אַדורכגעלאָזט קיין טרער,
אים האָט געדוכט: געזעגענען זיך גייט צו אים די שטילקייט,
די זעלביקע, וואָס לאַנגזאַם, דויערדיק און שווער
האָט ער אַן אייגענער אין איר דערפילט זיך . . .
און איצטער העלפט זי אים אַרויפלייגן אויף דער אַרבע
די סאַטעס פון זיין ערשט־פאַרלייגטן בינשטאָק.
— מיר לאָזן, בינען, אין אַ שווערן וועג זיך באַלד,
דער האָניק און דער גיפט האָט זיך אַביסל אויסגעמישט דאָ...
פאַראַן אַ טרייסט. אַ זיסע טרייסט פאַראַן איז דאָך,
ווי ס׳זאָל דער ווייטעק איצט דאָס האַרץ ניט קלעמען, —
ווען ס׳וועלן דייטשן קויקלען זיך צוריק מיט בראָך,
אויך זיי וועלן די ערד מיט זיך ניט נעמען...

IV.

די ערד וועט בלייבן, ווי זי איז,
זי וועט נאָר אפשר קיין מאָל אונדז דאָס ניט פאַרגעבן,
וואָס ס׳וועלן אויף איר טרעטן טמא, מערדערישע פיס
און אויף אַ צייט פון איר אַרויסרייסן דאָס לעבן . . . —
ער האָט אַיעדעס לייסטעלע באַגראָבן אין דער ערד,
באַהאַלטן אין איר איינגעווייד די זאָמען פון געווירצן:
— מירן זיך, בינען, אומקערן צוריק אַהער,
און סטאַלינדאָרף וועט סטאַלינדאָרף ווי פריִ׳ר זיין! —
און זיך אַליין געוועקט: די וועלט איז נאָך אַ וועלט,
ווי ווייט און שווער ניט אויסקומען זאָל גיין אים...
נאָר ס׳וועלן בינען באַלד זיך אומקערן פון פעלד
און וועלן דאָ ניט טרעפן קיינעם...
— באַשעפענישן קלוגע! — גיט זיך מאַנציס אַ דערמאָן, —
זיי וועלן נאָכפליִען זיך לאָזן נאָך די פליטים... —
געבלוטיקט האָט דאָס פעלד מיט רויטן מאָן,
צו דורכגייער געריסן פונעם פעלד האָבן זיך קוויטן.

V.

אין פייער זיך געבראָכן האָט אויף ווייט דער האָריזאָנט.
אַוואו — פאַרגאַן, און אָנגעכאַפּט אַוואו פונסניי זיך.
ווען אָנזאָגן דער ערד וואָלט ער געקאָנט,
אין שונאס פיס זאָל זי זיך איינהריזען און זיי צעבייסן!

פאַרגעסן ווערן זאָל די רעכטע האַנט ביי דעם, וועד אין זיך היים פאַרגעסט.
ער ווייסט: צעשיידונג ניט קיין פּרוּווּ איז פון האַרצן!
ווען קאָנען זאָל געשען אַ נס,
אַז עפענען אין דר׳ערד זאָל פאַרן פיינט אַן אָפּגרונט זיך אַ שוואַרצער
באַוויזן האָט ער אין דער לעצטער איינציקער מינוט
דעם ברונעם מיט די הענט די אייגענע צעשטערן:
— דער „בכור״! — האָט אים באַגאָסן זיך דאָס האַרץ מיט בלוט.
און פּונקט ווי סם געפאַלן אין דער טיף דיינען די טרערן.
דריי יאָר האָט ער דעם גרונט געגראָבן און געפאָרשט,
ביז וואָסער האָט אַ שטראָם געטאָן מיט אַלע טעמ׳ען.
איז זאָל עס דאָ דערשטיקט ווערן, דער דייטש, פון דאָרשט,
און זאָל איעדער טראָפּן פּיכטקייט אים פאַרסמען!

VI.

געוואַלגערט זיך אין פעלד האָט וואו־ניט־וואו אַ וויג,
ס׳האָט מאַנציסן באַגלייט דער סטעפּ אַ טרויעריק־פאַרלאָזטער.
ער איז געגאַן דעם זעלבן וועג, ווי מיט אַ צייט צוריק,
ווען ער האָט זיך געלאָזט צו סטאַלינען קיין מאָסקווע.
באַוואַקסן ער מיט ברכה איז געווען פון האַרעוואַניע.
שוין ניט דאָס פּסחדיקע בעכערל געווען איז זיין פאַרמעג,
איז ביטער־גאַל געווען דער טרויעריקער וועג,
און שווער געווען אַרויסרייסן איז יעדן שפּאַן אים.
אויף נאַכטלעג האָט ער זיך מיט אַלע גלייך געשטעלט,
דאָס פּי איבערגעציילט און אויסגעטאָן זיך באַרוועס.
נו, גאַטעניו, איז מען עס אויסגעגאַן אַ וועלט,
זינט מיטן נפש ער אַרויס פון סטאַלינדאָרף איז...
ער איז געגאַנגען מיט די פּיס איבער דער ערד,
און מיט די אויגן ז׳ער געגאַן איבערן הימל.
איעדע וויל האָט אַ בהלה זיך דערהערט,
און אויפגעגאַן איעדע וויל איז אַ געווימל.

VII.

פאַרטרויערט אויסגעזען האָט יעדער לאָם,
געהויבן האָט פון זיי די וואָל זיך ווי אַ נעפּל.
די ערשטע האָט אַן אָנפאַל אומגעבראַכט אין פלאָם,
די צווייטע — אַן אַ קאָפּ — אַ פאַל געטאָן דערנעבן.
דער מיטן אַלול־טאָג האָט זיך געהויכט אין פראַכט,
אין בלוט געשפּיגלט האָט פון זון דאָס גאָלד זיך.
ס׳האָט קיינער ניט געלייגט אויף דעם קיין אַכט,
אַ טשאַטע יונקערסן האָט זיי מיט בליי געשמאָלצן.

צונויפגעפּליעסקעט האָט געווײן זיך מיט געווײן,
זיך אויפגעשפּאַרט פאַרן יעדערן זיך האָבן תהומען.
געלאָפן מ׳איז. געזוכט מ׳האָט זיך אַליין
און ניט געוואוסט, צי איז מען דאָ צי מ׳איז ניטאָ מער.
ביזן וואָקזאַל האָט זיך צעשפּרייט אַ טויטער שלאָף,
געהויכט פון אַן ארבא האָט ערגעץ זיך אַ שייטער.
ביינאַכט האָט מאַנציס ניט געהאַט שוין מער קיין שאָף,
ביינאַכט האָט ער אין וועג אַוועקגעלאָזט זיך ווייטער.

VIII.

געמונטערט האָט ער זיך: ס׳איז נאָך ניט אַלץ.
געקוקט די אויגן האָבן מילד פון אונטער שטויב און סאַזשע.
און ווען דער קו געטראָפן האָט אַ שפּליטערל אין האַלדז,
האָט מלך צוגעלייגט אַ ציכטיקן באַנדאַזש איר.
געשפּרייט האָט זיך אין רויך אַ וואונדיקער דער ראַנד,
דערמאָנט האָט זיך מיט ווי די אַבלדיקע היים אים.
דאָס שטייגל עופות ט׳ער געטראָגן אין דער האַנט,
אים נאָכגעגאַן איז די פאַרוואונדעטע בהמה.
— ס׳איז שווער אַ בעזשענקע צו זיין, ס׳איז שווער, —
האָט ער פון וואונד אירער געיאָגט די בייסנדיקע פליגן.
ביינאַכט האָט זי אַ פאַל געטאָן צו דר׳ערד
און שוין אַזוי אין וועג געבליבן ליגן.
געזעגנט האָט זיך מלך מאַנציס מיטן מת,
אַדורכגעגאַנגען פאַר די אויגן אים זיין אַבלדיקער הויף איז.
— גם זו לטובה! — האָט ער שטיל דעם וועג געטאָן אַ מעסט
און זיך אַוועקגעלאָזט שוין בלויז מיט די יתומהדיקע עופות.

IX.

עס האָבן זיך געוועקסלט לאַן מיט לאַן,
און אויך אין טייכן ניט געווען איז קיין מאַנגל.
געגאַן זיינען קאַלווירטניקעס קיין קאַזאַכסטאַן,
און קיין טאַשקענט זיינען קאַלווירטניקעס געגאַנגען.
דאָס ערשטע מאָל ביי בערג צוגאָסט,
פון די צופוסנס ביז די קעפּ מיט גרינס באַוואָקסן,
זיינען קאַלווירטניקעס געגאַנגען אויף קאַווקאַז
מיט די גראַטעוועטע שאָף, מיט רינדער און מיט אָקסן.
איבערגעהאַקט דער דאָן האָט מיט זיין שטילן שטראָם
דעם וועג דעם טרויעריקן פון די פּליטים.
אַרויפגעשטופּט האָט מלך מאַנציס זיך אויף אַ פּאַראָם
אינאיינעם מיט די עופות — זיינע איינציקע באַגלייטער.

און סקריפענדיק איז דער פאראָם געגאַנגען גלייך,
מיט אַ הו־האָ פאַרכאַפּט אַן אָרט זיך יעדערער פאַרפּרי׳ר האָט.
— עס האָט פון אַלץ זיך אויסגעלאָזט אַ טייך, —
האָט מלך, שווימענדיק אויפן פאַראָם, געחקירהט.

X.

— אַבי מע לעבט! — האָט מען געטאַפּט זיך שטומערהייט.
— אַבי מ׳איז דאָ! — געהערט פון יעדן זיך אַ שטים האָט.
נאָר ס׳האָבן זיך די עופות מיטאַמאָל צעקרייט.
וואָס ליגן זיי אַזוי די וועלט איין, גאָט אין הימל!
דעם פחד אָנגעזאָגט די ערשטע האָבן זיי,
און אַלץ אויפן פאַראָם אַ שטויס געטאָן האָט דעמאָלט.
דערנאָך האָט זיך אַ שפּאַלט געטאָן אַזאַ געשריי,
דערנאָך האָט אַלץ זיך אויסגעמישט צוזאַמען.
געדרייט האָט זיך אַ שפּאַרבער אין די וואָלקנס הויך,
געהערט האָבן אים אַלע מיט פאַרמאַכטע אויגן,
און אַ פרילישעטער האָט מלך זיך דערזען אין רויך
אויף אַ שטיק האָלץ. די עופות — איבער אים, אין שרעק צעפלויגן.
עס האָבן אָנגעזען זיך קעפּ, און הענט, און בערד,
און פון זיך טרינקענדע געגאַן זיינען געשרייען.
דער הימל איז געלעגן אויף דער ערד.
קיין ערד איז ניט געווען. געוועזן ווינד און ווי איז.

XI.

ווי פון אַן איי האָט פון דער הייך אַרויסגעפּיקט זיך באַלד
אַ שטורעם־פויגל — גראָד און האַסטיק.
— נו, זאָג קאַפּוט, פּאַשיסטישע ארבא!
מירן דיר תיכף צולייגן אַ הייסן פּלאַסטער! —
ס׳האָט מלך אויף זיין ברעט געאָרעמט שוין אַ קינד,
געטרייסלט עס און, קרעכצנדיק, אויף דעם געאָטעמט,
און איבער אים האָט שוין דער איינס־אויף־איינס באַגינט,
קיין איב׳ריקס זיך אין הימל ניט פאַרצויגן האָט ער.
און ווי אַן אָנגעצונדענער פאַרקרימטער האָן,
אַרויסגעהויכט פון זיך די דייטשישע, די טמא פאַרע,
האָט זיך אַ פליוך געטאָן דער יונקערס אינעם דאָן,
און ס׳האָט מיט שוים דער טייך גענומען אים פאַרשפּאַרן.
אַדורכגעשוואומען מלך מיטן קינד בשלום איז דעם דאָן,
דאָס הינער־שטייגל, אַ צעקנאַקטס, פאַרטראָגן ס׳האָט דערנעבן.
— נו, איצטער, — האָט ער אַלע ווייל אַ קרעכץ געטאָן, —
איז פּשוט שוין אַ מצווה — בלייבן לעבן!

22. דער שפּיגל

I.

ביים אומגליק אין דער פאַנשטשינע געשפּאַנט,
פונעם בייז־יאַר דעם פינצטערן געפּלעטע,
דריי טעג דריי קיילעכדיקע נאָכאַנאַנד
געשלעפּט האָבן זיך יידן צו דער געטאָ.
אַ טרויעריקער צוג געשטוקעוועט פון בראָך,
אַן אויסגעלאַטעטער פון אומגליק און פון אימה,
האָט זיך געדוכט — פון איין עק וועלט ביז צו דעם אַנדערן און נאָך
גייט, איבערהיפּערנדיק לענדער, היימען...
געגאַנגען פּיבערדיק. געקרעמפּעוועט דעם ווי,
גלייך ווי מיט פּיס מיט הוילע איבער פּייער,
עפּעס געזוכט אין דעם צעטומלטן פאַרוויי
און זיך געאײַלט, פּונקט ווי מע גייט אויף אַ לוויה.
געטראָגן זיך אַנטקעגן האָט די געטאָ אויפגעפּראַלט,
ווי זי וואָלט ביזן האַלדז אין פּיין דאָרט שווימען,
און אויף אַרום האָט זיך געהויכט דער בעלאָוועזשער וואַלד,
מיט שפּיצןביימער רייסנדיק דעם הימל.

II.

— ווער וויסט דען אויף ווי לאַנג ? — האָט קרעכץ ביי קרעכץ געפּרעגט
און בליק ביי בליק געפּאַרשט האָבן צעדולטע.
נאָר מיטגעשלעפּט האָט מען די אָרעמקייט אין זעק,
אויף קינדער־וויגעלעך, אין טאַטשקעס און אין מולטערס,
און אויף די דאַרע אויסגעהאָרעוועטע הענט,
און אויף די פּלייצעס מיט דער אָפּגעשיילטער קאָרע,
אַרײַנגעגאַן איז יעדערער געפּענטעט פון פאַרלענד
מיט שוסטער־בענקעלעך, מיט ניי־מאַשינעס און מיט ספרים.
אין דר'ערד אַריין פאַר זיי געקראָכן איז דער וועג,
די געטאָ האָט — ווי אויף אַ מת אַ גרוב — געוואַרט שוין;
ביי וועמען זיך געשפּאַרט אונטער דער פאַכווע האָט אַ זעג,
ביי וועמען פון דער קעשענע אַ הובל האָט געסטאַרטשעט.
און קאָלדרעס, טלית־זעק, און טעפּ,
און טרויער, וואָס פון דור צו דור געגאַן איז בירושה, —
דאָס אַלץ האָט זיך געטאָן צוזאַמען אַ פאַרוועב
און זיך באַוועגט דריי טעג, ניט וויסנדיק קיין רו שוין.

III.

חנינה דער צירולניק איז געגאַנגען ביי אַ זייט.
פאַרחושט. אינגאַנצן ניט קיין היגער.
דעם טוטל ער אין בוזעם האָט באַשטאַט. די אויגן — ווייט.
און אָפּגעדעקט געטראָגן ווי אַ פּאַן האָט ער דעם שפּיגל.
זיך אָפּגעשפּיגלט האָט אין אים דער הימל און די שייך,
דער גאַנצענער אַרום האָט זיך אין אים אַריינגעבעט דאָרט,
און ס'האָט געדאַכט, אַז ס'טראָגט די וועלט אַריין
חנינה דער צירולניק אין דער געטאָ.
איז ער געגאַנגען ביי אַ זייט, געהיט,
פון דער בכבודיקער לאַסט אַביסעלע זיך וויגנד;
און פאַרזיכטיק געמאָסטן זיך אַליין די טריט,
ס'זאָל חס־חלילה ניט געשען דאָרט עפּעס מיטן שפּיגל.
ער איז געווען פאַרחושט און איבערראַשט.
די אַדערן האָבן דעם האַלדז געגומען אים פאַרציען.
ס'איז פון דער היים אים נאָכגעגאַנגען דער טשאַרדאַש,
אים נאָכגעווײנט האָט פון דער היים דער „אלי־ציון”...

IV.

געטראָגן אויפן בויך זיין מאַמע האָט די שטול,
וואָס ס'האָט אויף איר די שטאָט געשוירן און געגאָלט זיך.
זי פלעגט אַזוי מיט נחת אָנגעלעבטן פול
ביים שפּיגל אין צירולניע זיך אַוועקשטעלן אַ שטאָלצע
און זען דורך אים מיט גרויס געניוס,
ווי אויפן טוטל שפּילט חנינה אינעם אַלקער, —
אַ פּוס פאַרוואָרפן אויף אַ פּוס,
מיט אַ פאַרטרוימטן בליק צום גרינעם באַלקן,
און זען דורך אים דאָס פענצטער צו דער גאַס,
און זען דורך אים די גאַס מיט יעדן ליקל,
באַמערקן, ווער סע גייט: צי ס'איז אַ קונד, צי ס'איז אַ גאַסט,
און אויף דער גיך אַ הויך טאָן און אַ וויש געבן דעם שפּיגל...
און ווען זי האָט דערזען, אַז ס'גייען נאָך און ס'קומען נייע אָן,
האָט זי אַ רוף געטאָן דעם זון מיט אַזאַ מילדער מינע:
— גיי שוין אַריין, חנינה, אין סאַלאָן,
מע קאָן דיך פונעם טוטל גאָר ניט אָפּרייסן, חנינה!

V.

אַצינדערט שלעפּט זיך אויף חנינהס פּלייצע דער סאַלאָן,
דער גאַנצער הימל האַלט אין אים אין איין זיך וויגן,
פאַרוואָס־זשע זעט דער אַלקער זיך אין אים ניט אָן? —
האָט ביי זיין מאַמען זיך דאָס שאַלעכל געגעבן אַ צעוויקל...

דעם קאָפּ נאָך רחמים רייסנדיק אין ערגעץ הויך,
האָט זי די שטול געטראָגן מיט אַזאַ מין אימפּעט,
ווי ס׳טראָגט אַ מעוברתע די לעצטע שעה דעם בויך,
אידער סע וואַלגערט זי אַוועק דער קימפּעט.
פאַרשטעלט דער שפּיגל האָט פון אירע אויגן אַלץ,
און אָפּגעשטויסן, אַ פאַרפרעמדטע ,האָט די גאַס זי.
אַנטקעגן צוגעגאַן דער אומגליק איז צום האַלדז,
פון אונטן נאָכגעשלעפּט האָט זיך אין בראָך דאָס מזל.
זי האָט אפילו ניט געטאָן קיין מינדסטן טראַכט,
ניט איינגעפאַלן איז איר, טראָגנדיק דעם בראָך־שטול,
אַז קונדן ביי חנינהן וועלן זיין איצטער אַ סך,
און ביי די גריבער וואַרטן זיי, צעלאָזט די האָר שוין . . .

VI.

זי האָט געגעבן אַ דערמאָן זיך יעדע וויל,
וואָס מיטנעמען פונעם סאַלאָן איז איר אַרויס פון זינען.
אויך דאָ האָט זי, ווי שטענדיק, אים געאיילט
אים אַלע מאָל זי האָט אַ רוף געטאָן: „חנינה!“
און ער האָט ווי אויף אייז די פיס געשטעלט,
דעם האַלדז צו זיין פאַרמעג געדרייט, דעם ווי געגעבן אַ צעזיגל:
נאַ, קוק זיך אָן, פאַסקודנע וועלט!
נאַ, שפּיגל זיך ב׳חנינהס שפּיגל!
מע וואָלט שוין אָפּגעלאָזן באַדאַרפט פון דיר דאָס מיסט,
וואָס האָט זיך אויף דיין פּנים אַזוי ברייט צעוואַקסן, —
געוועזן ביי אים די אויגן זיינען וויסט,
עס האָבן צו דער ערד געצויגן אים די אַקסל,
די מאַמע זוכנדיק — צי איז זי דאָ צי שוין נישטאָ,
די אומבאַקאַנטע שוועל פון אונטערגאַנג באַטרעטנד,
איז ער — אונטערן שפּיגל — מיט דער גאַנצער שטאָט
אַריין — ווי גליך אונטער אַ חופּה — אין דער געטאָ.

23. די לעצטע אסיפה

I.

וואו — מיט געלאַף, וואו — מיט פאַרטיי׳טן טראָט,
וואו — אויפן בויך פון ריוו צו ריוו מיט בראָך געבעטע,
אַדורכגעגנבעט שטיל אַ פאַרטיזאַן זיך האָט
פון בעלאָרוזשער וואַלד צום טויער פון דער געטאָ.
זיך אָפּגעקער׳ועט האָט אין שאַנד אַיעדע שוועל,

געווען פֿאַרהײטלט־אויסגעלאָשן זײַנען פֿענצטער.
דערנידעריקט האָט אים דאָ אויסגעזען די וועלט,
און מענטשן — שאַטנדיק, געשפּענסטיק . . .
געקוקט אויף אים פֿאַרחלשט האָט די גאַס, —
צי האָט זי חוצן אומגליק נאָך אויף עמעצן צו וואַרטן ?
ניט ביתא זײַנען איר געווען די וועקנדיקע טריט פֿון גאַסט,
אַרײַנדרעמלען אין טויט, ניט אויפֿגעוועקטערהייט, האָט זי געגאַרט דאָ...
צום ערשטן אָנגעשמעקט האָט ער דעם לערער גליק,
און גליק האָט גלײַך אים צו זײַן חברטע געבראַכט, צו נעמין.
עס האָט אַ האָפֿענונג אין האַרץ געטאָן זיך אַ צעוויג,
זיך אָנגעצונדן האָבן אויפֿגעוועקטע טרוימען . . .

II.

— וואָס הערט זיך דאָרט ? — האָט גליק געטאָן אַ פֿרעג.
— ווי האַלטן אונדזערע ? — איז נעמי זיך פֿאַרגאַנגען.
— ס׳איז אַלץ אין אָרד׳נונג ! מיר פֿאַרקירצן זיי די טעג,
נאָר ס׳איז דערווײַל אין אַלץ צוביסעלעך אַ מאַנגל. —
ס׳האָט גליקן גלײַך דער פּאַרטיזאַן פֿאַרטרויט
די סיבה, וואָס געבראַכט האָט אים אין געטאָ.
איז גליק אַוועק אין יידנראַט : — איר פֿילט באַפֿעלן אויס פֿון טויט,
איצט אַ באַפֿעל פֿון לעבן אויספֿילן דאָ וועט איר ! —
געקוקט אויף אים מ׳האָט מיט בייזוואונדער ! — נו, דערצייל ! —
דערציילט האָט גליק : — ניט ווייט פֿונדאַנען
אין וואַלד זיך שלאָגט אַ פּאַרטיזאַנער־טייל.
אַ דאָקטאָר מע באַדאַרף. פֿאַרוואונדעטע זײַנען פֿאַראַנען ! —
ווי פֿון אַ ווינט האָט זיך דער יידנראַט געטאָן אַ וויג,
אַ קרעכץ אַדורך איז, ווי אין ביימער, ביז די שטאַמען.
נאָר מיט אַ דאָקטאָר איז דער פּאַרטיזאַן אַוועק צוריק,
וואו — מיט געלאָף, וואו — אויפֿן בויך. באַנאַנד, צוזאַמען.

III.

דער אומגליק זעטיקט זיך אין ערגעץ דאָ ניט אָן,
ס׳קומט צו דער אימה אין געלויער ניט קיין זעט אָן.
געווען איז אין דער געטאָ אַ שפּיטאָל,
געווען דאָקטוירים זײַנען דרייצן אין דער געטאָ,
אויף אַלע דרייצן האָט אַצינד דער קאָמענדאַנט געוואַרט,
אויף אַלע דרייצן האָט דער תליון פֿריק געהאַט אַ צעטל,
נאָך די אַוועקגעגאַנגענע האָט זיך געיאָגט די דייטשע וואַך,
דעם פּאַרטיזאַן דעריאָגט, דער דאָקטאָר איז שוין צ׳ריק אין געטאָ.

און ס'האָט דער מלאך־המות זי צעפּראַלט,
דאָקטוירים אויפגעמאָנט, צווי שעה געגעבן צייט זיי, —
אויב ניט אַרויסגעבן דעם דאָקטאָר מ'עט אים באַלד,
איז וועלן הענגען און זיך הוידען אַלע דרייצן!
איז האָבן זיך פאַרזאַמלט די דאָקטוירים אויף אַ ראָט,
זיך אויסגעזעצט זיי האָבן אַלע דרייצן!
קיין צייט קיין סך זיי האָבן ניט געהאַט,
צום מלאך־המות מיט אַן ענטפער מ'האָט געאײַלט זיך.

IV.

און אויפגעשטעלט האָט אײנער זיך פון שטול
און מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן פאַרגעשלאָגן בײניק:
— איך בין דער עלטסטער צווישן אײַך. איך נעם אויף זיך די שולד.
צום לעבן איז אַלצאײנס געבליבן מיר שוין ווייניק. —
אַ ציטער דורכגעגאַן איז דורך דעם ראָט,
נאָר דער צוריקגעקומענער עס אָפּגעווענדט אַליין האָט:
— די עלטער איז קיין סיבה ניט פאַר שײנעם טאָט,
די יוגנקייט איז קיין סיבה ניט פאַר קיין געמײנהייט. —
האָט אויפגעשטעלט אַן אינוואַליד זיך אין דער הייך
אויף קוליעס צווי און מיטן בליק — אין בײדע זײַטן:
— איך בין ביז העלפט אין האַלץ! דער רעשט איז אויך
שוין ניט פאַר גאָט און ניט פאַר לײַטן. —
און יעדער אײנציקער האָט פאַרגעלייגט דעם קאָפּ,
און יעדער אײנציקער האָט פאַרגעלייגט דאָס לעבן,
און אָט אַזוי איז שטום אַן אָפּשטימונג אַראָפּ:
ס'וועט קײנער פון די דרייצן ניט אַרויסגעגעבן!

V.

אַזוי האָט מען געפּסקנט דעם גזר־דין,
דער ענפטער זאָל דעם תליון צו דער צייט זיין.
אין געטאָ איז געווען אַ בלוטיקער באַגין,
און אויפגעהאַנגען האָט מען אַלע דרייצן,
אין שויבן האָט געפלאַקערט דער באַגין, ווי אַלעמאָל,
און אויסגעגאָסן אויפן גאַס האָט זיך דאָס טויטע צאַנקען.
געווען איז אַ באַפעל פאַרברענען דעם שפּיטאָל
און ניט אַרויסלאָזן קיין אײנעם פון די קראַנקע.
ס'האָט פון קיין האָן זיך ניט געהערט קיין קריי,
ניט קיין געוויין, ניט קיין ילֿלה פון די מאַמעס.
געהוידעט האָבן זיך די דרייצן אין איין ריי.
און פון שפּיטאָל מיט אַ געקרעכץ געגאַן דער פלאַם איז.

פון נעמיס שטוב געזען האָט גליק די פּאַנאָראַם,
אין יענער נאַכט ער ניט צעשיידט האָט זיך מיט נעמין,
אין יענער נאַכט האָט ער געשוואוירן ביי דעם פּלאַם
ניט לאָזן פּונעם אומגליק זיך באַצוימען.

24. אַן אָנפּלי

I.

אַן אויסגעפּוצטער האָט זיך קלאַפּס באַוויזן אויפן פּלאַץ,
וואו ס׳האָבן קאַטאַרזשניקעס קנעכט געפּאַכעט מיט די נשמות.
פון אָנגעבלאָזנקייט, געדאַכט האָט זיך — ער פּלאַצט,
פון ערנגייץ — ער אויף די פּיס געשטאַנען קוים איז.
אַן אויסזען ער האָט דאַן געהאַט אַזאַ
מיט דיבע זאַטע אייגעלעך, פאַרשוואומענע אין אייטער,
ווי ער צעפּרעגט וואָלט זיך ביי יעדער זאַך:
וואָס טוט מען נאָך? וואָס מאַכט מען ווייטער? —
ער האָט דאָך שוין אויסגעשטעלט אַ וועלט אַ האַלבע אויף די קני,
געשמיסן האָט ער דאָך אַ האַלבע וועלט שוין אייגנהענטיק.
וואָס נאָך צו אַלדי טייוולען פעלט אַצינדערט אים,
ס׳פאַלט דאָך פון יעדן קבר אויך אויף אים אַ חלק רענטע!
ער האָט באַקוקט דעם פּלאַץ — דער הערשער און דער ווירט,
פּונקט ווי אַן אומזיכטיקסטן טייל פון זיין מאַיאָנטעק,
און אויפן זייגער פינקטלעך קאָנטראָלירט,
וויפל ס׳טראָגט יעדער קאַטאַרזשניק אַריין אים אויף זיין קאָנטע.

II.

אין בראָך איז אַ צעטרייבערטער געלעגן אַ וואָקזאַל,
ווי איינגעווייד געוואַלגערט אויף אַרום האָבן זיך ציגל.
עס האָט פּאַר קלאַפּסן ניט געהאַט קיין ווערט בדרך־כלל
זיך אויף דער חורבה אויפהייבן, מע זאָל אויף ווייט אים זען, דעם זיגער.
נאָר אומבאַוועגט איז ער געשטאַנען, ווי אַ געץ,
וואָס דעמפּט אַליין פאַר זיינעטוועגן ווייַרעך,
אַזאַ ניט־צוטריטלעכקייט האָט געזעצט
פון זיין מונדיר, געשטאַפּט מיט גיר און גאווה.
עס האָט זיין שאָץ געטראָגן זיך פון דייטשלאַנד אין אַ באַן,
ער האָט דאַ מיטן קרייץ דעם אייזערנעם באַדאַרפט פאַר איר אַ שיין טאָן.
דערהערט האָט זיך אַ רויש פון אַ סאָוועטישן עראָפּלאַן,
פון נאָך איינעם און פון אַ גאַנצן ניינטל.

געבליבן הענגען זיינען זיי אין הימל אויף א וויל,
ווי פון דער הייך באַדאַרפט זיי וואָלטן עמעצן דערקאַנען.
און אין דעם אויפגעפליגלטן אַליאַרעם און געאייל
צעלאָפן זיינען די געפאַנגענע זיך אונטער די וואַגאַנען . . .

III.

אויך קלאַפּס האָט בלייך־שנעל זיך געטאָן א לאָז,
ניט ווייסנדיק אַליין אין ערשטן אויגנבליק וואוהין נאָך,
בלויז מיט די אויערן געגומען מאַכן ווי א האָז,
אַן אַנגעפּרעסענער, א גראָבער און א גרינער.
ניט לעבעדיק, ניט טויט אַדורכגעשלייכט צו א וואַגאָן,
און ווי א הונט א שמעק טאָן אונטער אים באַמיט זיך,
אַז די באַשיידענע באַהעלטעניש זאָל, ווי זי קאָן,
מיט וואָס־ניט־איז דעם דייטשן איבערהאַר באַשיצן.
און אַנגעבוין האָט ער זיך, ניט לעבעדיק, ניט טויט,
מיט שוויס דאָרט אונטער איר אַדורכגעשפּאַרט זיך.
אַן איינפּאַכע טעפּלושקע, אונטן — איינפּאַך קויט.
דער ריח, דאָנער־וועטער, ניט געווען איז אים צום האַרצן.
געשמעלצט האָט אונטער איר דער קויט זיך אומעטום,
נאָר וואָס פאַר א באַטרעף האָט קויט, ווען ס'אַליאַרמירט דער הימל?
פאַרגעסן קלאַפּס האָט אין זיין שטאָלץ און רום
און זיך א וואָרף געטאָן, גלייך ווי געלאָזט זיך שווימען.

IV.

ס'האָט קלאַפּס געמאַכט זיך האַרץ ביי יעדן קנאַל,
אויף אַלע פיר זיך טרייסלענדיק מיט זידלערייען:
אָוועקליגן באַדאַרף מען זיך אויף יעדן פאַל,
ס'איז זיכערער! — און זיך א בייג געטאָן אינדרייען, —
אַזוי איז בעסער! נאָר די עקסקרעמענטע! א, קיין ריר...
די רוסן, דאָנער־וועטער, האָבן עס פאַר אים באַשטאַט דאָ!
געווען באַדאַרפט דערוואַרגן האָט ער זיי נאָך פריי'ר,
ביז איינעם! אַלעמען! פאַרשפּעטיקט! שאַדע! —
אַראָפּגעסליזשעט האָט דער קרייץ דער אייזערנער ביי אים פון לאַץ,
זיך מיט דעם גלאַנץ אין קויט אַריינגעזויגן:
אַך, ליבער גאָט! ווער ווייסט, צי זי, זיין שאַץ,
איז ערגעץ מיטן גאַנצן עשעלאָן ניט אויפגעפלויגן! —
אים אָפּגעענטפערט האָט א קנאַל. אין זיין פּאַראַד־מונדיר
האָט ער איבער דער צואה זיך געגומען שאַרן.
און ביי דער זייט, אַן אָרט פאַרכאַפּט פאַרפריי'ר,
געלעגן איז דער ייד, דער קריגס־געפאַנגענער גור־אריה.

V.

„ס׳איז דאָ ניט ווייט!“ — אַ זאָג געטאָן גור־אריה האָט פאַר זיך,
ווען אַ פּוגאַס האָט לאַכנדיק געגעבן אַ מעלויצע,
און האָט דערלאַנגט אַ קוק דעם הערשער אין געזיכט,
ווי ער וואָלט אויפן וואונק אים פאַרגעלייגט אַן עצה:
„די קישקעס, קלאַפּס, די נאַבעלע באַשטאַט,
דעם קאָפּ באַדאַרף מען נידעריקער אַנבייגן, הער אַבער“.
זיי האָבן איין מאָל אַ באַגעגעניש שוין אַזאַ נאָענטע געהאַט,
ווען קלאַפּס האָט אים אַ קבר זיך אַליין געהייסן גראָבן.
„דאָס זיינען אונדזערע!“ — האָט אים גור־אריה מיטן בליק געדעקט,
ער האָט געזען, ווי ס׳טרייסלט זיך ביי אים איעדער אבר.
„דערווייל, זאָגן זיי, קלאַפּס, דיר, קריך אין דרעק,
און קומען וועט די צייט, איז קריכן וועסטו אויך אין קבר!“
אַ גראָב געטאָן האָט קלאַפּס דאָס פּנים אין דער ערד,
ניט זען די חרפּה זיינע זאָל דער ייד גור־אריה.
ס׳האָט דער פּוגאַס אַ ווילע אויסגעגלייכט די קנעכט
מיט די ניט־טויט, ניט־לעבעדיקע אויבערהאָרן.

VI.

— גענוג! — האָט קלאַפּס אַביסל מיסט פון מויל אַ שפּיי געטאָן,
זיך מיט די היפטן ווענדנדיק צו דער געפּאַר און צו די שכנים,
ווען אויפגעהערט האָט איבער אים זיך טרייסלען דער וואַגאָן,
מע זאָל דערמאָנען זיך, אַז ער איז קלאַפּס, און לאָזן גלייך אַליין אים!
אַליין האָט ער געוואָלט פאַרבלייבן מיט זיין כעס,
אַליין פאַרבלייבן מיט זיין נאַבל־ריטערלעכער בושה,
אַז קיינער זאָל ניט זען, ווי אויף דער אָפּגעשמיסן־טויטער גאַס
וועט ער אַרויסקריכן אויף אַלע פיר פון אונטער דער טעפּלושקע.
ער איז געווען געשטעמפּלט אומעטום מיט קויט,
דער דאשעק פון זיין היכער הוט געווען אויסגעדרייט איז,
און ס׳האָט פון אים געאָוערט ביז אונטער דער הויט,
און בייגעווען אויף דעם פאַראַד זיינען אַזוי פיל עדות . . .
— זיי טאָרן, דאָנער־וועטער, מער קיין רגע אים ניט זען, —
צעפּרעגלט האָט אין אים דער נאַבעלער פאַרדראָס זיך.
און קראַצנדיק פון זיין מונדיר די בלאָטע מיט די הענט,
האָט ער די מוטיק אין דער נאָ׳נטסטער יידן־אַקציע איינגעשלאָסן.

25. אַ שטאָט אויף דער עקידה

I.

זיך צוגעהערט האָט שטאָט צו שטאָט,
געוואָרט אין טויטער שטילקייט אויפן אומגליק.
מע האָט געוואוסט, אַז וועלכע איז שוין מער נישטאָ
און וועלכע ברענגט מען ערשט נאָך אום דאָרט.
די אימה אָפּגעטראָגן האָט עס באַלד,
געבראַכט עס גלייך אין יעדער שטוב האָט:
אַלצאיינס — באַהאַלט זיך, ניט באַהאַלט! —
האָט טויב דער גורל אויסגעטופּעט . . .
דער טרויער איז אַרומגעגאַן צוגאַסט
פון שטאָט צו שטאָט, פון דערפעלע צו שטעטל —
און דאָס, וואָס אויסגעקרעכצט האָט יעדע גאַס,
האָט עס דער טרויער, שוויגנדיק, באַשטעטיקט.
געהערט אויף ווייט האָט זיך דעם אומגליקס טראָט,
ביי שוועלן אָרעמע, ביי שוועלן נאָ'נטע,
ס'האָט ווער זיך אָפּגעלאָזט אויף גאָטס באַראָט,
און ווען ס'האָט דער וועג ווי מיט אַ שליף פאַרפלאָנטערט.

II.

אין יעדן ישוב האָט דער אומגליק זיך געשטעלט,
אַ פּאַנצער האָט באַדעקט ביז צו די סאַמע טריט אים.
צום טויט ער יידן האָט געיאָגט פון גאָר דער וועלט,
און יידן אומגעפירט אויף צוגן צו דער שחיטה.
מיט אַ געקאָוועטן פירעקעדיקן קאָפּ,
ווי מיט אַ קעסל־פּויק אויף אַ בייזוואונדערדיקער חגא,
איז יענעם טאָג ער אין אַ שטאָט אַריין לעם גראַנאַטאָפּ
און גלייך באַזעצט זיך אויף דער אַלטער סינאַגאָגע.
דערזען די שטאָט ער אונטער זיך האָט גלייך,
דערזען אַ פּאַל טאָן האָט ער באַלד זי אין דער נידער.
די הייזער אויסגעציילט, פון אָרעם און פון רייך,
און אויסגעציילט פון קליין ביז גרויס די יידן,
און אונטערזוועגנס — אַ לאַנגע טרויעריקע ריי —
מיט קרעכץ פון קייטן און מיט ווינטיקן געאָמפּער
אים דינען צוגן נאָכגעגאַן מיט יידן פונעם רייך,
אים האָבן צוגן נאָכגעפאָלגט מיט יידן־פראַכט פון האַמבורג.

III.

געשטעמפּלט מיט סמנים פאַר די העק,
מיט צייכנס פאַר די שעכטהייזער געשטעמפּלט.
און ערגעץ אין דער פינצטער, טאַפּנדיק דעם וועג,
אויף מלאך־המותדיקן פייף, געזאַלצענעם און טעמפּן,
באַנומען און באַרויבט — ביז לעצט,
בלויז מיט די שאַרפע בליקן, גלייך ווי פאַר געפּעכטן,
האָבן דעם אומגליק יידן נאָכגעפאָלגט פון מעץ,
געשלעפּט אין צוגן האָט ער סוחרים פון אַנטווערפּען.
די האָבן זיך אויף קיין וואָקזאַל ניט אָפּגעשטעלט,
פאַרחתמעטע, ווי קברים, דורכגעגאַן פאַרהוילן.
אויף שחיטה אָפּגעקייטלט מ׳האָט זיי שנעל
ביי אויסגעשטאַרבענע פאַלסטאַנעקלעך פון פּוילן.
און אין באַגאַזש האָט ער געפירט מיט זיך, ווי אין אַ צאַם,
באַגלייט פון קרייץ, פון האַק און מעסער,
אַ פראַכט־וואַגאַן מיט יידן־פּיין פון אַמסטערדאַם
און פונעם אַלטן פּראַג דעם לעצטן יידישן פּראָפעסאָר.

IV.

פאַרפּייניקטע, געפּלעפּט אים האָבן זיי,
ס׳האָט זייער גליק געפּענטעט אים מיט פּחד,
הגם צום טויט געווען שוין נאָענט איז זייער ריי,
הגם פאַרקלעמט מיט שטאָל געהאַלטן זיי די וואָך האָט.
געגאַנגען ליכט איז אויך פון זייער צער
און דורך דעם קלעם ס׳האָט צו דעם הימל זיך געטוליעט.
קעגן דעם ליכט האָט, ווי אַ קנעכט קעגן דעם האַר,
אין שרעק דער זאַנדערפירער זיך געמאַרדעוועט אַ דולער.
געווען די הימ זייערע נאָענט איז און ווייט —
אי אויף דער ערד, אי ביי די הימלדיקע ראַנדן.
ערגעץ אויף שטערן האָט געקוקט די גאַנצע צייט
אַן אַמסטערדאַמער שלייפער פון ברילײאַנטן,
אַ זקן אַ פאַרחלומטער פון פּראַג
געהאַלטן דורכדרינגלעך האָט צוגעמאַכט די אויגן,
פונקט ווי אין שאלות און אין תשובות אַלץ פאַרבראַקט
וואָלט איבער צייט דורך אים אַ פּילפּול זיך געצויגן.

V.

צי האָט די שטאָט געוואוסט, צי האָט זי ניט געוואוסט,
אַז אונטערפּירעכץ נעמט דער מלאך־המות און די אימה?
נאָר ווינטלעך האָבן אומגעטראָגן בלאָנדזשענדיקן לוסט
אַ שפּיל טאָן זיך מיט טויטע בלעטער פון די ביימער.

ניט אָפּגעשטעלט אין וועג זיי קיינער האָט,
און קיינער ניט געפרעגט האָט זיי ווער גייט דאָ . . .
געלעגן אַ געבונדענע די שטאָט,
געווען די גאַנצע וועלט איז אַן עקידה.
און ס'האָט געטאָגט. און ס'האָט געטונקלט. און באַגינט.
און בלעטלעך זיך געריסן האָבן טויטערהייט אַ שאָרך טאָן,
און ערגעץ אין אַ שטיבל האָט אַ מאַמע ביי איר קינד
די צעפּ אויף שבת תּפילהדיק דערפלאָכטן,
און ערגעץ האָט אַ זייגערמאַכער אויסגעריכט די צייט,
אַ גלעזער דורכגעקוקט האָט ווי אַ חלפּל דעם דימענט,
ער וועט זיך נאָך אַרויסכאַפּן אין גאַס, ניט ווייט,
אַריינשטעלן ביי עמעצן אַן שטוב אַ שטיקל הימל . . .

26. געפלויגן איז די גאָלדענע פּאַווע

I.

צווי קילאָגראַם פּאַרמעג. אַ קלומעק ביי די פּיס,
און גאַנצענע יאָרטויזנטער — צוקאָפּנס . . .
אינעם וואַגאָן מיט יידישע משפּחות פון פּאַריז
צווי שוועסטער האָט אַ צוג געפירט, צווי שוועסטער גראַנאַטאָפּער.
מאָדיסטקעס לונגען־קראַנקע צווי —
געווען שטענדיק שוואַנגער מיט דער לעצטע מאָדע.
און ס'האָבן אַן אַ ליד די הענט ביי זיי
ניט צוגערירט זיך קיינמאָל צו דער נאָדל . . .
מיט צוויי און צוואַנציק יאָר צוריק
געלאָפן קיין פּאַריז זיי זיינען פון אַ שחיטה, —
און ניט אַזוי באַזעצן אין איין שטאָט זיך מיטן גליק,
ווי ערגעץ פונעם אומגליק אין דער וועלט אַריין אַ פּלי טאָן.
און אויסגעבענקט די היים מ'האָט ביז די גרויע צעפּ,
און לידער אויף די ניי־מאַשינען טרויעריק געשטעפּט:
געפלויגן איז די גאָלדענע די פּאַווע איבער ימען,
לאָז גריסן, פויגל גאָלדענער, די האַרצעדיקע מאַמע!

II.

געחלומט האָט זיך זיי די פּאַווע אינעם פּלי,
זיי האָבן ניט געזען, ווי ס'שפּרייט אויף איר אַ נעץ זיך.
מע האָט זיי גוט געקענט אויף רי־דע־ריוואָלי,
און גוט געקענט מע האָט זיי ביידע אויפן „פּלעצל“.

שוין צווי און צוואַנציק יאָר — די בענקשאַפט טרעט ניט אָפּ,
שוין אויסגענאָגט דער מאַרך און דורכזיכטיק דער בראָך איז . . .
אַצינד געפֿאָרן זײַנען זיי אַהיים, קיין גראַנאַטאָפּ,
צוזאַמען אין וואַגאָן מיט די גרויסאַרטיקסטע משפּחות.
די „לעצטע מאָדעס" פֿירן זיי אין בײַדע קילאָגראַם,
פֿאַרזאָרגט, וואָס ס׳ווערט אַ תל פֿון די פּאַסאַנעס מן־הסתם . . .
דער צוג גיט אַלע ווײַל אַ קער׳ווע אויף צוריק זיך,
די בײַנער קלינגען איבער אין דער נאַכט זיך מיט די ביקסן.
געפֿלויגן איז אַזוי די פֿאַווע איבער פֿעלדער,
און ס׳האָט דאָרטן אַ פֿעדער שוין אַ גאָלדענער געפֿעלט איר . . .
און ס׳דאַכט זיך, אַז דער צוג זיך יאָגט מיט אַ געוויין:
„ניט אַזוי די פֿעדער, ווי די גאָלדענע אַליין!"

III.

אַדורכגעפֿלויגן גאָרע ערד אין טרויער און אין לוסט
מיט האַרצעדיקע גרוסן פֿאַר ליבע טאַטע־מאַמע.
פֿון װעמען װעט די פֿאַווע איצטער אָפּגעבן אַ גרוס,
פֿון װעמען װעט זי פֿליען איצט אַריבער אַלע ימען?
פֿאַרצוקט די גאַסן אַרעמע — זיך יאָגן צוג נאָך צוג
און רײַסן זיך דורך פֿינצטערניש די לעצטע צו פֿאַרצוקן.
די טירן זײַנען אָפֿן, די פֿענצטער זײַנען צו,
אויף גאַנעקלעך גייט קיינער ניט דאָס שטעטל צו באַקוקן . . .
און ס׳קומען מער קיין חברטעס קיין ליבע ניט צו גיין
און ניט מיט קיין געוויין, און ניט מיט קיין געהאַווע . . .
איז אויך אין וועג אַוועקגעלאָזט צום קבר זיך אַליין
האָט ווי אַ טריבער זון־פֿאַרגאַנג די גאָלדענע די פֿאַווע.
ווי פֿעדערן די גאָלדענע געבערענט האָבן די טרערן,
איעדע טרער באַזונדער איז געפֿאַלן ווי אַ שטערן.
געוואָרגן זיך דער וועג האָט מיט איר גאָלדענעם געוויין,
ניט אַזוי דער קבר, ווי דאָס גראָבן אים אַליין . . .

IV.

פֿאַרקריצט און נומערירט געוועזן אַלץ איז, ווי ס׳געהער,
קיין מינדסטער טעות זאָל אין ערגעץ אין קיין אות זײַן.
די צעטלען האָבן זיך געוווידמעט און געמערט,
ווי דײַטשלאַנדס רײַכס־בוך פֿון פּראָפֿיטן און הכנסה.
דער זאָנדערפֿירער האָט אין קאָפּ אַ צעטל נאָך געהאַט,
דער זאָנדערפֿירער האָט אויף אַ דערהייבונג זיך געריכט שוין,
דער זאָנדערפֿירער האָט מלוכהדיק באַשטאַט
זײַן הימלאַנדס מאַיעסטעטישע בית־עלמינדיקע ווירטשאַפֿט.

געשווינדלט האָט פֿאַר אים אין אַ גאַלאָפּ
דער וואוילטיק פֿון זיין בלוטיק־ראַשנדיקער יוגנט.
פֿאַר זיין פֿאַרנעם געווען שוין קנאָפּ איז גראַנאַטאָפּ,
אים האָט באַשיימפֿערלעך שוין גראַנאַטאָפּ ניט באַגענוגנט.
צו לענדער האָט זיין וואוילטיק אים גערעגט,
דערשטיקטע שטעט אונטער די פֿיס זיינע שוין זעט ער.
און עפּעס דאָך האָט אים פֿאַרפֿאָלגט אַ טויבע שרעק,
ביי די פֿאַראורטיילטע געפּילט זיך — אַ געפּלעטער . . .

V.

פֿאַרצויגן שנעל אַרום דער שטאָט האָט זיך דער שליף,
דער טויט האָט אַלע דורכגענג שוין געהאָט דאָ.
נאָר ערגעץ האָט אַ באַנדער צוגעפּאַסט אַ רייף,
פּונקט ווי אַ גורט אויף אַ צעפּאַלנדיקן קאָדעפּ,
אַזאַ גערעטעניש אויף אוגערקעס! מ׳האָט ניט געזען נאָך אַזאַ צאַל!
איצט קאָן אויף ווינטער זייערן דער גרעסטער קבצן!
דער מאַרק איז אָפּגעשאָטן. פּול. בזיל־הזול.
איז האָט מען צו איעדער קלעפּקע צוגעכאַפּט זיך.
און ווער עס זוכט. און וועמען ס׳איז אַ שאָד,
וואָס ס׳קאָן אַזוי חלילה נאָך אַוועק דער זומער . . .
און אויף אַ קבר־גרוב — די מאָס פֿון גאָר דער שטאָט
האָבן מיט פּינקטלעכקייט די דייטשן שוין אַראָפּגענומען.
עס גראָבט זי שוין מיט זאָסטעפּעס די שטאָט אַליין.
אויף העלפֿט שוין אויסגעגראָבן. באַלד. זי איז שוין פֿאַרטיק.
ס׳כאַפּט אין דער שיין, ווי אין אַ מאַמע, אָן זיך גרויס און קליין,
און צו די געלע גערטנער רייסן אויגן זיך פֿאַרטראַכטע . . .

VI.

געווען אויף אוגערקעס איז אַ גערעטעניש אין גראַנאַטאָפּ,
נאָר עפּעס פֿרעמד געקוקט זיי האָבן פֿונדערווייטן.
די גרוב האָבן שוין ביקסן ווי אַ פּאַס אַרומגעקלאַפּט,
שוין דאָס געשריי האָט ביזן הימל זיך געשייטערט.
מ׳איז אָנגעקומען גאַסנוויז פֿון שטאָט —
משפּחות גאַנצע און באַזונדערע, אָן עדה נאָך אָן עדה.
מיט ניט דערבראַקטע האָט דער קבר זיך געשטאָפּט,
באַפֿוילן פֿריי׳ר מ׳האָט אויסטאָן זיך די קליידער.
פֿאַרטויבט פֿון דעם געקנאַט און דעם געקנאַל,
האָט איינער דאָך געזען, ווי ס׳טוט דער צוויטער אויס זיך,
און בלויז אַ שניידערקע, פֿאַרוויקלט אין אַ שאַל,
האָט פֿאַרן טויט זיך אָפּגעזאָגט אַנטבלויזן . . .

זי האָט די הענט אירע פאַרבראָכן אין אַ קנופּ:
— שיסט מיך אַזוי! — אַ וואָרף איר קאָפּ האָט פיבערדיק געטאָן זיך.
און פון דער שטאָט געגאַן מ׳איז אַלץ נאָך צו דער גרוב,
און ס׳האָט די שטאָט אַליין אין פיבער אומגעבלאָנדזשעט...

27. שיראָקאַ סטראַנאַ מאָיאַ ראָדנאַיאַ!

I.

ס׳איז אַזאַ איילעניש געווען, אַז אַניאָגן די שטאָט
האָט ניט געקאָנט קיין ווינט, ניט נאָר אַ בלינדע זקנה.
און זי איז נאָך אַרויס פאַרטאָג. זיך אויף אַ שטעקן אָנגעשפּאַרט זי האָט,
זיך אָפּגערוט אין וועג, ס׳זאָל לייכטער זיין צו גיין איר.
מיט אַ צעלאָזטן שאַלכל אויפן קאָפּ
האָט, אַ פאַרשטיינטע, זי געפירט די יינגסטע טאָכטער,
און ניט געזען, צי ס׳איז אָדעס, צי מינסק, צי גראַנאַטאָפּ,
צי ס׳איז די גאַנצע וועלט און וואָס אַזוינס ס׳קומט פאָר דאָ . . .
איר בלינדקייט איז געווען אַצינד ווי אַ פאַטאַ
בעת דעם ראַשיקן באַזעצנס פון אַ כלה.
און מיטאַמאָל האָט זי די לופט געטאָן אַ טאַפּ
און אויף אַ פּויק אויף אַ פאַרבלוטיקטן געפאַלן.
— וואוהין־זשע גייט מען? — האָט זי, גאַרניט זעענדיק, געפרעגט, —
און ווי האָט עס אַ קינד אַליין געלאָזט אַ מאַמע?
אַז סך־הכל אין אַזאַ מסוכנעם און לאַנגן וועג
וואָלט מען באַדאַרפט, ווי ס׳לעבן, אים, דעם אידעם, זיאַמען!

II.

אַ לעבעדיקע עסט זיך זיאַמעס ווייבל אויף:
מיט קינדער גייט די גאַנצע שטאָט, און אַן אַ קינד איז זי אַליין נאָר.
און אַלע ווייל גיט זי „יהודיתל“ אַ רוף,
ס׳האָט אפשר עמעצער געזען זי פון די שכנים . . .
— איר קאָנט זי, לערער, דאָך! — האָט זי אַ ריס געטאָן דעם האַלדז
צום שכן אין דער ריי, וואָס איז געגאַנגען ווי אַ וואָלקן,
נאָר ער — צום קבר, ווי פאַרדעקטן ברויט מיט זאַלץ,
האָט אַ דערשאָסענע געטראָגן אויף די הענט זיין קאָמסאָמאָלקע...
אַ לעבעדיקע פון דער שטוב איז זי אַרויסגעגאַן מיט אים,
און אָנגעטאָן אויף זיך דאָס קלייד דאָס סאַמע נייע,
און פּלוצעם האָט אין וועג צעקלונגען זיך איר שטים:
„שיראָקאַ סטראַנאַ מאָיאַ ראָדנאַיאַ!“

און גלייך האָט זיך אַ שאָס אַ טרוקענער דערהערט,
אַ פאַל געטאָן האָט זי מיט ניט פאַרמאַכטע אויגן . . .
איז אויפגעהויבן האָט דער פאָטער זי פון דר׳ערד
און אויף די הענט געטראָגן זי צום קבר ניט געבויגן . . .

III.

און מיט גאַנצן ים פון זאָרג אין בליק
האָט פונעם עולם זיך אַ ריס געטאָן דער וואַסערפירער משה־אהרן.
ער וועט אַ לויף טאָן אויף אַ ווײַלע הין און צ׳ריק,
ס׳וועט ניט געדויערן, באַהיטן זאָל דער איבערשטער אַזוי פון צער אים.
ער האָט פאַרגעסן אָנפּאָיען דאָס פערד,
דעם ניט געגעבן פאַר אַוועקגיין קיין טרונק וואַסער . . .
עס האָט אַ שאָס אַ לאַכנדיקער זיך דערהערט,
און אויסגעצויגן משה־אהרן האָט אינמיטן גאַס זיך.
ס׳האָט זיך געדאַכט: ער לויפט נאָך אַלץ...
ס׳האָט זיך געדאַכט: ער שווימט מיט קלאַפּטער דורך די קלעמער,
און גאָר די ערד מיט בלוט ער פּאָיעט פונעם האַלדז,
ווי פון זיין וואַסערפירערדיקן עמער,
נאָר ניט מע הערט, ער זאָל אַ „נאַ״קע טאָן צו דר׳ערד
און ניט קיין פייף, אַז טרינקען זאָל זי פריילעך און געלאַסן.
ער האָט פאַרגעסן, משה־אהרן, אָנפּאָיען דאָס פערד,
ער וועט אַ לויף טאָן הין און צ׳ריק דעם געבן אַ טרונק וואַסער...

IV.

געגאַן זיינען פאַרבליבענע דעם טויט אַנטקעגן גראַד
פון אומעטום, פונוואַנען יידן קאָנען גיין נאָר.
צוויי מיידלעך, שוועסטער צוויי פון לענינגראַד.
אַ ייד פון מינסק. פון פּערוואָמייסק — אַ זקנה.
פון קלומעקל ביי איר האָבן זיך לייכטער דורכגעשיינט,
איר האָט דאָס קול אין האַלדז איבערגעבראָכן שוין
פון אויסרפרעגן, צי פרייטיק אויף דער וועלט איז היינט...
געריבט האָט זי זיך אונטערוועגנס ליכט נאָך בענטשן:
קיין איין מאָל האָט זי ליכטבענטשן נאָך ניט פאַרפעלט,
און איצט, ווען צוגעשטעלט איז צו דעם האַלדז דער מעסער,
זאָל מען ניט וויסן, צי ס׳איז פרייטיק אויף דער וועלט,
דעם ערב־שבת זאָלן האָבן יידן שוין פאַרגעסן?!
נאָר אָפּגעשטעלט האָט זי זיך פון אַ שטויס,
דאָס טיכל אויפן קאָפּ אַ שאָר אַרויף געגעבן,
אַ לייכטער איז ביי איר פון קלומעקל אַרויס,
און ווי אַ שטיין האָט זי אַ פאַל געטאָן דערנעבן.

V.

עס האָבן זי די קלעפּ פון הענקער ניט גערירט,
ניט שווער געמאַכט האָבן די שטויסנדיקע טריט איר,
ווי אַ פאַרחלשטע אויף דר'ערד זי וואָלט דאָ ליכט
געבענטשט און טאָר ניט מפסיק זיין אינמיטן . . .
זי איז געלעגן אַ צעטראָטענע. און אויף איר פּאַל
האָט פון די מיידלעך צוויי דערהערט זיך אַ געשריי דאָרט,
געגאַן זיי זיינען איינגעהילטע אין איין שאַל,
דעם גאַנצן וועג אַרומגענומען איינס דאָס צווייטע.
זיי האָט מען אויפגעהויבן איילעוודיק פון בעט,
ס'האָט זיי, ווי שטענדיק, אין באַגינען נאָך געשלעפערט,
פאַרזעסן זיינען זיי די נאַכט די פאַריקע זיך שפּעט
איבער אַ גאַנצן הויפן שילערישע העפטן,
און טרויעריק אַדורכגעגאַן די שול פאַרביי
זיינען זיי, קוקנדיק אויף איר ווי אויף אַ מאַמע . . .
קיין לעקציעס וועלן היינט שוין מער ניט זיין,
מיר וועלן לאַנג זיך... לאַנג זיך היינט פאַרזאַמען...

VI.

געטאַפּט דאָס קלומעקל האָט דאָרט אַן אונגאַרישער ייד,
איעדע ווילע מיטן בליק געגעבן אַ באַפאַל עס:
דאָס דריטע יאָר, ווי ער האָט, גייענדיק, געהיט
און אויסגעהיט אין קלומעקל דעם אַלטן טלית.
דעם קאָפּ האָט ער געהאַלטן אויף אַ זייט,
אים נאָכגעגאַן די פינצטערניש פון לעצטער נאַכט אין שטאַל איז,
געבעטן האָט ער זיך, ווען קומען וועט די צייט,
באַגראָבן זאָל מען אים אין טלית.
בעטראַכט אַ לעבן־לאַנג און עפּעס ניט דערטראַכט,
אויף זיינע אויגן ניט אַראָפּגעגאַן קיין שלאָף איז.
פון די קאַרפּאַטן אַן, ניט אויפהערנדיק, טאָג ווי נאַכט
געיאָגט האָט זיך נאָך אים דער מלאך־המות
אין אַזאַ שווינדלדיקן באַרג־אַרויף און באַרג־אַראָפּ,
נאָר כאַפּן האָט זיך דאָך ניט איינגעגעבן דאַן אים.
אַציינד האָט ער דעם טלית אָנגעטאָן איבערן קאָפּ,
פונקט ווי אין שול, בשעת עס דוכענען כוהנים.

VII.

און ביי דער זייט, אַן אָפּגעצערטער ביזן ביין,
די הענט ניט ווויסנדיק, וואו צו באַהאַלטן,
געגאַן איז, עפּעס ריידנדיק מיט זיך אַליין,
אין גאָלדענע פענסנע, אַ קיעווער בוכהאַלטער.

פֿאַרנעפּלט האָט זיך אים געדוכט פֿון ראַנד דער זוים,
צי די פֿענסטער האָבן, פֿאַרהויכטע, אַלץ פֿון אים פֿאַרהוילן . . .
די אויגן איבער זיי אַ הייב געטאָן: פּונקט אָט אַזוי
איז מען געגאַן אין קיעוו צום לוקיאַנאָווקער בית־עולם,
פּונקט אָט אַזוי־אַ אײַלעוודיק און שנעל! —
געחשבונט דער בוכהאַלטער האָט דאָס בוך פֿון לעבן...
אַ וויש געטאָן האָט ער די גאָלדענע פּענסנע,
און ס׳האָט די גרוב געטאָן אַ שווינדל שוין דערנעבן.
געבליבן ניט קיין סך איז שוין צו גיין,
אונטער די פֿיס האָט ערד געגומען ביסלעכוויז שוין פֿעלן.
און מיטאַמאָל דערפֿילט האָט יעדערער, ווי ער איז דאָ אַליין,
אַ זעץ געטאָן אויף אַלעמען האָט אַזאַ קאַלטער עלנט . . .

VIII.

די האָבן ביי דעם ראַנד פֿון גרוב זיך אויסגעשטעלט
און אויף אַ נס געוואַרט ביז צו דעם לעצטן אָטעם —
און אָט אַזוי — איבער דער גאַנצער וועלט,
וואו נאָר די בלוטיקע גערמאַניע האָט געטראָטן,
וואו נאָר ס׳האָט זיך אַראָפּגעלאָזט איר ברוינע נאַכט
און האָט די ערד אין אַש געגומען איבערטווישן,
און ס׳האָבן ביי דער וועלט די אויגן זיך פֿאַרמאַכט,
זי זאָל ניט בלינד ווערן אין בלענד פֿון די קדושים.
אונטער דער האַק, אין אַ פֿאַרפֿלייצנדיקן ים פֿון ווי
געשטאַנען זיינען, טרינקענדיק דאָרט אָן אַ שיעור אים,
די, וואָס די זיסטע ליבע אויף דער ערד האָבן געזייט
און זי באַפּייכט מיט שטערנדיקן טוי פֿון שיר־השירים . . .
מיט ווײַנענדיקע הענט געשטאַנען זיינען זיי
איבער דעם ראַנד פֿון גרוב, געשטרעקטע צו דעם לעבן,
און דורך די בלאַנדזשענדיקע וואָלקנס, איינגעהילט אין שניי,
דעם פּיין ווי אַ צוואה האָבן זיי דער וועלט איבערגעגעבן.

IX.

געבראַכט מע האָט אַ מאַמע מיט אַ קינד צו ענד,
פֿאַרוויקלט אין אַ קאָלדערל, אַדורכגעווייקט אין טרערן.
זי האָט דעם גאַנצן וועג געוויגט עס אויף די הענט,
אָן אָנגעבויגענע אויף דעם, סע זאָל אַנשלאָפֿן ווערן . . .
ס׳האָט אונטער פֿיס געענדיקט זיך די ערד.
די הענקערס האָבן פֿון פֿאַראורטיילטע באַשמעקט די בגדים.
אַ שושקע זיך געטאָן האָבן די שלעסער ביים געווער
און גיך און פֿיבערדיק זיך אָנגעלאָדן.

די לעבינגראַדער לערערנס, די שוועסטער צווי,
איינס צו דער אַנדערער זיך טוליענדיק, אַרויס זיינען זיי בײדע
און צו די הענקערס צו: צעשיסן גלייך די ערשטע זאָל מען זיי,
ניט צוזען זאָלן זיי די שחיטה און די ליידן . . .
ווי אַ געלעכטער האָט זיך גלייך אַ שאָס דערהערט,
און ביי דער גרוב, אין אָפּגעצאַמטן עיגול,
ווי מעוועס צווי אַ פּאַל געטאָן זיי האָבן צו דער ערד
און זיך אין ריזו אַראָפּגעקייקלט, פּאַטשנדיק מיט הענט, ווי פליגל.

X.

און אפשר האָבן זיי דעם הימל דאָרט גערופן מיט די הענט,
דעם הימל, וואָס ניט אָנגעקערט האָט ער זיך שוין דער וועלט דאָן.
און אפשר האָבן זיי אים אָפּגעשטויסן מיט די הענט —
געגאָן פון אונטער סאַמע הימל איז מען נאָך — ניט אָפּגעשטעלטע . . .
און, ווי אַ בליץ אינמיטן דעם געהויל און דעם געשענד,
האָט אָפּגעשטעלט אַ פור ביים סאַמע וועג זיך.
אַראָפּגעגאַנגען פון דער פור איז דער בעל־שם
און מיט דער פלייצע אויסקער׳וועז געהייסן זיך אולעקסען.
דורך דעם געווין און שיסעריי האָט ער
צום קבר איילנדיק געלאָזט זיך ווי צום עמוד:
— אולעקסע, וואָרט אויף מיר ניט מער, —
האָט דורכגעריסן זיך זיין קול דורכן געיאָמער,
און ס׳האָבן די הרוגים זיך אין אים געגעבן אַ פאַרקלעם,
און מיט די טויטע אָרעמס ראָש אויף אים אַ וואָרף זיך:
— שלום־עליכם, רבי ישראל בעל־שם,
אַ ישר־כוח פאַר די ניסים און די מופתים!

28. כל־נדרי

I.

און אין געשאָכטענעם אין אַלטן גראַזנאַטאָפּ
זיך אומגעדרייט דער אַלטער שניצער לוי האָט פאַרלוירן,
ס׳האָט אים געטראָגן אָפּנעמען די לעצטע גאָב,
וואָס גרייט געהאַלטן האָט פאַר אים דער גורל.
מיט שטילקייט האָט געאָטעמט הויז צו הויז,
די פענצטער — אויפגעשפּאַרט, די טירן — אָפן.
ווען ער איז פון זיין קעלער־שטוב אַרויס,
האָט ער אין שטאָט קיין לעבעדיקן סימן ניט געטראָפן.

ער איז אַדורכגעגאַן אַ גאַס פֿון עק ביז עק,
און דורכגעגאַן פֿון עק ביז עק אַ גאַס איז ער אַ צווייטע.
און צו דער שול. איין שויב אַ קוק און צ'ריק אַוועק,
וואו נאָך וואָלט ער געקאָנט איבער דער שטאָט אַ גיי טאָן?
האָט ער זיך אומגעקערט צוריק אַהיים צו זיך,
די פֿענצטער אויפֿגעשפּאַרט, די טיר האָט ניט פֿאַרמאַכט ער
און גרייטן זיך צום טויט גענומען אויפֿדערגיך
און אויפֿן מלאך-המות זיך אַוועקגעזעצט אין שטילקייט וואַרטן.

II.

אַריבער אַכציק יאָר — אין כּבֿוד און אין פּראַכט,
ביי לייטן און ביי גאָט, — און איבער אַלע וועגן
געטראָגן האָט אויף זיך דער גראַנאַטאַפּער פּאַטריאַרך
דעם גלאַנץ פֿון דאַלעטעס, סטאַמעסקעלעך און זעגן.
ער איז געווען אַ שניצער — אײנער אויפֿן קאַנט,
און אויף דער שטאָט געשמט ער אויך האָט פּאַר אַ לערנער.
זיין אייד'לע שניצעריי געווען איז באַקאַנט
אויף וויט אַרום איבער אַ גאַנצענער גובערניע.
ער פֿלעגט אַרויספֿאַרן אַליין אין גראַנאַטאַפּער וואַלד,
אַ דעמב זיך אויסקוקן און אויסמעסטן אויף בראָך אים,
און זען, ווי אונטער זינגענדיקער זעג ער פֿאַלט,
צערייסנדיק אויף זיך די קאָרע און די מאָכן,
דערנאָך פֿלעגט ער מיט האַלב-פֿאַרמאַכטן אויג
די קרייזן איבערציילן פֿון דעם שטאַם ביז צו דעם סאַמע יאָדער,
דערנאָך האָט ער אַליין זיך ווי אַ בוים געטאָן אַ בייג,
דערנאָך מיטן געצייג קעגן דעם דעמב זיך אַנגעלאָדן . . .

III.

מיט זיינע אַלטע הענט האָט זיך די שנעלקייט ניט געפּאַרט
און ניט פֿון שאַרפֿע דאַלעטעס די טאַנצנדיקע בליצן.
ער האָט נאָר אַלע וויַיל אַוועקגעשאַרט די באָרד,
וואָס מיט די שפּיצן האָט באַרירט די אײדעלע געשניצן.
איבערן שטערן יעדע וויַיל האָט ער פֿאַררוקט די בריל,
פֿאַרקנייטשט אַן אויג, געקוקט מיט פֿאַרגעניגן,
און ווען ס'האָט אים פֿון פֿרייד דאָס האַרץ געטאָן אַ ברי,
האָט ער פֿאַרגינט זיך אונטערברומען שטיל אַ ניגון . . .
געזעסן איז ער איבער זיין געטריקנטן געהילץ
אַריבער פֿופֿציק יאָר און גרייט געווען אויף נאָך אַזוי פֿיל,
ווי אין אַ זילבערנער עטרה איינגעהילט
עס זיצט איבער די פֿאַרמעטן די הייליקע אַ סופֿר.

און ווי אַ מזמור זיך געליגט האָט דאָס געמאָלטס,
און דאָס געשניץ האָט אַלע ווייל געטאָן אַ הייב אים
און ס'זיינען אונטער זיינע הענט פון שטיקער האָלץ
אַרויסגעגאַנגען לעבעדיקע לעמפּערטן און לייבן.

IV.

אין דינסטן האָפּט האָט זיך געטוקט זיין אָרנאַמענט,
אַזאַ מין לופּטיקער, ווי ער אין שוים וואָלט זיך געהוידעט.
באַגערט האָט יעדע שול פון זיינע כישופדיקע הענט
פאַרשאַפן זיך אַ מלכותדיקן אָרון־קודש.
האָט ער אַ לעבן־לאַנג געמאַכט זיין שניצעריי,
און אַלע יאָר — אַ סיום צו זיין אידעלער מלאכה.
און גאָטספאַרכטיק געווען. געדינט צו אים געטריי
און ניט געוואוסט, מיט וואָס צו דינען זאָל ער נאָך אים.
ער האָט באָר איינס ניט ליב געהאַט: באַוויזן זיך אין שול,
באַמיט אין איר וואָס מער פון כבוד זיך באַפרייען.
גלייך פון דער מזרח־וואַנט עס וואָלט געקוקט אויף אים זיין שולד
און ניט זיין האָרץ, ס'פאַרקערפּערטע אין דינסטע שניצערייען.
אין פאַליש ביי דעם דאַווענען אַ קיילעכיקן יאָר
איז ער אַזוי הבל־הבלימדיק געזעסן,
ווי ער וואָלט זיך פאַרטראַכט, אַז אפשר איז ער עובר גאָר
אויף לא תעשה לך כל פסל . . .*

V.

די לעצטע צייט האָט ער קיין אָרון־קודש ניט געשניצט,
זיך אָפּגעגעבן ער צו פּראָסטער סטאָליערײ האָט.
„אַז וואָס — האָט מיט די ברילן ער געטאָן אַ בליק, —
קיין אָרון־קודש באַדאַרף זי ניט, די פרייהייט!
איז ניט! איז לאָז צום האָרץ זיך נעמען גאָט!
ס'איז זיינס!" — האָט ער זיך שמייכלדיק געוווערטלט.
ס'וועט על־פּי־שכל אָן אַ שניצער זיך באַגיין די שטאָט,
אַזוי די גרייס, ביז קומען וועט משיח אויף זיין פערדל!
דערלעבן זאָלן יידן נאָר ביז יענער צייט,
און רודערן ביי יידן זאָל ביז יענער צייט זיך נאָר אָן אבר,
וועט מען מיט ליכט אַרומגיין זוכן שניצעריי,
פון קבר וועט מען אים אַרויסשלעפּן: „ר' לוי!
אָן אָרון־קודש דאַרף מען איצטער פאַר דער וועלט!
פון פּימסנהאָלץ, ר' לוי, שניצן מע באַדאַרף אים!
צי האָבן איך סטאַמעסקעלעך, ר' לוי, ניט פאַרפעלט?
אָט זיינען זיי, ר' לוי, גאָלדענע און שאַרפע!"

---

* זאָלסט זיך נישט מאַכן קיין אָפּבילד.

VI.

דערווייל ביז וואָס, ביז ווען — אַרייַנגערוקט אַ בליי
אַ פינעפּקאַנטיקן אין כאַליעווע זיך האָט ער
און כשר זיך גענומען אָט אַזוי צו סטאָליערײַ,
ווי גאָט האָט אַלע יידן סטאָליערעס געבאָטן,
און ווידער פון מה־טובו — לעבעדיק און פריש
אַ ווירע אויסגעשניצט פון אַ סאָסנאָווע ברעטל,
און זיך ניט אָפּגעזאָגט פון אויפשטעלן אַ פּראָסטן טיש,
זיך ניט געוואָרפן אויכעט מיט אַ פּשוט טאַבורעטל.
אין קלוב האָט ער די בענק אין אָרדענונג געבראַכט
און שוין פון זיך אַליין מיט שניצערײַ אַ פּוץ געטאָן די בימה.
און, שניצנדיק, אַיעדע ווייל געטאָן אַ טראַכט:
„פונדעסטוועגן, איז נאָך אַ גרויסער גאָט פאַראַן אין הימל!"
און ווען דער דייטש האָט מיטאַמאָל געגעבן אַ באַפאַל
און אַלץ האָט ווי אַ ווירבל זיך גענומען דרייען,
האָט ער איבערגעוואָרפן זיך, שוין ציטערדיק און אַלט,
אויף אויסגעפאַרבטע קעסטעלעך פאַר רויטאַרמייער.

VII.

אַרייַנגעריסן האָט זיך די בהלה אומגעריכט.
ס'האָט ניט פאַרשטאַנען קיינער, וואָס ס'געשעט דאָרט.
באַלויכטן איר דעם האָט ווער שריפּהדיקע ליכט,
נאָך פון דער וויַט האָט זי דערזען דאָס אַבלדיקע שטעטל.
דער אומגליק האָט זיך ווירבלדיק געטאָן אַ דריי,
אין הפקר זייַנען הייזער שוין, פאַרבראָכענע שוין העגנען טירן.
געזעסן איז דער זקן לוי אין דער היים
און פון דער היים אין ערגעץ ניט געוואָלט זיך רירן.
ער האָט געהערט פונוויַטן דעם בייזוואונדערדיקן טראָט,
געוויין פון קינדער און פון זקנים האָט געהערט ער,
זיי האָבן זיך געלאָזט צופוס אויף גאָטס באַראָט
דעם נפש ראַטעווען פון מערדער.
נאָר ער האָט ערגעץ ניט געוואָלט אַוועק,
און אויפן רוקן נעמען ניט געוואָלט דעם קלומעק,
דער מלאך־המות זאָל ניט טרעפן אים אין וועג.
ער האָט ניט וואו צו גיין. ער איז שוין אָנגעקומען.

VIII.

אַראָפּגעזעצט האָט ער זיך אויף דער ערד,
אַרויפגערוקט די ברילן אויפן שטערן
און מיט פאַרמאַכטע אויגן שטיל דערקלערט,
וואָס ניט באַוויזן האָט ער נאָך פאַר אַכציק יאָר דערקלערן.

באזאַרגט האָט אים דער אויבערשטער מיט ערלעך ברויט,
געשענקט האָט אים דער אויבערשטער אריכת־ימים,
און קינדער ניט פאַרלאָזן אין דער נויט,
און אים ניט אָפּקערוועװען געלאָזט זיך פון זיין נאָמען.
וואָס קומט אים נאָך אַרויס דען פון דער וועלט?
נאָך אַכציק יאָר שוין וואַרטן מער ניט אויפן וועג אים!
אָט דאָ וועט ער פאַרבלייבן ביי זיין שוועל,
ער וועט אין ערגעץ ניט אַוועקגיין . . .
אָט דאָ, אויב ס'איז באַשערט, וועט ער מקדש זיין דעם שם,
אָט דאָ אין שטוב נעבן דעם מקום־קדוש,
וואו ס'האָט זיין האַרעװואַניע פערציק יאָר געשמט —
עס וויסט די שטאָט און ס'וויסט איין גאָט עס!

IX.

פאַר זיינע אַלטע אויגן האָט געגעבן זיך אַ שטעל
אַן עדה יידן צו דעם טויט געפירטע.
עס איז אים מיטאַמאָל פון זיי געוואָרן העל,
עס איז פון זיי אים מיטאַמאָל געוואָרן ליכטיק . . .
געדוכט האָט אים, אַז יעדן איינציקן ער זעט,
געדוכט האָט זיך, זיי אַלע גייען דורך פאַרביי אים.
זיי האָבן אַלץ באַזאָרגט מיט תפילות און געבעט,
מיט „מי באש און מי במים" . . .
און גרינג און לויטער איז אַזוי פון דעם.
עס מונטערן זיי'ערע שאַרכנדיקע טריט אים.
ס'איז ווי פאַרטאָג אין וואַלד. נאָר ער אַליין איז איצט דער דעמב,
און מאַכט אויף זיך אַליין די ברכה על השחיטה!
וואוהין־זשע זאָל ער עס אַנטלויפן פונעם גזר,
אויב ס'איז אַ גזר אַזאַ, ווי אַלעמען, באַשערט אים?
עס דויערט יעדע רגע נאָר צופיל. אַ סך.
ער האָט דעם האַלדז געהאַלטן גרייט שוין פאַר די שעכטער.

X.

דער רעש פון זייער היצלשן געלאָף
געווען דערהוידערדיק, געווען איז מיאוס אים.
בעגאַנגען לאַנגזאַם איז צו אים דער סוף,
און ער, אַן אָפּגעשיידטער, האָט געוואַרט — דער חיב־מיתה . . .
מיט אים אַ חשבון אַ באַזונדערן געהאַט
האָבן די בלוט־באַזויפטע לאַקערדיקע דייטשן.
אַן איניקל — אַ באַלשעוויק. און אפשר אויך דער זון... און גלאָט
אַ ייד. און דאָס האָט אַלץ פאַרענטפערט און פאַרטייטשט אים:

דער דעמב, דער דעמב... ניט נאָר דער דעמב אַליין,
דער גאַנצער וואַלד דאַרף זיין איצט פאַר דער וועלט דער קרבן־חטאת!
ניט לוי, נאָר דאָס פאָלק פון גרויס ביז קליין
שוין אָפּגעציילט און אָפּגעמאָסטן אַקוראַט איז...
און יעדן טאָג האָט ער דעם טויט געוואַרט,
געשטאַנען ביי די פענצטער איז די וועלט אַזאַ מין גרויע...
און אָנגערוקט האָט זיך שוין פרי די נאַכט,
און אָנגעקומען זיינען די ימים־נוראים.

XI.

„כבודו מלא עולם" — האָט אין האַרץ ביי אים געברויזט,
זיין חסד לאָזט זיך פאַלן אין דער נידער.
אַריינגעריסן האָבן זיך צו אים אין הויז
צווי דייטשן שיכורע אין אָוונט פאַר כל־נדרי.
ער איז געשטאַנען אָנגעטאָן אין טלית און אין קיטל גרייט,
אַליין, ווי קיינער מער וואָלט אין דער וועלט שוין ניט געווען גאָר.
די דייטשן האָבן נישטערדיק געגעבן זיך אַ דריי,
און אַרום אים דער קרייז פאַרשלאָסן האָט זיך ענגער.
ער האָט אַ קוק געטאָן אויף זיי: מע דאַרף שוין גיין?
אַ ווייז געטאָן זיי האָבן אויף דער טיר אים.
און פאַרן טויט האָט זיך אים נאָר געוואָלט פאַרשטיין:
אין וואָס באַשטייט דער טעות דאָך פון דער יצירה?
אויף וויפל קער אַזעלכער דאָך מיט מענטש זיך אָן?
ווי ווייט אַזאַ באַשעפעניש פון אַלץ דער סוף איז?
אַ ווילע נאָך איז ער געווען פאַרטאָן
אין זיינע לעצטע ערדישע מחשבות:

XII.

אָט איז זי, אָט, זיין אָרעמע, פאַרשעמטע שוועל,
דורך וועלכער ס'זיינען אַכציק יאָר אַדורכגעפלויגן;
פאַרוואָס האָט ער ניט וועמען אין דער גאָרער וועלט
צולעצט אַ קוק טאָן אין די אויגן?
אָט דאָ האָט ער די ארון־קודש געטאָקט,
פונדאַנען האָט באַוואונדערט גאָט אַליין זיין שניצעריי דאָך;
פאַרוואָס האָט ער אין גאָרער וועלט ניט וועמען אָפּזאָגן אַ גוטן טאָג,
חוץ זיינע דאַלעטעס, וואָס זיינען אויפן פּאָל צעשליידערט?
אַריינגעקוקט אַ בוים האָט האַרבסטיק דורך דער שויב,
אים האָט געדוכט, ער הערט דעם שאָרך פון די פאַרוועלקטע בלעטער;
צי האָט ניט דער פאַרטאָג געגעבן פון געלעגער אים אַ הייב,
ווי דאָן, ווען צו דעם וואַלד מע פלעגט זיך לאָזן פונעם שטעטל?

האָט ער אָן מי געמאַכט דעם ערשטן טראָט,
אים אָפּגעריסן פון דער ערד אינאיינעם מיט זיין ביטערן סך־הכל
און זיך געכאַפּט: „איז וואָס? צי האָט ער דען אין גאָט
אַצינדערט, פאַרן טויט, געגעבן זיך אַ וואַקל?"

XIII.

ער האָט אין מערדער איינגעשניטן מיטן בליק זיך לאַנג,
און פאַרגעשטעלט האָט יעדערער פון זיי זיך הויל אים.
ס'איז דער קאָליר פון זייער פעל ווי ביי אַ שלאַנג,
און ס'איז ביי יעדערן דער פרצוף פונקט ווי ביי אַ גולם.
ס'האָט קלאָרקייט אים דערלאַנגט אין קאָפּ, ווי מיט אַ שטיך,
ווי ס'וואָלטן אָקאָרשט זיך געעפנט זיינע אויגן:
די מערדער זיינען צוויי, און ער — אַליין,
די צייט איז זיי פאַרביי, און ער מיט צייט איז אָנגעזויגן.
דערלאַנג אַזוינעם מיט אַ האַק פאַרפריי'ר,
איז וועט ער אומפאַלן פאַר דיין צופוסנס, ווי אַ טעמפּע חיה,
נאָר זיי האָבן געאיילט זיך וויזן אים די טיר
מיט שוואַרצע רערן פון כלי־זיין.
די האָבן אים אַדורכגעפירט איבער דער שטאָט
און צוגעאיילט אים טעמפּ, אַז גיין זאָל ער געשווינדער.
אָט זיינען שוין קיין שטיבלעך מער ניטאָ,
און אָט באַוויזט זיך שוין אַנטקעגן אים די ווינטמיל.

XIV.

לעם איר פלעגט מען אין וואַלד פאַרקער'ווען נאָך געהילץ.
צוריקוועגס פלעגט מען זיך דאָ אָפּשטעלן אויף אַ לחיים.
אַצינד האָט דאָ פון קראָען זיך געהערט אַ גרילץ.
אַ ברוך־הבא לוי'ן! — פון מחשבות אַ צעשטריי אים,
ווי אָן אסיפה וואָלט דער טויט פאַררופן אָט אַהער.
ס'גיט אַלע מאָל די ווינטמיל זיך אַ קרעכצנדיקן הוידע:
געלעגן זיינען יידן אַרום איר מיט פּנימער צו דר'ערד,
פונקט ווי יום־כיפור אין דער שול צו דער עבודה...
נאָר קיין געוויין האָט זיך פון קיינעם ניט געהערט,
און ס'האָט אין האַרצן ניט געקלאַפּט זיך קיינער.
אין די אַרויסגעשלייכטע הענט האָט פון דער וויט נאָך ער
דערקענט זיינע לאַנגאַנעדיקע אַלטע שכנים.
אַזאַ צונויפגעמישט־פאַרגליווערטער געפלעכט:
די סטאָליערעס, די טעסלער און די באַנדער,
ווי ס'וואָלטן זיך די קלעפּקעס מיטאַמאָל צעפאַלן פון דער ערד,
און מע באַטראַכט: ווי טוט מען איר צוריק די ריפּן אָן דאָרט!

XV.

די קלוגע גלעזערס מיט די קעסטלעך גלאָז און קיט,
וואָס אויסגעגאַנגען מ׳איז מיט זיי דעם קאַנט אויף גאַנצע מילן,
זיי ליגן איינס צום אַנדערן געפּענטעט און געשמידט
מיט ניט פאַרקילטע שפּריכוועךטלעך אויף טויטע מילער.
אַט באַלד וועט יעדערער זיך טאָן אַ כאַפּ,
אויף חקירה וועלן באַלד אַ שאַרכע טאָן די בערד די האַרבע
ביי איינבינדער, מיט ברילן איינגעריכט אין פּאַפּ,
ביי שטריקלדרייער מאַכיקע, ביי געלע גאַרבער,
ביי שוסטערס און ביי זייגערמאַכערס פון דער שטאָט
און ביי לאַטוטניקעס, וואָס פלעגן איבער דערפער אומגיין . . .
מיט וואָס פאַר אַ מין רחבות זיך אַוועקגעלייגט אַיעדער איינער האָט,
אַרומגענומען זיך פאַרקלערטע מיט דעם אומגליק ? !
געדוכט זיך, פון אַ וועג אַ וויטן דאָ מע רוט.
די טאַרבעלעך אויף רוקנס, ווי צונויפגעלייגטע פליגל.
געגלאַנצט האָט אַרום זיי דאָס ניט פאַרקילטע בלוט,
און זיי האָבן זיך אַלע טויטערהייט אין דעם געשפּיגלט.

XVI.

ס׳האָבן די הענקער לוי׳ן צו דער מיל געבראַכט
און אין די הענט אַריין געגעבן אים אַ רידל.
אַן אויפגעהאַנגענע האָט זיך געוויגט די נאַכט,
געשפּילט אין ווינטמיל אַן אָרקעסטער האָט כל־נדרי.
איבערגעוואָיעט אין דער פינצטער אַ שאַקאַל האָט אַ שאַקאַל,
געשפּילט אויף ביינער האָבן זיי מיט נאָטן אויף געשטעלן,
ווי אויפגעגאָן אין מיל פון כף־הקלע
וואָלט אויף אַ גאַטעסדינסט אַ טייוולשע קאַפּעלע.
געוועזן די ערד אַרום פון בלוט איז רויט,
געוועזן די וויט איז שוואַרץ פון זויי און ווינד דאָרט ;
די פליגל האָט געשטרעקט צום הימלדיקן רוים,
ווי הענט פאַרבראָכענע און פינצטערע, די ווינטמיל.
ס׳האָט ניט באַנומען לוי, וואָס געשעט,
און ניט באַנומען לוי האָט דעם טייוולשן געאיבל,
ווי אין דער וועלט וואָלט מיטאַמאָל אַריין אַ שד,
ווי אין דער וועלט וואָלט מיטאַמאָל אַריין אַ דיבוק.

XVII.

— גראָב זיך אַ גרוב ! — האָט זיך פון קאָט דערהערט, —
דריי איילן פינקטלעך אָפּמעסטן פונדאַנען ! —
און אָפּגעטאָן האָט פונעם זקן זיך די ערד,
וואָס ער אויף איר איז איצט דאָס לעצטע מאָל געשטאַנען.

צום הענקער האָט ער נעענטער געמאַכט אַ טראָט,
מיט זײַנע אַלטע אויגן דורכגעדרונגען דאָס געביין אים,
און ניט נאָר אים אַליין געזען ער האָט,
נאָר אַלע דײַטשן אָנגעשטאָפּט אין אים, אין אײנעם . . .
פֿאַרלאָזט האָט אים פֿון נאַכט פֿון האַרבסטיקער די קעלט,
און אָפּגעטאָן האָט זיך דער פּחד פֿון זײַן האַרצן.
געזען האָט ער דעם סוף פֿון גאָר דער וועלט
אין אָט דעם טעמפּן הענקערדיקן פּרצוף.
„מע דאַרף זי ניט, די וועלט!" — האָט ער געטאָן אַ טראַכט,
צום מלאך־המות נעענטער געטאָן אַ ריס זיך . . .
די ווינטמיל האָט געשפּילט. דער הענקער האָט געלאַכט.
„אַ וועלט אַזאַ איז חייב־מיתה!"

XVIII.

און ווי אויף שניצערײַ צום לעצטן מאָל געשטעלט,
האָט לוי אויפֿן שטערן זיך צום לעצטן מאָל פֿאַררוקט די ברילן.
נאָר ס'איז כּל־נדרי איצטער אויף דער וועלט,
און גראָבן מיט אַ רידל אום יום־כּיפּור איז אַ חילול . . .
די ווינטמיל האָט געשפּילט. דער הענקער האָט געלאַכט
און אויסטאָן זיך באַפֿעלט דעם זקן צו דער אַרבעט.
ער ציילט די לעצטע רגעס אים און וואַרט.
נאָר עובר זײַן אַ דין איז פֿונעם טויט נאָך דרײַ מאָל האַרבער!
האָט ער דעם טלית אויסגעטאָן. אים אָנגעטאָן דער ערד.
שוין פֿלאַטערן געגומען פֿון זײַן העמד האָבן די אַרבל.
דעם רידל אויפֿגעהויבן אין דער הייך האָט ער,
אַדורך דער פּיבצעטערניש זיך אײַנגעקוקט אינעם לאַקירטן שאַרבן,
אַ ווילע גאַרנישט ניט באַנעמענדיק אויף אַקוראַט,
און ווי אַ לייב מיט אַ געברום: — על דעת המקום! —
האָט ער אַ לאָז געטאָן דעם רידל אויפֿן קאָפּ
און ווי אַ קוויטשענדיקן קלאָץ געגעבן אַ צעבראָק אים!

29. פֿון דער גרוב

I.

דער דײַטש האָט יעדע ווײַל אַן אַנדער שטאָט געטאָן אַ ריס
און אירע אײַנוואוינער געטריבן אויף הריגה.
געהערט האָט קאָוונע, ווי מע קוילעט בריסק,
געהערט האָט ווילנע, ווי מע קוילעט ריגע.

איעדעס בלעטעלע פון בוים, אַ מינדסט,
האָט אָנגעריסן אויף דער צוויג, ווי אַזאַ גרין געשוויל באַר.
געהערט האָט מאָלעוו, ווי מע קוילעט מינסק,
געהערט באָברויסק האָט, ווי מע קוילעט ווילנע.
פאַרצוקט האָט יעדע ווייל אַן אַנדער שטאָט די פעסט,
און אָפּגעהילכט דער בראָך האָט מיט אַ ווילדער תקיעה.
געהערט האָט קיעוו, ווי מע שעכט אָדעס,
און מינסק געהערט האָט, ווי מע קוילעט קיעוו.
און ביי דעם דניעפּער שוין דעם זעקסטן טאָג
געגאַן אַ שטאָט צום באָבי־יאַר איז . . .
אָט דאָרטן, אינעם ים פון יאָמער און פון קלאָג,
אַנטפּלעקט האָט זיך דער לעצטער וועג גור־אריהס.

II.

די גאַנצע שטאָט געווען פאַרקלעמט איז אין אַ נעץ,
פון דאָרט אַנטלויפן זאָל ניט קאָנען קיינער.
די קלעזמער זיינען דורכגעגאַן צום סאַמע לעצט
אונטער דער וואָך פון שאַרבנס און צונויפגעלייגטע ביינער.
דער רעש פון חתונות האָט זיי דעריאָגט דאָרט, ווי אַמאָל
פון חופּה־וועטשערעס — די וואָיענדיקע וויוועס ;
— וואָס גייען מיר ? — זיך אָפּגעשטעלט דער פויק האָט מיטאַמאָל, —
וואָס פאַר אַ שפּיל דעם מלאך־המות ביי דעם ריוו איז ? —
דערהערט אַ שאָרך האָט זיך אַ ווייטער פונעם וואַלד,
אַ שאָס אַ סווישטשענדיקער אויפגעקנאַלט האָט פּלוצעם.
דער פּויקער האָט געגעבן אויפן פּויק אַ פאַל,
און ס׳האָט דער פּויק באַוואָשן מיט זיין בלוט זיך.
און היבטן איינער אויף דער גאַס,
זיך שלעפּנדיק פאַרשפּעטיקט און פאַמעלעך,
געטראָגן ווי אַן ארון־קודש האָט דעם קאָנטראַבאַס
און צוגעהערט זיך צו די טריט פון דער קאַפּעלע.

III.

נאָר ס׳האָט די פעסט געלאַכט. זי פון געלעכטער האָט געקייכט.
ס׳האָט דער געלעכטער אויף דער שטאָט דער טויטער זיך געהערט דאָרט.
און לאַכנדיק, האָט זי געמייקעט און געקייט,
און מייקענדיק, פאַרגאַן זיך אין געלעכטער.
ווי זי וואָלט דייטשלאַנדס רום פאַרקנסט דאָרט מיטן טויט,
ווי זי וואָלט אויסגעגעבן דייטשלאַנדס שרעק און חרפּה,
געלאַכט האָט זי מיט בלוט, געלאַכט האָט זי מיט קויט,
פאַרקאַשערט ביז אַרויף די יאַטקעדיקע אַרבל.

געלאַכט האָבן די ווייסע צלמים אויף די העק,
געלאַכט האָבן די שאַרבנס אויף מונדירן גרינע,
ווען קינדער צו די מאַמעס העגט האָבן געשטרעקט,
און ווען אַראָפּ זיינען די מאַמעס פונעם זינען.
מיט שטיקער וואורשט האָבן די מערדער זיך געהאַלדזט
און אויף מצבות אַלטע היקעדיק געהעפּעט,
ווען ביי אַ בינטל זקנים, אָפּגעטאָן פון אַלץ,
אַ סווישטשענדיקער זאַלפּ אַראָפּגעכאַפּט די קעפּ האָט.

IV.

זי האָט געלאַכט, די פעסט, אויפן בית־עלמין מיט געהיק:
ס'אַרא מאַיאַנטעק פון די מתים ברענגען דער פּאַרדיי וועט!
ס'האָט ביז די גרונטן זיך דער קבר שוין געשטיקט,
פון דעם געלעכטער שוואַרץ געוואָרן זיינען די מצבות.
און אויפגעשטעלט פון די געהרגעטע אַ פּלויט,
געקראָכן זיינען מערדער, ווי די ווערעם, אויף הרוגים,
אַראָפּגעשלעפּט האָט יעדער זיך דאָס אָנטאָן ביז דער הויט,
באַטראַכט, צי ביז דער מיתה זיין וועט עס גענוג אים,
און אָנגעקוואָלן פון בית־עלמינדיקער רויב,
און פון געלעכטער זיך געקויקלט ביז צום פאַלן,
ווען שוויגנדיק געזעגנט האָט אַ מאַן זיך מיט אַ פרוי,
ווען ניט צעשיידט האָט אינעם קבר זיך אַ חתן מיט אַ כלה.
געזעסן איז דער זאַנדערפיורער אין אויטאָמאָביל,
ווי אין אַ קרוינשטול אויף אַ ים מיט בלוט בעת אַ שטורעם.
— מוזיק! — געשריגן האָט ער צו די קלעזמער, — שפּיל!! —
און פאַר די אויגן אים געשטאַנען זיגרייך איז דער פיורער.

V.

די אויגן צוגעמאַכט און מיט אַן אויסגעדרייטן קאָפּ
געריפּעט האָט איין קלעזמער אַלץ נאָך אויפן פידל —
אונטער מוזיק איבערגעוואַנדערט האָט אין קבר גראָבאַטאָפּ —
די גאַנצע שטאָט מיט טויזנטיאָרעדיקע יידן.
מיט לעצטע קרעכצן אָפּגעשטופּט פון ווי די שאַרף,
געוואָרפן אין דער גרוב האָבן צו צווי, צו דריי זיך,
ווי זיי וואָלטן פון קבר נאָך באַדאַרפט
זיך לאָזן אין אַ ווייטערדיקער רייזע . . .
ניט אָפּגעהאַלטן האָט זיי שוין דעם זאַנדערפיורערס קול
און ניט דער פּאַך פון פּאַראַבעלום: — אַכטונג!
ווער ס'וועט אַהערברענגען דאָס יידיש גאָלד,
קאָן זיך זאַפּאַרט פאַר אַ באַגנעדיקטן באַטראַכטן! —

דער קלעזמער בלויז איז צוגעלאָפן: — איך! —
און קוקנדיק אויף אים מיט חסר־דעהדיקע אויגן,
האָט ער דערלאַנגט אַ שפּיי אים אין געזיכט,
און מיט אַ שמייכל זיך אין גרוב אַראָפּגעקויקלט.

VI.

געוואָלגערט האָט דער פידל זיך, צעבראָכן, אין אַ זייט,
לעם אים איבערגעקערט, פאַרבלוטיקט איז געלעגן
אַ לייכטער, איינגעוויקלט אין אַ טיכעלע פון זייד,
און קוילן האָבן נאָך געקלאַפּט, ווי לעצטע טראָפּן פון אַ רעגן.
די אַקציע געגאַנגען איז צום סוף,
דער לעצטער שיכט האָט מיט געכאָרכל זיך פאַרשאָטן,
נאָר ניט געקומען אויפן קבר איז קיין שלאָף,
די ערד געהוידעט זיך אַ לעבעדיקע האָט דאָרט . . .
געטראָגן האָבן קרעכצן זיך פון אונטער דר׳ערד,
איבערגעריסן האָבן זיך דאָרט קינדערשע געוויינען.
דער זאַנדערפיורער האָט די אויסדריקלעך געהערט,
נאָר ניט געזען קיין שאָטן מער פון זיי, קיין איינעם . . .
געזען די וויזערס אויף זיין האַנט־זייגער ער האָט:
— זיך איינגעלייגט! ס׳איז צייט זיך אומקערן אויף רו שוין! —
און דורכגעפאָרן זיגרייך דורך דער טויטער שטאָט
דינען געפּאַקטע לאַסטוואָגנס מיט יידישע מלבושים.

VII.

און ס׳איז געווען ביינאַכט. און ניט געקומען אויפן קבר איז קיין רו.
די ערד האָט זיך געוויגט, אַן אויפגעוועקטע פון געוויינען,
און אויפגעעפנט שטיל האָט זיך אַליין די גרוב,
אַרויסגעגאַן פון דאָרט איז אין דער פינצטער איינער . . .
ער האָט נאָך אַלץ געזונקען אין אַ תהום, פאַרטויבט,
אַן עפן טאָן האָט ער געפּרואווט די אויגן,
צי איז ער לעבעדיק, צי איז ער טויט,
און האָט דערזען: אַ קראָ איז דורכגעפלויגן.
געשטאַנען אויף דער גרוב איז ער אַליין
און ניט באַגריפן, וואו דער אָנהייב, וואו דער סוף איז . . .
„צו וואָס איז ער אַרויס? וואוהין וועט ער אַצינדערט גיין?"
און ס׳האָט צו אים פון וואַלד דערטראָגן זיך אַ קלאַנג פון סאָוועס.
„וואוהין איז נאָך פון קבר דען פאַראַן אַ וועג?
און אפשר יאָ?! עס זעט אַ וואַלד דאָ אַן זיך" . . .
האָט ער געמאַכט אַ טראָט און זיך געגעבן אַ באַוועג
און צו דעם וואַלד אַוועקגעלאָזט זיך בלאָנדזשען . . .

30. אַ באַגעגעניש מיט דעם געקרייצטן

I.

נאָך טעג און נעכט פון בלאָנדזשען דורכן וואַלד,
געיאָגט פון שרעק און אימהדיקן לויער,
האָט אַ פאַרמאַטערטער געטאָן אַ פאַל
גור־אריה ביי אַ שטיבל פון אַ פויער.
צי ס׳האָט זיך אים געדוכט, אַז ס׳ליגט דער דאַך ביי דר׳ערד,
צי ווירקלעך איז דער דאַך ביי דר׳ערד געלעגן,
נאָר באַלד האָבן פון שטיבעלע זיך טריט דערהערט,
געגאַן פון דאָרט אַן אַלטער מאַן איז אים אַנטקעגן.
גור־אריה האָט זיך אויפגעהויבן. אַן אַ הוט.
די פיס אַנטבלויזט און ביז די לענדן נאַקעט.
געשאָטנט אויף זיך לייב האָבן זיך פלעקן בלוט,
און ס׳האָט אויף אים אַ האַרבסטיק רעגנדל מאַראַקעט.
עס האָט דער פויער אים אַריינגעפירט אין שטוב,
אַ צי אַרויס געטאָן ביים קאַנעצל דאָס קנייטל
און אַ דערשטוינטער זיך געווענדט: — פונוואַנען ? — פון דער גרוב ! —
געענטפערט האָט גור־אריה מיט אַ קול פון אַלע טויטע.

II.

אַ האָן האָט ערגעץ ווי פון יענער וועלט
מיט אַ בייזוואונדערדיק געוויין צעקרייט זיך.
גור־אריה איז געשטאַנען ביי דער שוועל,
געקוקט אויף אים פון ווינקל האָט דער יויזל פון דער קרייצונג . . .
אונטערן קאַנעץ־ליכט האָט אויפגעגלאַנצט איר אָפגעוועלקטע אייל,
זי האָט אויף איר ווי בלוט פונסניי געגומען טריפן
מיט אַזאַ ווייטן טויזנטיעריקן געהויל,
נאָר גאָרנישט האָט גור־אריה נישט באַגריפן.
ער איז נאָך אַלץ געגאַן איבער די אָפגרונטן פאַרצוקט,
די קרייצונג אין זיין בלוט האָט זיך געשפּיגלט און פאַרשוואונדן.
געדוכט האָט זיך : זי גייען איינס צום צווייטן צו,
ווי איינער אינעם אַנדערן דערקענט וואָלט זיינע וואונדן :
— ביסט אויך פון גרוב אַריין אין שטוב אַהער ? —
אַ וואָקל זיך געטאָן גור־אריה האָט אין פיבער.
עס האָט זיך אָפגעטאָן פון אים די ראיה און ס׳געהער,
די צייט געטאָן אויף אים האָט זיך אַ בלעטער איבער :

III.

און ווייטער וואו, געקרייצטער מאַן?
צי קלייבסטו זיך ניט צו די לײדנדע אין געטאָ,
זיך שטעלן, וואו עס איז אַ קרייצוועג נאָך פאַראַן,
„ניט קעגנשטעלן זיך“ דאָרט פרײדיקן און בעטן?
נו, גיי, געקרייצטער! גאַרנישט ניט באַהאַלט!
גיב די יתומים און אלמנות איבער,
אַז פוקסן האָבן זיך געטאָן אַ לאָז שוין פונעם וואַלד
אויפן גערוך פון אבר־מן־החי אַרום די גריבער!
נו, גיי! נו, גיי, געקרייצטער מאַן!
און גיב צו וויסן אין דער געטאָ ביי דעם טויער,
אין הימל קיינער איז פון קרייץ ניט אויפגעגאַן,
אויך דו זיך אויסבאַהאַלטן האָסט אין שטיבל ביי אַ פויער,
וואָס ווייסט נאָך אַלץ ניט ביז אַצינד,
אַז ס׳גייט די וועלט׳אין בלוט אָפּ פון דיין שטייער,
האָסט מיט דיין אויסלייזונג די הענקער מער געדינט,
משולח געטלעכער, ווי די באַפרייער!

IV.

וואָס קומט דיר, נזיר, נאָך פאַר דיין געקרייצטער הויט?
פאַר אונטערשטעלן אויך די באַק די צווייטע?
פאַר אויסטראַכטן אויף דיר אַ בילבול נאָכן טויט,
ווי אויסגעטראַכט געוועזן עס זיינען דיינע לײדן? —
ס׳האָט אים ניט אָפּגעשטעלט דער ביינערדיקער קלאַפּ
פון ווינט איבער די אויסגעווײנטע שויבן.
— וואַרף פונעם קאָפּ דעם דערנער־קראַנץ אַראָפּ,
און מיט די הוילע פּיס צעטרעט, צעשטויב אים!
און גיי! קלאַפּ אָן דאָרט אין דער ערשטער טיר,
דער געטאָ אַ ידיעה איבערגעבן לאָז זיך!
באַגעגענען דו וועסט געקרייצטע קינדער אָן אַ שיעור,
וואָס זיינען הייליקער און ריינער פון דיר, נזיר! —
עס האָט דעם בליק גור־אריה ערגעץ אָפּגעווענדט,
און אַ געפלעפּטער האָט דער פויער ניט באַנומען:
אַוועלכער איז פון זיי אַראָפּגעגאַן פון זיינע ווענט,
אַוועלכער איז פון זיי אין שטוב צו אים אַריינגעקומען...

V.

ער האָט אָן עמער וואַסער אים דערלאַנגט,
אַ ציטערדיקער אויפגעגאָסן אויף די הענט אים
און, קרעכצנדיק, געקוקט פאַרטייעט־לאַנג
אויף דעם פאַרבלוטיקט לייב פון בליי אַדורכגעברענטן.

דעם קאָפּ איַדעצ ווײַל צום „ענצטער אויס „דריט,
צו דעם געוואַי פון ווינט מיט פחד איינגעהערט זיך,
צי לאָקערט עמעץ ניט, צי עמעץ דאָרט ניט גייט,
און שטיל פאַרשפּראָכן די סכנה, קרעכצנד . . .
און דורך קיין פינטל מיטן אויג דעם אורח ניט פאַרטרויט,
אַז ס'דראָט פאַר זיך הכנסת־אורחים אַ געפאַר אים . . .
בלויז אויפן טיש אַוועקגעלייגט אַ שטיקל ברויט,
אויף דעם אַ וואונק געגעבן שטיל גור־אריהן,
און מער ניט וויסנדיק וואָס נאָך צו טאָן,
האָט ער פון זיך דעם אַלטן קליפּט אַראָפּגעצויגן:
— דעק צו דאָס לייב! נעם טו עס אָן! —
און אין דער שויב אַריינגעבראָכט די אויגן.

VI.

די נאַכט געגאַנגען איז צום סוף,
און איינגעשטילט פון ווינט האָט זיך דאָס ברומען,
נאָר אויף דער ערד דער גאַרער איז קיין שלאָף
אין ערגעץ ניט געקומען.
אַ רעגן ווי צו טהרה האָט געטריפט,
אַ כמאַרע האָט לוויהדיק געבלאָנדזשעט.
זיך אָנגעטאָן גור־אריה האָט דעם פויערס קליפּט
און פאַסטעלעס דעם פויערס אָנגעטאָן זיך.
אים האָט נאָך אַלץ געדאַכט זיך, אַז ער פאַלט
און טראָגט זיך איבער אָפּגרונטן אָן אויפהער . . .
געשלאָגן מיט דער פינצטערניש האָט זיך דער וואַלד,
מיט בײמער מיט פאַרבראָכענע דעם טאָג גערופן . . .
אין דרויסן איינגעשפּאַנט דער פויער האָט דאָס פערד,
צונויפגעלייגט אויף גיך אַ ביסל היי אין וואָגן
און מיט זיין גאַסט אַוועק איבער דער טרויעריקער ערד,
נאָך איידער עס האָט אָנגעהויבן טאָגן.

VII.

געגאַנגען אַנטקעגן איז דאָס טייכעלע בורלוק,
קיין איינציק וואָרט זיך ניט פאַרגינט אַ רעד טאָן.
ער האָט געטריבן גיך, אין ערגעץ ניט פאַרקוקט,
אַנטקעגן — זיך געאײַלט האָבן פאַרבראָכענע טשערעטן . . .
„דערפירן זאָל ער אים בשלום נאָר אַהין,
דעם וועג זאָל קיינער נאָר ניט איבערגיין אים".
געלעגן אויפן וואַלד איז אַ פאַרכמאַרעטער באַגין,
ניט אויפגעהערט אַרום דער רעגן האָט צו וויינען.

— אויף יענער זייט בורלוק זיינען נאָך אונדזערע פּאַראַן, —
אַ טייט געטאָן דער פּויער מיטן בליק האָט אין דערווייטן, —
איך וועל דיך צופירן צו יענעם ראַנד! —
ס׳האָט דער באַגינען אין דער הייך זיך שוין געשייטערט.
זיך שווייגנדיקערהייט געזעגנט האָבן זיי
און שווייגנדיקערהייט ביי דעם בורלוק צעשיידט זיך . . .
איבערגעקלאַפּט אין וואָגן האָט דער פּויער ס׳ביסל היי
און צ׳ריק פאַרקער׳ועט, זעענדיק פאַר זיך די קרייצונג . . .

31. תחית־המתים

I.

גור־אריה בלאָנדזשעט אום שוין לאַנג, ווי פון אַ שפּרוך...
און דאָס געדעכעניש פאַרפּלאָנטערט יעדע וויל די טריט אים,
נאָר ער געדענקט ניט, צי דעם ראַנד איז ער אַדורך,
און קאָן זיך ניט דערמאָנען, צי די וואָך האָט ער געמיטן.
אַ זאַטע פינצטערניש געכראָפּעט האָט אַרום,
ניט אָנגעזעען אין ערגעץ האָבן זיך קיין וועגן.
ער איז געגאַנגען גראָד, ער איז געגאַנגען אום,
און אומעטום איז אים די גרוב געגאַן אַנטקעגן.
אים האָט געדוכט: דאָס בלוט האָט צ׳ריק אַ שפּאַר געטאָן מיט ברויז;
אים האָט געדוכט: דער קבר פּלאַצט אַ ניט־פאַרדעקטער;
אים האָט געדוכט: עס זעען קעפּ פון זקנים זיך אַרויס
און הענטלעך קינדערשע, ווי פונעם שלאָף געשטרעקטע . . .
זיי האָבן אויף דער ערד קיין סך זיך ניט געזאַמט,
באַוויזן ביי דער וועלט אַ פרעג טאָן האָבן זיי נאָר:
וואָס שיט איר אין די אויגן אונדז דאָ זאַמד? —
נאָר ס׳האָט געשטומט די וועלט. געענטפערט האָט ניט קיינער.

II.

און נאָך געדענקט ער: ס׳איז ביינאַכט. און די לבנה שטיל
אַ שאָל פון וואָלקנס רוקט איבער די אויגן אָן זיך,
און יעדער מת, וואוהין ער וויל,
קאָן פראַנק־און־פריי אַוועקלאָזן זיך בלאָנדזשען —
ביים מינדסטן רעש און מורמל פונעם ווינט
די וועלט די גאַנצע ווידער איבערוואַנדלען . . .
דורך די פאַרהאַקטע מיילער — ווי־און־זוינד,
און דורך די אויפגעהאַקטע גאָרגלען — ראָזינקעס מיט מאַנדלען . . .

איבערגעלאָפן אים דעם וועג איז דאָרט אַ ווייסע ציג,
אַן אויסגעוואַנדערטע פון חרובע פאַרלאָזטע הייזער.
זי האָט אינמיטן וועג דערזען אַ קינדער־וויג,
און אונטער איר אַוועקגעלייגט האָט זי פונסביי זיך.
נאָר ער האָט זיך געאיילט. אַ מאַמע ט׳אפשר עס פאַרוויגן נאָך אַמאָל,
דערמאָנען אפשר וועט אַ מאַמע דאָ דעם גרויסן ווי זיך,
ס׳וועט אפשר נאָך דערהערן זיך דאָס זיסע קול
פון תחית־המתים?

III.

פאַרוועלקטע האָבן בלעטער זיך געטראָגן אויף אַרום
פון ביימער, אָפּגעפאַלענע פריצייטיק אויף די וועגן.
די גרוב איז ווי אַ באַרג פון אומעטום
אַן אָפּענע געגאַנגען אים אַנטקעגן . . .
און נאָכגעגאַן אים, ווי אבלים, זיינען טעג,
די לעצטע טעג פון אָפּגעוועלקטן זומער.
נאָר ער, פון קבר אויפגעשטאַנען, אַן אַ וועג
איז, בלאָנדזשענדיק, צו די אַרומגערינגלטע געקומען.
ס׳האָט קיינער דעם געקומענעם באַמערקט —
אויף אומגליק, גלייך ווי אויף אַ שטאָק, אַן אָנגעלענטן.
וואוהין מע גייט, אַ פרעג געטאָן האָט ער,
נאָר קיינער האָט אים גאָרנישט ניט געענטפערט.
געוואָלט האָט ער אַוועק ערגעץ געשווינד,
דער טרויער האָט קיין קאָפּ ניט אָפּגעשטעלט אים . . .
מיט בלעטער האָט געוואָרגן זיך דער ווינט,
און אומעטיק געשפּרייט האָבן זיך פעלדער.

IV.

נאָר פון סאַדאָוסקין האָט דער דראַנג ניט אָפּגעטראָטן מער:
דעם קלעם כאָטש מיט די ציין אַדורכצוהאַקן!
אין אומרו האָט ער יענעם טאָג באַמערקט,
אַז עמעצער האָט אין זיין גרופּע זיך געטאָן אַ וואַקל,
אַז פאַר דער לויערדיק־פאַרטייעטער געפאַר
האָט דאָס געמיט זיך איינגעבראָכן ביי אַ טייל ביי אַ געוויסן.
און אויפגעגאַנגען איז זיין דראַנג אין זיבן פאַך,
און ס׳האָט פון גאַרגל אים מיט בלוט געטאָן אַ ריס זיך:
— איז וואָס, סאָלדאַטן זיינען מער דאָ ניט פאַראַן?
צי איז ער אויפן גאַנצן וואַלד דאָ איינער? —
אַ רודער האָט דער לאַגער זיך געגעבן ביזן ראַנד,
מיט רעש צעוויגט האָבן זיך קעפּ, ווי אין אַ שטורעם ביימער:

— פֿאַראַן! — און איינער האָט צולעצט געטאָן אַ פּליס,
ווי אַ פּאַרשפּעטיקט־אָפּגעהאַקטער קלאַנג פֿון אַ קאַפּעליע . . .
געוועזן זיין בליק אין אויסגעגאָגט און וויסט,
ניט צוגעדעקט דאָס לייב האָט קיין סאָלדאַטישער שינעל אים.

V.

געהאַלטן אויפֿגעהויבן גראָד האָט ער דעם קאָפּ,
און איינגעהאַלטן האָט דאָס קול ווי מיט אַ שליאָך ער,
ס'האָט מיטן בליק סאַדאָוסקי זיך געטאָן אין אים אַ גראָב:
— פֿונוואַנען גייסטו? — כ'גיי פֿון גראַנאַטאָפּער קבר!
אַרויסגעוואָרפֿן האָט פֿון דאָרטן מיך די שאַנד,
ווי אָפּגעטריבן ס'ווערט פֿאַרגוואַלדונגס־פּרוכט פֿון טראַכט פֿון מאַמעס;
עס גייען נאָך. עס גייען מענגעס. אָן אַ צאָל. באַנאַנד.
זיי בייסן דורך די ערד. ניטאָ פֿאַר זיי אין ערגעץ ניט קיין צאַם איז,
עס קומט אין קבר די הרוגים ניט קיין רו,
אויב העלדזער האָבן זיי געשטערעקט אונטער דער האַק געהאָרכזאַם.
האָט די געשאָכטענע געמיינדע מיך אַרויסגעשיקט פֿון גרוב,
איך זאָל די אויפֿגעוויקלטע מגילה פֿונעם בראָך זיין!
מ'האָט אָן פֿאַרענטפֿערונג מיך אויסגעריכט אין וועג,
פֿאַרזאָגט, אַז אין מיין קול ניט זיין זאָל קיין געוויין נאָר,
איז דאַרף איך פֿונדאָסניי איצט שטאַרבן אין געשלעג,
אַריינגעאָטעמט לעבן צוליב דעם זיך האָט אין מיינע ביינער! —

VI.

געקוקט האָט ער אויפֿן פֿאַרזאָרגטן קאַפּיטאַן,
נאָר ער געזען האָט דעם פֿאַרבלוטיקטן בית־עולם,
וואו ס'הייבט די ערד און הויקערט זיך צום ראַנד
מיט קברדיקע קרעכצן און געהוילן.
עס קייטלט אַ בית־עלמין זיך אין אַ בית־עלמין אָן
פֿון גאָר דער ערד — פֿאַרוועלקטע און צעגריזנטע,
עס שטייגט אויף אַ מיליאָן אַ מיליאָן —
אַ גאַנצע אומה: אורעלטערן, עלטערן און קינדער!
אַדורכברעכן די וועלן וואו אַ צאַם
און איבער אַלע וועגן זיך צעפּלייצן,
ווי אין אַ שטורעם — אַ צעבושעוועטער ים,
און ביי דער וועלט עפּעס אַ מאָן טאָן וועלן טויטערהייט זיי!
און מער קיין קלאָרקייט ניט געהאַט האָט זיין פֿאַרשטאַנד,
פֿאַרדעמערט איז געוועזן זיין בליק און אויסגעלאָשן.
— פֿונוואַנען שטאַמסטו? — האָט געפֿרעגט דער קאַפּיטאַן.
— פֿון יענעם שטאַם, וואָס ער איז אפֿשר מער ניטאָ שוין!

VII.

א רודער זיך געגעבן האָט דאָס פעלד. פון פליגל — אַ געפּאַך.
זיך אויפגעהויבן האָבן הילכיק רויטאַרמייער,
און ס'האָט געטראָגן זיך אַ בריענדיקער שאַרך
פון אומעטום, ווי פון אונטער דער ערד געגעבן אַ צעוואַקס זיך.
און צוגעבלאָנדזשעט האָט פון אונטערוועגס אַ קינד
מיט וואונדן אויף די פיס און מיט אַ טאַרבע אויף די אַקסל.
געהויבן האָט עס יעדער רויטאַרמייער ווי אַ שווערד
און דורכגעשטאָכן זיך מיט דעם ביז בלוט די הערצער.
נאָר ס'האָט סאַדאָווסקי אַלץ נאָך דעם געקומענעם געהערט
און אין דעם אָפּקלאַנג פון זיין קול נאָך איינגעהערט זיך.
ס'געווער געדריקט ביז ווייטעק אין די הענט,
געגאַנגען פון די אויגן איז זיין צאַרן ווי אַ כמאַרע
און שטיל געגעבן זיך צו אים אַ ווענד:
— ווי רופט מען דיך? — מיין נאָמען איז גור־אריה!

32. אַ מענטש פון יענער וועלט

I.

ווי אויף רעסאָרן, וויגנדיק זיך, לייכט געלענט
אויף קני געגרונדיקטע, ווי האַלבע רעדער,
און אין דער ביקס זיך אָנגעשפּאַרט מיט ביידע הענט
האָט, אַ פאַרוואונדערטער, געקוקט מאַמעדאַוו,
נאָך דעם געקומענעם געשפּירט מיט פליס,
האַלב־אויפגעשפּאַרט דאָס מויל און ציין אַנטבלויזט געטאַקטע,
און יעדע וויל די האַרטע ווייסלען אַ פאַרגליט.
איבערגעפרעגט מיט זיי: וואָס האָט אַזוינס געזאָגט ער?
אויף די שפּיץ פינגער פלעגט מאַמעדאַוו אַט אַזוי
אינמיטן סטעפּ, לעם אַ קישלאַק, פאַרנאַכט־צו,
אין דעם געזאַנג פון אַן אַקין זיך געגעבן אַ פאַרזויג,
זיך איינהערן אין דעם אי מיטן מויל אי מיטן האַרצן.
נאָר ס'האָט געשווינד אים אויפגעהויבן פון דער ערד,
ווי ס'הייבט אַ ווינט ביי אַ בערקוט אויף דאָס געפלעדער,
ווען אויף זיין פראַגע „ווער ער איז?" — האָט ער דערהערט
פון קאָמאַנדיר: — אַ מענטש פון יענער וועלט, מאַמעדאַוו! —

II.

דאָן האָט זיך צוגיין נע'נטער אים פאַרוואַלט,
און ווי אַ היימישער צו דעם געקומענעם גענענען,
ער זאָל דערהערן דייטלעכער זיין קול

און אין דעם פּנים בוילעטער דערזען אים,
אַז ער פון יענער וועלט געקומען איז אַהער,
אַז אויפגעשטאַנען איז ער פון די טויטע.
האָט זיך דערלאַנגט צו אים מאַמעדאָו שטיל אַ קער,
פאַרוואָלט זיך געבן האָט אַ שטיקל ברויט אים.
— ביסט הונגעריק? — אַ פרעג האָט ער געטאָן
און שעמעוודיק דערלאַנגט אים אַ סוכאַרל.
נאָר ניט געוואוסט, צי איז ער דאָ צי נאָך ניטאָ,
האָט אין דער פיינלעכער צעטומלטקייט גור־אריה.
ער האָט דאָס ברויט גענומען אין די הענט,
און זיך צעשפּרייט פאַר זיינע אויגן האָט אַ נעפּל,
אים האָט געדוכט: דאָ קערט מען אום צוריק די וועלט;
אים האָט געדוכט: דאָ קערט מען אום צוריק דאָס לעבן...

III.

אים אַ בזיון איז געווען זיך צורירן צום ברויט,
עס האַלטן אין דער האַנט איז אים געווען אַ חרפּה.
פאַר זיינע אויגן נאָך געשווינדלט האָט דער טויט,
נאָך אומגעיאָגט אין זיך געדאַנק האָט די פאַרדאַרבונג,
געהילכט האָט נאָך אין זיינע אויערן ס׳געשריי פון קינד:
„וואָס שיט מען זאַמד אין מויל אַריין מיר, מאַמע?"...
אים אַנגעיאָגט האָט דער געוואַי פון ווינט,
אים האָט פאַרפאָלגט פון בלעטער דער געשטאַמל...
ערשט איצט ער בוילעט האָט דערזען
דעם ווי־און־ווינד, וואָס וועט זיך קיינמאָל שוין פון אים ניט אָפּטאָן.
אַרויסגעפאַלן איז דאָס שטיקל ברויט פון זיינע הענט —
ס׳וואָלט גלייכער ניט געפרואווט אין אים די צאַרטקייט זיך אַ גראָב טאָן.
און מיטאַמאָל האָט ער דערפילט, אַז ס׳דרייט זיך אים דער קאָפּ,
אַז ס׳קאָנען זיינע פיס אַזוי פיל ווי אויף זיך ניט האַלטן;
אים האָט געדוכט, אַז ס׳שליידערט אין אַן אָפּגרונט אים אַראָפּ,
נאָר ס׳איז מאַמעדאָו צו, אים ניט געלאָזט קיין פאַל טאָן...

IV.

אַ פיבער דורכגעגאַן דורך אים איז ווי אַ ווינט,
געלעגן ער אַ ווילע איז אַן אויסגענאַגטער,
נאָר אויפגעכאַפּט האָט ער זיך מיט פאַרענטפערונג געשווינד,
לעם אים געשטאַנען אָנגעבויגן איז דער דאָקטער.
ער האָט אים אויסגעהערט אינגאַנצן מיטאַמאָל,
אַדורכגעשפּאַרט דורך אים פון שוויס זיך האָבן טראָפּן.
געפרעגט און איבערפרעגט — אפשר דאָס צענטע מאָל:
— איז זייט איר, הייסט עס, אויך אַ גראַנאַטאָפּער? —

גור־אריה האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף יאָ און ניין...
עפּעס געזוכט און ניט געזען פאַר זיך דעם פּאַציענט שוין.
צי האָט ער אויסגעהערט דורך אים די טויטע שטאָט,
צי אויסגעהערט דורך איר דעם אייניציקן געראַטעוועטן מענטשן?
איז וואָס? זיי האָבן טאַקע אומגעבראַכט די גאַנצע שטאָט?
האָט אים צום האַרץ דער דאָקטער צוגעלייגט דעם אויער,
און שוויגן אים אַ ווייל געבעטן שטיל ער האָט
מיט אויגן אָנגעגאָסענע איבערן ראַנד מיט טרויער . . .

V.

גור־אריה האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף יאָ און ניין . . .
ס'האָט דער זכרון ווי אַ וואונד זיך אים צעעפנט:
— איך ווייס ניט... כ'בין אַליין... —
געטומען האָט איך וואַרט צום אַנדערן ניט טרעפן . . .
ער האָט זיך אַלץ דערמאָנט. אים האָט פאַרלאָזט די רו,
די אויגן האָבן אים גענומען שרפען:
— ווער אויף אַ נס געוואַרט ס'האָט ביי דער גרוב,
ווער ס'האָט דעם נס פאַרביטן אויף אַ שטיין אַ שאַרפן,
ווער מיט די הוילע הענט זיך האָט קעגנגעשטעלט
ביז צו די לעצטע גסיסהדיקע קראַמפן,
און ווער געגאַנגען ס'איז מקדש זיין די וועלט —
מיט חקירה בליציקער, מיט פילפול און געאַמפער.
ביים קבר האָט דער קאָט געוואָלט באַהעפטן זיי
פון דער צעזייטקייט איבער אַלע שבעה ימים,
ס'זאָל פון די זיבעציק לשונות דאָס געשריי
פאַרטויבט ווערן אין פייער און אין פלאַמען.

VI.

גור־אריה האָט מיט מי אַריינגעשעפּט די לופט,
און ס'האָט זיין בליק געגעבן ערגעץ אַ פאַרהאַק זיך.
— איר דאַרפט זיך אָפּרוען! לייגט זיך אַנידער! פּרוּוואוט! —
האָט אים דער דאָקטער אָנגענומען פאַר די אַקסל.
ער האָט געפאָלגט. באַקוקט די אומעטיקע ווייט אַרום,
און מיטן אָטעם בלויז געפּרוּוואוט דעם ווי אַ ריר טאָן:
— פאַרוואָס, דערקלערט מיר, הרגעט מען אונדז אומעטום?
פאַרוואָס האַלט מען אין איין פאַרטיליקן אונדז און פאַרניכטן? —
פון די פאַרמאַכטע אויגן האָבן טרערן זיך געטאָן אַ לאָז.
גור־אריהן אויסגעליידיקט דאָס געזיכט דאָס מידע.
און ווי פון שלאָף האָבן די ליפּן זיך באַוועגט: — פאַרוואָס? פאַרוואָס?
— די מערדער הרגענען ניט בלויז קיין יידן . . . —

נאָר יעדערן, ווער קעגנשטעלן זיך ניט קאָן . . .
און אויסגעשעפּטער האָט זיין בליק געבלאָנדזשעט אין די וויטן: —
ס'איז שוין אַזוי פון שטענדיק אָן
און אומעטום . . . אין אַלע צייטן . . .

VII.

דער שלאָף האָט צוגעטוליעט צו דער ערד גור־אריהס באַק,
אַ בין אַרום זיין מויל האָט זיך געדרייט ווי אין פאַרגעסונג:
אַ הויכער קאָפּ איז ניט קיין אָפּהאַלט פאַר דער האַק,
אַ ווייסער האַלדז איז קיין מניעה פאַרן מעסער!
זיך אומגעקערט מאַמעדאָוו האָט צוריק אַהער,
פון אויפרעג און פון אומרו אַ געיאָגטער:
צי אינדעראמתן פון „יענער וועלט" איז ער?
און מיטן קאָפּ אויף „יאָ" האָט שטיל אַ מאַך געטאָן דער דאָקטער.
ס'האָט איבער אים אַ דעמב אַן אַלטער זיך געוויגט,
כמעט באַרירט מיט צווייגן שאַרבעדיקע גרינג אים,
פונקט ווי אַ בלינדער, אויפן ווינט,
וואָלט אים געהיים געלייענט מיט די פינגער . . .
און אַ פאַרלעגערטע האָט זיך געטוקט דעם דאָקטערס שטים,
ווי אַנגעטרונקען וואָלט ער זיך מיט ווינטן קילע.
געקוקט האָט דורך דעם איינגעשלאָפענעם אויף אים
אַן אַלטע, טויזנטיעריקע מגילה . . .

33. פאַר וועמען קרייט דאָרטן אַ האָן

I.

אַ גאַנצן טאָג האָט זיך באַשעפטיקט דראָזד
מיט סאַרווערן אַ באָרשטש אַזאַ ווי אין פּאַלטאַווע,
און מיט דעם ערשטן קעסעלע זיך גלייך געלאָזט
צום קאָמאַנדיר, אַ גליקלעכער פאַרהאַוועט.
דער טיש געוועזן מיט דער מאַפּע איז געגרייט,
מיט אַנגעמערקטע פונקטן — דערפעלער און וועגן:
דער ריח פונעם באָרשטש האָט זיך געגעבן אַ צעגיי,
און אַנגעשניטן ברויט איז אויפן טעלער שוין געלעגן.
נאָר ס'האָט סאַדאָווסקי זיך ניט צוגערירט צו דעם געריכט,
ער האָט אים איינגעדעקט, באַוואָרנט פון געפאַר אים,
און אויסלעשנדיק ס'קאַנעצדיקע ליכט,
איז ער מבקר־חולה זיין אַוועקגעגאַן גור־אריהן.

מיט אַ באַזוך צו דעם פּאַרוואונדעטן האָט ער דעם טאָג דערגענצט,
דערזען דאָרט דעם כירורג, וואו אַלץ מיט אים געווען פול איז.
— ווען די רפואות זיינען קנאַפּ, איז אַ רפואה אויך דער מענטש, —
באַגעגנט האָט דער דאָקטער אים און אים דערמאָנט: — מאַרגוליס!

II.

אַרויסגעגאַנגען שטיל זיי זיינען אויף דער לופט,
דעם שווערן אָפּרו פון די שלאָפנדע ניט שטערן.
סאַדאָווסקי האָט געטאָן דעם קאָפּ אַ הייב אַרויף —
דעם דאָקטער אָנגעוויזן אויף אַ ווייטן גרינעם שטערן,
די לופט איין זיך מיט דאָרשט אַן אָטעם איין,
אַ רוק אַרויף די הוט איבערן שטערן:
— איר ווייסט, דורך וויפל יאָר דערגייט צו אונדז די שיין
פון אָט־אַ יענעם גרינעם בלענדנדיקן שטערן? —
און קוקנדיק צו די פּאַרוואונדעטע זיך אַלע ווילע אום,
האָט ער דאָרט פאַרגעזעצט געמיטלעך זיין באַטראַכטונג:
— פונקט דורך אַזוי פיל יאָר אַרום
אַדורכלויכטן די שיין וועט פון די שלאַכטן,
אין וועלכע די פּאַרוואונדעטע, און איך, און איר,
אינאיינעם און פאַרשיידן נעמען איצט אַן אָנטייל, —
געדוכט האָט זיך סאַדאָווסקין, אַז פון איין באַריר
האָט ער דערפילט אין דאָקטער גלייך אַן אייגענעם, אַ באַ'נטן.

III.

זיי זיינען ביידע איינגעהאַלטן־אומרואיק געווען,
כאָטש ס'האָט אַ וועלט אַ גאַנצע זיי צעשיידט דאָרט.
אין איינעם האָט אַן אַלטער דור דערברענט,
און אויפגעשיינט אַ דור אַ נייער — אינעם צווייטן.
נאָר ביידע האָבן זיי באַגעגנט איין באַגין,
און איינער און דער זעלבער צער האָט ביידע זיי דערנע'נטערט.
דער דאָקטער האָט באַמערקט, אַז ס'איז דער שטערן גרין
און טוקט זיך, און פאַרגייט, האָט ער זיך גאַסט געענטפערט,
פאַרשעפנדיק די שיין די גרינע מיטן בליק:
— געוויס וועלן יאָרהונדערטן אַ יעדע אונדזער שלאַכט דערמאָנען,
אָבער ס'וועט ניט קיין מינדסטן זין האָבן דער גאַנצער קריג,
אויב בלייבן וועט אַ מינדסטער שפּור פון דער תּליונישער גערמאַניע. —
ס'איז שווער געווען אים ברענגען פאַרן מויל אַצינד
דאָס סאַמע וואָרט, וואָס האָט מיט בלוט פאַרפלעקט די ליפּן.
ער האָט זיך אויפגעשטעלט: — כ'וועל גיין! כ'האָב נאָך אַ פּאַציענט אַ קינד, —
און אויפן שטערן זיך פאַרקוקט, ווי זען דאָס קינד וואָלט ער זיך דאָרט געקליבן.

IV.

— ווי אַלט איז אײַער קינד? — מײַן קינד איז זיבן יאָר!
— אַ מאַמע איז פֿאַראַן? — פֿאַראַן אַ קבֿר איז דער מאַמעס! —
ס'האָט לאַנגזאַם אויסגעשפּרייט די פֿליגל אַ קאַיאָר,
וואָס האָט דערמאָנט אין אַ געבענטשטן טאָג פֿון מיטן תּמוז.
אין רוים ט'געשמעקט מיט טויט און מיט געבורט,
אַ שטיק פֿון הימל אין דער זײַט געווען איז גרוי נאָך.
סאָדאָווסקי האָט צעעפֿנט דעם פּלאַנשעט פּונקט ווי אַ בוך:
— כ'האָב אויך אַ זון... אַ זיבניעריקן... אַזוינעם...
ער איז אויף יענער זײַט... געבליבן דאָרט...
אײנאײנעם מיט דער מוטער... מיט אַן אַלטן זיידן... —
עס האָט אים ליכטקייט אויסגעפּעלט אין וואָרט,
געוואָרגן האָבן זיך אין האַלדז די שטילע רייד אים.
אַ נעם געטאָן האָט ער דעם בריוו מיטן געמעל,
וואָס ס'האָט זײַן זון, זיך שפּילנדיק, געצייכנט.
גענומען גליטשן זיך האָבן די אויגן זײַנע שנעל:
ס'איז אפֿשר פֿון דעם אַלץ ניטאָ שוין מער קיין זכר!...

V.

צי וועט ער די אַמאָל נאָך זען צי ניין?
צי וועט דאָרט אויסקומען צי ניין אַמאָל נאָך זײַן אים?
דורך אָט דעם קינדערשן געמעל הייבט ער פּונסניי איצט אָן פֿאַרשטיין,
וואָס הייסט אַ בוים אַן אייגענער, אַ ליבלעך־דײַנער.
וואָס שטילקייט איז אַזוינס, אַ זעמדל אַ געגאָרטס,
די שטיבעלעך, די וועגן די פֿאַרטראַכטע,
ווי אײַנגעבאַקן טיף איז דאָס אין האַרץ,
ווי טרויעריק און אייגנאַרטיק!
ווי אָפּטאָן קאָנען ניט די אויגן זיך אַ ווײַל.
ווי ס'קאָן ניט אָנטרינקען צו זעט דער בליק זיך
מיט אָט דער קינדערשער פֿאַרקלערטער ווײַט,
מיט אָט די דרעמלדיק־ביִיועגיקע געוויקסן,
וואָס אין אַ יעדן אָדערל פֿון זיי
איז ער אַליין אײַנגאַנצן דורכגעקנאָטן,
און דאָס איז זײַנס ביז בלוט, ביז ווײ,
פּונקט ווי זײַן האַרץ און ווי זײַן אָטעם.

VI.

און קיינער איז מיט דעם אים שיידן ניט אימשטאַנד,
ווי קיינער קאָן מיט זײַן געדאַנק אים ניט צעשיידן.
ס'איז היים. ס'איז ערד. ס'איז לאַנד.
ס'איז מוטער, קינד און זיידעס,

וואָס האָבן מיט דעם לייב און מיט דער שווערד
ס'געוויקס פאַר אים מיט זאַפטן אָנגעטריפט דאָ . . .
און ס'האָט זיך אים דאָס האַרץ פאַרשוועגט,
און ס'האָט זיך אים דאָס האַרץ געריפּטלט.
ער האָט באַטראַכט דאָס קינדערשע געמעל איבעראַנייס,
געשאָקלט מיטן קאָפּ: — די היים... אַ חלום — אויסגעלאָשן . . . —
דעם דאָקטער שעמעוודיק געגעבן עס אַ וויז: —
קיין חלום אפשר אויך איז מער ניטאָ שוין . . .
אַלצאַייִנס! אַ קבר... אַש פון אַלץ אַביסל נאָר,
ס'שטייט ווי אַ מאַמע פאַר די אויגן לעבעדיק אַנטקעגן.
— נו, אָט! פאַר מאַמעס מאָנט מען ביזן צענטן דור, —
אַ זאָג געטאָן דער דאָקטער האָט און זיך געזעגנט.

VII.

„אַ ביסל אַש" — זיינען אים נאָכגעגאַן סאַדאָווסקיס רייד;
„אַ קבר" — און עס שטייט אים ווי אַ מאַמע פאַר די אויגן;
אַליין אים אויך וועט אויסקומען אין אַש איצט זוכן פרייד,
געגעבן האָט זיין אייגן קול אַ בייג אים.
„אַ מאַמע" — „אָט אים דאָס פאַרשטיינערט האַרץ געטאָן אַ ברי,
און דורכגעגאַנגען איז אין אים אַ הייסער ווינט זיך.
נאָר ס'שטייען מער ניט אויף קיין ידן אינדערפרי,
און מער קיין לעבעדיקע פור פאַרקער'וועט ניט אַהינצו!
פון שטעטלעך טויזנטער ס'צעוויטע אַש
אַדורכגעדרונגען האָט אים דורך אויף דורך דאָרט.
עס ליגט דערשטיקט אַ טויזנט־יאָרעדיקער רעש
פון חתונות, פון שמחות און געבורטן,
דער שטויב פון גאַסן לייִדיקע פאַרהיט
האָט אפשר אומגערן די לעצטע טריט דאָרט
פון לעצטן אומבאַשיצט־געכאַפּטן ייד,
וואָס דורכגעפירט דער דייטש האָט צו דער שחיטה . . .

VIII.

ס'איז דאָרטן שטיל. ס'איז דאָרטן טויט.
אַ רעגן גייט אַראָפּ — די לעצטע צייכנס צו פאַרמעקן . . .
מסתמא קומען שבת פייגעלעך נאָך ברעקלעך ברויט,
נאָר ס'קאָן דעם שבת זייער צוויטשער ניט דערוועקן . . .
ווי פון אַ חלום כאַפּט זיך אויף מסתם אַ גרעזל גרין,
אינמיטן וועג די וויסטע הייזעלעך סע ווערט געוואָרע.
מסתמא וואַרטן זיי... און ביימער דאָרט מסתמא בליִען,
און דעמערונגען קומען דאָרט מסתמא בייטן די קאָיאָרן . . .

וואָס טוט אין גראַנאַטאַפּ, אַשטייגער, איצט אַ ווינט ?
פֿאַר וועמען פּרואוון איצט אין גראַנאַטאַפּ אַ שאַרכע טאָן די ביימער !
פֿאַר וועמען קרייעט דאָרט אַ האָן אַצינד,
אַז ס׳שלאָפֿט אַ גאַנצן טאָג די כראָפּענדיקע אימה
אויף גאַסן ליידיקע, ביז אונטער דר׳ערד פֿאַרטויבט
פֿון טמא טריט, וואָס האָבן דאָרט געטראָטן ?
אַליין אין גראַנאַטאַפּ באַגעגענען דעם טויט
געבליבן איז זיך אַלטער אַכציקיאָרעדיקער פֿאָטער . . .

34. געפאַלן ווייט זיינען די עפּל פֿונעם בוים

I.

דער וועג געווען געצייכנט איז מיט בראַנד,
געוואַלגערט איינס אויף אַנדערן זיך האָבן ביימער.
עס זיינען נאָכגעגאַן דעם דאָקטער זעקס און פֿופֿציק יאָר
און גאָר די ערד, ווי אַ דערינערונג וועגן אַ היימלאַנד.
מיט לייב־און־לעבן — אומעטום — האָט ער איר אַנגעהערט,
און שטעלן ניט געקאָנט האָט פֿעסט אויף איר קיין טראָט ער,
נאָר אָט אַזאַ האָט ער זי ליב געהאַט, די ערד,
ווי אַלץ, וואָס גיט זיך ניט. ווי אַלץ, וואָס איז פֿאַרבאָטן.
אפשר דערפֿאַר איז זי געווען דאָס סאַמע טייערס און געגאַרטס,
אפשר דערפֿאַר ז׳געווען זיין בליק אַזאַ באַטריבטער,
אפשר דערפֿאַר האָט ער געטראָגן זי ביי זיך אין האַרץ,
ווי אַן אַוועקגעגנבעט בילד פֿון אַ געליבטער,
און אַ פֿאַרצויבערטער געשטאַנען פֿאַר איר פּראַכט,
אפֿילו ווען דער טויט האָט אַרום אים אַ נעץ געשפּינט דאָרט,
און ניט פֿאַרטראַכטנדיק זיך איר געבראַכט
זיין האַרץ, און זיין געדאַנק, און זיינע קינדער.

II.

אַז ליב האָבן זאָל זי אים זיין דערלויבט,
דערלויבט זאָל מיט איר חכמה אים דערנערט זיין —
אָט גלאָט דערפֿאַר, ווייל ס׳איז דער הימל בלוי,
אָט גלאָט אַזוי זיך, ווייל די אויגן לעכצן.
ער האָט אין קינד זיינעם זיך אַנגעהאַלטן פֿעסט,
ווי פֿון זיין פֿאַרזעצונג דעם סאַמע בעסטן ערב —
אַ סך אַזעלכע ערבים פֿון זיין נעסט
האָט ער צעוואָרפֿן אין געוועלב פֿון יאָרן.

וואו זיינען זיי? עס ווייסט אפשר דער וואָלדיקער ווינט,
וואָס יאָגט אַרום אין זיין פֿאַרנעפּלטן זכרון . . .
דערמאָנט האָט ער אין זיינע קינדער זיך אַצינד,
אַן אויסגעהוילטער, ווי די שטרוי פֿון אויסגעקלאַפּטן קאָרן,
ווען ס׳האָט אים אויפֿן מיטן וועג צעשיידט דער טויט
מיט דער, וואָס אויף דער וועלט האָט זי געבראַכט זיי.
געלייגט האָט זיך אויף אים פֿרימאָרגנדיקער טוי,
אַ ווינט האָט אָפּגעהילכט ביי אים אין האַרצן.

III.

געשטעלט האָט דאָך אַצינד ער פּעסט דעם שפּאַן,
כאָטש ס׳האָט געריסן זיך זיין האַרץ, ווי אין באַלאַגערונג פֿון פֿייער.
בעת אַ חתונה זיך אין די קינדער מע דערמאָנט,
און אויך דערמאָנט מען זיך אין זיי ביי אַ לוויה.
ס׳איז גרויס די ערד — ניט צו באַנעמען מיטן בליק,
נאָר אָנגעשפּאַרט זיין טרויער אומעטום האָט.
אַ בלעטער גיבן זיך אַליין די יאָרן אויף צוריק,
באַוואָקסענע מיט קראָפּעווע, מיט פּחד און מיט אומעט.
ס׳איז אין די שטיל, און טרויעריק, און וויסט,
ווי אין געבורט־שטעטל אין זיינס אויף אוקראַינע.
מיט ביטערקייט גיט אים ס׳געמיט זיך אַ באַגיס,
די אויגן גיט ביז פֿינצטערניש אַ צי אַהין אים,
און אַ פֿאַרקלעם דאָס האַרץ ביז משוגעת,
כאָטש נעם דעם קאָפּ און אין אַ שטייג צעפּלעט אים!
עס פֿאַדען מערדער איצט אַרום דאָרט אויף זייך גאַס
איבער די טויטע הייזער, אויף די בלוט־פֿאַרפֿלעקטע בעטן.

IV.

פֿון אומעטום האָט זיך געשטרעקט צו אים דער בראָד
מיט אַזאַ בלוטיק־בריענדיקן בליי־ריס;
עס האָט אים אָנגעקערט אַ קרוב דער בית־עולם פֿון ניו־יאָרק,
אַ קבר ער זיין אייגנס האָט געהאַט אין בוענאָס־איירעס.
די ערד די אויפֿגעבראָכענע געווען איז שוואַרץ ווי פּעך,
געצונדן דאָס געדעכעניש האָט זי ביי יעדן שפּאַן אים.
צופֿוסנס ביי די וואונדיקע גוואַדאַלאַכאַרער בערג
געפֿאַלן איז אַ זון זיינער אין שלאַכט פֿאַר שפּאַניע,
און איינער אומגעשוועבט האָט ערגעץ אין דער לופֿט,
אַ גוואַרדיע־מאַיאָר פֿון אַוויאַציע.
געדוכט האָט אים, אַז פֿונעם פֿאָכען איבעררופֿט
אויף צוויגן אויפֿגעזויגטע בלאַט מיט בלאַט זיך.

דער ווינט געשפּילט האָט אויפן וואַלד, ווי אויף אַ האַרף,
און מיט אַן עלנטקייט אַזאַ די דורכגייער פאַרשפּראַכן.
אַ כוח אָנטאָן זיך אַ גרויסן מע באַדאַרף,
בלויז אין געדאַנק די קברים אויפזאַמלען פון דער משפּחה.

V.

דער מיטלטשיקער זייל פון זיין געזינד —
באַשאָנקען האָט מיט אומגעדולד און גבורה די נאַטור אים.
ווער ווייסט, וואו שלאָגט ער איצט זיך ערגעץ מיטן ווינט?
וואו ערגעץ ראַנגלט ער אַצינד זיך מיטן שטורעם?
ער פּרוּווט זיך אין געזיכט אים פאַרשטעלן אַ ווייל,
זיין ניט־געצווימטקייט אין באַנעם, אין דער משפּחה — איינער!
פון זיך צו וויסן טאָן די טבע — אויף אַ מייל,
אי דורך אַ ליד אי דורך געשלעג. דער זיידע מיט די ביינער!
אים נאָכגעגאַן איז ניט פון קיין געשטעלטן מענטש אַ שם,
איבערגעוואָרפן זיך פון איינס צום צווייטן האָט געשווינד ער.
דאָך האָט ער שוין אין יענעם קריג זיין נאָמען ניט פאַרשעמט,
און מיט אַ שטערן מיט אַ גאָלדענעם זיך אומגעקערט פון פינלאַנד.
ער שוועבט דאָ, מעגלעך, אין די הייכן איבער אים, —
האָט ער זיך אינעם הימל מיטן בליק געטאָן אַ קלאַמער,
אים דוכט זיך, אַז ער הערט זיין וועקנדיקע שטים
פון הימל, פּונקט ווי פון דער היים: אַ בריוועלע דער מאַמען!...

VI.

געלייגט האָט זיך אויף ווייט פון רויך אַ זוים,
געוויקסן דורכגעשפּאַרט פון דאָרטן האָבן גרינע.
ווי וואַקסט עס אויס אַ בוים אַזוי,
אַז יעדע צווייג זאָל אָנקערן אַן אַנדערער מדינה,
אַז יעדע צווייג זאָל אָנקערן אַן אַנדער שפּראַך,
אַז יעדע צווייג זאָל פון אַן אַנדער זאַפט געגנערט זיין
און הפקר זיין פאַר יעדער האַק, וואָס איז פאַמאַסטן, וואָך
איבער די בליענדיקע קעפּ און קוועלנדיקע הערצער?!
און דאָך געפילט האָט ער זיי אַלע נעבן זיך,
ווי ער וואָלט איצט מיט יעדערן פון זיי גערעדט דאָ.
ער האָט געזען זיי אַלע אין געזיכט,
דעם אָטעם זייערן געהערט דורכן גערויש פון בלעטער,
דורך אויפגעוויגטן ווינט אין רוים,
דורך דעם געוואַלגער פון יאַרטויזנטדיקע צאַמען:
געפּאַלן ווייט זיינען די עפּל פון עם בוים,
נאָר דורכגעטראָגן אומעטום די זעלבע זאַמען!

VII.

ניט דארפנדיק פאר זיין פארמעג קיין אייל אויף דר'ערד,
איז ער אויף איר דורך זיין באַרוף געשטאַנען, ווי אַ הערשער;
דעם סקאַלפעל קעגן טויט געהאַלטן, ווי אַ שווערד.
דאָס דענקען — פאַר זיין אַרט אונטער דער זון דערקלערט שוין.
אים האָט געדוכט, אַז ס'ברויכט ניט דער געדאַנק
קיין ביקסן, קיין האַרמאַטן און קיין פאַנצערס.
אַנטוואָפנט האָט זיך די נאַטור קעגן זיין דראַנג
און אונטערטעניק זיינען אים געווען ספערן גאַנצע,
ווען ער דאָס האַרץ פון מענטש געהאַלטן האָט אין האַנט.
דערגרונטנדיק דעם סוד פון די געוועבן
און איבערשפאַנענדיק פונעם קאַנאַן דעם ראַנד,
איז ער געגאַן פאַנאַדערשליסן דעם יסוד פון לעבן.
יאַ, יאַ! ער איז געווען גערעכט, דער קאַפּיטאַן,
וואָס האָט אַ ביקס ביי אים געפרעגט, ווי נאָר ער האָט דערזען אים:
אויף צו באַקעמפן די נאַטור — גענוג איז דער געדאַנק,
אויף אויסראָטן די פעסט — ניט קלעקן וועט דער גיהינום.

VIII.

ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אַיעדע ווייל,
באַטראַכט פון חורבן און פון בראַך דעם מאַלצייט.
אין פלוג האָט ער זיך קיין מאָל שטאַרבן ניט געאיילט,
נאָר איצט, ווי קיין מאָל ניט, האָט לעבן אים געוואָלט זיך:
ס'וועט זיין אַן עוולה אויסהויכן דאָס האַרץ אַזוי,
ניט האָבנדיק געזען דעם בראַך פון די פאַרדאַרבער,
ביז אויסברוקירט די ערד פון זוים צו זוים
ניט זיך עס וועט מיט זייערע צעזעצטע שאַרבנס!
ווי האָט פאַרשאָלטן זיין באַדאַרפט אַ פאָלק
און ווי פאַרקריפלט האָט באַדאַרפט אַ לאַנד זיין,
אַז ס'זאָל אַ מוטערטראַכט פאַרקניפּט זיין מיט אַ וואָלף,
ס'זאָלן געבוירן ווערן עגדעשן אין פאַנצערס?!
ער קלייבט ניט מיט דער חיה פירן זיך קיין שטרייט,
און טענהן האָט ניט וואָס מיט זיי ער —
עס ווערט רעגלאַמענטירט די חיה דורך אַ שטיג,
און דאַ — בלויז דורך געוועהר פון רויט־אַרמייער!

IX.

צו טריט צו אייגענע זיך צוגעהערט האָט ער,
געדוכט האָט זיך, אַז ס'רייסן זיך פון זיי געהוילן:
איז ווירקלעך אים געבליבן איצט ניט מער,
ווי בלאָנקען פון בית־עולם צו בית־עולם?

ווי וועט מען אומקערן זיך אין אַ שטאָט?
ווי וועט מען אומקערן זיך אין אַ ישוב,
וואו ס'איז קיין מענטש קיין לעבעדיקער מער נישטאָ,
וואו פון דער טויטער שטילקייט איז די ערד פּרילישעס?
וועט איצט קיין וועג ניט שווער זיין פאַר זיין טראָט,
אויב גיין אַפילו טאָג און נאַכט וועט זיין געגייט ער —
נאָר זיין איעדער טאָג זאָל אַ געבאָט,
און יעדע נאַכט זאָל זיין אַ נדר:
זיך אויף אַ ווײַלע ניט צעשיידן מיט דעם ווײ,
ווי מע צעשיידט זיך אויף אַ ווייל ניט מיטן שאָטן,
ביז אַפּגעמעקט עס וועט ניט זיין דער לעצטער צווישן די,
ביז ס'וועט דער לעצטער צווישן זיי ניט זיין צעטראָטן!

35. אַ חיות איז צו לעבן

I.

נאָך דריי טעג גאַנג האָט מען אויף אָפּרו זיך געשטעלט.
שוין נאָענט איז פון קלעם די לעצטע גרענעץ.
געצויגן האָט זיך ווייט אַן אויסגעטראָטן פּעלד,
נאָר קיינער האָט עס דאָרט פון מידקייט ניט געזען איצט.
אַ וואָרף געטאָן די רוקזעקלעך אויף לינקס און רעכטס,
דעם שווייס געווישט פון שטערנס און פון העלדזער,
די שטיוול אויסגעטאָן מיט תאוותדיקן קרעכץ
און איבערוויקלען אָנעטשעס גענומען שנעל זיך.
מיט פיס מיט באָרוועסע דערפילט די ערד,
ווי קיין מאָל נאָך אַזאַ מין מוטערלעך־באַפרישטע,
זיך אָפּרייסן פון איר געוועזן איז שווער,
נאָר ס'האָט זיי מונטערדיק אַ הייב געטאָן דער פרישטיק.
עס האָבן קעסעלעך אַ קלונג געטאָן מיט פרייד,
און אונטער פּאַכועס — לעבעדיקע לאַבנס, אַ מחיה!
דער טאָג מיט ברויט האָט און מיט וואַסער זיך געגרייט
און מיט מנוחה פאַר דעם מידן חייל.

II.

אַ שייער אָנגעשמעקט. אַ שאָטן אונטער ווענט.
אַ בינטל האָלץ אויף אויפלייגן אַ שייטער,
געבלישטשעט מעסערס האָבן אין די הענט
און פּראַגעס אינעם בליק: צי וועט מען גיך זיך לאָזן ווייטער?

געזעסן בינטלעכווײַז אַ טײל איז לעם אַ טײל,
ביז גורט אַנטבלויזט די לײַבער די צעשפּאַרטע,
און שראַמען אַלטע האָבן האַפּערדיק דערצײלט
פון ניט פאַרגעסענע, פון גרויסע שלאַכטן.
דער אָקרעפּ האָט געפּלעפט אַיעדן לויט דער ריי,
נאָר ס'האָט דער דאָרשט בײַ קײנעם זיך ניט אײַנגענומען.
דאָך האָט שוין עמעצער געשלעפּט אַביסל היי,
און עמעצער האָט אויסגעבעט צוקאָפּנס זיך דעם קלומעק.
אַ פרישער ווינט פון פעלד — מיט אַ צעלאָף
האָט זיי געבראַכט דעם ווײ פון אויסגעברענטע ערטער.
און אײנער אויסגעכראָפּעט האָט שוין פונעם שלאָף!
— ער קלעמט אַרום, דער דײַטש . . . — נאָר קײנער ט'ניט געהערט אים.

III.

גור־אריה האָט צום ערשטן אויסגעזוכט אַן אָרט,
וואו אויסוואַשן פון וועג זאָל ער זיך גרינטלעך קאָנען.
אַ ריטשקעלע אַ שמאָלס געגאַן איז דאָרט
צווישן פאַרטריקנטע האַרבאַטע קליאָנען.
ער האָט דאָס העמד אַראָפּגעשמיסן נאָך אין וועג,
באַטראַכט די הענט, דעם ברוסטקאַסטן, די אַקסל,
און ס'איז אַ קלינגענדיקער פליוסק אַוועק,
אַז דאָס געמיט האָט יעדע רגע זיך צעוואַקסן.
ער האָט געזײפט די פינגער אײַנציקווײַז, מיט פלײס,
צעשפּריט מיט תענוג יעטווידן באַזונדער;
זיך אײַנגעקוקט אין זײ די איבעראַנײס,
ווי ער וואָלט זײַן פאַרמעג געצײלט. ס'פאַרמעג פון וואונדער.
ער האָט געטאַפּט די הענט, די נאָז, דעם האַלדז,
די האָר פון קאָפּ, פון אויערן — די לעפלעך:
ס'איז דאָ! פאַראַן! פאַראַן איז אַלץ! —
און צו זײַן אָפּבילד זיך געווענדט: — אַ חיות איז צו לעבן!

IV.

אַזוי־אַ פילט ער זיך צום ערשטן מאָל, —
האָט אים געדוכט, זיך טריקענענדיק אויף דער זון דאָרט.
ער האָט פאַרפּראַוועט דורך אַ געשריי זײַן קול
און טענער עטלעכע אַרויסגעלאָזט באַזונדער.
דאָס וואַסער איז אַזוי דערקוויקנדיק און פריש,
דאָס גראָז אַזוי דערקוויקנדיק און ווייך איז.
און ס'גיט אין אים אַ גיי אַריין אַזאַ געמיש
פון פלעטנדיקע זומערדיקע ריחות.

און אַט דער פּלעטנדיקער שטילער אינדערפרי —
ער טאַפּט אים אָן, פּונקט ווי זיין אייגן פּנים,
און אַט דאָס ישובל דאָס פרידלעכע און גרינס,
און אַט די טייערע האַרבאַטע קליאַנעז,
און ער איז צווישן זיי אַט דאָ אינמיטן וועג
אויף שטענדיק נאָר איין מאָל און איינער!
אַזאַ־אַ לעבן גיט מען ביליק ניט אַוועק,
אַ פּרייז אויף דעם קאָן שטעלן ער אַליין נאָר.

V.

אַזאַ, ווי ס׳האָט געשטעלט אויף זיך דאָס לאַנד,
אַזאַ, ווי אויפן פּאָלק געשטעלט האָט די געשיכטע,
ווען ס׳האָט דער וועלט דער אויסגעליטענער דערלאַנגט
די פרייהייט אין געשלעג אַ פּאַרוויזירטע,
אַזאַ, ווי אין דער ווירקלעכקייט האָט עס געהאַט,
אַזאַ ווי פינף און צוואַנציק יאָר איז עס געגאַנגען — איבעראַשנד.
און דורך רואינען האָט געשפּאַרט דער דייטשישער מעכאַניזירטער קאַט,
וואָס איז געגאַנגען אָנשטאָפּן מיט בלוט די פּיסקעס און די טאַשן.
עס האָט פאַר יעדער גראָז דאָס האַרץ געטאָן אַ קלעם,
געזונפן האָט אַ יעדער בוים מיט אַ געהויל אים.
גור־אריה האָט אפילו טראַכטן זיך אַצינד געשעמט,
אַז אַפּהענגיק קאָן זיין אַ מענטש פון בלוט־באַזויפטן גולם,
אַז ס׳וועט דער עקלהאַפטסטער כאַם און פּאַראַזיט
די ווערט פון מענטש איבער דער ערד באַשטימען.
און ביימער וועלן טראָגן זייער פּרוכט אין בליט,
און בלוי און ליכט וועט אויסשפּרייטן דער הימל —

VI.

דער הימל און די ערד, פאַר וועלכע ער איז אַקוראַט
אין אָנהייב קריג געקומען שוין אַן אויסגעשטאַטער,
דערפילן זיך פאַר זייער ליבלעכן סאָלדאַט,
אויך פאַר דעם גראָז, אויך פאַר די קליאַנעז די האַרבאַטע . . .
ער האָט פונסניי אַ פּרואוו געטאָן די הענט, די נאָז, דעם האַלדז,
די האָר פון קאָפּ, פון אויערן די לעפּלעך:
— ס׳איז דאָ! פאַראַן! פאַראַן ס׳איז אַלץ! —
און מיט די אויגן צו דעם פעלד געגעבן זיך אַ קלעפּ נאָך:
איז אַט! אַ פּרייז אויף דייטשלאַנדס בלוט,
אַ פּרייז אויף דער פאַרבלוטיקט־גולמדיקער גאווה
געפינען דאַרף מען אין זיך קראַפט און מוט
צו איינשטעלן, ווען ס׳איז געראָטן אויפן פערד — אין בלענד פון גרייפן,

אַט איצט, ווען ער, גור־אריה, שלאָגט זיך אָן אַ ביקס,
ווען בלויז דער ווייטעק אין די אָדערן אין זיינע שור־זועט.
באַוואָפּענען וועט קעגן איר זיך יעטווידער געוויקס!
און קעגן איר באַוואָפּענען אַליין זיך די נאַטור וועט!

VII.

אַלצאײנס, צי זען דאָס גליק געגעבן אים דאָ איז,
צי ניט באַשערט אַליין איז אים דאָס גליק זען,
נאָר וואַלגערן וועט זיך גערמאַניעס בלוטיק משוגעת אין מיסט
אײנאײנעם מיט איר שטאָל, און מיט איר שטאָלץ, און אירע ביקסן!
און נאָכאַמאָל פאַרפּרואווט דורך אַ געהילך זיין קול
און טענער עטלעכע אַרויסגעלאָזט באַזונדער.
אַזוי־אַ פילט ער זיך צום ערשטן מאָל, —
האָט אים געדוכט, זיך טריקענענדיק אויף דער זון דאָרט.
ער זאָל נאָך אָט אַזוי־אַ, ווי ער איז,
איבער דעם קבר פון גערמאַניע דורכשפּריַנגען זיך קאָנען!
דער האָנדערפיורער קלאָפּס וועט האַלטן פאַר געוויס,
אַז ס׳שטימט ניט מיט די דייטשישע קאַנאָנען . . .
און דאָך האָט אין זיין האַרצן ניט געהויזט די רו,
דעם ליכט אָן אָרט אין בליק ניט אָפּגעטראָטן האָט דער ווייטעק.
זיין היים וועט, ווייזט אויס, אײביק זיין די גראַנאַטאָפּער גרוב,
דעם בראָך, ווייזט אויס, אויך זען וועט טויטערהייט ער . . .

VIII.

באַפרייט פון אַלץ, ער צוריקוועגס האָט געשפּרייזט,
זיך אַ באַנייטער אומגעקוקט אין אַלע זייטן;
אים האָט געדוכט, אַז יעדעס הויז צו אים זיך רייסט,
אַז יעדעס פענצטערל אין האַרץ ביי אים זיך שייטערט.
אַיעדעס שטויבעלע האָט עפּעס אים דערקלערט,
אַ יעדער גראָז פאַרזאָגט האָט עפּעס שטרענג אים.
צו יעדן שאָרך פון בוים האָט ער זיך צוגעהערט,
ער זאָל אויף אַלעמאָל אין וועג אים פאַרגעדענקען.
געקוקט פון אומעטיקער ווייט אויף אים
זיין כלה האָט, פאַרהילט אין דעמער.
אים האָט געדוכט: ער הערט איר שטים
צווישן די טויזנטער פון קברדיקע קלעמער . . .
ווי שווער דער וועג זאָל אים אַצינד ניט זיין,
ווי פון זיין לעבן זיין אַצינד זאָל ער ניט ווייט שוין,
האָט דאָך זיין ווײ איצט, ווי אַ שטערן אים געשיינט:
אַ פרייז וועט רוסלאַנד שטעלן אויף די דייטשן!

36. דער שאָטן פונעם זאָנדערפיורער

I.

— אַ בראָך צום פינגערהוט! — האָט זיך מיט מייסטערס דריי
אַ לאָז געטאָן אין יענעם טאָג דער שנײַדער זיאַמע לעווין.
אויב עמעץ דאַרף אַצינדערט נאָך זײַן גאָלדן שנײַדערײַ,
דאַרף ער איצט נאָר אַ ביקס! וואָס נאָך? אַ קעסעלע! אַ לעפל!
און בקיא איז ער אין אַ ביקס, געלויבט איז גאָט,
ניט ווייניקער ווי בקיא איז אַ ייִד אין אשרי.
איז שטיל מיטן וואָרשטאָט געזעגנט זיך ער האָט
און צום וואָקזאַל אַוועק, ווי אַ סאָלדאַט — אַן איבערראַשטער.
געוועזן דער וואָקזאַל איז אָנגעשטאָפּט
מיט רויטאַרמייער און מיט אומבאַקאַנטע מענטשן.
אַ פּאָר טאָן דאַרף מען פּריר אַהיים, קיין גראַנאַטאָפּ, —
באַשלאָסן לעווין האָט, — ווער ווייסט, צי וועט מען זיך נאָך זען שוין?!
און אין דער היים האָט ער געהאַט נאָך וואָס צו זען:
אַ קינד, אַ ווייב, אַ מאַמע ביי די אַכציק...
און זאָלן גראַנאַטאָפּער שנײַדערס וויסן וואָס און ווען,
אויב טאָמער... מאָלע וואָס עס מאַכט זיך...

II.

נאָך אַ בילעט געשטעלט זיך אין דער רײ,
נאָר כאָדאָראָם איז אים געגאַן דער קאָפּ דער קוטשעראַוער:
מע דאַרף דאָס ביסל געלט נאָך איבערלאָזן אין דער היים,
דאָס אָפּגעשפּאָרטע אין פּאַלטאַווע.
געקראָכן זײַנען אים געדאַנקען אַלערליי,
גענומען איינער האָט דעם צווייטן איבעריאָגן:
אפשר זיי איבערפירן — איינס און צוויי —
און מיט אַ רואיק האַרץ אַוועק זיך שלאָגן?!
אַ הון האָט פלוצעם זיך פון וועג געטאָן אַ לאָז
און אַ דערשראָקענע ביזוואונדערדיק גענומען קוואָקען.
און לעווין האָט געטראַכט: צוריק גערעדט, איז גאָר ניט אַזוי פּראָסט
אין אַזאַ ספּעקע פּאַקן אויף דער האַנט אַ וואָגן!
ער האָט זיך שוין געשאָפט ווי אין דער היים כמעט:
אָט דאָס — אַהער און דאָס — אַהין. און אַלץ באַוויזן מאַכן.
ער דאַרף זיך נאָר אַרײַנשטעלן אין זײַן וואָיענקאָמאַט,
אים וויזן דעם בילעט מיט אַלע זיבן זאַכן...

III.

און טאַמער שפּאַרן זיי זיך איין — אַז ניט פון אָרט:
אַ קינד... אַן אַלטע מאַמע... וואָס־זשע טוט ער?
איז רעדט ער ניט אַרויס דאָס צווייטע וואָרט,
איז זיך געזעגנט און — אַ גוטן!
און פון דער צווייטער זייט, איז בלייבן זיי דאָך פאַרט אַליין,
און דאָ גיט דיר דער אָסיען באַלד אַ גיי צו...
די מאַמע — אַלט... דאָס קינד איז קליין...
און ס'איז קיין ברעקל האָלץ ניטאָ אויף הייצונג...
און כאָטש אין שוויס איז אָפּגעגאַנגען דער וואָקזאַל,
האָט ער זיך ניט געפּוילט אין „וואָס מע זאָגט" אַ לאַז טאָן,
אַז ס'וועט דער ווינטער זיין אַ ביטערער אַזאַ,
מיט פרעסט אַזעלכע, וואָס מע זעט זיי נאָר אין מאָסקווע!
און אפשר טאַקע איז קיין תּכלית ניט דער נע־ונד? —
האָט ער דעם חשבון אויף צוריק גענומען מאַכן —
נו, אַט וועט ער זיך צושטעלן אין זיין וואָיענקאָמאַט,
אים ווייזן דעם בילעט מיט אַלע זיבן זאַכן . . .

IV.

און אַלץ וועט זיך באַזאָרגט, און אַלץ וועט זיין באַשטאַט,
און — אַט זיין ריי! זי נע'בטערט זיך, אַט גיט זי שוין אַ גיי צו!
ער איז דאָך איצט ניט מער ווי אַ סאָלדאַט,
און דער וואָיענקאָמאַט וועט אים באַהילפיק זיין אויך מיט אַן עצה!
נאָר קיין בילעטן גיט מען ניט קיין גראַנאַטאַפּ —
בלויז עשעלאָנען גייען רויטאַרמייאישע אַהינצו.
און דער וואָקזאַל גיט אַלע ווייל זיך אַ פאַרשטאָפּ,
און אויף די ביימער ביים וואָקזאַל צעוויינט אַ ווינט זיך.
עס האָט ווי מיט אַ האַמער אים דערלאַנגט אין קאָפּ,
און ווי אַראָפּ אויף אים וואָלט מיטאַמאָל אַ האָגל:
איז שלאָגט מען, הייסט עס, זיך ביי גראַנאַטאָפּ —
פאַרוואָס־זשע זאָל ער פאַר זיין שטאָט ניט גיין זיך שלאָגן?
ער וועט זיך לאָזן גיין צופוס אַהיים,
צופוס דערקלייבן וועט ער דאָרט צו גראַנאַטאָפּ זיך.
ניט ווייט פונעם פּערעאָן אונטער אַ בוים
איז אַ קאָבזאַר געזעסן מיט אַ צוגעדעקטער קאָבזע.

V.

פאַרקויפט מ'האָט קינדער־שפּילעכלעך אויפן פּעראָן,
עס האָט דאָס האַרץ ביז בלוט אַ ריס געטאָן אים;
אים גיט זיך טעכטערל זיך פּלוצעם אַ דערמאָן:
ווי קומט מען עס אַהיים אַזוי אָן אַ מתּנה?

און מיט אַ שפּילכל צוגעלאָפן צו אַן עשעלאָן:
— ער גייט קיין גראַנאַטאַפּ? אין יענער ריכטונג?
צי וועט מען אים ניט מיטנעמען? ווען קומט מען אָן? —
— ער גייט שוין אָפּ! ער וועט זיך באַלד אַ ריר טאָן! —
פון עשעלאָן צו עשעלאָן. נאָכהער — צופוס...
די גאַנצע וועלט איז צוגעגאַן צום מויל אים.
ער איז געווען צעטומלט און געאיילט און ניט געוואוסט,
אַז גראַנאַטאַפּער יידן דינען אויסגעקוילעט.
נאָר ווייטער מאַכן ניט געקאָנט האָט מען קיין טראָט.
דער אומגליק האָט געהיט דעם וועג, אים אומזיכטיק באַטראַכטן.
בעלעגן איינגעוויגט אַ טויטער איז די שטאָט,
און איבער איר — דעם זאַנדערפיורערס שאָטן.

VI.

אים האָט געדוכט, אַז עמעץ שטויסט אים אין אַ תהום אַראָפּ,
דעם האַלדז האָט אים געוואָלט אַליין זיך אַ צעשניידן טאָן:
איז, הייסט עס, וואָס? איז אויס? אַ סוף צו גראַנאַטאַפּ?
נאָר דאַן — אויב אויס די גאַנצע וועלט איז סיידן! —
ער וועט אפשר באַגעגענען נאָך עמעצן אין וועג,
מע וועט אים אפשר אָנזאָגן די שיינע בשורה?
געשיקט זיך, אַז פון דאָרט איז קיינער ניט אַוועק?
געשיקט זיך, אַז עס וואָרט פון זיי אין ערגעץ ניט קיין שפור אים? —
ער האָט אין זיי זיך אַלע וויל געטאָן אַ גראָב,
זיך אָפּגעטיילט אַ גליד האָט פון אַ גליד אים:
רבונו של עולם, איז וואו זיינען די בעזשענצעס פון גראַנאַטאַפּ?
פאַרוואָס באַגעגנט ער דאָ ניט קיין גראַנאַטאַפּער יידן?
וואָס וועט ער גיין זיך איבערעדן אַציינד,
וואָס וועט ער פון חלומות לאָזן זיך פאַרסמען,
אַז ס'האָט זיך דאָך געראַטעוועט אַ קינד,
אַז לעבעדיק געבליבן איז אַ מאַמע?

VII.

און האַלב צעדולט, ניט וויסנדיק אַליין נאָך וואָס,
מיט הענט אין קעשענעס ווי צוגעקלעפּטע שטיקער קאָרע,
האָט ער זיך עפּעס זוכן דאָך געלאָזט,
ווי ער זאָל האָבן דאָרט די וועלט דיינע פאַרלאָרן.
און אונטער אַזאַ אומפאַרשטענדלעך־נאָ'נטן רעש,
פאַרוועבט ערגעץ אין ווייטע אומדערגרייכלעכע געהילכן,
האָט ער מיט הענט מיט אָפּגעבריטע אָנגעטאַפּט אין טאַש
דאָס קינדערשע דאָס ניט־דערבראַכטע שפּילכל...

אַרויסגענומען לאַנגזאַם עס ער האָט,
געקוקט אויף דעם מיט אויגן בלאַנדזשענדיקע, דולע:
איז וואָס האָט זיך געטראַכט אַ גאַנצע שטאָט?
מע האָט דען ניט געוואוסט, אַז ס'גייט אַ פּינצטערע גדולה? —
און שוואַרצער פון דער ערד — אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ,
בענומען גיין צוריק האָט ער ווי אין געלויער.
פון הינטן איז אַ מת געלעגן — גראַנאַטאָפּ,
אַנטקעגן איז געגאַן די גאַנצע וועלט אין טרויער.

37. די גימנאַסטיאַרקע

I.

דאָס האַרץ פאַרטריפט מיט טרויער און מיט סם
און ניט באַגריפנד, וואָס אַזוינס איז פאַרגעקומען,
געלאָזט זיך אויף צוריק האָט לעווין ניט געזאַמט —
דאָס ניט־דערבראַכטע שפּילכל אויף די אַקסל אינעם קלומעק,
די ניט־דערגרייכטע היים — אין אבלדיקן בליק,
דאָס ניט־באַזאָרגטע הויזגעזינד — אינעם פאַרשטייַנטן האַרצן.
אפשר אַ טעות? — האָט דער וויטעק אים געשטיקט, —
ס'איז ניט געווען אפשר דער גראַנאַטאָפּער צוג, ווי ס'מאַכט זיך?
אפשר באַדאַרף מען נאָכאַמאָל זיך טאָן אַ לאָז,
זיך גוט פאַנאַנדערפרעגן פרי'ר, — עס קאָן דאָך אַלץ געמאָלט זיין! —
די אויגן האָבן זיך אים אָפּגעשטעלט, ווי גלאָז,
דאָס ליכט אין די האָט זיך אין פּיין געשמאָלצן.
נאָר אָפּגעשניטן איז געווען שוין אויך דער וועג צוריק . . .
גענומען וואַרפן זיך פון שטעג אויף שטעג האָט פונדאָסניי ער, —
און אָנגעהויבן אָט אַזוי האָט ער דעם קריג
ביי דעם אַרומגערינגלטן סאַדאָווסקיס חייל.

II.

וואַסילי דראָזד איז אומגעגאַן פון בוים צו בוים,
געטוליעט זיך צו יעדן שטאַם, ווי צו אַ מאַמע.
אַ צי, ווי פאַרן טויט, געטאַן האָט אים אַהיים,
דאָס ערשטע מאָל האָט ער אַ בענקעניש דערפילט אַזאַ מין . . .
סאַדאָווסקי האָט דעם בליק געטאַן אויף אים אַ וואָרף:
— עפּעס געטראָפן, דראָזד? אָנו, בראַטאָק, איז לאָמיר הערן!
— ס'איז גאָרניט, חבר קאַפּיטאַן... איך טראַכט פון אונדזער דאָרף...
און דאַ, וויזט אויס, וועט אויסקומען געהרגעט ווערן... —

פאַרדרייכערט האָט דער קאַפּיטאַן, געלאָזט אַ קנײלכל רויך
און אויף די רינגעלעך פאַרקוקט זיך אויף די רונדע:
— נו, יאָ... מע ווערט געהרגעט אויך...
געוויס. און ווער עס ווערט דאָרט בלויז פאַרוואונדעט...
עס איז דאָך ניט קיין חתונה — ס׳איז דאָך אַ קריג,
נאָר פון אַ קריג אויך אומקערן אַ העלד מע קאָן זיך...
דאָס איבעריקע ליגט אין מזל, — האָט זיין בליק
אויף דראָזדן פאָטערלעך געטאָן אַ בלאַנדזשע.

III.

— כ׳וויל ניט דערהרגעט ווערן, חבר קאָמאַנדיר,
האָט ווי אַ טאַטן דראָזד אַ זאָג געטאָן סאַדאָווסקין.
און אומרו איז אַזאַ געגאַנגען מיט געוויכט
פון די געזיכט־צוגן די אָפּגעווינטיקטע און פּראָסטע.
אַ פייערל האָט העל זיך דורכגעשלאָגן דורך דעם רויך,
ווי ס׳וואָלט צום מויל געקראָכן עס אַ ברי טאָן.
די אויגן אויפגעהויבן האָט סאַדאָווסקי אין דער הייך,
אַ וויל זיי אינעם שפּיץ פון בוים אַריינגעשניטן
און די צוריק אַ לאָז געטאָן אַראָפּ
אויף דעם פאַרזאָרגטן, אומרואיקן דראָזדן:
— און איך, זוי מיינסטו, חלש אַנלייגן דעם קאָפּ?
און אַלע די, וואָס ליגן אויפן גראָז דאָ...
ס׳וויל קיינער ניט דערהרגעט ווערן, דראָזד, —
אים אין די אויגן ער אַ קוק געגעבן גלייך האָט: —
געהרגעט ווערט נאָר דער, וואָס הרגענען זיך לאָזט,
אים הרגעט פריי׳ר פאַר אַלץ דער פחד!

IV.

אַנטקעגן דראָזדן אָפּגעשטעלט האָט זיך אַ ציג,
ווי אַ יתומה פון אַן אָפּגעברענטן ישוב.
ס׳האָט דראָזד געגעבן זיך צו איר אַ צי,
דערפילט אין איר די היים נאָך פון פאַרפרי שוין.
ער האָט זיך מיט איר שטיל דערפרייט אַזוי,
ווי מע דערפרייט אין וועג זיך מיט אַן אַלטן שכן.
און זי האָט טרויעריק געקוקט מיט אַ דערשראָקן אויג, —
דאָס צוויטע איז געוועזן אויסגעשאָכטן.
אַדורך איר פעל, ווי דורך אַן אויסגעלאָטעט העמד,
האָבן אַרויסגעסטאַרטשעט אומעטיק די ריפּן.
זי דאַרף שוין ניט קיין גראָז. דאָס מויל איז איר שוין פרעמד,
געציטערט האָבן בלויז פון זיך אַליין ביי איר די ליפּן.

זי וועט, ווייזט אויס, דאָ אויסציען די פיס,
וואָס זיינען צו אַ מענטשן קוים דערלאָפן.
דאָס אויג דאָס איינציקע וועט שוין אַזוי געוויס,
ווי אַ מגילה פונעם ישוב, בלייבן ביי איר אָפן . . .

V.

פאַרבייגעגאַנגען לעווין איז דאָס אָרט,
דערזען די ציג און דראָזדן גלייך געטאָן אַ טעסע:
— איז ליב דיך מיטן גאַסט! ווייזט אויס פון דאָרט!
מ׳עט איר דאָ דאַרפן אָפּגעבן דעם לעצטן חסד! —
אָן אומעט אַרום דראָזדן האָט זיך שטיל געוועבט.
די ציג... זי טוט אַצינדערט אויכעט ווי אים.
— דיין גימנאַסטיאַרקע, דראָזד! האָסט דאָך געכאַפּט אַ טשעפּ, —
האָט לעווין אים באַמערקט. — מע דאַרף עס גלייך פאַרנייען!
באַוויין! עס איז דאָך עפּעס אונדזער חופה־טואַלעט,
וואָס ביסטו טרויעריק? — האָט ער די גימנאַסטיאַרקע אים געגלעט, —
מיר גייען דאָך די גאַרגלען, דראָזד, צעטרענען ביי די דייטשן! —
אויף הין און צ׳ריק, פון ראַנד און צו דעם ראַנד,
אָן אויפהער זיך געצויגן האָבן לאַנגזאַם פורן.
ס׳איז דראָזדן לייכט געוואָרן גלייך פון לעווינס האַנט,
אַ מילדקייט איז אַזאַ געגאַן פון לעווינס צוריר . . .

VI.

ס׳איז לעווינען געגוג אַ קוק טאָן אויף אַ קנאָפּ,
אַז אויפן אויג זאָל פעסטשטעלן געגוי ער,
ווען פינקטלעך, אַקוראַט וועט ער אַראָפּ,
און עס מיט מיטגעפיל דעם רויטאַרמייער גלייך פאַרטרויען.
ער דאַרף קיין סך, אַ קוק טאָן נאָר,
ביי איינעם לויכטן זיך די הויזן ערגעץ־וואו דאָרט,
אַז טרעפן זאָל ער גלייך: ס׳איז אַ סאַפּיאָר —
געלאָזט ביים שונאס דראָט־פאַרצוימונגען אַ שטיקל פלודער.
געגוג איז אויף אַ גימנאַסטיאַרקע אים אַ קוק טאָן פון דער ווייט,
דערזען אַ ריס, אַז ס׳זאָל אים גלייך אַ צי טאָן:
— נו, יאָ! — גיט ער אַ פאַרשבדיקן טייט, —
אָט דאָס־אָ טינטערל איז פון אַ שפּליטער! —
איז וואָרט ער ניט. ער גיט אַליין אַ פלי,
ניט פרעגנדיק, ער שטעלט זיך עס פאַרנייען.
ס׳האָט לעווין זיין פּראָפעסיע ליב,
און אים — אים האָבן ליב די רויטאַרמייער.

VII.

איז יום־טובדיק, אויף גדולה און אויף רוח
האָט לעווין דראָזדן אויסגעריכט די גימנאַסטיאָרקע.
אַרומגעקוקט געטריי זי אומעטום,
ניט אויפהערנדיק שפּיגלען זיך אין איר און פּאַרקעז.
און נאָכאַמאָל אַ קוק, און ווידער פּונדאַסניי,
גאָר ניט געקאָנט מיט איר צעשיידן האָט זיך לעווין.
דערקלערט פֿאַר דראָזדן אַלץ: די חכמה שניידעריי
און פון טאַנדעט פון פּשוטן די טבע.
אַ שפּרוך באַגלייט האָט יעדן נאָט,
און אויסגעפּרעסט אים קונציק מיט אַ ווערטל האָט ער,
און פּונקט ווי צו דער חופּה זיך אין שלאַכט געלאָזט ער האָט
מיט דראָזדן אין איין ריי — פאַראויס דער גאַנצער ראָטע.
אָן אויסוועג פון אַ הייליקן האָט ער געהאַט,
פון אַלץ געוועזן ווייט, אויף גאַרנישט מער געריכט זיך,
נאָר טראָט ביי טראָט האָט ער געשפּאַנט מיט דראָזדן אַקוראַט,
כאָטש אין דעם וואוקס איז ער געווען פון דראָזדן עטוואָס קירצער.

38. אַ קאָמפּלעקט קינדער־בגדים

I.

אונטער דעם זאַנדערפּיורערס אויפזיכט טאָג ווי נאַכט
האָט מען סאָרטירט פון די דערהרגעטע די בגדים.
געשטאַנען זיינען וואַכליט אויף דער וואַך
מיט ביקסן אויטאָמאַטישע געלאָדן.
די דייטשע פּינקטלעכקייט האָט דאָ געהערשט מיט פליס,
און איינגעשפּאַנט אין איר געווען די טויטע שטאָט איז.
געשוועבט האָט דאָרט דער אויבערמענטשן־גייסט
איבער דעם כאַאָס פון צעפּליקטע העמדער און קאַפּאָטעס.
געמאָסטן אײלעזודיק מ׳האָט יעדער שטיק אויף זיך,
אַיעדער שטיק מ׳האָט פּיבערדיק געשאַצט אין מאַרקן.
ביי יעדן איז געווען צעיושעט דאָס געזיכט,
ווי ביי גנבים אויף די רוישנדיקע מאַרקן.
געברענט ביי זיי די אויגן האָבן ווי ביי וועלף,
און צוגעשמידט ביי יעדערן געווען דער בליק צום פאַל איז,
וואו אַרבל האָבן זיך געשטרעקט פאַרבראָכן אויף דער העלפט,
וואו ס׳האָבן ווי פון שלאָף אַליין געהויבן זיך די פּאָלעס.

II.

געשטאַנען זײַנען װאַכליט בײַ דער טיר,
די צײַנקאַסטנס געהאַלטן געגעצנדיק אין דרייען,
און אינווייניק האָט גרויס־געראַמאַניע סאָרטירט
ס׳בית־עלמינדיקע גוטס, ווי שלאַכטיקע טראָפייען.
צונױפגעלייגט פּידזשאַק מ׳האָט צו פּידזשאַק,
אַ פּלודער מ׳האָט באַהאַפטן מיט אַ פּלודער;
געווען די זײַנען ערטערווײַז צעהאַקט,
געווען זיי זײַנען ערטערווײַז פֿאַרבלוטיקט.
ביז צו דעם באַלקן זיך געהויבן האָבן פּעק,
און צייכנס דײַטשישע, ווי האַקנקרייצערישע מאַטאַס,
געלייגט זיך האָבן אויף די ייִדישע די לאַסטיקענע רעק
און אויף די וואַכיקע פֿאַריתומטע קאַפּאַטעס.
עס מאַכט ניט אויס! מע וועט עס איבערקאָכן לייכט,
אויף דעם איז יעדע גרעטכען אין גערמאַניע אַ בריה.
און אויספּוצן אין דעם וועט זיך דאָס דריטע רײַך —
די טריאומפֿולע זיגרייכע אימפּעריע.

III.

נאָר ס׳האָט געפֿעלט אַ קינדערשער קאָמפּלעקט,
די צאָל האָט ניט געשטימט מיטן בית־עלמנדיקן צעטל.
איז אויפֿדאָסנײַ אַ זוך געטאָן פֿון עק ביז עק:
— עס פֿעלט! — געטרייסלט האָבן זיי זיך, — דאָנער־וועטער! —
געשטאַנען זײַנען וואַכלייט בײַ דער טיר,
אַדורכגעגרילצט האָבן פֿאַרבײַ געטאָסעוועטע פֿורן.
— זאָפֿאָרט די צעטלען געבן אַ שטודיר! —
באַפֿוילן גרויזאַם האָט דער זאָנדערפֿיורער.
די אויגן זײַנען אים ווי גאַל געוואָרן גרין:
צי וועט זיין פֿלײַס פֿאַררעכענען דער פֿיורער פֿאַר געגנוג אים?
ס׳פֿעלט אַ קאָמפּלעקט, — הערט ער, ווי ס׳שרײַט צו אים בערלין, —
פֿון אָט דעם צעטל ייִדישע הרוגים.
ס׳האָט ערגעץ אויסבאַהאַלטן זיך אַ קינד, ווײַזט אויס,
געווידערשפּעניקט אין באַפֿעל פֿון זאָנדערפֿיורער!
זאָל אַן אַטריאַד איבער די וועגן זוכן עס אַרויס, —
האָט ער דאָרט אויפֿגעהויבן כריפּענדיק אַ שטורעם.

IV.

געמאָרדעוועט האָט ער זיך ווי אין הינערפֿלעט,
און שוים פֿון מויל, ווי ער וואָלט זיך געעקט דאָרט:
— די צעטלען לייענען אַליין דער פֿיורער וועט,
אַליין דער פֿיורער פֿונדעווען וועט די קאָמפּלעקטן!

גערמאַניע! די הערשערן פון גאַר דער וועלט!
גערמאַניע! — געווישט האָט ער דעם בלויען האַלדז־און־נאַקן, —
גערמאַניעס אַן אימפּעריש באַפעל
ניט אויספילן געוואַגט האָט אַ פאַרפלוכטעס לאַבסערדאַקל!
די דערפער איבערגראַבן מיט די קעפּ אַראָפּ!
די היזער אויסרייסן אינאיינעם מיט די שטאַמען!
געפינען עס! — האָט ער געקלאַפּט, —
געבראַכט ס׳זאָל זיין! — האָט ער געשטאַמלט.
און ס׳איז אַ שטראָף־אָטריאַד אַ גרויזאַמער אַוועק
די דערפער אויסטרעטן אויף ברייטן און אויף לענגן.
די היזער לאָזן מיטן פלאַם פון עק צו עק
און — לעבעדיקערהייט צי טויט — דאָס ווידערשפעניקערל ברענגען.

V.

די, וואָס האָט ווידערשפעניקט אינעם דייטשן מיליטער,
די, וואָס דער שטראָף־אָטריאַד געלאָקערט האָט אָן אויפהער,
איז אַלט געווען דאָס זעקסטע יאָר. ניט מער.
נאָר מ׳האָט, ווי אַ דערוואַקסענע, ביים נאָמען זי גערופן:
„יהודיתל!״ — געשמיכלט האָט צו איר דער גאַנצער הויף,
„יהודיתל!״ — באַוואונדערט האָט די גאַנצע גאַס זי,
ווען נאָך אַ שמעטערל זי פלעגט זיך לאָזן אין געלויף
און ווי אַ שמעטערל אַליין זיך אומקערן אַ בלאַסע.
זי האָט געהאַט אַ קאָפּ מיט גינגאָלדענע האָר
און ברעמען זיידענע איבער די שוואַרצע אויגן,
און האָט געהאַט צו טאָן אַ ים אַ אין אירע אָנפאַנגלעכע יאָר,
און יעדע רגע איז ביי איר מיט גאָלד געווען געוואויגן.
פון סאַמע פון קאַיאָר, פון סאַמע אינדערפרי,
ווי נאָר דער שלאָף טרעט אָפּ פון איר געלעגער,
הייבט גלייך זיך מיט פאַרכאַפּטקייט אָן איר מי
פון עפּעס־וואָס צו זען, פון עפּעס־וואָס צו פרעגן . . .

VI.

און די קוקלע אָנקאַרמען. שוין אַזוי שפּעט.
און לאָזן זיך מיט איר באַנאַנד שפּאַצירן.
איר אויפנייען אַ קלייד. פאַרבעטן איר דאָס בעט.
און מענטשלעך מאַכן פון פּאַפּיר איר.
און מיט פאַרכאַפּטן אָטעם און פאַרטרוי
זיך אויפזעצן אַ ווילע אויף אַ וואָגן,
און זייפן־בלאָזן לאָזן דורך אַ שטרוי,
און אַ פאַרגאַפּטע נאָך אַ רייפעלע זיך יאָגן.

און לויפן אַלעמען אַנטקעגן גלאַט,
אויף אַלץ צעפּענען דעם בליק דעם קלאָרן . . .
אַ ים צו טאָן האָט זי שוין אויפן זעקסטן יאָר געהאַט,
און האָט זיך קוים געקאָנט מיט אַלץ אופּאַרען.
דאָ גיבן זיך די פינגערלעך אַ פלעכט אַליין צונויף,
און אין אַ טאַנץ זי לאָזט זיך אָפּ אַזוי געלאַסן.
— יהודיתל! — געפּליעסקעט האָט צו איר דער גאַנצער הויף.
— יהודיתל! — באַוואונדערט האָט די גאַנצע גאַס זי.

VII.

— יודית! — פאַרשריבן איז אויף דייטש געווען
איר נאָמען אין טראַפּיי־דערקלערטן מעשים־צעטל.
און אויף דער דייטשישער קוואַרטיר, אין די פאַרטויבטע ווענט
געכריפּעט האָט דער זאָנדערפיורער: — דאָנער־וועטער!
די דערפער איבערגראָבן מיט די קעפּ אַראָפּ,
די הייזער אויסרייסן אינאיינעם מיט די שטאַמען!
געפּיבען זי! — האָט ער געקלאַפּט, —
און ברענגען זי! — האָט ער געשטאַמלט.
געווען פאַרשריבן: דרייצן טויזנט זיבעציק און פיר״
אין זיינע מלאך־המותדיקע צעטלען איז איר נומער.
זי האָבן אויך די דייטשן רעגיסטרירט,
איר האָט מען אויך באַפעלט אויפן בית־עולם קומען
און מיטנעמען זיך שפּייז אויף צוויי־דריי טעג,
און אויך די סאַמע ווערטפולע פון אירע זאַכן.
האָט זי אַ סך באַדאַרפט דען גרייטן זיך אין וועג?
האָט זיך דען צייט געפאָדערט צוליב דעם אַ סך איר?

VIII.

די זאַך די סאַמע ווערטפולסטע ביי איר
געווען אַ בער פון פליוש איז מיט איין אויער.
דעם מלאך־המות זי אַליין געעפנט האָט די טיר
מיט בייגיר, ווי אַן אומבאַקאַנטן אורח,
געזאָגט אים: — פּעטער, ס'איז די מאַמע אין דער היים ניטאָ,
איר וועט אַריינקומען אַביסל שפּעטער! —
נאָר עפּעס האָט אַ שווינדל אין זיך האַנט געטאָן. —
— וואָס האַלט איר אין דער האַנט? גיט מיר אַ קוק טאָן, פּעטער, —
זי וואָלט אים פאַר אַט דעם אַוועקגעשענקט דעם בער,
זיך כאַטש אַביסעלע מיט דעם אַ שפּיל טאָן . . .
וואָס נאָך פאַר דעם פאַרלאַנגט דען ער? —
אַ וואַרף געגעבן אין דער הייך האָט זי די פּילקע

און איז אַרויסגעלאָפן פון דערשרעק,
אַנשטאָט דער פּילקע שוין אַליין געטאָן אַ פאַל,
נאָר מער קיין שוץ פאַר איר שוין ניט דער פאַל איז,
זי דאַרף באַצאָלן דייטשלאַנד פאַר ווערסאַל,
באַצאָלן דאַרף זי איצט פאַר דייטשלאַנדס שענדלעכע מפּלות.

IX.

דעם בער פונקט ווי אַ קינד אַ כאַפּ געטאָן האָט זי
און שפּילן זיך אַוועק מיט אים נאָך אויף אַ ווילע,
און אויפן וועג האָט זי דערזען אַ ווייסע ציג —
און ווייטער ניט געהאַט וואוהין זיך שוין צו איילן.
די גאַנצע שטאָט איז צום בית־עולם שוין אַוועק,
איז וואָס? אַז זי איז מיט דער ציג דער ווייסער דאָ פאַרנומען!
זי ווייסט ניט, אַז גערמאַניע קערט איבער דאָרט דעם וועג,
איר פאַלט ניט איין, אַז ס'האָט דעם שעף פאַרפעלט אַ נומער.
האָט זי זיך מיט דער ציג אַוועקגעלאָזט באַנאַנד,
וואוהין די ציג אַליין האָט בלאָנדזשענדיק געפירט זי . . .
אַ שטיקל ברויט איין וועג פון אַ רחמנותדיקער האַנט.
און אויף דער הוילער ערד — צעטראָטענע געווירצן.
אַמאָל אַ טרער. אַמאָל — אַ טראָפּן טוי.
דער וועג איז שווינדלדיק. דער גאַנג — אַ גיכער.
אַמאָל אין פעלד בייטאָג — פאַררוקט אונטער אַ סטויג,
און ווי אַ פייגעלע אַמאָל ביינאַכט אונטער אַ סטריכע.

X.

און גאַנץ גערמאַניע געיאָגט האָט זיך נאָך איר
פון דאָרף צו דאָרף, פון שריפה איבער שריפה.
און זי, ווי פון אַן אויסגעמאַטערטן שפּאַציר,
איבער די אַקסעלעך די קליינע אַנגעטאָן דאָס רייפל.
און אויף די הענט — דער בער אינאיינעם מיט דער ציג
געגאַנגען אַ געלאַסענע אין שטאָט צוריק איז
מיט איר קאָמפּלעקט באַקרויען דייטשלאַנדס זיג
און מיט איר קאָפּ פאַרזיגלען ס'צעטל פון הריגות.
אַריינגעגאַן אין שטאָט פון אַש און פעך
איז די זעקסיאָרעדיקע בירגערין די קליינע,
אַריינגעגאַנגען מיט דער פּילקע, מיט דעם בער
און מיט דעם ציגעלע דעם קלאָר־ווייסן אינאיינעם.
געקומען אין געסטאַפּאָ איז די קליינע בירגערין אַליין,
צום מלאך־המות זיך געווענדט מיט קינדערישן שטאָל:
— צי ווייסט איר, פּעטער, ניט, וואו איז ערגעץ מיין היים?
צי ווייסט איר, פּעטער, ניט, וואו איז ערגעץ מיין מאַמע?

39. די ראַדיסטקע

I.

ידיעות פּינקטלעכע האָבן די אויסשפּירער געבראַכט:
פון איין זייט — וואַלד, און פון דער צווייטער — לאָנקעס.
און גרייטן זיך גענומען צו דער שלאַכט.
דעם לעצטן קריג אַדורכרייסן איז פאַרגעשטאַנען.
קיין רגע ניט צעשיידט מיטן „טראַפּיר״
און מיט די אויער־רערלעך אירע האָט זיך טאַניע.
געכישופט דעם עפיר ביז צערטלעכקייט, ביז ווי,
און פּלוצעם — פריידן פון איר אַ גיי געטאָן האָט,
ווי ס'וואָלט זי אויפגעהויבן ערגעץ דאָרט אויף בערג
און אויף די הויכע כוואַליעס ערגעץ זי געקויקלט.
און נאָך פאַרטייעטער זי האָט זיך איינגעהערט,
אַ רוף געגעבן אַלע מיט די הענט און מיט די אויגן:
— פּאַראָן! ס'איז אונדזערע! איך הער! —
ווען ניט די אויער־רערלעך, וואָלט זי אין אַ טאַנץ געלאָזט זיך.
אַרומגענעמען געוואָלט האָט זי די גאַנצע ערד,
אַרומגענומען האָט זי אומבאַמערקט סאַדאָווסקי.

II.

ווען אַ באַיאָן זאָלן זיין, — האָט פּערעליאָט דערלאַנגט אַ ריס, —
וואָלט ער איצט אַ קאַמאַרינסקע אַוועקגעלייגט פון די פאַנאַסטער!
געבעטן האָבן זיך אַליין די פיס,
זיי איינהאַלטן האָט מי און אָנשטרענגונג געקאָסט אים.
נאָר אָן דעם האַרציקן באַיאַן, אַלצאיינס געפלעט,
האָט ער פאַרלייגט אַ האַנט ביים האַלדז־און־נאַקן,
און אין דער ווייכער ערד, ווי אין אַן איבערבעט,
האָבן די שטיוול זיינע פייקלדיק גענומען קנאַקן.
זיך צוגעזעצט אין טאַנץ אַיעדע ווייל ער האָט,
און וואָרפנדיק די פיס, האָט ווי אַ דריידל ער געשווינדלט.
געהילכט האָבן די רויטאַרמייער: — פּערעליאָט! —
און — ניעדאַליאָט! — געטריבן האָט אַליין דער ווינט אים.
— איך הער! — געשריגן, טאַנצנדיק, האָט פּערעליאָט. —
אַ גרוס איך הער! אַ גרוס פון מאָסקווע! —
און ווי עס קלאַפּן צו די רויטאַרמייער מיטן טראָט,
געקוקט האָט שמייכלדיק, פאַרגאַפט סאַדאָווסקי.

III.

מיט כישוף האָט געקלונגען דער פּאַראַל,
די האַפּענונג געטאָן האָט יעדן אַ פּאַרטרוי ער.
סאַדאָווסקי האָט ראַדירט. געחזרט מאָל נאָך מאָל:
— איך וועט אונדז העלפן דורכברעכן דעם לעצטן טויער! —
פאַרפינקטלעכט איז די צייט און אָנגעמערקט דאָס אָרט.
דאָס קול פון דאָרט איז אַזוי מעכטיק און דערקוויקנד.
איז מיט די אויגן גיט ער איבער יעדעס וואָרט,
און אַלע ענטפערן אים פרידיק מיט די בליקן:
נאָך היינט ביינאַכט רייסט מען דעם קלעם אַדורך,
און מאָרגן הייבט פונסניי דאָס לעבן אָן זיך.
געטראָגן האָט פון ווייטע שטערן זיך אַ שפּרוך,
און אויגן האָבן גליקלעכע געגומען בלאַנדזשען.
ס'איז לאַנג שוין ניט געווען אַזאַ מילדע נאַכט,
דער הימל ניט געווען איז לאַנג שוין אַזאַ בלויער.
באַגינט האָט אין דער אָפּגעשטעלטער שעה די שלאַכט
פון דורכברעכן אין קלעם דעם לעצטן טויער.

IV.

דעם דייטשן גאַרניזאָן ביים שלאָפנדיקן ראַנד
האָט ניט געחלומט זיך קיין בייז און קיין געוויטער.
נאָר פונקט ווי מיט אַ פלאַמיק־דונערדיקן קראַן
האָט אים אַ הייב געגעבן דער האַרמאַט פון די געברידער פּיר ראַקיטאַ.
מיט פּינקטלעכקייט ביז צו דעם העכסטן גראַד
דעם בליי, ווי בליצן, האָבן זיי געלאָזט אַ פלי טאָן.
זיי האָבן נאָך געדענקט די פּינקטלעכקייט פונעם וואַרשטאַט
און אויך דעם בליק פון זייער פאָטער — פון איוואַן ראַקיטאַ.
זיי האָבן דעם האַרמאַט געטריי און פאָטערלעך באַדינט,
זיי האָבן פאַר דער גאַנצער צייט פון קלעם פאַרהיט אים;
ווען מ'האָט באַדאַרפט, האָט ער זיי פרילינגדיק געגרינט,
ווען מ'האָט באַדאַרפט, האָט ער זיי זומערדיק געצוויטעט —
אַצינדערט נייטיק איז געווען,
ניט וויסן זאָל דער דייטש — פונוואַנען . . .
פון אָרט צו אָרט מ'האָט דעם האַרמאַט געטראָגן אויף די הענט.
פון איין זייט — וואַלד, און פון דער צווייטער — לאַנען . . .

V.

און דאָן איז שוין אַרויס וואַסילי דראָזד,
ווי ס'וואָלט אים די קאָמאַנדע אויסגעהילכט זיין שטאָט פאַלטאַווע.
ער האָט זיך אויף זיין קוילנוואַרפער פעסט פאַרלאָזט,
ווי אויף דעם בעסטן, אויסגעפּרוואוסטן חבר:

— דערלאַנג, פאַלטאַוער, האַלעשקעס דעם דייטש צו זעט!
און מיט וואַרעניקעס דעם גאָרגל אים צעפּענטע! —
האָט ער זיך מיט זיין קוילנוואַרפער האַרציק דורכגערעדט,
פאַרליגנדיק אַ לענטע נאָך אַ לענטע.
אַליק געפּלעט, צעטומלט און פאַרבלענדט
פון העל־צעשפּריצטן פייער,
האָט אים געדוכט, אַז ס׳גייט דער פלאַם פון זיינע הענט,
און ס׳האָט זיך אים פאַר פריידן געוואָלט צעשרייען:
— וווּ נאָך? וואָס זאַמט מען זיך? אַהער!
דער וועג באַלויכטן איז מיט הייסן בליי דאָ! —
און אַ ניט־צוטריטלעכער אינעם דראַנג, האָט ער
דעם קוילנוואַרפער אַנגעזאָטלט ווי אַ רייטער.

VI.

די דייטשן מאַרדעווען געלאָזט זיך הין און צ׳ריק,
אויפן קאַטאַק פון טויט באַפּעלט זיי פּייערלעך זיך גליטשן . . .
אין אַקסל דראָזדן האָט געטאָן עפּעס אַ פּיק . . .
ביין! ס׳האָט זיך אויסגעדאַכט! די האַנט איז איינפאַך מיד שוין
פון זייען שאַרבנס דייטשישע אין טאָל,
פון צוקלאַפּן מיט קוילן צו דער ערד אַיעדן.
ער האָט אפילו ניט געוווּסט, אַז זיינע זיידעס נאָך אַמאָל
אונטער פּאַלטאַווע אָט אַזוי האָבן געשאַטקעוועט די שוועדן . . .
צעפּליקטע פינצטערניש פון פלאַנג צו פלאַנג
האָט אַלע ווייל מיט פלאַם געטאָן זיך אַ צעעפן.
פאַטראָנעס האָט דעם חבר דראָזד דערלאַנגט
דער ראָטנער שניידער זיאָמע לעווין.
און דורך דעם קאָרידאָר געפלאָסן האָט דער טייל,
פאַרוואונדעטע מ׳האָט אויף די הענט געטראָגן,
ניט אָפּגעשטעלט און ניט געציילט,
אונטער דעם בלייאיק־סווישטשענדיקן האָגל.

VII.

מיט שטורעם האָבן זיי צעשפּאַרט דעם קאָרידאָר,
און אונטער פלאַם דער וועג געלעגן גראַד איז.
די דאַקומענטן פונעם טייל געפירט האָט דער פאַרטאָרג —
דער דריי מאָל שוין פאַרוואונדעטער אָוואַדיס.
איעדע רגע האָט געלייגט זיך אויף דער וואָג,
איעדער שפּאַן האָט מיטן טויט זיך אויסגעוואויגן,
און אָפּשטופּן דעם ערשטן בלוי פון טאָג
האָט ער באַמיט זיך מיט דעם בלוי פון זיינע אויגן.

אַט באַלד! נאָך אַ מינוט! און אויס!
געצויגן האָבן זיך אויף ווייט געפּלעפּטע מיילן.
סאַדאָווסקי איז געגאַן פאַראויס,
אויף צ׳ריק זיך אומגעקוקט איעדע ווילע.
און אַלע האָבן אויסגעזען צעוואָרפן אויפן וועג,
ווי אויף אַ שטורעם־ים געשוואומען וואַלטן זיי אַ צייט שוין.
ער זעט שוין אָן זיך, דער געגאַרטער ברעג,
און הינטן ברעקלען זיך צעקלאַפּט די דייטשן.

VIII.

גענע׳ענטערט האָט מיט יעדער רגע זיך די גרויסע ערד,
פון דאָרט צו די אַרומגערינגלטע געגאַנגען מ׳איז אַנטקעגן.
ס׳האָט דעם דערקוויקנדן „אורא״ סאַדאָווסקי שוין געהערט,
נאָר שווער איז אים געווען אַצינד זיך צו באַוועגן.
פאַרהוילט ער האָט פון זיך אַליין די ערשטע וואונד,
און פון די פריינט האָט ער די צווייטע אויסבאַהאַלטן.
נאָר ס׳האָט אַ קרעכץ דערטראָגן זיך פון טאַניען: — וואו?
געטאָן אַ לאָף... דאָן האָט גור־אריה אים דערזען אַ פאַל טאָן.
ער האָט זיך גלייך געטאָן צו אים אַ לאָז,
נאָר אויפשטעלן האָט זיך אַליין באַמיט סאַדאָווסקי, אָן אים;
גור־אריהן אַנגעוויזן מיט די אויגן אויפן גראָז,
וואו פון אַ קויל איז אומגעפאַלן טאַניע.
און אַנגעוויזן טאַניע האָט אים פריער דאָס געווער.
ער האָט עס אַנגערירט. געווען ס׳איז נאָך וואַרעם.
און אַט אַזוי געטראָגן צו דער גרויסער ערד
האָט די פאַרוואונדעטע ראַדיסטקע אויף די הענט גור־אריה.

IX.

פון איין פאַרוואונדעטן צום צווייטן אין געאייל,
צעטומלט אומגעטראָגן האָט דער דאָקטער זיך אָן אויפהער.
ביי יעדן אָפּגעשטעלט זיך אויף אַ וויל
און — ווייטער! נאָך די שטילע קרעכצנדיקע רופן.
און אַט אַזוי פון וואונד צו וואונד, פון בינט צו בינט,
ניט מעסטנדיק, אויף וויפל צום געפאַר ס׳איז נע׳נטער,
האָט ער זיך פלוצעם אַ דערמאָן געטאָן: — דאָס קינד?!
ער זעט עס ניט! ס׳האָט ערגעץ זיך, ווייזט אויס, פאַרפלאָנטערט!?
זיך אויסגעמישט ביי אים אין קאָפּ האָט באַרג און טאָל,
דער וואַלד געברוישט ביי אים האָט אין די ביינער,
אין אַלע ריכטונגען האָט ער זיך מיטאַמאָל
אַ לאָז געטאָן, ניט ווויסנדיק וואוהין אַליין נאָך . .

און מיטאַמאָל פֿון גרינע צווײַ מונדירן גאָל
האָט דעם צעשטרײַטן בליק געטאָן אַ שמיר אים,
און בײדע אויסגעגאַרגלט האָבן: „האַלט!",
און אין אַ פֿינצטערניש געלאָזט האָט ער זיך אונטער זײער **שמירה.**

X.

און לעווין האָט זיך אײַנגעהערט אין יעדן ריס,
די קוילן טראַגנדיק און טראַכטנדיק אַזוי נאָך:
אַז אַט שוין, דאַכט זיך, בײַ די אײגענע מע איז,
און אין אַן אויגנבליק — אין הינטערלאַנד בײַם שונא.
דעם אומגעדולד פֿאַרפּרעסנד מיט די צײן
און אונטער פּרעס פֿון טויט געפֿינענדיק דורכאויס זיך,
האָט לעווין פּלוצעם, מיטאַמאָל אַלײן
זיך אויף אַ כאַפּטע דײַטשן אָנגעשטויסן.
אַ שפּרונג איבערן קאָפּ געגעבן האָט דער „פֿראָנט":
פּונואַנען? ווי אַזוי? נאָר — מאַטער זיך, ניט מאַטער —
שוין רונד אַרום זײן פּנים האָבן נאָ'נט
זיך אויסגעסדרט זיבן אויטאָמאַטן...
ווי ס'וואָלט אַ באַרג אויף אים געטאָן אַ פֿאַל.
אין ערגעץ קאָן שוין זיך ניט טאָן קײן דרײ ער.
און תיכף אָפּגעפֿירט מע האָט אים אין אַ שטאַל,
וואו ס'האָבן אין געפֿאַנג געפּלאָגט זיך רויטאַרמײיער.

40. די וועלט דורך אַ שפּאַרונע

I.

אין אויסשפּירונג דאָס ערשטע מאָל ווען לעווין איז אַוועק,
פֿאַרדריקנדיק אין האַנט דעם אויטאָמאַט, באַלאָדן,
האָט ניט פֿאַרגעסן אויך ער מיטנעמען אין וועג
די שער, די בײַוועלעך און אויך די נאָדל.
— וואָס נעמסטו מיט זיך מיט דעם אינוועטאַר? —
אַ פֿרעג געגעבן האָט אָוואַדיס גלאַט אים.
—אַ שאלה! מאַלע וואָס? — האָט ער די הענט געטאָן אַ שפּאַר, —
עס טרעפֿט — מע דאַרף עמעצן צולײגן אַ לאַטע! —
ער איז דער ערשטער צוגעקראָכן צו דער דײַטשער וואַך,
גלײַך דעם קינזשאַל אַרײַנגעשטעקט אין האַלדז־און־נאַקן
און זיך אַנטשולדיקט: — ס'ערשטע שטיקל אַרבעט איז געמאַכט,
נאָר צופּרעסן אַ קאַפּעלע, סך־הכל. —

דערנאָך אַזוי שוין אָגב־אורחאדיק האָט ער
זיך אָנגעבויגן און אַ זאָג געטאָן: — נו, מילא! —
און מיט דער אַלטער שנײַדערישער שער
אַראָפּגעכאַפּט בײַם דײַטש, פּונקט ווי אַ צוויקעלע, דעם צלם.

II.

— איר זעט! — דערקלערט אוואַדיסן האָט דעמאָלט ער, —
אַצינד פאַרשטייט איר שוין? — האָט ער געטאָן אַ פּאַכע, —
אַז אויך אין אויסשפּיר קומט צוניץ אַ שער...
דער עיקר דאַרף דער באַלמעלאָכע זײַן אַ באַלמעלאָכע! —
און אויפן וועג צוריק, פאַרטראַכט און מאַט,
באַפאַלן האָט אַ כאַפּטע דײַטשן אומדערוואַרט זיי.
געוועגדט דער שנײַדער האָט זיך דאַן צום אויטאָמאַט,
געווענדט האָט דאַן דער שנײַדער זיך צום האַרצן:
— איז, הייסט עס, וואָס? אַ סוף צום שנײַדערײַ? —
און מיט צעבערעקלט־בליאַסקענדיקע בליצן:
אַ רײַ! און — נאָך איינע! און — אַלע דרײַ! —
האָט ער אַוועקגעוואַלגערט זיבן פּריצן.
— ס'אַ נײַער שניט! — האָט ער דערקלערט נאָכהער, —
אויף זיבן — דרײַ! זיי וועלן ביסלעכווײַז באַקומען אַפּשײַ!
דער עיקר צוגייען אַזוי צו דר'ערד,
ווי קנעפּ, וואָס רײַסן קיינמאָל זיך ניט אָפּ שוין!

III.

און איצט געזעסן לעווין איז פאַרשפּאַרט אין שטאָל.
אַרײַנגעקוקט די וועלט האָט בלויז דורך אַ שפּאַרונע...
געדוכט האָט אים, אַז ער געטאָן אַ פאַל
האָט אין אַ פינצטערן, אַ טיפן ברונעם.
מיט יעדן קער און ווענדע צו דער פרײַ
האָט ער געזען דעם טויט, וואָס האָט צו אים געגנע'נטערט...
אַדורכגיין דאַרף פאַר אים אַצינד פאַרבײַ
זײַן גאַנצע וועלט, ער זאָל צולעצט זי נאָך דערזען דאָ,
אַז ס'זאָל אים דרײַ מאָל טרויעריק און שווער
זיך דאָס צעשיידן זײַן דאָ מיטן לעבן...
אין יעדן הילך און אויסגעשרײַ האָט ער געהערט
דעם גאַנג פון זײַנע פינצטערע באַגראָבער.
געזעגענען, ווײַזט אויס, ער דאַרף זיך באַלד
מיט אַלץ, וואָס טײַער איז און ליב אים,
און פריער פאַר אַלץ — מיטן זכרון, וואָס פאַרהאַלט...
ס'איז, ווײַזט אויס, ווייניק צײַט אים שוין געבליבן.

IV.

נאָר ניט דערמאָנען קאָן ער זיך, ווי זיין יהודיתל זעט אויס,
ער האָט זיך איינהאַלטן באַדאַרפט, „יהודיתל" ניט אַ געשריי טאָן,
און זיך געעקט: ווי קריכט מען ניט פון זיך אַליין אַרויס
דעם גאַרגל איבערהריזען זיך אַליין פאַר וויטעק?
געשיקט זיך, אַז . . . אַז אַלץ איז שוין בישטאַ? . . .
אַראָפּגעפאַלן איז אויף אים אַ שטרוי פון דאַך, ווי אַ פאַרסטריגע.
אַ שטאָט... אַ שטאָט... אַ גאַנצע שטאָט, —
האָט ער דעם קאָפּ פון דיט צו זייט גענומען וויגן.
און ער אַליין... ער וואַרט... ער ווייסט, אויף וואָס ער וואַרט,
עס זעצט דער ווי אין שליף אים, ווי אַ האַמער.
נאָר דריי מאָל הייבט זיין שאַרבן זיך, ווען נאָר ער גיט אַ טראַכט,
ווי מ'האָט פון שטוב אַרויסגעשלעפּט זיין בלינדע מאַמע . . .
מאַמע... מאַמע!... נו, און שיינדל מיטן קינד...
זיי האָבן אויפן בוידעם דאָך געקאָנט אַרויף... דאָס דאַרף מען אויך דען קענען
און אויך די מאַמע מיטנעמען... אַ זקנה... בלינד...
און אויסבאַהאַלטן זיך אונטער די אַלטע מאַנעקענען!

V.

און אָט דעם וויטעק אָפּטרייבן פון זיך מסתם
ניט קאָנען וועט ער שוין ביז צו דער לעצטער רגע.
געקומען איז אים פלוצעם אויפן טעם
דער ריח פון זיין שטעטל נאָך אַ זומערדיקן רעגן.
דער אָפּגעפרישטער זאַמד. דער שבת אינדערפרי.
די ביימעלעך די פאַר. דער טייך און די טשערעטן.
און ס'האָט דאָס האַרץ אים אַלע ווייל געטאָן אַ ברי,
ווי ס'וואָלט דער טויט געגאַן די ציין אים אַ פאַררעד טאָן.
ער פילט ניט, ווי עס טוט זיין פוס אַליין אַ שפּאַן,
גענומען האָבן די יום־טובים פאַר אים דורכגיין . . .
אַוועקלייגן ער פלעגט אין קלוב אַ פאַדעספאַן,
וואָס האָט געקאָנט פאַרשטעקן אַ מאַזורקע,
זיך טאָן אַ דריי אַרום אַ חברטע — אַהער, אַהין,
פון סאַמע לייכטסטן ווינטל אידעלער און גרינגער, —
נאָר מיטן קוק איר עפּעס איינרוימען, פאַרשטעלט און דין,
און טראָגן הויך איר האַנט, בלויז אָנגערירט די פינגער.

VI.

וואָס קריכט עס אים אין קאָפּ? ווי קלאַפּט מען עס אַרויס?
ווי ווערט מען פּטור פון דעם פּיין? פונעם זכרון?
געוועזן איז — אַלץ. און אַלץ — איז אויס!
זיך אויסגעשטעלט דאָס גאַנצע לעבן פאַרן טויט האָט אַזוי קלאָר אים . . .

און פּלוצעם האָט דעם וועג דערזען ער צום וואָקזאַל,
די חנעוודיקע דערפעלעך אין גרינס אויף ביידע זייטן . . .
דורך דאָרט האָט מען זיך אין דער וועלט געטאָן אַ לאָז אַזאַ,
פון דאָרט האָט מען פאַרליבט זיך אין דער אומבאַקאַנטער וויט...
ער זויגט זיך איין אין דעם שפּאַרונעדיקן פּאַס,
און מיט זיין שניידערש אויג ער גיט אַ מעסט דעם שטח.
דורך יענעם וועג געקומען איז מען אַלע יאָר צוגאַסט
און מ׳האָט די גאַנצע וועלט אַריינגעבראַכט אין שטעטל . . .
און אויך דורך יענעם וועג האָבן די דייטשן קינד־און־קייט
פון גאָר דער שטאָט אויפן וואָקזאַל געטריבן.
„אויף אַרבעט!“ — האָבן לאַכנדיק די מערדער זיי באַגלייט,
און ערגעץ האָט דער טויט באַגעגנט זיי ביי גריבער . . .

VII.

— פּראָסטאַקעס פינצטערע! — האַלט לעווין קוים זיך איין,
ער זאָל ווי אַ בוהיי איבער דער שטאָל זיך ניט צערווען. —
אויב איך בין אין די הענט אין זייערע אַריין,
בין איך קיין שניידער ניט! און ס׳איז מיין נאָמען מער ניט לעווין! —
ס׳איז שווער דער טויט... און ביטער איז די לעצטע נאַכט...
און ס׳וואָרגט אַזוי די וואַרטנדיקע פּיין אים.
איין טרייסט: ס׳האָט יעקע באַק אַהער אים ניט פאַרנאַרט —
האָט ער אַליין מיט ערב־מיתהדיקן שטאָלץ זיך איינגעטענהט.
און דאָרט האָט יעקע אָפּגעפּריצעוועט אַ שטאָט,
אַ שטאָט מיט ייִדן אָפּגענאַרט האָט ער דאָרט,
און ברויט אין וועג געהייסן מיטנעמען ער האָט
אויף פינצטערן בייזוואונדער און געלעכטער . . .
געשיקט זיך, אַז געגעסן האָבן זיי דאָס ברויט אין וועג?
און דריי מאָל שרעקלעכער דער וויטעק און דער בראָך איז!
און שטאַרבן איז אים איצטער אַ בזיון און אַ שרעק —
דאָס, וואָס געגאַן ווי קעלבער זיינען אויכעט באַלמעלאַכעס.

VIII.

עס גיבן פון זיין וויטעק אַ צעטאַרע זיך די ווענט,
און ס׳דוכט, אַז ס׳ברענען דורך פון שטאָל די העלצער:
וואָסי? קיין פּרעסלעך זיינען דען ביי שניידערס ניט געווען?
צי האָבן פּראָסטע בייגלבאַקן דען פאַרפעלט זיי?
און ס׳גיט דאָס האַרץ ביי אים אין היץ אַ ברען,
און ס׳גיבן זיך די פיס אַן אונטערבראָך אים:
וואו איז עס עוודי באַראַנעווקער געווען?
וואו איז געוועזן ליבעניו פּופּאַכע?

פאַרוואָס האָט ער זיי פאַר די גאַרגלען נישט דערשטיקט? —
גיבן די אויגן שוין אין בלוט ביי אים אַ בלאַנדזשע, —
ער האָט דאָך נאָך מיט וויפל יאָר צוריק
געשלאָגן זיך אויף דער מלחמה מיט יאַפּאַנצעס?!
און קסיל! געקייעט גלאָז... אַ בראָך!
געבליצט אין מויל ביי אים האָט, דוכט זיך, ווי אין גיהינום!
ער פלעגט דאָך זעקס פּידזשאַקעס אויפנייען אַ וואָך,
זאָל ער קיין דייטש קיין איינעם ניט דעם בויך צעטרענען?

IX.

פון הוילן שטאָל־און־אייזן דאַרף ער זיין,
ער זאָל אין שטאָל ווי אַ בוהיי זיך ניט צערעוועז,
ווען ס'גיט דער מלאך־המות זיך אַ קוק אַריין
אין אים, אין דעם געפאַנגענעם דעם שניידער לעווין...
אַז בלויז אייך שפּאָן פון שטאָל — איז אַ קאַיאָר,
אַז אויך דאָס לעבן איז איין שפּאָן פונדאַנען,
אַז ער איז אַלט איינגאַנצן צוויי און דרייסיק יאָר,
אַז ס'שמעקט דאָס מיסט פון שטאָל אים אויך מיט האָניק.
און דייטשן קוילען ידן אויס אין יעדער שטאָט,
און הייסן פאַר דער שחיטה זיך דאָס אָנטאָן ברענגען,
און ס'דיינען אין די שטעטעלעך קיין ידן שוין נישטאָ,
ווי זיי וואָלטן דאָרט קיין מאָל ניט געווען גאָר...
און אַז ער גיט זיך מיט זיין לעצטער טראַכטעניש אַ לאָז,
און אַז דעם חשבון זיינעם גיט ער אַ באַרעכן,
איז בלייבן לעבן האָט ער שוין במילא ניט צו וואָס,
כאָטש ס'וועט במילא אים אַ דייטש ביז אינדערפרי דערשטעכן...

41. זיך דורכגעריסן]

I.

און דאָך האָט ער צוערשט באַקוקט פון שטאָל די טיר:
ווי עפנט זי זי דאויף, און ווי זי פאַרמאַכט זיך.
דערזען אַ דרעמלדיקן דייטש אין וואָך לעם איר,
איז אים געוואָרן עטוואָס גרינגער אויפן האַרצן.
„ממה־נפשך, — געטראַכט האָט ער, —
חלילה וואָס? איז אָדער — אָדער!
ביז וואָגען ס'איז פאַראַן אַ שער,
איז קאָן ער דאָך זיך אויפטרענען אַן אָדער!

און אויב אַ שלאָף גיט גאָט אַריין דער וואָך
איז דאַרף מען ניט קיין סך... ער שאָקלט זיך שוין, קאַנטיק, —
איז ניט קיין אומגליק אויפשנײַדן דעם דאַך.
די שער — דעם דייטש אין גאָרגל אויף אַן אָנדענק.
דער עיקר, מילא — וואָס ס׳איז מוטער־נאַכט,
זיין פנים זעט מען ניט אַרויס לעת־עתה".
און נאָך אַ קלער און נאָך אַ טראַכט:
„און ביז פאַרטאָג — איז גאָט אַ טאַטע!"

II.

געפאַנגען זיצט ער שוין די זעקסטע שעה,
שוין דורכגעטראַכט די גאַנצע וועלט אין אַנגסטן.
עס איז דאָס לעבן אים אַוועקגעבן אַ שאָד,
און ציען ציט עס אַזוי שווער און לאַנג זיך.
און מיטאַמאָל האָט זיך דערהערט אַ שיסעריי.
— עס שיסן אונדזערע! די קוילן קלינגען איצט ווי שליסל! —
צעטרייבערט אַ סנאַריאַד אַ שטיבל האָט דערביי
און פון דער שטאָל די טיר אַראָפּגעריסן.
די וואַך מע זעט שוין נישט. קיין וואַך — ניטאָ!
און גלייך אַ טראַסק דערהערט האָט זיך אַ צווייטער.
— וואָס טוט מען? ס׳איז נאָך ווייט צו טאָג!
— וואָס וואַרט מען? איינציקוויז, סאָלדאַטן! פליטה! —
און גלייך אַ שפרונג געגעבן דורך דער טיר.
ווי רויטע פלאַטעצעס געיאָגט האָבן זיך קוילן . . .
ער האָט דעם בליק דעם בלאָנדזשענדן געטאָן אַ פיר:
— ווי רייסט מען זיך אַדורך, רבונו של עולם!?

III.

וואו זיינען אונדזערע? צי נאָ׳נט צי ווייט?
אַז אויסגעמישט איז אַלץ און אַלץ — פאַרפּלאָנטערט!
מע קאָן אים פון אַנטקעגן געבן אַ צעבייט,
אַ נאָכיאָגנדע קויל אים אונטערהאַקן קאָן דאָ.
וואו איז ער אין דער וועלט? ער קוקט אַהין, ער קוקט אַהער,
פון אַלע זייטן שמייסט און מאָרדעוועט זיך פייער!
ס׳אַ פינצטערניש... נאָר ס׳פירט אים דאָס געהער,
און צוגעטאַפּט האָט ער דאָרט, בלאָנדזשענדיק, אַ שייער.
ער ווייסט ניט, וויפל אָפּגעגאַן איז ער,
נאָר קלאָר איז איינס: דאָ זיינען דייטשן!
דאָס זשאַבע־לשון דייטלעך איצט ער הערט,
איעדעס וואָרט דאָס האַרץ ביי אים צעשניידט שוין.

צי האָט מען אים דאָ ניט באַמערקט?
נאָר ס'טרייסט פון קוילן אים דער האָגל.
פאַרגעסן ער באַהאַלטן האָט די שער
און נישט באַמערקט, ווי ס'האָט גענומען טאָגן.

IV.

וואָס האָט עס אים אַהער געגעבן אַ פאַרטראָג?
איעדע רגע האָט אין אַנגסטן זיך געצויגן.
דורך די שפּאַרונעס האָט אַריינגעטריפט דער טאָג,
צו די שפּאַרונעס האָט ער צוגעקלעפּט די אויגן:
אָט זיינען זיי, די הינט. אי נאָ.נט, אי ווייט.
זיי קייקלען קוילנוואַרפערס שוואַרצע צו די ראָנדן.
ער קוקט זיך איין, דעם אָטעם טיף פאַרטיי'ט,
ווי זיי צעסדרן און שטעלן זיי פאַנאַנדער.
און אויפן אויג באַמערקט ער — וואו און וואָס,
אַז ס'זאָל קיין פינטעלע פון בליק נישט גיין פאַרלאָרן,
ווי ער וואָלט דאָ פון אַ זאַקאַז אַראָפּגעכאַפּט אַ מאָס
און זי פאַרקריצט ביי זיך אין שניידערשן זכרון.
אַצינד — נאָר לעבעדיק אַוועקטראָגן די פיס,
קיין קויל ניט צונייען צו דר'ערד זאָל זיי אים . . .
און מיטאַמאָל — קנאַל! און נאָך איינער — אַ ריס!
ער האָט דערזען, ווי ס'גרייפן אָן די רויטאַרמייער.

V.

רבונו־שול־עולם! וועט ער זיך דורכרייסן צו זיין? —
ער פילט ניט, צי ער לויפט, צי ס'טראָגט דער רוח אים.
און זיסער איז געווען דער רויטאַרמייערישער „שטיי!"
פון בעסטן ליד און פון גן־עדנדיקע שפּרוכן.
— איך לויף פון דאָרטן, חבר קאָמאַנדיר!
ס'איז אַלץ אין קאָפּ פאַרצייכנט און פאַרמערקט דאָ, —
און ווייזנדיק אַהין, אַ צייל געטאָן: — אָט האָט איר פיר —
דאָס זיינען קוילנוואַרפערס, גרייט צו דער פרימערקע!
קיין רגע וואַרט ניט, חבר קאָמאַנדיר!
פון בײדע זייטן שטאָל און ביי דעם שייער, —
און מיט דער האַנט געטאָן אַהין אַ פיר:
— דער וועג איז דורך דעם וועלדעלע אַ פרייער! —
סאַדאָווסקי האָט אַ ווילע נאָך געטאָן אַ קלער,
געקוקט אויף לעווינען, באַטראַכט פונסניי אים.
— דאָס האָסטו אַלץ באַוויזן מיט דער שער? —
און אַ באַפעל: — איבער דער שטאָל פון ביידע זייטן — פייער!

VI.

און דו — פאַראויס! דעם וועג זיי אָפּשניידן אויף צ׳ריק
וועסטו אין אומגאַנג מיט אַ טייל זיך לאָזן! —
געלעגן זיינען קוילנוואַרפערס שוין דערשטיקט,
פאַרגראָבן מיט די מיילער אין די גראָזן.
עס האָבן די אַרמייער זיך געגעבן אַ צעוואָרף,
געפירט האָט לעווין, זינקענדיק אין קאָרן,
פונקט ווי געבוירן ווערן וואָלט ער דאָ אין דאָרף,
ווי אָפּגעלעבט ער וואָלט דאָ אַלע זיינע יאָרן.
פון רויך אַרויסגעוויקלט האָט זיך לאַנגזאַם דער באַגין,
דאָס דערפעלע געהויבן האָט אויף גראַבליעס זיך פון פייער.
און קיינמאָל זיינען גראָזן ניט געווען אַזוי גרין,
און קיין מאָל זיינען פעלדער ניט געווען נאָך אַזוי טייער.
מינוטן ציען זיך. אָט איז דער וועג. שוין ביי דער שוועל
אַ קוילנוואַרפער אויסגעוואַקסן נעבן שטאָב איז,
און אַכט און דרייסיק וואַיענדיקע וועלף,
פון שרעק איבערגעקרימט, האָבן אַ הייב געטאָן די לאַפּעס.

VII.

מ׳האָט אויפגעקליבן די געפאַלענע אין שלאַכט,
אין פּיין איבערגעגעבן שטיל דער ערד זיי.
דעם קבר צוגעדעקט האָט אומעטיק די נאַכט,
זיך וואַרגנדיק מיט טרויער און מיט קרעכצן.
— וואו איז דער דאָקטער? — האָט געטאָן אַ פרעג
סאַדאָווסקי אומרואיק. מע זעט עפּעס דאָ אים נישט . . .
זיך אָפּגעדעקט פון שאָטנס האָט דער וועג,
זיך איינגעהילט מיט וואָלקנס האָט דער הימל.
דעם דאָקטער האָט מען ערגעץ ניט געהערט,
און צווישן די געהרגעטע האָט קיינער ניט געזען אים.
זאָל זיין, אַז אָפּגעשטאַנען ערגעץ־וואו איז ער
און אין די הענט צו זיי אַריין... אין גיהינום?!
„דאָס סאַמע אַלטע אויסקויף־בלוט פון דר׳ערד״ —
דערמאָנט זיך האָבן אים דעם דאָקטערס ווערטער;
ער האָט זיי, דאַכט זיך, איצט פונסניי געהערט,
זיי האָבן מער, ווי שטענדיק, איצטער אָנגעהערט אים...

42. ווייניקער מיט אַכט און דרייסיק

I.

פון בליק ביי יעדערן פון זיי געגאַן איז שרעק,
און פינצטערניש געשפּאַרט ביי זיי האָט פון די מיילער.
זיי האָבן זיך ווי ווערעם אויף דער זון באַוועגט,
די קעפּ אַראָפּגעלאָזט אַיעדע ווײַלע.
פון זיי האָט מיטאַמאָל זיך אָנגערוקט די נאַכט,
די לופט האָט אַרום זיי מיט גיפט זיך אָנגעפילט דאָ.
אַצינד האָט ערשט אָוראַדיס זיי באַטראַכט,
ווי ס'קער צו זיך, אין דער פאַרדאָרבנקייט אין זייער ווילדער:
אַזוי פיל צייט געענדערט די נאַטור האָט זיך,
ביז פון דער מאַלפּע זי דעם מענטש האָט אויסגעשטייערט,
און זיי, ווי שנעל זיי האָבן עס אָרגאַניזירט
דעם צ'ריק־מאַרש — פון דעם מענטשן צו דער חיה!
עס איז זיי, דאַכט זיך, לייכט, עס איז זיי, דאַכט זיך, גוט
אויף אַלע פיר נאָך רויב צו יאָגן פונדאַסניי זיך
און מיט אַ געגנעץ זיך באַלעקן פונעם בלוט,
וואָס זיי האָבן פאַרצוקט אויף זייער צ'ריק־אַנטקרווינטער רייזע . . .

II.

אָט זיינען זיי — געזעטיקטע פון מאָרד,
באַטראַכט אָוראַדיס האָט דעם מין געוועלטיקער און מערדער.
אַזוינע איז פאַראַן אַ גאַנצער דור,
וואָס האָבן מיט דער פּעסט געפּרוכפּערט און געמערט זיך.
די ציינקאַסטנס — צעשפּאַרט ווי ביי די וועלף,
אין שטערנס פלאַטשיקע פאַררוקט די אויגן:
ווי פולקום איינגעפּאַסט עס האָט אויף זיי זיך פעל!
ווי קעניגלעך דער אור האָט זיי פאַרצויגן!
איז וואָס־זשע טרייסלען זיי זיך דאָ אַזוי אַצינד,
אַרויסגעשטעקט די פיבערדיקע צינגער
געהאַרכזאַמער און מיאוסער פון הינט,
אָט די געוועלטיקער, באַהערשער און באַצווינגער?
ניט אויסגעזען קיין איינער האָט ווי אַ סאָלדאַט, —
די פּאַזוכעס געשטאָפּט מיט רויב און שמאַטעס,
ווי פון אַ הייל אַרויסגעקראָכן — אַקוראַט —
געגאַנגען אין געפּענק זיינען די מערדערישע טשאַטעס.

III.

סאַדאָווסקי האָט געקוקט, די ציין פאַרפרעסט,
אויף אָט דער מתנה שלעפּער, מיסט און מערדער:
צעשיידט האָט מיט די ליבסטע אים אָט די־אָ פּעסט,
אָט דער־אָ הישעריק האָט אָפּגעריסן פון זיין ערד אים!
פון שווערע טעג און שלאָפלאָזיקע נעכט
געווען זיין בליק איז מוטנע און צעבויטעט:
דאָס זיינען זיי געקומען הפקר אויף זיין ערד
צעברעכן אַלץ, וואָס מ׳האָט געפלאַנצט און מ׳האָט געבויט דאָ! —
מיט מי פאַרציענדיק אַליין זיך אין אַ פּענט,
האָט ער פון זיי די אויגן אָפּגעקער׳ווערט:
דאָס האָבן זיי פון לוסט געצונדן און געברענט
צעבליטע שטעט און שוצלאָזיקע דערפער!
דער רויש פון וואַלד האָט מיט מהומה זיך געמערט,
געריסן יעדעס גראָז האָט זיך אַ קללהדיקן שאַרד טאָן:
דאָס האָבן זיי געהאַנגען זקנים אויף די מערק
און מאַמעס מיט די קינדער אויף די הענט געשאָכטן! —

IV.

און אָפּגעווענדט דעם קאָפּ סאַדאָווסקי האָט,
ניט זען, ווי ס׳ריכט פון זייער טומאה זיך דער סטעפּ איך,
נאָר ס׳האָט אים וויטעקלעך פאַרפאָלגט דער טראָט
פון אָט דער מחנה בלוטדאָרשטיקע שלעפּער.
ער האָט אים, הערנדיק, געזען, און ניט בלויז דאָ,
נאָר אומעטום — דעם טרעטנדיקן איבער וואונד און ווייען
אין יעדן דערפעלע, אין יעדער שטאָט,
וואו זיי האָבן געבושעוועט אויף יענער זייט טראַנשייען.
פון זייער נויט זיך פאַר דער שיין צו געבן אַ באַגראַב,
פון זייער ראָבן־גיר, נבלהשן און שוואַרצן,
זיינען אים צוגעגאָן די בלוטן צו דעם קאָפּ,
און ניט געפונען האָט קיין אָרט זיין האַרץ זיך.
צו דעם פאַרהער אַוועקשטעלן באַדאַרף ער זיי
נאָך אויף דער ערד. אונטערן הימל. ביי דער זון דאָ:
וועט דען אַ קויל אַן איינפאַכע באַצאָלן פאַר דעם ווי?
צי וועט אַ גרוב אַליין פאַרהיילן דען די וואונדן?

V.

און לעווין האָט מיט זיך אַליין גערעדט,
פון אַלע זייטן קוקנדיק, ווי די געפלעטע שפּאַנען:
וואָס קאָן מען זאָגן אויף אַזאַ גרויסאַרטיקן בוקעט?
וואָס קאָן מען זאָגן אויף אַזאַ מין איידעלער קאָמפּאַניע?

גור־אריה האָט געקוקט: אַזוי געקליבן — קאָט צו קאָט,
אַזוי געזיפּט דעם יחוס יעדערן פון די דאָרט:
וויפל סאָנטים די לענג אין ווידל האָט געהאַט
פון מוטערס צד דער גאָט־זעליקער זיידע?
ביזוואַנען ציט זיך זייער נאָבלדיקער שטאַם
פון ריינע מענטשפרעסער און פאַרדאַרבער?
צי איז, חלילה, ניט פאַראַן ערגעץ קיין פּגם
אין די פאַרקריפּלט־מאַלפּעדיקע שאַרבנס?
ווי וויט זיינען אין בלוט ביי זיי די הענט?
צי קער מיט זיי לויט אַלע צדדים זיך די האַק אַן?
צי אויסגעלעבט אין זיי דער מענטש איז ביז דער שפּענט?
צי וועלן זיי זיך פאַר אַ קינד ניט טאָן קיין וואַקל?

VI.

זיי גייען איצט צעקוועטשט איינאיינעם מיטן שטאָל,
איינס פון דעם צווייטן ווייכנדיק — אין שרעק געדרעמלט.
עס קאָן געדמאַגיע מיט זיי זיך שטאָלץ,
ס׳האָט דייטשלאַנד זיך מיט זיי ניט וואָס צו שעמען.
ווער ס׳איז פון זיי פאַרצויגן אין טריקאָ
און ווער פאַרוויקלט ס׳איז אין אַ געגנבעטער פּאַטשיילע.
די הענט אין בלוט, ערגעץ פאַרשטעקט דעם קאָפּ —
צי פעלט זיי ניט די קרוין פון וועלט פאַר אַזאַ הולך?
זיך איבערציילן! — גייענדיק, האָט לעווין זיי באַפעלט,
„נו, וויניקער אויף אַכט און דרייסיק הענקער אויף דער וועלט״ —
ניט אויסרינען זאָל עמעצער פון זייער זיגרייך בינטל.
האָט מיט די אויגן ער צו זיך אַליין געטאָן אַ פינטל.
די גרוב האָט פאַר זיך בליק פונסניי זיך אויפגעמישט אים:
גור־אריה איז דעם גאַנצן וועג געגאַנגען און געקלערט,
ווען ס׳זאָלן יידן קאָנען אויפשטיין פון דער ערד
אַ קוק טאָן, ווי מע פירט די הענקער צו דעם משפּט!...

43. קיין מאָסקווע

I.

ניט מער ווי זיבן הונדערט מאַן,
באַוואָפנט ווי־ניט־איז אין וועג, אַזוי נאָר,
צונויפגעקליבן האָט דער קאַפּיטאַן
ביים דורכרייסן די לעצטע קייט פון שונא.

ער האָט קיין אַכט געלייגט, ווען שפּליטערס צווײ
דורך זיינע ריפּן האָבן זיך אַרדורכגעבײטשיקט,
וױיל ס׳האָט אַ פּרואוו אַ גרעסערע געוואָרט פון וויי,
און גרויזאַם, ווי דער גורל, זיך געצייכנט האָט איר צייט שויך.
מיט קאַסקעס געברוקירט דעם וועג, ווי אַ שאָסיי,
און קעפּ געשאַטקעוועט, אויף קעפּ געטראָטן, —
זיך אָנגעהויבן ערגעץ האָט שוין דער פּאַרדיי
פון שאַרבנס דײטשישע געשטאָפּט מיט בלאָטע.
אַזוי דורך שלאַכטן, שפּאַן נאָך שפּאַן,
דעם טייל, פון קלעם און צוואַנג פאַרשפּאַרטן,
שוין אַ פּאַרוואונדעטער אַרויסגעריסן האָט דער קאַפּיטאַן
און אים געפירט באַהעפטן זיך אויף נייע שלאַכטן.

II.

די מידקייט איז פון אים נאָך ניט אַראָפּ,
די אָנעטשעס נאָך ניט באַוויזן איבערבייטן,
און שוין געוואוסט: אַוואַדיסן קיין מאָסקווע רופט מען אָפּ,
און אָנגעצייכנט איז דער וועג דער שלאַכטיקער שוין ווייטער.
אַרויסגערופן האָט סאַדאָווסקי אים, געקוקט פאַרקלערטערהייט
און אים געזאָגט מיט בענקשאַפט לויטערער און פּראָסטער:
— נו, אַט! אין וועג, אַוואַדיס, מאַך זיך גרייט,
פאַראַן אַ פאָדערונג אויף דיר קיין מאָסקווע!
— פון וועמען? — האָט אַוואַדיס זיך דערפרייט,
ניט האָבנדיק, פון וואָס סע גייט אַ רייד, קיין אָנונג.
— פון אינסטיטוט! פון באַרקאָמאָט! קיין אונטערשייד:
פון מאָסקווע. אַלץ. פאַרשטאַנען?
— דער אינסטיטוט?! — האָט נאָך אַוואַדיס ניט צעקייט,
וואָס דאָס באַדייט, — איז ער אין מאָסקווע נאָך? — אַוודאי,
געוויס! וואָס נאָך קאָן זיין פאַר אַ באַטייט,
ווי אַנדערש דען, אַוואַדיס?

III.

זיי האָבן ביידע אויף אַ ווײלע זיך פאַרקלערט,
דער בליק געגאַן איינס צו דעם צווייטן גראָד איז,
געדוכט, אַז די געדאַנקען איינער ביי דעם צווייטן הערט:
סאַדאָווסקי — מיטן בליק, און מיטן האַרץ — אַוואַדיס.
— קיין מאָסקווע! — האָבן זיי אַ זאָג געגעבן ביידע מיטאַמאָל, —
און צו די פּיערטעג! — האָט זיך געכאַפּט סאַדאָווסקי, — סאָמע, סאָמע...
ס׳האָט פאַרטיקייט געהערט זיך אין זיין קול —
און ליבע — אָנגעלעבט אין שלאַכט צוזאַמען . . .
איז ווער מען זיך געזעגענען אַצינד, ווייזט אויס...

דערפילט, אַז אין די אויגן פּיכטקייט איז פאַראַנען . . .
— דערציילט האָרט, ווי מע איז פון דער אַרומרינגלונג אַרויס,
אַ ברייוול אָנשרייבן זאָלסט זיך אַמאָל דערמאָנען!
אַרומגענומען זיך און צוגעדריקט זיך פעסט,
און ווי דער רוסלענדישער מנהג — נאָכאַמאָל און ברייטער.
— איז אַט... אַ ברייוול, ברודער, ניט פאַרגעס, —
האָט מיט די אויגן לאַנג סאַדאָווסקי נאָך באַגלייט אים . . .

IV.

נאָר דער באַפרייטער טייל דערוויסט זיך מיטאַמאָל:
אים וועט זיך אויסקומען איבערפאַרמירן אונטער מאַסקווע.
האָט זיך פאַרוווערט סאַדאָווסקי פירן אין שפּיטאָל
און מיט דעם טייל צעשיידן ניט געלאָזט זיך.
אין וועג געטראָפן מ'האָט שאַכטיאָרן גיין,
פאַרשטיינערטע פון וויטעק און פון טרויער, —
אַליין זיי האָבן שאַכטעס אויפגעריסן מיט געוויק,
וואָס זיי האָבן פאַרלייגט אַליין און זיי אַליין געבויערט.
פאַרזאָרגט און שווייגנדיק געגאַנגען זיינען זיי,
מיט קיילעס אין די הענט, פאַרהילט אין קאַפּיושאָנען.
אַרייַנגיסן אַוואו־ניט־איז זיך ערגעץ אין אַרמיי, —
און צו סאַדאָווסקיס טייל זיי זיינען צוגעשטאַנען.
זיי האָבן מיט די שאַכטעס זיך געזעגנט ניט אויף לאַנג,
זיך אומקערן זיי וועלן צוריק — פאַרהיילן זיי די וואונדן;
געשפּאַרט פון אַנגלען האָט ביי זיי געצוימטער דראַנג,
און שטילקייט גרויזאַמע אין בליק פון אונטערגרונטן.

V.

צי האָט סאַדאָווסקי אַנדערש דען פאַרלאָזט דיך שטאָט?
צי האָט ער דען ניט אויך אַזוי מיט קיעוו זיך געזעגנט?
קאַשטאַנען האָבן בלעטער מעשענע געגעבן אַ צעשאָט,
ווי שטיקער בלוט פון האַרץ פון זיינעם אויף די וועגן;
געוויינט האָבן די ביימער ביי די נעכט,
אַליין פון זיך אַראָפּגעפליקט די בלעטער
און זיך אַרויסרייסן געוואָלט פון דר'ערד,
די שטאָט ניט לאָזן פונעם פיינט באַטרעטן.
צי האָט זיך דעמאָלט אין זיין בליק דען ניט געשפּרייט
פון טרערן און פון בלוט אַ פלעטנדיקער נעפּל?
ס'האָט מיטן וואַלד, ווי מיט אַן אָנלען, וויינענדיקערהייט,
זיך צו דעם ים אַוועקגעלאָזט דער אַלטער דניעפּער . . .
ער וועט זיך אומקערן, און טראָט נאָך טראָט
די וואונדן אייסהיילן אויף אַלע וועגן.

צי ניט — דורך שטרעקעס ווייט — געזען סאַדאָווסקי האָט,
ווי ס'האָבן מיט דער שטאָט מאַטראָסן זיך געזעגנט?

VI.

אַ, ער געדענקט, ווי בלאַנדזשענדיק מיט בלינדן ווייַנענדיקן טראָט,
ווען ס'האָט דער אַרסענאַל ווי ס'האַרץ געטאָן זיך אַ צערייס דאָרט,
האָבן די גאָלדענע די אַלטע אבלדיקע שטאָט
פאַרלאָזט צולעצט די זקנים באַנדוריסטן.
געגאַן די זיינען איינס לעם איינס, באַנאַנד,
די קעפּ אַנטבלויזט און אויפגעהויבן די באַנדורעס,
און אויסגעדרייט צוריק זיך צו דער שטאָט ביים ראַנד —
פאַרגליווערטע — אַנטקעגן שטורעם . . .
דעם בליק ניט אָפּגעריסן פון דער שטאָט,
געשטאַנען זיינען זיי אויף וואָגל אויסגעריכטע,
און בליי געריסן איבער זיי זיך האָט,
נאָר זיי האָבן פון אָרט זיך ניט גערירט דאָרט.
פאַרהוילן ניט געקאָנט סאַדאָווסקי האָט דעם צער,
אין יעדן וואָי פון ווינט געוואָלט האָט זיך אַרייַן אים.
אַרויסגעפאַלן איז ביי איינעם פון דער טאָרבע דער קאָבזאָר
און זיך אַליין צעלייענט פאַר דער הויפּט־שטאָט פון אוקראַינע . . .

VII.

געגאַנגען מ'איז — אַ לאַנגער צוג — צו צווי,
זיך אומגעקוקט איעדע ווייל סאַדאָווסקי האָט אַ טריבער,
אַדורכגעבלעטערט אין געדעכעניש מיט ווי
די פריינט די שלאַכטיקע, וואָס זיינען אונטערוועגס געבליבן . . .
געגאַן... זיך צוגעהערט צום ווי פון לאַנד,
ווי ס'וואָלט געביין פון קברים אונטערוועגיקע געטענהט.
דעם דאָקטער האָט ער פּלוצעם זיך דערמאָנט:
עס האָבן פאַר געוויס די דייטשן אים פאַרפייניקט . . .
„דאָס סאַמע אַלטע אויסקויף־בלוט״ — געוועזן אין מוח איז פאַרקריצט
„וואַסיאַנע!״ — האָט דאָס האַרץ געטאָן אַ ריס זיך מיטאַמאָל אים...
מיט יעדער רגע אַנגעלייגט אויף אים האָט זיך אַ היץ,
גענומען האָבן בייטן זיך די פלאַכן, ווי נ'אַ שווערן חלום . . .
אַרויפגעלייגט מע האָט אים אויף אַ פור, אים איינגעדעקט,
און ער איז אָפּ מיט בלוט. דער פיבער האָט ניט אָפּגעלאָזט אים.
— צו מאָסקווע איז נאָך ווייט? — האָט ער, זיך דרייענדיק, געטאָן אַ פרעג,—
און ער, אָוואַדיס, קער געוויס שוין זיין אין מאָסקווע . . .

II

מאָסקווע

1. דער זייגער איז פּאַרטונקלט

I.

פון עשעלאָן צו עשעלאָן, פון אַ וואָקזאַל צו אַ וואָקזאַל
טראָגט מיט אַ מאָגער רוקזעקל אָוואַדיס זיך איף וועגן.
אַ נאָסער שניי טוט אים פון הינטן אַ באַפאַל,
און צוגן ווינען מיט פּאַרטונקלטקייט אַנטקעגן.
דער פראָנט האָט זיך פאַרוואָרפן איף דער שטאָט,
פונקט ווי דער שליף, וואָס האָט דערשטיקט שוין צוועלף קרוינשטעט,
אַציִנד האָט ער פון זייטן דריי דער דרייצנטער געדראָט
זיך צו איר ווייטער שוועל געריסן אַ באַרוישטער ;
דאָרט האָבן אויסגעזען שוין לאַסטוואָגנס מיט סקאַרב,
ווי ס׳זעען קרעכצנדיקע שליופּקעס אין אַ שטאָרם אויס.
אַ שניי אַ נאַסער, קלעפעדיק און האַרב,
געלייגט האָט זיך אויף די צעפלאָנטערטע פּלאַטפאָרמעס.
ס׳האָט אַ ציווילער פּאַסאַזשיר אין דעם געווירבל און געדריי
זיך צו אָוואַדיסן געווענדט אַ האַלב־צעשטרייטער :
— צי ווייסט איר ניט, וואוהין וועט מען אַציִנדערט גיין ?
וואוהין וועט מען אַציִנדערט אָפּטרעטן נאָך ווייטער ?

II.

דאָס פּנים ביי אָוואַדיסן געווען איז שוואַרץ
פון ביטערקייט. און עפּעס זיך באַמיט האָט ער דערמאָנען ;
געשניטן האָט דער אומרואיקער פייף זיין האַרץ
מיט יעדער מעלד פאַר די צום אָפּגאַנג גרייטע עשעלאָנען.
לאָקאָמאָטיוון האָבן אין די פּאַזוכעס געשטיקט דאָס ליכט,
און שאָטנס האָבן אונטער רעדער זיך געלייגט מיט אַ מהומה ;
אַיעדע רגע איז געפאַלן, ווי אויף וואָגשאָלן — געוויכט,
און מיטן שניי געלייגט האָט זיך אַ שווערער אומעט.
ער האָט באַשטעלט אין אַ בופעט פיר גלעזער ביר
און מיטאַמאָל זיי אויסגעטרונקען איינע נאָך דער צווייטער,
און ניט אַראָפּגעלאָזט פון דעם ציווילן פּאַסאַזשיר
די אויגן די געצונדענע פון ווייטעק.
געגאַנגען זיינען ווינטן פון קאַזאַנער אויפגעטראָגענעם וואָקזאַל,
וואו דער המון איבערגעדעקט האָט פון בייזוואונדער אַלע נאָרמעס,
און אויסגערוישט : מע לויפט ! נאָר סטאַלין איז אין שטאָט פאַראַן,
און ניט געפערלעך קיין געוויטער און קיין שטאָרם איז !

III.

דערזען אויפן וואָקזאַל האָט זיך אַוואָדיס מיטאַמאָל,
מיטן געדאַנק צו אים האָט ער זיך שנעל איבערגעטראָגן,
אַ צונד געטאָן האָבן זיך לעמפּ אין זיינע אויגן אַן אַ צאָל,
ווי ציטערדיקע, פולע, שטראַלנדיקע לאַגלען.
ס׳קוקט אַזאַ היימלעכקייט פון הויכע ווענט,
און דער סופּיט שטויסט אָפּ פון זיך דאָס ליכט דאָס טריבע,
איצט גייען עשעלאָנען אָפּ, געדעקטע מיט ברעזענט —
וואָרן גאַנצע טראָגן די ערגעץ אַריבער . . .
אים האָט געדוכט, אַז צו די צוגן איז ניטאָ קיין צאָל,
מיט פאַרכט און אומגעדולד באַגעגנט ער זיי אַלע.
געהויערט אַרום אים האָט נאָגנדיק דער שווערסטער עול,
און ס׳האָט דער רעש אין האַרץ מיט ווי ביי אים געטוואַליעט:
אַדורכגעעגבערט האָט ער יעדן איינעם מיט אַ קוק,
אים נאָכגעיאָגט, ביז ווי אין זיינע גרילצן איינגעהערט זיך,
אים האָט געדוכט, אַז ס׳שרייט אין נאַכט אַריין איעדער צוג:
אַקטאָבער ניינצן איין און פערציק!

IV.

ס׳געזיכט ס׳באַוואָקסענע געטאָן האָט ער אַ טאָפּ,
אַ צי געגעבן האָט זיך אין דער גאַנצער הייך ער:
אויף אים פון גאָר דעם לאַנד אַ יעטווידער עטאַפּ
ווי קאַרבן אויף אַ בוים זיינען פאַרצייכנט . . .
און ס׳ווילט זיך אים די טאָן אַ לייען,
ס׳ווילט זיך אַדורכדרינגען אין די ביז ווי אים;
ער קוקט זיך איין אין זיך אַליין,
ס׳איז אַלץ אין אים ווי פון אַ ווינט פאַרוויעט . . .
דעם לייבלעכן וואָלדהיים ווי דורך אַ נעפּל ער דערזעט,
אים אין זכרון און אין האַרץ האָט אויסגעהיט ער,
ס׳גיט אים אַ וואונק די גוטע, די פאַרהאַרעוועטע זעט,
וואָס אַנגעלעבט מיט שוויס אויף פליטן
האָט די משפּחה זיינע, טאָג נאָך טאָג
אין וואָלדיקן ביראָבידזשאַן מיט ווי און ליבע.
צעטומלט האָט פון צוג אים דער הודאָק, —
איז וויפל נאָך צו פאָרן אים געבליבן?

V.

וואָלט ניט געוואָיעט כאָטש דער ווינט אַזוי
מיט אַ געוויין אַזאַ פאַרטויבטן און געהיימען.
דאָס פענצטער פון וואַגאָן גיט יעדע ווילע אַ פאַרוויג
אַ טוואַליע נאַכט און גרילצנדיקע אימה.

און ס'איז אוואַדיסן די רייזע פּינלעך־לאַנג:
שוין וויפל טעג! דער אומגעדולד גיט יעדע ווײַלע אַ פּאַרצוק אים.
אַט דאָ, אין וועג, קומט אַלץ אויפן געדאַנק,
און פּונקט אַזוי פאַרשווינדט, ווי דורכגייענדע צוגן.
אים בליצן דורך די יאָרן אין דאַנבאַס,
זיין אונטערערדישע ממשלה איבער פלאָסטן.
אַט טראָגט ער זיך אַצינד ביים ווינט און שניי צוגאַסט,
און מאָסקווע טראָגט זיך ערגעץ אום פאַרכאַפּט און האַסטיק.
וואוהין פאַרטראָגט עס זי אַצינדערט אַזוי שנעל?
ער קאָן מיטן געדאַנק אַצינד זי ניט דעריאָגן . . .
ער גורט נאָר פעסטער אונטער דעם שינעל,
ביגט אָן דעם קאָפּ, ווי ס'וואָלט געזעצט אויף אים אַ האָגל . . .

VI.

לאָקאָמאָטיוון זיך צעוואָיען אין דער נאַכט,
וואַגאָנעס קייטלען זיך, אָן פייערן געלאָזטע...
אַ, ס'אַראָ שמחה ס'איז געווען, ווען ווי אין שלאַכט
האָט ער, אַ טויזנטלער, געטראָגן זיך קיין מאָסקווע
די פעסטונג שטורעמען פון וויסן און געדאַנק
אינאיינעם מיט אַ דור אַ גאַנצן פון דער יוגנט...
געווען איז זיס אַזוי דער טומל און דער קלאַנג
פון די פּאַרשייטע, פון די יום־טובדיקע צוגן.
אויף זיינע אויגן און מיט אים באַנאַנד, —
גיט שטיל דאָס האַרץ אַ צאַפּל און אַ דריק אים, —
וואָס האַסטיק זיך צעבליט דאָס לאַנד,
מ'האָט ניט דערקאָנט עס פון קאַניקול ביז קאַניקול!
שוין אויף אַ לופט־שיף איז ער קיין ביראָבידזשאַן
זיך זען מיט זיינע עלטערן, אַהיים, געפלויגן...
ס'שטעלן דעריבערונגען אויס זיך אין אַ ריי באַנאַנד,
די זיינען וואָרעם נאָך און פייכט, ווי זיינע אויגן . . .

VII.

ווען אָפּגעריסן האָט ער זיך פון דעם אַעראָדראָם
און אונטער אים פאַרשוואונדן איז אַיעדער ראַנד דאָן,
האָט ער באַשיימפּערלעך דערפילט דעם תהום,
וואָס טיילט דאָס לאַנד מיט דער פאַרגאַנגענהייט פאַנאַנדער.
אַליין צעבליט האָט אויפן מויל זיך אים אַ שפּרוך
און אָנגעפילט זיין בליק האָט זיך מיט וואונדער:
ס'אַראַ מהלך, רוסלאַנד, ביסט אַדורך
סך־הכל פאַר אַ קנאַפּן פערטל פון יאָרהונדערט!
דאָס לעבן אָפּגעבן פאַר דיר איז ניט קיין שאָד,

פאַר דיינע פינפיאָרן די מעכטיקע און קלוגע . . .
נאָר אויפן זייגער גיט ער אַלע ווײַלע אַ קוק די שעה,
געבליבן פאָרן איז נאָך אַלץ געגוג אים!
איעדע ווייל גיט זיך דער הימל אַ צעכראַסט,
זעניטן־פייער גיט דער נאַכט זיך אַ פאַרטרוי נאָר.
און ערגעץ פאַלן אָפּ פון מאָסקווע, ווי באַלאַסט,
דורך דעם קאַזאַנער וועג — דערשראָקענע המונים.

VIII.

עס האָט דערציילט דער שניי, וואָס האָט קיין ווייסקייט ניט געהאַט,
וואָס האָט מיט גאַס־געווין געטראָגן אין דער נאַכט זיך.
ער איז געגאַנגען אום, ער איז געגאַנגען גראַד,
ווי ס׳האָט געוואָלט דער ווינט, ווי אים ז׳געוועזן צום האַרצן.
עס האָט דערציילט דער שניי, ס׳האָט זיך געדוכט — ער זידט,
אַז דער וואָקזאַל אַליין געשטאַנען איז אין שפּאַן דאָרט,
און ווי לוויהדיקער אַלטער רעקוויזיט
דיינען געשפּענסטיק־שטאָלץ אַדורכגעגאַנגען די געזאַנדטע
מיט הויכע היט, ווי קאַמען טייערע, געוועבט פון גאָלד,
בוקסירט ביים אומגליק לויטן ראַנג, באַמיט זיך ניט צו הייען;
געגאַן זיי זיינען גלייך, ווי טשאַסטאָקאָל לעם טשאַסטאָקאָל,
און אויסגעזען ווי יחוסדיקע בונטע פּאַפּוגייען.
זיי זיינען פייערלעך געגאַנגען אינדערמיט,
פון בײדע זייטן דער המון האָט מוראדיק געשפּאַרט זיך;
באַגלייט האָט שעמעוודיק זיי שניי. די וויט געשלונגען האָט די טריט,
נאָר ס׳איז די נאַכט פון זיי געוואָרן פינצטערער און שוואַרצער.

IX.

מיט פעק און קלומקעס האָט דער עולם זיך געאיילט,
ווי טשערעדעס אין סטעפּ פאַר אַ געוויטער,
און אַנרחמנותדיק האָט יעדע ווייל
דער רופאַר ווי אַ בייטש זיך איינגעשניטן.
מיט שטורעם האָט זיך שטים געקלונגען אין דער וויט
און אָפּגעציטערט אין דער נאַכט מיט מרה־שחורה.
פאַרטויבט האָט אַלץ פון צייט צו צייט
אַן אַרטילעריע־קנאַל, עפּעס געמאַכט געוואוירע.
און אָפּגעצערט געשטאַנען איז די שטאָט,
אַן אויסגעלאָשענע אונטער דעם קרייץ פון ווינטן.
מיט נאַסן שניי האָבן די געסלעך זיך געשטאָפּט,
און פלעצער ניט געוואוסט האָבן זיך וואו אַהינטאָן;
עס האָבן שטערן איבער זיי אַיעדע ווײַלע זיך געטויכט,

ס'האָט יעדע ווילע אָפּגעשטראָמט פון זיי אַ כוואַליע.
נאָר זיכער האָט דער קרעמל זיך געטראָגן אין דער הייך,
אין מאָסקווע ביי דעם רודער איז געזעסן סטאַלין.

2. ווייזערס אויפן טורעם

I.

ער האָט אין אַ פאַרהוילטן רייס געפירט די שטאָט
דורך בייזן ווינט און דורך פאַרוואַלקנטקייטן שווערע,
אַדורכגעשניטן גראַד אין טיף די צייט ער האָט,
אַנטקעגן זייַנען אים פון אומעטום געגאַנגען שטערן.
די נאַכט האָט אויף די פלאַכן זיך געזעצט מיט האַסט,
דעם איבערוואָג אויף זייטן דריי האָט זיכער שוין געהאַט זי.
און ווי אין אויסגערעכנטקייט אַראָפּגעוואָרפענער באַלאַסט
געשטראָמט האָט אַנגעשטרענגט די שטאָטישע עוואַקואַציע.
פון יעדער זייט האָט זיך געשטאַרקט דער קלעם,
געקרעכצט האָבן פלאַטפאָרמעס פון דער לאַסט פאַרמאַטערט.
אין צונג מיט פאַרלאָשענע, פאַרהילטע לעמפּ
אַוועקגעלאָזט אין וועג זיך האָבן נאַרקאָמאַטן.
געטראָגן האָט זיך הויך אַ ווירבלדיקער שניי,
די צונג נאָכגעפאָלגט. דעם איבערלויף געהיט זיי.
ניין, ניט פאַרלאָזט די הויפּט־שטאָט האָבן זיי,
זיי האָבן בלויז פאַרנומען ווייטערע פּאָזיציעס.

II.

די ווייזערס אויפן טורעם האָבן רואיק זיך גערוקט,
זיך אויפגעוויגט די קלאַנגען האָבן וועקנדיק, ווי תמיד.
קיין קויבישעוו איז לאַנגזאַם אָפּגעגאַן אַ צוג,
די אַרבעט פאָרגעזעצט אין אים דער סאָוונאַרקאָם האָט.
ער האָט פאַרבינדונגען געהאַלטן מיטן פאָלק,
פון גאָר דער וועלט ניט אויסגעשלאָסן זיך קיין רגע.
און סטאַלין נאָך זיין יעדן אָטעם האָט געפאָלגט,
און מיט זיין מאַרך גענערט דעם גאַנצן וועג אים.
און מיט זיין רואיקייט דעם גאַנצן פראָנט געשפּייזט,
וואָס איז געשטאַנען אויפן ראַנד פון אומקום און געבוירן;
און דעמאָלט זיך אַנטפּלעקט האָט אויפן לאַנד זיין גייסט,
און זיך אַנטבלויזט האָט דאַן פון פאָלק דער גורל.

ס׳האָבן זיך וואַגשאָלן געוויגט: צי דאָס געשלעג וועט זיין אין שטאָט,
צי אויסער אירע ווענט דעם אַנגריף מ׳עט אַ פיר טאָן?
און סטאַלין האָט אַליין געריכטעט יעדן טראָט
און יעדן קער פון דער געשיכטע . . .

III.

ניט שווער איז אים געווען ס׳אַכצן הונדערט צוועלפטע יאָר
מיט אַלע פּרטים אונטער מאָסקווע זיך דערמאָנען,
ווען אָפּגעגעבן מ׳האָט די שטאָט אויף טעג סך־הכּל אויף אַ פּאָר —
נאָכהער אויף טיל־און־תּל צעקלאַפּט נאַפּאָלעאָנען.
דאָס איז געווען צו יענער צייט אַ רייפער וואַריאַנט,
וואו זיך פאַרדינט ביים פאָלק קוטוזאָוו האָט פאַרערונג;
עס האָט די ברענענדיקע מאָסקווע דאַן
מיט אירע פייערן געראַטעוועט די רוסישע אימפּעריע.
און איצט האָט די געפאַר פון זיך ער ניט פאַרשטעלט
און דעם מהלך פון געשיכטע דורכדרינגלעך געמאָסטן,
און קלאָר דורך אים געזען דעם גורל פון דער וועלט,
וואָס דאַרף זיך אויפליזן אין דעם געשלעג פאַר מאָסקווע.
אַדורכגעשניטן זיין געדאַנק האָט אין דער טיף די צייט
און ניט געלאָזט פון קיין סכנה זיך פאַרצוקן:
ניט שפּייזן זיך מיט וואַריאַנטן פון פאַרגאַנגענהייט,
נאָר וואַריאַנטן דרייסטע ליפערן דער צוקונפט!

IV.

באַטש ס׳האָט אויף וואַגשאָלן אי „פאַר״ אי „קעגן״ ניט געפעלט,
דאָך ביז באַשיימפּערלעכקייט קלאָר אים דאַן געווען איז,
אויב אויפגעגאַן אין מאָסקווע איז דער גורל פון דער וועלט,
מוז זיין ביי אירע ווענט פון שלאַכט אַנטשיידענער די גרענעץ!
נביאיש, אויסדריקלעך און שאַרף
האָט זיין געדאַנק דער צייט און דער נאַטור דיקטירט דאַן:
ניט נאָר באַווירקט זיין פון געשיכטע מע באַדאַרף,
נאָר פאַרזעצן און צוועקמעסיק זי ריכטן!
איר געבן נייע אַנטווענדונג און נייעם זין
אין הסכם מיט דער צייט — געפּעסטיקט האָבן זיך ביי אים מחשבות.
אפילו אויב ס׳וועט אויסקומען באַצווינגען זי,
ווי אין באַשאַף באַצוואונגען אַלע מאָל דער שטאָף איז!
אַציגד בלויז אויף איין שעה זיך שיידן מיט דער שטאָט —
קאָן זיך אַריינלייגן די שעה אין האַנט דעם קעגנער...
און אָנגענומען אַ באַשלוס אַן אָפּגעוואויגענעם ער האָט:
פאַר יעדן שטיין — אַ שלאַכט! פאַר יעדן שטיב — געשלעגן!

V.

— מע גיט ניט מאַסקווע אָפּ! אפילו אויף אַ ווייל!
— זיך שלאָגן! — דורכגערוישט האָט אין די רוימען אַ נבואה,
מיטן באַשלוס האָבן זיך ווינטן אויף דער שטאָט געטאָן אַן אייל,
איבערגעגעבן ראָש האָט אים זאַסטאַווע צו זאַסטאַווע.
זיך שלאָגן — אויב די שלאַכט זאָל דויערן אַ יאָר!
און מער! ביז וויפל נאָר עס וועט דער אָטעם קלעקן!
איבער די דראָטן אויפגעוואַכט האָט אַ געהיימער שאָרך,
די שטיינער זיך צעוויגט האָבן אַליין, ווי גלעקער,
נאָר ניט צעקלונגען האָבן זיי אין פאַרכטיקייט דעם סוד
אונטערן רויש פון יאָגנדיקע לאַסטוואָגנס באַוואָכטע,
אַז דער צערוישטער שטראָם איז ניט אויף אָפּגעבן די שטאָט,
נאָר מאַכן לייכטער זי, באַוועגלעכער פאַר שלאַכטן!
און פונעם קרעמל — וועקנדיק און וואַך,
דורך אומזיכטיקע זינגענדיקע דראָטן,
געטראָגן האָט צום פראָנט זיך סטאַלינס האַרץ,
געשטראָמט צום ראַנד האָט סטאַלינס אָטעם.

VI.

אין שלאַכט־אַמפיטעאַטער איינגעבראַקט דעם בליק,
פאַנאַנדערשטעלנדיק לויט זיין געדאַנק צום שוץ דעם חיל,
איז ער געגאַן פאַרביי דער מאַפּע הין און צוריק,
באַוועגט די געניג און רעגולירט דאָס פייער.
— וואָלאָקאָלאַמסק! — האָט ער דעם בליי געטאָן אַ פיר, —
אַ שפּאָר טאָן וועלן זיי צוערשט געוויס פון דאָרטן. —
און אויפגעעפנט האָט זיך אומדערוואַרט די טיר,
אַריינגעגאַנגען איז מיט שטילע טריט זיין טאָכטער.
אַ גוטער שמייכל אויף זיין שלאָפלאָזן געזיכט
זיך האָט צווישן די קנייטשן צוגעקומענע צעצויגן.
— אַריינגעגאַנגען זיך געזעגענען בין איך, —
האָט זי אַ זאָג געטאָן און זיך געשטעלט פאַר זיינע אויגן.
געלעגן אויף דער הויפּט־שטאָט איז אַ בלינדע נאַכט,
ביי איר צוקאָפּנס האָבן וואָלקנס אָנגעשוואָלענע געברענט שוין,
און סטאַלינס אויסגעשטרעקטע האַנט לעבן דער מאַפּע, האָט געדאַכט,
איז אויפגעהויבן צוליב דעם, ער זאָל אין וועג די טאָכטער זיינע בענטשן.

3. די אָנגעבלאָזענע פּראָש

I.

בײַם קרעמל האָט זיך פֿײערלעך געביטן דער פּאַטרול,
געװיזן האָלבנאַכט האָט דער זײגער אױפֿן ספּאַסקער טורעם;
דער רױטער פֿלאַץ — מיט שטילקײט פֿול,
די שטילקײט שװער, װי פֿאַר אַ שטורעם.
אַראָפּגעגליטשט האָבן די קלאַנגען זיך װי אַלעמאָל
באַפֿעלעריש, זיך שפּרײטנדיק אין אַלע עקן
מיט פֿײערלעכן רוף: צעשמעטערן דעם עול
אין לעצטע, אין אַנטשײדענע געשלעגן.
די האָבן אָפּגעהילכט אין דעם גראַניט פֿון מאַװזאָלײ
און אין דער װאַנט פֿון די אומשטערבלעכע גבורים.
איבערגעצױגן האָט דער פֿלאַץ דער רױטער זיך מיט שנײ,
װי מיט אַ װײס־געשפּרײטן בלאַנק פֿון גורל,
אַז ס׳זאָל אױף אים זיך אױסקריצן דער װילן פֿונעם פֿאָלק,
זײַן הױכער גײַסט זאָל טאָן אױף אים אַ בליאַסקע.
דעם פֿלאַץ האָט פֿײערלעך געװיגט דער הימן, װי אַלעמאָל,
און אױפֿן שנײ האָבן די שאָטנס זיך געלײגט פֿון מינין און פּאַזשאַרסקין

II.

איבערן לאַנד צעװאָרפֿן איז געװען דער פֿראָנט,
פּונקט װי אַ שטריק איבערן גאָרגל פֿון די זעכצן רעפּובליקן.
דער פֿײַנט איז צו דער הױפּט־שטאָט צוגעגאַנגען נאָ׳נט
אין קלעמער שטאָלענע מיט פֿײַער זי דערשטיקן.
עס האָבן טאַנקען זיך גערוקט אין מענגעס אָן אַ צאָל
און שװאַרצע פֿעסטונגען, געפּאַנצערטע אינדרײַען —
דיװיזיעס פֿון טױט, פֿון רױב און שטאָל,
דיװיזיעס פֿון מאָרד, פֿון שאַרבן און פֿון פֿײַער.
אין קרעמל איז צום שלום געגאַן אַ ראַט,
װי אױף אַ קרײסער בעת אַ שטורעמדיקער כװאַליע.
נאָר קלאָר און דורכדרינגלעך און גראַד
די װײַט האָט מיטן בליק אַדורכגעשניטן סטאַלין.
באַפֿעלעריש האָט זיך געשטרעקט זײַן דינע האַנט,
פּונקט װי דעם דרוק פֿון צײַט ער װאָלט געמאָסטן.
געלעגן פֿאַר זײַן בליק די מאַפּע איז פֿון לאַנד,
אַרומגעקרײזט פֿון זײַטן דרײַ די צוטריטן פֿון מאָסקװע.

III.

פון ווייל צו ווייל זיך אויפגעהויבן האָט די נאַכט,
און נע׳נטער צוגעגאַנגען די געפאַר פון מאָל צו מאָל איז.
די אָפּגעריסענע שטיק לאַנד האָט ער באַטראַכט,
וואָס האָט געקאַנט אַ קבר ווערן פאַר סאָוועטישע חילות,
אויב זיי אַליין ניט אָפּפירן פון דאָרטן אויף אַ צייט,
ביז אין דער גאַנצער וואוקס זיי ווערן קאָנען זיך אַ לאָז טאָן...
דאָך איז דער פיינט אַצינד פון זיג ווי קיינמאָל ווייט,
כאָטש זיינע נעגל וואַרגן שוין די שוועל פון מאָסקווע.
די חכמה־רואיקייט — ביז שמייכל, ביז אַ שטיף
ניט אָפּגעטאָן אין פיין זיך האָט פון זיינע אויגן.
אין גורל פונעם לאַנד אַדורכגעדרונגען טיף,
האָט ער מיט דורכלויכט ווי אויף וואָגשאָלן געוואויגן
פון שטעט פון חרובע דעם ווי,
דאָס אַש פון אָפּגעברענטע דערפער פון צעבליטע
און דעם פאַרהאַרטעוועטן האַס פון דער אַרמיי,
וואָס האָט געפרייכט אין איר ווי ערב אַ געוויטער.

IV.

געלויכטן אין דער וויט האָט זיך דורך אים אַ וועג
פון אויפשטייק בלענדיקן און בונטע זאַווערוכעס:
דאָס ערשטע מאָל, ווען ס׳לאָזט זיך אין געשלעג
באַרופן, רייף די ערשטע פּראָלעטאַרישע מלוכה.
דאָס ערשטע מאָל, ווען איר געוועער און גייסט,
אין פינף און צוואַנציק פריהייטס־יאָר געשמאָלצן,
מעלדן אויף שלאַכט־געפּרוואוטן פעלד איבעראַנייס
געשטאָלט, ניט־בייגעוודיק און שטאָלץ זיך.
געשטאַנען איז פאַר אים דער בלוטיקער קאַיאַר,
ווען אויפן לאַנד פאַרמאָסטן האָט די גולמדיקע האַק זיך.
עס האָט פון שלאַכטיקע יאַרהונדערטן דער יאָך
זיך דאָן אַוועקגעלייגט אויף זיינע אַקסל.
זיין שבועה האָט מיט שטערן־שיין זיך אויסגעקריצט אַליין,
און דורך קאַנאָנען אויפגערופן האָט זי צו דער פּרוואו אים.
ס׳האָט דאָן זיך שוין געהערט ביים שונא אין די ציין
דער כראָמק פון שטעט, פון דערפער און ישובים.

V.

דערקלערט האָט דאָן די טרויעריקע זומער־נאַכט
אין שאַרך פון ווינט און אין געמורמל פון די בלעטער:
ס׳באַגינט אַ גרויזאַמע, אַ גיהינומדיקע שלאַכט,
וואָס פאַרקומען באַדאַרפט האָט פרי׳ער צי שפּעטער,

די שלאַכט, וואָס יוירט אויף דעם פאַרניכטנדיקסטן גיפּט,
און אויף אַ מבול אויף אַ בלוטיקן זיך צייטיקט,
און צייכנט זיך דעם וועג שוין אין דער הייך און אין דער טיף
אויף גאָר דער ערד אונטערן פלאַם פון שריפות און פון שייטערס.
געווען זיינען גאַנצע געגנטן שוין וויסט,
באַדעקט מיט אַש פון חורבן און פון שריפות.
ס'האָט קייטן־קלאַנג באַגלייט געשמידטע פיס,
געווען געקרויגט פאַר קעפ אַ תּליהדיקער שליף איז, —
און איצט האָט צו דער הויפּט־שטאָט זיך גענע׳נטערט דער פלאַצדאַרם,
דער איינס־אויף־איינסביים האַרץ פון לאַנד האָט זיך צעברענט שוין,
און אָנגערוקט האָט זיך אויף מאָסקווע די געפאַר —
זיך אָפּשטעלן דאָס האַרץ זאָל פון דער מענטשהייט.

VI.

ווי אין דער וויסנשאַפט ביים נעמען אַ באַריער,
ווי אין טעכניק ביי דעם אַנטפּלעקן נייע וועגן —
האָט פון געדאַנק זיינעם געשליפט זיך דאָס געווער
און קעגן אָפּגעלעבטן זיך געמאָלדן אויף געשלעגן.
פּונקט ווי אין אַלץ, דורכאויס און אומעטום,
פון קיין קאַנאָנען זיך ניט לאָזנדיק פאַרפירן,
האָט ער געבלעטערט אין געדאַנק די טעג פון רום,
זייער אַנטפּלעקונג דורך סאָלדאַטן איינפאַכע און קאָמאַנדירן.
אין זיינע אויגן אומגעבלאָנדזשעט האָט אַ שטראַל,
ווי פאַר אַ שפּרונג — עפּעס דערוואויגן און דערמאָסטן —
אָט מעלדעט זיך סיביר. די טריט זיך הערן פון אוראַל,
זיי איילן זיך צו דער פאַרטיידיקונג פון מאָסקווע!
געלייגט איז אויף דער וואָגשאָל איצט די צייט,
איעדע שעה דאַרף אויסציען אין אַ מעת־לעת זיך;
אויף קלאָמערדיקע זייטן דריי האָט ער געטייט:
— אויב זייער דראַנג איז גרויס, וועט אונדזער ווידערשטאַנד זיין גרעסער!

VII.

די חיה, לויפנדיק, קיין קלאָרקייט ניט באַהאַלט,
די פּיס אַליין אָנשטאָט דעם קאָפּ זי פירן,
איצט דאַרף מען זי נאָר קונציק געבן אַ פאַרהאַלט,
ביז קומען וועלן די אוראַלער און סיבירער,
זי נאָך דעם עק דעם אייגענעם זיך יאָגט אָט איצט,
ווי נאָך אַ זונענהאָז, צעטומלט און פאַרמאַטערט.
איר דוכט זיך, אַז דער זיג צו איר אַזוי שוין בליצט
אין קריז פון אָט דעם שלאַכטיקן אַמפּיטעאַטער.
געקוקט אויף איר די דורכשטודירטע מאַפּע האָט,

איִעדער שטריך ווי אויף דער האַנט געווען איז קלאָר אים.
זי קלויבן זיך דעם האָלדז פּאַרציען פון דער שטאָט —
פון צפון־מערב, מערב און פון דרום.
און פּאַר אַ נייעם גאַנג צעהעלט האָט זיך זיין בליק
איבער דעם שלאַכט־פעלד אין האַלב־רונדיקן געלאָקער:
פאַרמאַכן דורך די פלאַנגען זיי דעם וועג צוריק
און, אינווייניק פאַרשפּאַרטע, אָנהייבן זיי בראַקן.

VIII.

ערגעץ אין בלאָטע האַרבסטיקער פאַרשפּריצט,
האָט מען מאַניאָווורעוועט די אַרד'נונג פון „אַרייננמאַרשירן" —
און מיטן גענעראַל גודעריאַן אין סאַמע שפּיץ
געריסן האָט אַ טאַנקען־פליִיץ זיך דורך קאַשירע.
זי האָט שוין פאַר געווייס געחלומט זיך דער גלאַנץ
פון מאָסקווער פלעצער און פון שלאַכטיקע פּאַראַדן.
אַ טייַט געטאָן האָט סטאַלין אויף אַ פּונקט: — „וואָלאָקאָלאַמסק!" —
אַ שטריך צו מאָסקווע דורכגעפירט אַ גראַדן,
און מיט אַן עקבערדיקן פּאַסיקל אַ דינס
פאַרהאַלטן זיך אַן אויגנבליק אויף די פאַרקערן:
אָט דאָ, אין צענטער, ביי נאַראָפאָמינסק,
איז גרייט צום הויפּט־קלאַפּ זייער אינפאַנטעריע.
עס האָט די גאווה ביי גערמאַניע דערגרייכט דעם גראַד
פון יענער פּראַש, וואָס פּלאַצן איז איר גורל אומפאַרמיידלעך!
איז אָט־אָ דאָ, אַ שפּאַן פון זייער אויפגעבלאָזענעם פּאַראַד,
וועט מען די ברוינע אָדערן זיי איבערשניידן!

IX.

עס האָבן באַריקאַדן פּונקט ווי נעצן זיך געשטרייפט
שטאַנגען שטאָלענע, פון שטיינער און פון דראַנגען.
דער פּלאַן פון דער פאַרטיידיקונג געווען איז רייף,
דורך דער פאַרטיידיקונג האָט אויך געצייטיקט זיך דער אַנגריף.
מיט זאַמד־געפילטע זעק, פאַרלייגטע איבעראַל,
און פאַר האַרמאַטן גרויזאַמע צעפּאַסיקט,
זיך איינגעשניטן אין דער ווייט האָט לענינגראַדער מאַגיסטראַל,
און פּונקט ווי נאָכן אַקער איז געגאַן די מינסקער טראַסע.
געגאַרטלט האָט די שטאָט זיך רונד אַרום
אויף ווייטע צוטריטן מיט בערגלעך און מיט גראַבנס.
ווי דערנער האָבן אויסגעזעצן די שטאָלנס אומעטום,
ווי הערבער די זאַסטאַוועס אויפגעשרויפּט זיך האָבן.
און מיט פאַרטייעטקייט געאָטעמט האָט דער ראַנד.

מיט יעדן גליטש פון שטערן זיך געמונטערט:
אינעם געשלעג פאַר מאָסקווע קומען וועט צו שטאַנד
די יונגקייט פון סאָוועטישן יאָרהונדערט!

4. אַ רעפליק צו באַרקלייען

I.

די נאַכט האָט איליק אויפן פעלד געטאָן אַ פאַל,
און אַנגעשוואָלענע געגעבן אַ צעפליס זיך.
פאַרזאַמלט האָט ביי זיך אין שטאַב דער גענעראַל
די קאָמאַנדירן פון אַ יעטווידער דיוויזיע.
ער האָט זיך שוין באַוויזן זען פאַרפריי׳ר,
ווי מיט געגאַרטע זין אַ וואַרטנדיקער טאַטע,
מיט די אַריינמאַרשירטע טיילן פון סיביר
אין פעלצלעך שאָפענע, מיט נייע אויטאָמאַטן.
פון דער באַגעגעניש, וואָס מיטן פירער ט׳ער געהאַט,
וואו קלאָרקייט האָט געעפנט יעדעס וואָרט אים,
האָט זיך, ווי יונגשאָפט, בליענדיק און גראַד,
געלייגט אויף אים אַ רייפקייט אַ באַיאָרטע.
ס׳האָט דער באַרוף פון לאַנד זיך אים אַנטפּלעקט,
און ס׳איז זיין גורל אים זיין אייגענער געוואָרן קלערער,
און אויף דעם גאַנצן פראָנט, פון עק ביז עק,
האָט ער געפילט דעם בליק פונעם באַליבטן לערער.

II.

עס האָבן די פאַרזאַמלטע דערזען זיך אויפן ראַנד
און איבער אים געאײַלט זיך, אומגעדולדיקע, אַ לאָז טאָן;
דער גענעראַל האָט אויפדאָסנייע דערפילט דעם דראַנג
פון יעדן איינציקן זיך אָפּפערן פאַר מאָסקווע.
געווען איז יעדן אַ פאַרבינדעטער — די צייט,
געווען איז אַ פאַרבינדעטער דער רוסלענדישער איינפאַל;
געטראָגן האָט די חכמה פונעם פאָלק זיי ווייט
דורך יענע צוימען, וואָס זיי נעמען שווער איז דרייפאַך;
געווען איז יעדן אַ פאַרבינדעטער די הויכע פליכט
און די גערעכטיקייט, וואָס זי איז קיינמאָל ניט באַזיגלעך.
געברענט אַרום דעם טיש האָט יעדער בליק, ווי ליכט,
געמיט זיי האָבן זיך די פינצטערניש פון נאַכט פאַנאַנדערזיגלען.
צעשטראַלט האָט זיך ביים גענעראַל אין האַרצן אַ קאַיאָר
און אויפגעלויכטן העל האָט ער אין זיין באַוואוסטזיין:

אַט זיינען זיי, די וואונדערלעכע פינף און צוואַנציק יאָר!
אַט איז עס, דאָס סאָוועטישע, דאָס נייע רוסלאַנד!

III.

ניט־צוטריטלעכס דערשפּירט האָט ער דערין,
קיין קראַפט אַדורכברעכן וועט עס ניט קאָנען.
ווי דורך קאָנוויערס פון באַגין ביז צו באַגין
זיינען שוין איינס נאָך איינס אַראָפּגעגאַנגען באַטאַליאָנען
פון אַרבעטער, סטודענטן, — קייט נאָך קייט,
בוכהאַלטערס, לערערס, אינזשעניערן, פּראָפעסאָרן;
ווי צו אַ שפּרונג געווען די שטאָט איז גרייט,
און אויפגעגאַן פון איר איז מוט און צאָרן,
וואָס האָט אין ערגעץ ניט דערגרייכט נאָך אַזאַ מאָס
און ניט אַראָפּגעלאָזט שוין מער זיך אין דער נידער.
און דאָס געמיט ביי יעדערן געקרעפּטיקט האָט דער פּראָסט
און זיך ווי ספּירט צעגאַנגען אין די גלידער.
די אויפגאַבן פאַר יעדן האָט דער גענעראַל דערקלערט,
אין יעדן וואָרט געווען איז אַ געשאַרף פון פליגל:
— איז שלאָגן וועט זיך איצט ניט בלויז געווער, —
כאָטש ער איז ניט געוואוינט מיט טרוימען זיך פאַרוויגן.

IV.

קיין סימן פון פאַרבלענד אין דעם איז ניט פאַראַן,
צו דעם, ווי ס'איז, פאַרמאַכט ער אויף קיין ווייל ניט די אויגן,
ס'איז אַלצדינג אויף דער וואָג און אַלצדינג אויף דער האַנט,
ביז צו דעם מינדסטן פּונקט באַוואוסט און אָפּגעוואויגן:
— דער פיינט איז שטאַרק און גרעסער אין דער צאָל,
צו זיין באַוואָפנטקייט דערוויל איז קיינעמס ניט געגליכן, —
און דאָך איז ער נאָך קיינמאָל ניט, ווי איצטיקס מאָל,
אין בראָך אין אומפאַרמיידלעכן פון שונא זיכער.
ס'וועט ניט געשען קיין נס! ער שטעלט ניט אויס דערויף!
געשען וועט דאָס, וואָס ס'דאַרף געשען אין שלאַכטן,
ווען ס'לייגט באַרעכנט זיך צוזאַמען אויף —
געווער, געוואַגטקייט און אַ פּלאַן אַ גוט־פאַרטראַכטער.
ער איז אַ ניכטערער סאָלדאַט. ער וויסט פון דרייסט.
מיט טרוימען איבערלאָדן זיך איז שווער אים:
ס'איז גוט, ווען דעם סאָוועטישן געפּרוואוטן גייסט
האַלט אונטער די געפּרוואוטע מלכותדיקע אַרטילעריע!

V.

איר האָט ער דאָ פאַרטרויט אַצינד

דאָס ערשטע וואָרט פון רוסלענדישן חיל.
און אויך אָט דאָ, וואו די ניט גליך־אויף־גלייכע שלאַכט באַגינט,
האָט ער דעם שאַנס זיך ווענדן מיט אַ רעפּליק צו באַרקלייען...
פון איך זייט גייט גערמאַניע, איגנאַצן אין אַ טאַנק,
און קעגן איר האָט דעם סאָלדאַט דעם רוסישן באַשטאַט ער;
געטראָגן האָט זיין שטאָב זיך, פונקט ווי זיין געדאַנק,
איבער דעם גאַנצן שלאַכטיקן אַמפּיטעאַטער.
אין פייער גרויזאַם איז געגאַנגען דאָס געוועט:
צי רוסלאַנד איז פאַראַן, צי רוסלאַנד מער ניטאָ איז?!
און רו געשטראַמט האָט פון זיין שמויסענעם זשילעט:
דעם קאָפּ פאַרלירן וועט גערמאַניע פאַר איר טעות!
ער האָט געדענקט: „גערמאַניע האָט דערגרייכט דעם גראַד
פון יענער פראַש, וואָס פּלאַצן איז איר גורל אומפאַרמיידלעך!
איז אָט־אָ דאָ, אַ שפּאַן פון איר צעבלאָזענעם פאַראַד,
וועט מען די אָדערן די אויפגעבלאָזענע איר איבערשניידן!"

VI.

אויעקגעלאָזט מ׳האָט זיך איבער דעם פרישן שניי,
איעדער צו זיין טייל, איעדערער צו זיין געווער־מין.
באַראַטונגען צונויפגעזאַמלט איינס און צוויי,
דעם פּלאַן דערגרונטעווען און אים דערלערנען.
געשטאַנען מאָסקווע איינגעהילט איז אין דער נאַכט,
אין זייטן דריי געווענדט צום שונא מיט די פאַרשטעט.
ס׳האָט יעדע גאַס זיך אַ פאַרטונקלטע געשפּאַרט,
גליך ווי אין אויסשפּירונג דעם ראַנד אַ פּאַרש טאָן
און אַנטאַפּן די אָדערן אויף אַ מהלך ווייט,
אין קלעם זיי איינשפּאַנען, זיי צומעסטן צום פייער.
געשטאַנען מאָסקווע איז אַ גרויזאַמע פאַרטיי׳ט,
די ערב־שלאַכטיקע באַראַטונגען אַליין געפירט ביים חיל...
אַדורכגערוישט אויף איר באַפעל האָט דאָס זעניט־געווער,
זיך דורכגעקלונגען האָבן די באַצירקן פון פּעכאָטע,
און פונקט ווי אַ געהיימער קעגנדייטיקער פאַרהער,
איז אַ שיפרירט געשפּרעך געגאַן איבער די דראָטן.

VII.

מיט לייב זיך אָנגעטאָן האָט יעדער פונקט פון פּלאַן,
און אויפגעלעבט אין אים אַ יעטווידער דעטאַל האָט,
אויף יעדן בליק און וואָרט, אויף יעדן שאַרך און קלאַנג
האָבן זיך ווייטן ווי אין שטורעם־ווינט צעטואַליעט.
פון אַ פאַרשנייטן ערד־שטיבל — אַ צאַנקענדיקער שטראַל.

און אויף אָרום דער רוים מיט חושך פול איז.
דאָרט איף אַ קורצן ראַט ביים אַוויאַציע־גענעראַל
אָראָפגעכאַפּט האָט אויך זיך דער מאַיאָר מאַרגוליס
דירעקט פון הימל. באַוויזן האָט ער נאָך אינמיטן רייס
פאַרכאַפּן אַ פאַרוואונדעטן צו זיך און ווייטער זיך אַ לאָז טאָן;
זיך גאָרנישט נאָכגעפרעגט. אַ קאַפּיטאַן. ער ווייסט.
מע דאַרף אים עקסטרע צושטעלן קיין מאָסקווע.
ס׳האָט נאָך דער ערשטער הילף געדראָט אים אַ געפאַר,
ניט אַלץ איז דאָרטן דורך אינגאַנצן גלאַטיק.
איבערגעגעבטפערט האָט מאַרגוליס אים אַ סאַניטאַר,
אַליין אַוועק איז ער צום גענעראַל אויף אַ באַראַטונג.

VIII.

ער איז אַריין. געהאַלטן אויף די פיס האָט ער זיך קוים.
פאַרפינקטלעכט די מינוטן פון זיין אָנקום.
פון דער באַראַטונג גלייך צוריק — אויפן אַעראָדראָם,
און בלויז דערמאָנט זיך אין דער היים אויף דער וואָלכאָנקע.
געטראָפן דעם פאַרוואונדעטן, וואָס ער האָט דאָ געלאָזט,
פאַרבייגייענד אַ וואָרף געטאָן צו אים פאַרהאַוועט:
— איר זייט נאָך דאָ? — און גלייך שוין אַזוי היימיש־פּראָסט: —
איר קלויבט צומאָל זיך נאָך ערגעץ אַ פלי טאָן, חבר?
— אַ דאַנק! — האָט דער פאַרוואונדעטער דעם בליק געטאָן אַ פיר,
ניט אויפגעהערט מיט אים זיך ווייטעקלעך צו טוליען:
— סאַדאָווסקי! — פאַרגעשטעלט זיך פאַר דעם פליער
און אָפּגענומען גלייך, ווי פון אָפּצאַסן־קלונג: „מאַרגוליס!“
מאַרגוליס? האַ? צי האָט ער עפּעס ניט דערהערט?
די אויגן ברייטער מיט פאַרוואונדערונג צעעפנט:
עס גייט אים נאָך דאָס אַלטע אויסקויף־בלוט פון דר׳עַרד...
אַצינד באַדאַרף ער נאָך אוואדיסן דאָ ערגעץ טרעפן!

IX.

געווען עס איז אַ פרישער פּראַקטיקער קאַיאָר,
דער דאָקטער פאַר סאַדאָווסקיס בליק איז דורך ווי אין אַ חלום:
„זאָל עפּעס האָבן אָנגעקערט מיט אים זיך דער מאַיאָר?
דערציילט ער פון אַ זון האָט, פון אַ פליער, וויפל מאָל אים!
די לעצטע שלאַכט, — ער גיט זיך אַ דערמאָן, —
ווען מ׳איז דעם לעצטן פאַס פון קלעם אַריבער,
האָט זיך ניט אומגעקערט אָט דער פאַרטרוימטער מאַן,
וואָס פאַר פאַרוואונדעטע האָט פאַזעמקעס געקליבן“...
ס׳האָט מעגלעך דעמאָלט זיך געשלעפּט דער דאָקטער אין געפאַנג,
מיט זיינע לייד דעם טויט פאַרווילן נאָך אַביסל,

און זיך געטרייסט — ס'וועט ניט געדויערן שוין לאַנג,
אַוועקליגן אין וועג ס'וועט ערגעץ אויף געוויס אים . . .
נאָר ס'האָט אויף אים געוואַרט נאָך גרויסער פּײַן,
געהאַט האָט נאָך אין אים דער ווי ביז גרונט דערברענען.
אַזוי איז ער אונטער דעם שטעכיק דראָט אַריין,
ווי אינעם לעצטן קרײַז פֿונעם גיהינום . . .

5. געבוירן אַ קינד

I.

זיך אָפּגעשטעמפּלט האָבן טריט אויף דער פֿאַרשנייטער ערד,
אין הימל וואָך געווען דער נאַכטישער פּאַטרול איז.
עס האָט אַ ווײַטער פֿאָך פֿון אָדלערס זיך געהערט,
געווען צווישן זיי איז דער מאַיאָר מאַרגוליס.
ער האָט כמעט זיך דעמאָלט מיטן הימל ניט צעשיידט,
און שוועבנדיק ווי איבער אַ פֿאַרפֿליץ פֿון ימען,
האָט ער זיך אין די שטערן אײַנגעזויגן זינגענדיקערהייט:
„אַ בריוועלע דער מאַמען... זאָלסטו ניט פֿאַרזאַמען!"...
דער קאָפּ האָט ערגעץ ווײַט אים אָנגעשפּאַרט,
פֿאַרקלעמט דאָס האַרץ האָט יעדע ווײַלע ביז צו ווי אים:
געגאַן זײַן פֿרוי צו קינד איז יענע נאַכט.
ער האָט געהערט פֿונעם געבוירענעם די ערשטע אויסגעשרייען,
געריסן האָבן זיי זיך אין דער הייך צו אים
מיט ערשטן אומפֿאַרשטענדלעכן געבלעבל;
עס איז נאָך ניט קיין קלאַנג, עס איז נאָך ניט קיין שטים,
עס איז די אַלגעזעצלעכע פֿאַרמעלדונג צו דעם לעבן!

II.

סע הערט נאָך ניט. ס'באַוועגט מיט דעם די ערשטע בויט,
זי שטרעקט פֿון דעם זיך מיטן מויל צום לעבן
און שטויסט מיט הענטלעך אָפּ פֿון זיך דעם טויט,
ניט וויסנדיק, אַז ער איז דאָ און לאָקערט דאָ דערנעבן.
אָט דאָ באַגעגנט עס מאַרגוליס, אויף דער וואַך,
אין מאָסקווער הימל אין באַנאַכטיקן, נאָר קלאָרן,
וואו ס'הויערט די פֿאַרדאַרבונג אום און די געפֿאַר,
וואו ער אַליין ווערט אפשר אויפֿדאָסניי געבאָרן,
זיך ראַנגלענדיק מיט דעם פֿאַרדאַרב אויף טויט,
אויף טויט זיך וואַרפֿנדיק אַנטקעגן אין געשלעגן
פֿאַר אָט דעם קליינעם נפֿשל, וואָס האָט אין בלינדקייט ערשט פֿאַרטרויט

די קלײנע הענטעלעך — דעם גרויסן לעבן . . .
ער היט עס דאָ אַצינד אין הימל אָפּ,
ער וויגט עס אין דער הייך מיט יעטווידן געפּאַכע;
מיט יעדן קריַיז לאָזט ער דאָס האַרץ צו דעם אַראָפּ,
מיט יעדן שאָס — די ערשטע פּאָטערלעכע ברכה!

III.

די אויגן דינען נאָך ביי דעם פּאַרמאַכט,
עס אָטעמען אויף דעם פּון מוטער־לייב נאָך די געוועבן.
און מיט אַזאַ גערעכטיקייט פון דעם זיך שפּאַרט
דאָס אומבאַצוימטע חכמהדיקע לעבן —
דאָס דאָזיקע, וואָס ס׳יאָגט נאָך דעם זיך נאָך דער קאָט,
וואָס אויפגעהויבן האַלט אויף דעם די מערדערישע האַק ער,
אָט איז ער, אָט! פּאַרפּינקטלעכט איז ער אַקוראַט!
אָט גיט ער זיך אַ צי אין סווישטשענדיקן פלאַקער!
מאַרגוליס האָט אַ ווייל זיך פאַרגעשטעלט:
ווי ס׳גייט אַריין צו אים אין שטוב דער גולמדיקער אכזר
און כאַפּט דאָס קינד, דערלאַנגט עס מיטן קאָפּ אין שוועל,
און גיט נאָך זיגעריש דערנאָכדעם אַ צעלאַך זיך,
און לאַכנדיק, ער טראָגט עס צו דערנאָך —
די מוטער זאָל עס אָנזויגן שוין אַ דערהרגעטס.
אָ, ס׳אַראַ גליק עס איז זיך אָנטרינקען מיט זייער בראָך!
ס׳אַראַ געְנוס אויף גאָרגלען זייערע אַיעדער וואָרג איז!

IV.

ער האָט זיך אינדערפרי אַראָפּגעכאַפּט אויף אַ פּאָר שעה
צו זיך אַהיים אויף דער פאַרנעפּלטער וואָלכאָנקע.
עס איז אים נאָכגעגאַן פון ווינט פון אייגענעם דער שאָרך,
נעגעבן האָט צו יעדן הויז זיין בליק אַ בלאַנקע.
ס׳האָט אים געיאָגט די פרייד פון זיין אַן אומגעריכטער גאַסט.
אַראָפּגערוקט פון יעדן דאַך די שנייאיקע, די ווייסע שאַל איז.
געוואונקען האָבן פון קראָפּאָטקין־גאַס
די אָנפּאַנגלעכע קאַנטורן פון ראַטן־פּאַלאַץ,
וואָס האָבן קוים דעם נייגיריקן בליק דערגרייכט,
פאַרוואונדערט־אויסגעצויגן, גלייך ווי אין אַ תענית,
און ווי מיט הענט געצויגן אַלץ צו זיך די הייך
און אויסגעבעטן בלויז דעם שניי אויף אויסגעשטרעקטע דלאָניעס . . .
כאָטש ער האָט ניט געהערט דעם זיסן רויש און קלאַפּ,
און דעם געווימל פון געוועקן דאָרט האָט ניט געזען ער,
האָט ער זיך דאָך באַמיט צו פאַרשטעלן אין קאָפּ,
ווי הויך וועט איבער מאָסקווע אויפן פּאַלאַץ אויסזען לענין . . .

V.

פּאַרווינטיקטקייט און פראָסט האָט ער אַהיים געבראַכט
און פרישע קעלט פון כמאַריקע שפּאַציר־גענג.
ס׳האָט גבורה אומגעצווימט פון אים געשפּאַרט,
און אין דער פליערישער טראַכט אַן אויסגעצירטער
ער אויסגעזען האָט אַזוי ברייט, און גרויס,
און אומגעהויער אויסגעמאַטערט.
צו סאַמע ערשט — ער מיטן בליק האָט בלויז
דערקונדיקט זיך, צי איז ער שוין אַ טאַטע?
און פּענטעדיק אין זיינע שווערע טריט
דעם אומגעצווימטן אימפּעט און געטומל,
האָט ער זיך שמייכלענדיק געווענדט צו אַ באַיאָרטן ייד:
— גוט מאָרגן, שווער! ס׳איז היינט אין הימל אַ מהומה,
וואָס הערט זיך עפּעס אויף דער ערד?
איר האָט באַשלאָסן טאָקע ניט צעשיידן זיך מיט מאָסקווע? —
עס האָט דער אַלטער זיך אַ קנייטש געטאָן, ווי ניט דערהערט,
און שוויגנדיק פון קאָפּ ביז פיס אים אָפּגעמאָסטן.

VI.

ניט־אויסגעשלאָפנקייט אינעם געזיכט האָט ער געהאַט,
די ווייסע באָרד צעקעמט הרחבהדיק אויף ביידע זייטן
נאָך פון אַמאָל, ווען ער געווען איז דומע־דעפּוטאַט
פאַר ניקאָליי דעם צוויטנס צייטן.
געלעגן אין זיין מוח זיינען איינגעוויגט
פון איבער פופציק יאָר פאַרגאַנגענע גערוישן.
געציילט ער פאַר זיין לעבן האָט דעם פערטן קריג,
און אָט אַזוי, פון איינעם ביז דעם אַנדערן, געוואָרן גרוי שוין . . .
אַרומשפּאַצירן אין בולוואַרן מיט אַ בוך אין האַנט,
אַ דרעמל כאַפּן אויף אַ באַנק געהאַט אַ טבע;
געדענקט האָט ער אַ דענקמאַל־קלויסטערל ביי דער קיטייער וואַנט
לכבוד די געפאַלענע אין שלאַכטן אונטער פּלעוונע.
און ליב געהאַט האָט ער צו קומען אָפּט אַהין
און אויפן דענקמאַל לייענען, ווי אויסגעקריצטע בעסטן,
די נעמען און פאַמיליעס פון רוסלאַנדס זין,
וואָס האָבן זיך באַרימט געמאַכט ביים נעמען אָט די פעסטונג.

VII.

געוועזן צווישן די אויך אויסגעקריצט איז אויף די ווענט
אַ גאַנצער גאַנג פאַמיליעס פון ידישע סאָלדאַטן,
צו די געווען באַזונדערס איז זיין בליק געווענדט,
ווי צו באַליבטע זין פון אַ געטרייען טאַטן . . .

זיי האָבן פונעם דענקמאָל אים אַראָפּגעשיינט,
ער האָט אין זיי די ליבע פון זיין פאָלק אַרויסגעלייענט
צום פאָטערלאַנד — פון שטענדיק און פון היינט —
וואָס ס'וועט אויך מאָרגן זי קיין שטורעם ניט פאַרוויען.
ס'איז אים געווען אַ שטאָלץ זיך געבן אַ דערמאָן
וועגן סאָלדאַטן יידישע אויף סעוואַסטאָפּאָלער באַרימטע באַסטיאָנען,
וואו ס'שטייט אַ מאָנומענט פאַר פינף הונדערט מאַן,
און איבער ימען זען פון אומעטום מע קאָן אים.
און דאָס האָט מען דאָך וועגן זיי געפּרואווט
אין דומע מאַכן אויפמערקזאָם אַן פחד, אַן געקווענקל,
אַז ווען זיי שטייען מיטאַמאָל תחית־המתים אויף,
וואָלטן זיי קומען ניט געהאַט קיין רעכט אַ קוק טאָן זייער דענקמאָל.

VIII.

די רעוואָלוציע, — גיט זיך דאָס האַרץ ביי אים אַ ריר,
און רעשן פריידיקע זיך נעמען דאָרטן יוירן, —
געעפנט האָט פאַר יעדן אין דער וועלט אַזאַ מין ברייטע טיר,
אַז ס'האָט אַזאַ ווי ער זיך ביים אַריינגאַנג גליך פאַרלוירן.
מע וואָלט באַדאַרפט צו איר זיך צופּאַסן אַליין,
ווי ס'פּאַסט זיך אין די בין אירע סאָטעס.
נאָר זעט מען דען אַרויס אין אַ געביידע יעדן שטיין,
שוין אָפּגערעדט פון דעם, וואָס איינגעמויערט אין יסוד איז?
און דאָך, דאַכט זיך אים אויס, וואָלט ער,
ווען מענגעס איבער גאַסן יום־טובדיקע שפּאַנען,
באַדאַרפט זיין דאָרט, צווישן די כמאַרעדיקע בערד
פון פאַנען־טראַגנדיקע זקנים וועטעראַנען.
און אַ דערציטערטער פאַר פרייד ער ווערט,
ווען ס'לאָזט זיך דורך דעם פּלאַץ די דאָזיקע קאָלאָנע;
אים דוכט: זיין לעבן פלאַטערט אין די ווייסע בערד,
ווי ס'פלאַטערט רוסלאַנד אין די רויטע פאַנען.

IX.

האָט ער דעם קאָפּ צום גאַסט געטאָן אַ פיר,
אַריינגעשניטן אין די אויגן זיך אַ ווילדע גראַד אים.
פאַרטיפט איז ער געווען די גאַנצע צייט אינעם עפיר,
געזעסן איז ער אין די אויער־רערלעך ביי דער ראַדיאָ.
זי האָט ביי אים געהלשט זיבן מאָל אויף דער מינוט,
און זיבן מאָל אויף דער מינוט זי אָפּגעמינטערט האָט ער.
אָט גיט עפּעס אַ זשום אין איר אַן אומקלאָרער געהוד,
און אידער נאָך ער כאַפּט זיך — וואָס? איז אויס! און פטור!

האָט ער די אויער־רערלעך פונעם קאָפּ אַראָפּגעכאַפּט געשווינד
און אויפן גאַסט דעם כעס דעם גאַנצן אויסגעלאָזט דאָרט:
— אין מאָסקווע ווערט געבוירן איצט דיין קינד.
געבוירן רוסלאַנד ווערט אַצינד אויפסניי אין מאָסקווע!
איבערגעוויקלט מיט די ווערטער האָט ער זיך אַ וואונד: —
ווער ס׳לויפט. ווער — ניט. וואָס גראָדע איך גאָר?
פון מאָסקווע לויפט מען ניט, ווען ס׳איז פאַראַן דער מינדסטער גרונט
און אַ געלעגנהייט פאַר איר צו שטאַרבן ווי אַ בירגער!

X.

און ניט באַמערקט האָט ער, ווי ס׳איז דער גאַסט
אַדורכגעגאַנגען שטיל אין צוויטן צימער.
אַ שאַרך פון ראַדיאָ, און ס׳איז אַראָפּ דיין כעס,
און צו דעם גאַסט האָט אים שוין ניט געטאָן קיין צי מער.
ער האָט די אויער־רערלעך אָנגעטאָן פונסניי
און אין דער ראַדיאָ אַריינגערעדט אַליין, ווי דורך אַ טראַליע:
ווען דורכגייען וועלן זקנים מיט די זאַסטעפּער פאַרביי,
וועט ער זיך איינשליסן אין דער קאַלאָנע גלייך מיט אַלע
אויף גראָבן ריזון אונטער מאָסקווע וואו־ניט־איז,
כאָטש וויפל־ס׳איז פון זיך איר עפּעס געבן.
עס קומט אים ניט קיין פאָן, אָבער אַ זאַסטעפּ — אויף געוויס!
און שיידן זיך מיט מאָסקווע — הייסט זיך שיידן מיטן לעבן!
איבערגעהאַקט זיך האָבן זיינע ווערטער ביי די ווענט,
צוריק צו אים אַליין זיי האָבן אומגעקערט זיך.
עס איז חוץ אים אין צימער קיינער ניט געווען,
און פונעם אַנדערן געהערט האָבן זיך קרעכצן.

XI.

אַריינגעכאַפּט אין צימער האָט מאַרגוליס זיך צוריק,
דאָס פּנים בלאָס און אויסגעצויגן.
אויף אַלץ אַ וואַרף געטאָן דעם בלאָנדזשענדיקן בליק,
פון זאַך צו זאַך גענומען לויפן מיט די אויגן.
געשטאַנען אויפן טיש איז אַ קאַלטער סאַמאָוואַר,
פון ליוכטעלעך געשאָטן האָט דאָס גרויע אַש זיך.
עס האָט מאַרגוליס זיך געטאָן צו אים אַ שפּאַר:
— מע דאַרף אים אפשר אַ צעבלאָז געבן, פּאַפּאַשע?
אַביסל שפּענדלעך אָנהאַקן? אַריינוואַרפן אַ קויל? —
און אָפּגעהאַקט: — איז וואָס־זשע הערט דאָרט אין דער וועלט זיך?
נאָר ס׳האָט דאָס וואָרט זיך אָפּגעשטעלט ביי אים אין מויל,
ביי אַלע האָט דאָס קול פאַרהאַקט זיך אין די העלדזער.

עס האָבן זיך געבורט־ווייען אַ טראַג געטאָן אַהער
און אָנגעפּילט מיט גאָר דער וועלט דאָס שטילע צימער.
זיין קינד האָט אָנגעהויבן לאָזן זיך אויף דר׳ערד,
און אים איז צייט געווען זיך אויפהייבן אין הימל...

6. פרעגט די וועלט אַן אַלטע קשיא

I.

פון אונטער פריען שניי האָט נאָך געקוקט פאַרשפּעטיקט גרינס,
ניט אַלץ באַוויזן האָט פון ביימער נאָך אַ פאַל טאָן.
אינמיטן וועג נעבן דער שטאָט באַראַפּאַמינסק
האָט מען סאַדאָווסקיס טייל אין גאַנג פאַרהאַלטן.
באַגעגנט האָט זיי אויפן וועג אַ קאָמיסאַר,
די הענט צעשפּרייט, ווי אַ סיגנאַל צום אָפּשטעל.
ער האָט דערקלערונגען ניט אָנגעווענדט קיין סך.
אַ קוק — האָבן סאָלדאַטן אויפן אָרט זיך אָנגעהויבן טאָפּטשען.
— פון דער אַרומרינגלונג? — האָט ער דעם בליק נאָכהער
איבער די אָפּגעשטעלטע דורכדרינגלעך גענומען פירן, —
איר בלייבט אָט דאָ! איַעדערער לויט זיין געווער,
דאָ וועט איר זיך אויפסניי איבערפאָרמירן! —
זיין הייזעריק פאַרווינטיקט קול
אינגאַנצן צוגעפּאַסט צו טראַכט זיינער געווען איז;
און ס׳האָט געשניטן ווי מיט שטאָל:
דאָ איז פון איבערבראָך — די גרענעץ!

II.

צו זיינע אויגן האָט געריסן זיך דער טיל־און־תּל,
פון זיינע אויגן האָט געזעצט אַן איינגעצוימטער וויטעק.
ער האָט אַדורכגעלאָזט איין שטראָם און ווידער זיך געשטעלט,
די הענט צעשפּרייט ווי אַ סיגנאַל קעגן אַ צוויטן.
און מיט צעשפּרייטע הענט אַנטקעגן שניי,
אַנטקעגן גרויען טאָג פון האַרבסטיקער פאַרוויסטונג
האָט ער באַגעגנט אָפּגעשטאַנענע פון דער אַרמיי.
דער קאָמיסאַר — געוועזענער פּראָפעסאָר פון לינגוויסטיק.
געגאַן איז אַן אַקטיאַבערדיקער גרויער טאָג צום סוף,
געפלויגן זיינען פייגל סטייעסווייז אויף דרום.
אַרומגעקוקט האָט זיך אַ בלאָנדזשענדיקע שאָף,
אינמיטן פעלד פאַרדוקט נעבן אַ דאָרן . . .

און מחנותוריה, דורך שוואַרצע סטויגן ברויט פאַרברענטס,
פאַרביי די אומעטיקע פעלדער, הפקרע, פאַרלאָזטע,
געגאַן דאָס חיל איז פון יאַרצעוו און סמאָלענסק
דורך וואו אַ וועג פאַרפעסטיקן זיך אונטער מאָסקווע.

III.

ס'האָט אויף אַרום ניט אָנגעזען פון קוימענס זיך קיין רויך,
פון ווירטשאַפט אָנגעלעבטער — בלויז רמזים.
און ווי אַ וועג־ווייזער, מיט אויסגעקנייטשטע בלעטלעך אין דער הייך,
געטראָפן האָט זיך וואו־ניט־וואו אַן איינזאַמע בעריאָזע.
געזילבערט האָט זיך אין דער ווייט אַ פראָסט,
און איבער בלאָטעס צוגעפרוירענע — אַ יאַדעשליוער הימל.
— סע שמעקט מיט מאָסקווע! — האָט אַ זאָג געגעבן דראָזד,
פאַרשטעקט די פאָלעס פון שינעל האָט פערעליאָט ביים רימען.
און מ'האָט געשפּאַנט אינאיינעם מיט דער עסעדיקער קעלט,
דעם יאָך פון קריג — אויף אַקסל, אַקוראַטנע,
אָן טענות, אָן פּאַראיבל אויף דער וועלט,
ווי ס'קאָן אויף גאָרער ערד דער רוסישער סאָלדאָט נאָר.
— נו, שער מיינע, איצט אונטער מאָסקווע קומען וועסטו מיר צונויף, —
געגעבן האָט איעדע ווייל אין לעווינען דער דראַנג אַ דריגע.
געגאַן פאַרנעמען אונטער מאָסקווע מ'איז די שוין,
די צוטריטן צו מאָסקווע פאַרן פיינט פאַרריגלען.

IV.

— אַצינד גיי, זאָג, — האָט ער זיך יעדע ווייל געטאָן אַ ווענד
מיט אויגן אין דער ווייט דער נעפלדיק־פאַרגלאָזטער, —
אַז נים פאַראַן אַ גאָט איז אויף דער וועלט,
אויב זיאָמע לעווין לעבט און וועט זיך שלאָגן אונטער מאָסקווע! —
און ווי דער איבערגאַנג איז ניט געווען אים שווער
און ווי דער וועג האָט אים מיט מידקייט ניט געקאָרעט,
האָט אים געטרייסט מיט שטאָלץ די אונטערמאָסקווערדיקע ערד,
און שלאָגן זיך פאַר איר איז אים געווען אַ כבוד.
„דער עיקרשט, — האָט ער זיך געטראַכט, — נאָר לעבעדיק אַרויס,
אַ וואונד איז בלאָטע. לייגט מען זיך אַ לאַטע!
הגם די פרעסט — אפילו שוין פאַר חנוכה צו גרויס,
און זאַווערוכעס — ספּירט — אַזעלכע־אַ קודלאַטע!"
און דאָך האָט זיך ביי אים אַראָפּגעלאָזט דער קאָפּ,
געבויגן זיך אונטער פאַרשיידענע מחשבות:
„אַלץ ווייטער רוקט מען זיך פון גראַנאַטאָפּ
און זען מע זעט ניט וואו דער סוף איז" . . .

V.

אַלץ ווייטער רוקט מען זיך פון זיינע קברים אָפּ,
פון אַלץ, וואָס אים געבליבן פון דער היים איז,
וועט ער זיך אומקערן נאָך ווען־עס־איז קיין גראַנאַטאָפּ,
צי ס'וועלן זיך פון אים בלויז חלומען חלומות ?
אים דוכט: ער זעט אויף גאַסן לייזיקע פון שטאָט
ניגונים שניידערישע ווי יתומים אומגיין;
זיי גייען אין אַ שטוב אַריין, וואו קיינער איז ניטאָ,
און זיגנען זיך אַליין פאַנאַנדער פאַרן אומגליק . . .
דין ווי איז שוין ווי אַש פון לעצטן איבערברען,
און ערגעץ וואַרפן נאָך אין אים זיך טויבע קרעכצן:
„יהודיתל! מיר וועלן זיך שוין מער ניט זען,
די ביינער אונדזערע באַגעג'נען וועלן אפשר אונטער דר'ערד זיך"...
נאָר ס'עפנט זיך זיין רוקזאַק אויף אַליין,
און ס'גיט פון דאָרטן זיך אַ שטעק אַרויס זיין לעפל.
„דער שכל איז ביי דיר פאַרנייט, — אין קיך איז צייט צו גיין,
אַ נאָר ביסטו געווען און שטאַרבן אויך אַ נאַר וועסט, לעווין!"

VI.

דער מיטיק איז אַדורך אי פייערלעך אי גיך,
דער באַרשטש געהאַט האָט אַלע זיבן טעמ'ען,
געאַרבעט האָט אַ מינסקער קצב ביי דער קיך;
געזען, מע זאָל זיך איבעריק ביי אים ניט זאַמען.
געווען איז ער ברייטביינינק, געל און הויך,
געשטאַנען ביי דעם קעסל ווי אַ כהן־גדול;
און איבער אים — אַ וואָלקן דאַמף און רויך,
די קעסעלעך איבערן אויג פאַר רויט־אַרמייער אָנגעלאָדן.
אַליין ער אויך איז פון אַרומרינגלונג אַרויס,
נאָר ווי אַ באַלעבאָס די ווירטשאַפט אויסגעריסן מיט די ציינער,
דאָס פי אַרויסגעפירט פון קליין ביז גרויס.
דאָס לעבן איינגעשטעלט — בהמות אָפּגעראַטעוועט ביז איינער,
דערנאָך דערמאָנט ער האָט זיך מיט פאַרדראָס און ווי,
אַז ס'איז אַ קעסל באַרשטש אין דער אַרומרינגלונג געבליבן,
האָט ער זיך אומגעקערט, דעם באַרשטש צעכליופּעט איינס און צוויי
און דורך דעם ראַנד צוריק צו זייניקע אַריבער

VII.

און זיך געקילט דאָס ברענענדיק געמיט:
—אַצינד קאָנט איר אַ בלאָז טאָן וויגדער קצבס באַרשטש דעם הייסן! —
און אויסגעקלאַפּט עס האָבן זיינע שווערע טריט: —
ווי די חזירים מיט די מאָרדעס אין פּאַמאַיקע, מהיכי תיתי! —

ער האָט געשעמט אין מינסק אין בוינע ביי די פּני,
געוואוסט עס האָבן אַלע, פון אַ מענטש און ביז אַ פויגל,
אַז מיט אַ זעץ אַן איינציקן אין שליף
ליגט זיך אַוועק ביי אים אַן אָקס און שטאַרעט אויס אויס די אויגן.
ער האָט געדענקט די חתונות די גליקלעכע אין מינסק
און די מאכלים, וואָס ס'האָט מינסק אויף זיי געפּראַוועט;
געקלונגען מיט די מעסערס ביי דער קלאָץ, גלייך ווי מיט מינץ,
צופרידן שטעלן שטענדיק ליב געהאַט אַ חבר.
איז דראָזדן אינעם באַרשטש אַרייַנגעוואָרפן פלייש אַ שטיק,
דאָס קעסעלע ביי פערעליאַטן אָנגעפילט מיט קאַשע
און אויף גור־אריהן, אויסער אַלץ, פאַרהאַלטן לאַנג דעם בליק,
וואָס איז געווען פול מיט „פרעגט די וועלט אַן אַלטע קשיא" . . .

VIII.

דערצו — די הענט אין פאַרטעך אַזאַ לייכטן רייב,
ווי פאַר אַ ברכה זיין זיי זאָלן ריינער...
אַרויסגענומען שטיל די פאָטאָגראַפיע פון זיין ווייב
און פון די קינדערלעך, אַראָפּגענומען איינאיינעם,
און גאַרנישט ניט געזאָגט. אַ שאָקל בלויז גור־אריהן מיטן קאָפּ,
זיך אָפּגעקער'ועט אַ פאַרקלערטער פון די טשאַנען,
מיט שולדיקייט האָט ער די גאַנצע צייט געקוקט אַראָפּ,
ווי ער ביים קבר וואָלט ביי זייער אָפענעם געשטאַנען . . .
און ערשט נאָכהער האָט ער געטאָן אַ זאָג,
די אויגן צוגעמאַכט, ניט דורך זאָלן קיין טרערן:
— זיי האָבן זי דערהרגעט אויפן דריטן טאָג...
איך וועל זיי אָפּצאָלן! צו דריי פאַר יעדן הרוג!... —
ער האָט אַ וויש געטאָן די פאָטאָגראַפיע צאַרט
מיט די פאַרלאָשענע שוואַרצאַפּלען — ווי־און־ווינדיק.
אים האָט געדוכט, אַז מאָסקווע קוקט פון ווייט מיט צער
אויפן פאַרטרעט פון זיין דערהרגעט ווייב און קינדער . . .

IX.

און מאָסקווע האָט געקוקט אויף ווייט פון אומעטום
מיט טורעמס, ווי מיט בענטשנדיקע הענט פאַרהויבן.
געפילט זיך יעדערער האָט זיכערער דאָרום,
ווי אין אַן אומדערקלערטן יום־טובדיקן צויבער.
בעגעסן האָט מען זאַכלעך. איינגעטראַכט. און שטיל.
זיך ניט פאַרגינט אפילו לעווין האָט קיין איבעריקן האַווע.
בלויז דראָזד האָט צו דעם באַרשטש ניט איינגעהאַלטן דאָס געפיל
און אויסגעסמאַקעט אין דער הייך: — אָט דאָס הייסט אַ פאַלטאַוער!
אַ לעפל סמעטענע באַדאַרף מען נאָך צו אים,

און צו דעם שטיקל פּליש אַביסל כריך פֿאַראַרדנען. —
ער האָט דאָס קעסעלע, ווי אַ באַיאַן, געהאַלטן אויף די קני
און זיך פון דעם אַרויסגעשעפּט געשמאַקפּולע אַקאַרדן.
פֿאַרענדיקט פּערעליאַט אַ בריוו האָט קיין פּאַגאַסט,
אויף טאַניען זיך פֿאַרקוקט: — ביי דיר איז איצט אינגאַנצן פּראָסטער!
דו קאָנסט אַ שפּאַן געבן אַהיים, פֿאַרשפּאַרסטו זיך די פּאָסט.
דיר גייט אַליין אַנטקעגן, ווי אַ מאַמע, איצטער מאָסקווע!

X.

מאַמעדאַוו איינגעפּראַוועט אין שינעל האָט אומגעאיילט
אויף יעדן מאָל זיין נאָמען און פֿאַמיליע;
געכאַפּט גור־אריהן מיטן בליק איעדע ווייל
און צווישן איינס און צוויי אַ פּרעג געגעבן שטיל אים:
— און וואו האָסטו דיין נאָמען און פֿאַמיליע באַשטאַט,
צום ראַנד איינגיכן זיך אַוועקלאָזן מע וועט דאָך?
— אינערגעץ ניט! — פֿאַרוואָס? — אַזוי זיך, גלאַט!
ניטאָ ווער פרעגן ס׳זאָל אויף מיר, מאַמעדאַוו!
— אָבער אַ היים.. אַזוי ווי אַן אַאול, אַ פּראָסטע היים,
איז האָסטו פֿאַר געווויס, גור־אריה, דאָך ווי יעדער?!
— נו, יאָ! — האָט זיך גור־אריה שטיל געטאָן אַ דריי, —
נאָר מער דיינען ביי מיר קיין אייגענע ניטאָ, מאַמעדאַוו! —
מאַמעדאַוו האָט אַ טראַכט געטאָן און זיך דערמאָנט:
פון „יענער וועלט״ האָט וועגן אים געזאָגט סאַדאָווסקי...
און אויפן אַקסל אים אַרויפגעלייגט די האַנט:
— און מאָסקווע?! ס׳פרעגט אויף יעטווידן סאָלדאַט דאָך מאָסקווע!

XI.

אַראָפּגעלאָזט גור־אריה האָט די אויגן צו דער ערד,
געשעמט זיך פֿאַר די רייד פֿאַר די פֿאַרשטענדלעכע און פּראָסטע:
— גערעכט דו ביסט, מאַמעדאַוו, ווי די וועלט גערעכט,
נאָר פֿר׳יר פֿאַר אַלץ באַוואָרענען באַדאַרף מען מאָסקווע! —
און זיך פֿאַררעדט: — אַ כלה האָסטו!? — כ׳האָב! מיין מאַמלאַקאַט, —
האָבן די אויגן ביי מאַמעדאַוון געטאָן אַ קלעטער, —
און דו? — האָט ער אַ גליקלעכער געפרעגט. — איך האָב געהאַט...
— געהאַט? — געהאַט! געבליבן איז זי אין דער געטאָ!
— וואָס הייסט עס „געטאָ״, האַ? ס׳איז דען אַזאַ מין לאַנד?
כ׳האָב ניט געהערט... ס׳איז עפּעס ווייט פֿונדאַנען? —
גור־אריה האָט געקוקט מאַמעדאַוון אין פּנים לאַנג:
— דאָס איז די גרוב, פון וועלכער איך בין אויפגעשטאַנען! —
און מער האָט שוין מאַמעדאַוו ניט געפרעגט.

און מער האָט שוין גור־אריה ניט געענטפערט.
צום ראַנד צום פּאָדערשטן — דעם גאַנצן וועג
געהאַלטן האָבן זיי זיך איינס לעם צווייטן נע׳נטער . . .

7. מתנות

I.

ווי גיט מען עס אָוואַדיסן צו וויסן וועגן זיך? —
האָט זיך געריסן דער פּאַרוואונדעטער סאַדאָווסקי.
די וואונד האָט זיך אַליין געגומען אים פּאַרהיילן גיך
בלויז פון דער אויפרעגונג און פרייד, וואָס ער איז אויך אין מאָסקווע.
ניט צוגעמאַכט קיין אויג די דריטע נאַכט.
מחשבות אַלערליי. און זען זיך מיט אָוואַדיסן ער קאָן ניט.
ער איז אין מאָסקווע... ווי אַהיים מ׳וואָלט אים געבראַכט.
און זען ער קאָן זיך ניט מיט זיין וואַסיאַנען,
און ס׳קאָן צו אים ניט צוקומען זיין וואַראַביי,
און אָפּנעמען פון זיי ער קאָן קיין גרוס ניט.
אונטער די פענצטער פון שפּיטאָל געלעגן איז אַ שניי,
ווי אַ באַנדאַזש אַ ווייסער איבער רוסלאַנד.
און ווי געצונדענע, ווי אַ וואַקסן־געלע ליכט,
געשטאַנען זיינען סאָסנעס אין דער הייך פּאַרמאָסטן.
ווי גיט מען עס אָוואַדיסן צו וויסן וועגן זיך? —
האָט ניט קיין אָרט געקאָנט געפינען זיך סאַדאָווסקי.

II.

געצויגן לאַנג האָט זיך פּאַר אים דער טאָג,
איעדע שעה געלייגט האָט זיך מיט אַזאַ וויטן טרויער;
ער האָט געפילט אין דער געדריקטער שטילקייט פון שפּיטאָל
דעם אומרו, וואָס אַרום דער הויפּט־שטאָט הויערט.
פון בעט צו בעט דערגאַן איז ווי אַן אָפּקלאַנג בלויז
דורך ווייכע טריט אין שאָטנדיקע שמאָלע קאָרידאָרן;
מע פירט אַ טייל פּאַרוואונדעטע אַרויס.
און בליקן האָבן זיך ביי אַלעמען געטאָן אַ טאָרע . . .
מע פּרוּווט זיך איינס דעם צווייטן געבן אַ פּאַררעד
איבער דער שאָטנדיקער שטילקייט פון פּאַלאַטע.
עס איז ניט ניחא קיינעם ניט דאָס זויבערע, דאָס קלאָרע בעט,
די פרישע אויסגעפּרעסטקייט פון איעדער לאַטע.

ס׳הינקט אײנער צו דער מאַפּע צו, שטעלט אָפּ באַדאַכט דעם טראָט,
דעם בליק... און װענדט אים אָפּ, — װאָס נאָך באַדאַרף ער טאָן איצט.
מע הערט, דאַכט זיך, די אַרטילעריע אין שטאָט.
און אין שפּיטאָל מע קומט מיט האַרציקע מתּנות.

III.

אַ קעלט זיך שפּרייט פֿון ניקלנעם פּאָלירטן גלאַנץ,
אין אים פֿאַרװאונדעטע זיך שפּיגלען אומעטום דאָ.
ס׳איז אויפֿן װײַסן סערװעטל געלעגן אַ מאַראַנץ
נעבן סאַדאָװסקיס בעט אויף דער פֿאַרזאָרגטער טומבע.
אַ ריס געטאָן זײַן בליק. געפֿעלט אים גלײַך.
און אַ געמיטלעכקייט זיך אויסגעשפּרייט האָט אויף זײַן גומען.
ס׳איז פּלוצעם, אומפֿאַרשטענדלעך אים געװאָרן אַזוי לײַכט,
ער האָט אין גאָלדענע דערמאָנט זיך גערטנער פֿון באַטומי.
די דרומדיקע פּראַכט האָט מיטן ריח אים געפֿעלט
און זיך אַ ריס אַריין געטאָן אין שניי ביי זײַן צוקאָפּנס;
— ס׳איז עטװאָס בלאַסער דער אַראַנזש, — האָט ער געטאָן אַ גלעט
דעם לעבעדיקן גרוס פֿון לײַבלעכער סובטראָפּיק.
ס׳האָט אויף אַ װײַלע זיך אין אים געגעבן אַ צעפּלאָנץ
די זיסע װעלט פֿון פֿרוכטן זוניקע און קרײַטער.
ער האָט אים לאַנגזאַם אויפֿגעהויבן, דעם מאַראַנץ,
געקוקט אויף אים און אָפּגערוקט פֿון זיך אים װײַטער.

IV.

די קאַפֿעדרע ראָש איבערן קאָפּ געטאָן אַ צי,
זיך אויסגעדרייט צו דער מתּנה מיט דער פּלייצע;
באַשערט איז אים אין מאַסקװע זײַן פֿאַרװאונדעט פּונקט אַצינד, —
געגעסן האָט ער לעבעדיקערהייט זיך.
געלעגן אַ פֿאַרװאונדעטער איז קעגנאיבער אָן אַ פֿוס,
מיט אָן אַרומגעהאַקטער קני, זיך אויסגעטענהט אַ צעהיצטער:
— נו, קיין טאַשקענט! — ער האָט זיך שוין געניי דערװאוסט,
און דאָרטן, זאָגט מען, זײַנען אוגערקעס פֿאַראַן נאָך איצטער.
און איך האָב ליב אַן אוגערקע! — האָט צו דער קני ער שטיל גערעדט
און זי געדרייט, מע זאָל זי פֿונדערװײַטן אָנזען.
איבערגעקוקט מ׳האָט זיך פֿון בעט צו בעט,
און בליקן האָבן שמייכלענדיק געגומען בלאַנדזשען.
אַ לײַכטן ריר געטאָן סאַדאָװסקי האָט זײַן װאונד,
אים האָט געדוכט, ער פֿילט אין איר קיין טראָפּן װײ מער.
אונטערן פֿענצטער האָט געבושעװעט אַ װינט, פֿון ערגעץ־װאו
געהערט האָט זיך אַ קרעכץ אַ טרוקענער פֿון ביימער.

V.

ער האָט געוואוסט: דער ווידערשטאַנד געשמידט איז פעסט און האַרט,
און האַרנס פון די פינפיאָרן אויף שלאַכט פאַרשפּראַכן.
געגאַן איז מאָסקווע אין איר אָפּגעצערטער פּראַכט
באַגרינדן מיט אַ גאַנצן דור פון שווערד אירער די חכמה.
און ער — אַן עדות אַ באַוויליקטער איז ער,
אַן עדות פון דעם דור ער אין דער העכסטער מאָס איז.
דערמאָנען זיך אַצינד איז אים ניט שווער,
ווי יעדעס יאָר האָט זיך מיט ליכט אין לאַנד אַריינגעגאָסן,
ווי זיך פאַרהאַרטעוועט מיט פרייהייט האָט דאָס פאָלק,
ווי ס׳האָבן זיך אַנטפּלעקט אין דעם געבענטשטע קוואַלן...
צו וועמען אויפן ראַנד ניט צוגעגאַן ער וואָלט —
איז יעדער אַ באַשטעטיקונג, און עדות זיינען אַלע!
ס׳האָט פינף און צוואַנציק יאָר אַ ליכט אַזאַ געטריפט,
ס׳איז פינף און צוואַנציק יאָר אַ שטאָלץ אַזאַ געוואַקסן,
אַז אָפּפערדיק זאָל הינטער יעדן מאָסקווער ריוו
צוזאַמענשליסן זיך אין ווידערשטאַנד אַן אַקסל מיט אַן אַקסל.

VI.

און דאַך האָט אים די שטילקייט פון שפּיטאָל געדריקט,
געהאַלטן אין געפאַנגענשאַפט האָט וויטעקלעך די וואונד אים;
ער האָט זיך אַ פאַרקלערטער צוגעהערט צו וויטע טריט
און האָט געוואַרט פון ערגעץ אויף אַ וואונדער . . .
געשפּרייט האָט זיך אויף וויט אַ בלויער שניי,
געשטאַנען זיינען ביימער איינגעשלעפערט.
צי וועט אין מאָסקווע דער אָקטיאַבער־יום־טוב זיין צי ניין —
האָט ער מיט אַלע כוחות זיך באַמיט צו טרעפן.
פאַרביי איז נאָך אַ נאַכט, און אָפּגעגאַן איז נאָך אַ טאָג,
און אויפגעכאַפּט האָט זיך אַ מונטערער סאַדאָווסקי:
— העי, דו, טאַשקענטער אוגערקע! — האָט ער געטאָן אַ זאָג
צו דעם פאַרוואונדעטן, — מע פאָרט אינערגעץ ניט פון מאָסקווע!
אָט האָסטו מיין מאַראַנץ! מע פאָרט ניט אַזוי גיך, —
האָט ער צום פענצטער זיך געפּרוּווט אַ לאָז טאָן.
ווי גיט מען נאָר אַראָדיסן צו וויסן וועגן זיך? —
ניט איינליגן האָט אויף קיין אָרט געקאָנט סאַדאָווסקי.

VII.

אין ערגעץ ניט געקאָנט האָט ער געפינען זיך קיין רו,
אין יעדן איינציקן געזוכט אַן אייגענעם, אַ נאָענטן,
געקלאַמערט זיך אין דעם פאַרנעפּלטן אַרום

דורך גרויסן אַלערליי, וואָס גייען פון די פראָנטן.
און דאָך איז ניט דערגאַן צו אים דאָס סאַמע מינדסט
פון דעם, וואָס האָט געמוטיקט אין דער העכסטער מאָס אים,
אַז די סאָלדאַטן זיינע האָבן ביי דער שטאָט נאַראָפאָמינסק
זיך אין אַן אונטערמאָסקוועדיקן טייל אַריינגעגאָסן
און נעמען אָנטייל אין די שלאַכטן האַנט ביי האַנט
מיט דער געשיכטע אונטער מאָסקווע,
וואו ס'ווערט געלייזט דער גורל פון דעם לאַנד —
אויף לעבן און אויף טויט, ווי קיין מאָל ניט פאַרמאָסטן.
ער האָט געקוקט אויף יעדן אָנגעקומענעם אַזוי,
מיט שולד פאַר רו געצוואונגענער און לאַנגער —
און ענדלעך האָט ער זיך אַ ריס געטאָן, ווי פון אַ צוים:
צי קלייבט מען זיך נאָך לאַנג אים האַלטן דאָ געפאַנגען?

8. מאָסקווער זאַאָפּאַרק

I.

אָוואַדיס אָפּגעזעסן איז אַ גאַנצע נאַכט
אינעם געדרענג פון רווישיקן וואָקזאַל פונעם קאַזאַנער.
„עס זאָל שוין אַמאָל ווערן טאָג!" — האָט ער געטראַכט,
ווי ביי אַ גוטן פערד האָט יעדע וויילע אַ מאַך געטאָן דעם שפּאַן אים.
און, ענדלעך, אין אַן אויסגעהוילט־נאָוועמבערדיקן אינדערפרי,
האָט איבער מאָסקווער גאַסן ער אַ לאָז געטאָן זיך.
קיין שפּור פון שניי. די זון איז מיט פאַרשפּעטיקונג נאָך הי,
אויף הויכע ווענט אַ מילדע שיין נאָך בלאַנדזשעט.
ס'פאַרלעגערט גריבס, האָט זיך געדאַכט, איז נאָך געדיכט,
הגם דער זומער האָט געשרפּהט אַזאַ הייסער.
אין האַלב־פאַרנעפּלטער פרימאָרגעדיקער ליכט
האָט אויסגעזען פון ווייט דער קרעמל, ווי אַ קרייסער.
אָוואַדיס האָט באַוואונדערט דעם קאַיאַר און זיך געקוויקט,
געלעגן דער באַגין איז אויף דער הויפּט־שטאָט ווי אַ פּאַנצער.
דערמאָנט האָט ער זיך, גייענדיק, די ערשטע טעג פון קריג,
דעם ערשטן אויפברויז האָט ער, גייענדיק, דערמאָנט זיך.

II.

געשפּרייט האָט זיך אין זאַרג אַ האַרבסטיקע, אַ סומנע פּראַכט
מיט ריח בלאָנדזשענדן פון נאַקעטקייט און וויאַנען.
אָוואַדיס האָט באַמערקט, — ער איז פאַרגאַן צום זאָאָפּאַרק.

אַ שווינדל דורך שטאָכעטן אים געטאָן האָבן די שוואַנען.
ס'האָט ווייסקייט שנייאיקע געגעבן אים אַ שנייד,
געוועזן אָרום זיי איז מאָדנע העל און ליכטיק;
די שלאַנקע העלדזער ער באַוואונדערט האָט פונסניי,
און מלכותדיקע רו האָט ער דורך זיי דערשפּירט דאָ.
ס'איז אַזוי אומגעריכט געווען און אומדערוואַרט
אין דער מלחמהדיקער מאָסקווע מיטאָמאָל דערזען זיי,
ווי ס'וואָלט די אַלטע הויפּט־שטאָט פאַר דער שלאַכט
אַ האַלדזבאַנד אָנגעטאָן פון ווייסע פּרענדזן.
און אויסגעזען זיי האָבן דאָרט, ווי וואָזעס שניי
אויף שנורן זילבערנע, אַראָפּגעלאָזטע,
און פון די פּיסקלעך, ווי פון טריוואָקסענע שטעמפּלען, האָט מיט ווי
געזויט דער האַרבסט דער אומגעווינלעכער אין מאָסקווע.

III.

נאָוועמבערדיקע שייך זיך דורכגעזיפּט האָט קאַרג
און אויסגערונען — אומבאַמערקט דורכוואַנען.
אין דעם פאַרכמורעטן באַסיין פון זאָאָפּאַרק
געזעסן אומבאַוועגט, פאַרקלערט זייַנען די שוואַנען.
פאַרריסן יעדע ווילדע האָבן זיי די קעפּ
אויף שלאַנקע העלדזער צו דעם הילך פון די זעניטקעס;
בעגאַנגען אין דער הייך איז אַ געשטעפּ
דורך מיילער פון האַרמאַטן אויפגעריפענע, צעבליטע...
אין הימל אויפגעבליצט האָט יעדע וויַיל אַן אַנדער זוים,
איעדער בליץ געהאַט האָט עפּעס איילִיק צו דערמאָנען.
געווען איז שטיל אין זאָאָפּאַרק אַזוי,
גלייך שטערן ניט געוואָלט האָט קיינער די מחשבות פון די שוואַנען.
און איניקע, מיט העלדזער אויסגעבייגלט רונד,
האָבן די קעפּ אין וואַסער טרויעריק אַראָפּגעלאָזט דאָרט,
פּונקט ווי געוואוירע וואָלטן זיי באַדאַרפט ביים גרונט:
וואָס קומט עס פאַר אין הימל איבער מאָסקווע?

IV.

איבערגערופן האָט אין וואַרטעניש אַ גאַס זיך מיט אַ גאַס,
קיין וואונד קיין איינציקע אויף זיי איז ניט געבליבן אָפן.
דעם זאָאָפּאַרק האָט אויך אַ יענע נאַכט געטראָפן אַ פּוגאַס,
ווען אין וואָליערן זייַנען חיות אומגעשטערט געשלאָפן.
דערמאָנט האָט אפשר דאַן זיך יעדערער פון זיי
אין זייער אור־געבירטיק הימלאַנד, אין די דזשונגלען,
ווען ס'פּלעגט דער פּיינט דער דונער טאָן זיי אַ צעזיי
און איינס אויף צוויַיטן זיי געיאָגט מיט אויפגעשפּאַרטע שלונגען.

עס זיינען אויף די טויערן אין וואָך געשטאַנען אין דער הייך
די אויסגעקלעפּטע שטאַלטנע גיפּסענע קאָזוליעס
און ניט געזען, ווי ס'שפּרייט פון צווישן ביימער זיך אַ רויך
און ווי אַ פייער, זעצנדיק, איבער אַלייען הוליעט.
געוועזן זיי זיינען בלאָס, נאָר ניט געהערט
מיט אויפגעשטעלטע אויערן מיט גיפּסענע און טויבע,
ווי ס'האָט דער העלפאַנט זיך אַ זעץ געטאָן אויף דר'ערד,
דעם כּאַבאָט ס'לעצטע מאָל אין קראַמף פאַרהויבן . .

V.

דערברענט האָט פון ביינאַכט אין זאָאָפּאַרק
די ווינטערדיקע וואוינונג פון די בערן;
בשכנות, ערגעץ אומעטיק, פאַרשפּאַרט
געזעסן זיינען זיי — נשרפים אומבאַוועגלעכע און שווערע.
ס'האָט איינער זיי געפּעלט. ס'איז זיי געווען צו גראָם.
און זייער היים האָט זיך געפּאַסעוועט אין פייער.
און אין דעם פייגל-פּאַוויליאָן, צעטומלט, בקול-רם
געוועזן זיינען אויסער זיך די פּאַפּוגייען.
באַהאַלטן האָבן זיך אין שרעק די חיות מיט געברום,
אויף זיי האָט נאָך דער אויפרייס-הילך געהויערט;
די האָבן אים געזוכט און אָנגעשמעקט אַרום,
דערשראָקענע, די מאַרדעס ווייגנדיק אין טרויער.
די עלטסטע בלויז פון זאָאָפּאַרק, די העלפאַנדיכע — אין אַליין
מיט דער צעקנייטשטער דעמבן-פעל, פונקט ווי געקרעמפּט מיט רייפן,
האָט איינגעטונקען יעדע ווייל דעם כּאַבאָט אין באַסיין
און מיט די פייערלעשערס גלייך געלאָשן דאָרט די שריפה.

VI.

אָוואָדיסן געוואָרן איז אינגאַנצן קלאָר,
אַז ס'איז ביינאַכט געווען אַן אָרדנטלעכער אָנפאַל.
געהאַט האָט ער סמנים נאָך אַ פּאָר:
אַ הויז אַן אָפּגעצוימטס און גלאָז ביים טראָטואַר צעוואָרפן.
ער האָט, ניט וויסנדיק אַליין צו וואָס,
די אויגן, זשמורענדיק, צום הימל אויפגעהויבן,
און אַ געפּלעכט פון פּאַסיקלעך פּאַפּיר אין שטרענגער מאָס
אַ שווינדל האָט צו אים געגעבן פון די שויבן.
ער האָט שוין אויך געוואוסט, אַז אַ פוגאַס
האָט דעם המון אין ריי נאָך ברויט געטראָפן...
אַן אויסגעגעסענע וואַראָנקע אויף דער גאַס,
אַ ליידיק קוישל, ווי אַ מויל ווי אַ צעבלוטיקטס אָפן...

„דאָ זעט עס ערגער אויס, ווי אויפן פּראַנט, —
געטאָן אַוואַדיס האָט אַ קלער, — ס'אַ סימן,
אַז ער, דער דייטש, וויזט אויס, איז טאַקע גאָר שוין נאַ'נט,
ווײַבאַלד ער הענגט אַזוי־אַ פרעך איבער דער שטאָט אין הימל...״

9. נאָך ברויט

I.

צעשטרייט האָט זיך געלאָזט אַוואַדיס ווײַטער גיין,
די לופט, ווי לײַב פון אַ געליבטער, אײַנגעאָטעמט;
ער גייט און גלייבט זיך עפּעס ניט אַליין,
צי ווירקלעך איבער מאָסקווע טראָגט דײַן טראָט אים.
אים גלייבט זיך ניט, אַז באַלד וועט ער אין שטוב אַרײַן,
ס'קויפט איין מינוט איצט אויס אים שווערע פיר חדשים.
נו, וועט ער עס אַ גאַסט אַן אָנגעלייגטער זײַן.
אָט איז זײַן גאַס. און זײַניקע? ער זעט זיי, דאַכט זיך, דאָ שוין!
די שלאָפן נאָך געוויס. אָט גיט ער שטיל אַ וועק זיי אויף.
עס לויפט אים אויס דאָס האַרץ, און ס'איז אים אַזוי וואַרעם.
ער זעט, ווי אַלגע גיט אויף אים אַ פאַל אַרויף,
ווי ס'פליט אים אויף די הענט אַרויף זײַן קלייניקע טאַמאַרע.
און קיינער רעדט ניט אויס קיין איינציק וואָרט,
און גאָרניט הייסט אים אַלגע ניט דערציילן.
— פון דער אַרומריגלונג? — ווערן די אויגן ביי איר גרויס, —
זי האָט געגלייבט! כאָטש ווער־ניט־ווער געשטעלט האָט שוין אַ צלם!

II.

מיט ברעטער־בראָך און זעקלעך זאַמד
זײַנען די הײַזער ביי די גרונטפעסטן אַרומגעוויקלט.
ער וואָלט ביי יעדער הויז זיך אָפּגעשטעלט און זיך פאַרזאַמט,
נאָר ס'האָט די מידקייט שוין געטאָן אַ וויג אים.
זײַן בליק פאַרכאַפּט פונסניי אַ חרוב הויז:
וואָרט אויס! ס'איז אים ניט שווער עס צו דערקאָנען!
דער הימל קוקט דורך פענצטער ליידיקע אַרויס,
און ווי אַ פויגל־שטייג דאָרט הענגט זיך אַ באַלקאָן נאָך.
דער דאַך האָט פאַרן הימל זיך געגעבן אַ צעפּראַל,
און רעלסן דראָען אָפּגעשונדענע, פאַרזשאַווערט;
געמיטן האָט ער שוין דעם קיעווער וואָקזאַל,
אָט איז שוין באַלד די דראָגאָמילאָווער זאַסטאַווע.

אַנטקעגן זיינען אָנגעקומען פּאָסטעכער מיט פּי,
אַרויסגעפירט פון דערפער פון פאַרלאָזטע.
אָוואַדיס האָט אַ פרעג געטאָן: — וואוהין?
— קיין מאָסקווע! — דורכגעברומט אַן ענטפער האָט, — קיין מאָסקווע!

III.

— קיין מאָסקווע ברענגען וועלן מיר אַצינדערט זיי.
און דאָרטן — ווי מע וועט באַשטיין, אַזוי וועט בלייבן! —
געקוקט אויף פּאָסטעכער אָוואַדיס האָט מיט ווי,
געבראָטן און געברענט אַ ווייטעק האָט דאָס לייב אים.
און איינער האָט פאַראיבלדיק אַ קוק געטאָן אויף אים,
אַ שפּיי מיט זאַמד געגעבן אויפן ווינט דאָרט:
— וואָלסט גלייכער ביי דעם דייטש אַ פרעג געטאָן „וואוהין?",
ניט ביי די פּאָסטעכער. ניט ביי די שאָף און רינדער... —
ער האָט אַ טיים געטאָן צום הימל מיט דער רוט: —
פון דאָרט באַגלייט האָט דעם מאַרשרוט
אַ טשאַטע שוואַרצע יונקערסדיקע יעגער,
געשמיסן אונדז מיט פייער און מיט דונערס אונטערוועגנס.
און מיטאַמאָל האָט זיך דער הורט געגעבן אַ צעזיי
מיט ווידלען אויפגעהויבענע און קעפּ פאַרהאַקטע,
און ווי ניאַ צעבער בלוט, מיט קראַמפּנדיקן ווי
זיך וואָרפנדיק, געבליבן איינע אויפן טראַקט איז...

IV.

„וואָלסט גלייכער ביי דעם דייטש אַ פרעג געטאָן וואוהין?" —
ניט אָפּגעלאָזט אָוואַדיסן האָבן דעם פּאָסטעכס רייד די פּראָסטע.
צונויפגעזאַמלט האָט פונסניי אינאיינעם זיך דאָס פּי
און פאַרגעזעצט דעם אומגעווינלעכן שפּאַציר קיין מאָסקווע.
ערשט איצט האָט ער אויף קרייץ־פונקטן באַמערקט
צעשטעלטע רייען קעגנטאַנקעווע באַריערן.
זיי האָבן אויפן האָרץ געלייגט זיך שטייניק־שווער,
געגומען שווינדלען פאַר די אויגן און זיך מערן.
אַ שמעק געטאָן די ווייט האָט מיט געהיים,
מיט אומעט און מיט אומבאַשטימטן גורל.
ער האָט אַ ווילינקע פאַרגעסן אין דער היים,
די טשערעדע מיט פּי פון בליק פאַרלוירן.
אויף דער צעשפּרייטער מאַגיסטראַל אַ שפּאַן געטאָן ער האָט
און גלאָט אַזוי זיך, אויפן אויג, די אָפּגעמאָסטן:
ניט אויסגעשלאָסן איז אַ שלאַכט אינמיטן שטאָט,
אַ שלאַכט פאַר יעדער שטוב אין מאָסקווע!...

V.

זין שטוב געווען איז שוין ניט ווייט,
די גאַס האָט גאַסטפריינטלעך זיך שטיל צו אים געצויגן, —
נאָר אומבאַמערקט האָט ער געלאָזט זיך אין אַן אַנדער זייט,
די טשערעדע, די פּאַסטעכער באַגלייטנד מיט די אויגן,
און זיך געכאַפּט: עס קאָן אַזוי ניט קלעקן אים דער טאָג,
אויב אָפּשטעלן זיך אומעטום, אין אַ געשפּרעך מיט יעדן זיך פאַרטרויען.
און גלייך צוריק געגעבן זיך אַ טראָג,
און אַ צעטומלטער דערזען זיך ביי זיין טויער:
אַט באַלד וועט אַרום אים זיך טאָן אַ נעם צונויף
זיין אויפגעוועקטע, פונעם שלאָף צעטאַרעטע משפחה!
נאָר עפּעס שטיל אַזוי, פרימאַרגעדיק אין הויף,
די שטוב — פאַרמאַכט. די פענצטער — אויף, אַ ווינטל. אַ געפּאַכע...
אַ שוויס איז זיך אַדורך איבער זיין הויט,
גלייך ווי אַ פרעמדער האָט ער אומזיכער געגומען שפּרייזן
און זיך דערוואוסט: אין דריי אַוועקגעגאַנגען מ'איז נאָך ברויט,
ווייזט אויס, אויף לאַנג. איז צולויפן אין נאַרקאָמאַט וועט ער באַווייזן...

VI.

און ווי ער גייט און שטייט — זיך אויפדאַסניי אין שטאָט געלאָזט,
אַוועק אין נאַרקאָמאַט מיט אומגעדולד אַן אַנגעגורטער,
און דאָרט איז דאָס געשפּרעך געווען קורץ און פּראָסט:
— אָוואַדיס, לעבסט? נו, ענדלעך, אָפּגעזוכט דיך! —
עס האָט אים דער דערשוגנער זאַם דערקענט
און אים אַ נעם געגעבן פאַר דער אָפּגעבליאַקעוועטער פּלייצע.
ער האָט געזוכט אַ וואָרט און אַ צעפּיר געטאָן די הענט: —
אין דער אַרומרינגלונג אַביסעלע געדרייט זיך?!
איז זיך! — האָט ער צוערשט געווענדעט זיך אויף „דו",
דערנאָך געזאָגט שוין ווידער „איר" אים,
אַ וויין געגעבן מיט די אויגן אויף אַ שטול:
— איר פאָרט נאָך היינט אַוועק!... עס זיינען גרייט שוין די פּאַפּירן,
ס'איז דער זאַוואָד דער ענ'ער שוין אין וועג,
איר וועט אים אָניאָגן, — האָט ער געקוקט אויף אים אָן אויפהער.
— און שלאָפן? — האָט אָוואַדיס שטיל געטאָן אַ פרעג.
— ניט שלאָפן האָבן מיר אייך, טייערער, אַרויסגערופן!

VII.

ער האָט אַליין געהאַלטן קוים זיך אויף די פיס,
ווי ער וואָלט אָפּגעגאַן, וועט ווייסט, ס'אַרא מהלך.
און ס'האָט אָוואַדיס שוין געשמוכט: — געוויס, געוויס . . .
ווען גייט אַוועק דער צוג? — דאָס וועט שוין זאָגן דער וואָקזאַל אייך!

איר פאַרט, אָואַדיס, היינט אַרויס אויפֿן אוראַל, —
אין דריי מאָנאַטן צייט אַרום וועט איר אונדז געבן טאַנקען!
פֿאַרשטענדלעך, האַ? מיין טייערער, אין קעגנפֿאַל
וועט אונדז דער דייטש... נו, זיצט! — אַ דאַנק איך! —
... פֿון אויסשפּיר, — האָט אָואַדיס זיך דערמאָנט, —
פֿלעגט ער אַזוי זיך אומקערן און גלייך אַוועקגיין.
עס האָט דער זאָם אים אויסגעשטרעקט די האַנט,
אים עפּעס אָנגעזאָגט מיט איר און ניט זיך בלויז געזעגנט:
— איר ווערט, אָואַדיס, דאָך ניט אויס סאָלדאַט,
איר גייט נאָר אויף אַן אַנדער פֿראָנט אַריבער. —
אָואַדיס האָט קיין צייט אפֿילו ניט געהאַט
צו האָבן כאָטש דעם מינדעסטן פֿאַראיבל . . .

VIII.

צי וועט אים קלעקן צייט אַהיים זיך צוכאַפּן אַצינד?
אין באַד אַ לויף טאָן כאָטש, ביז ס'וועט דער צוג אַוועקגיין?
מיט אַלגען אויסרעדן אַ וואָרט, אַ קוק טאָן אויפֿן קינד,
אַרומנעמען זי... עפּעס זיך פֿאַנאַנדערפֿרעגן...
אָואַדיס איז שוין לאַנג אַזוי צעטומלט ניט געווען:
אַוועקפֿאָרן נאָך היינט! ס'איז עפּעס אַלץ אַזוי דאָ צעפּלאָכעט!
ער הייבט ניט אָן צו וויסן, וואָס און ווען
און ווי אַזוי וועט זיין מיט זיין משפּחה?!
„געשלאָגן האָט איר זיך, אָואַדיס, גוט,
ווי שלאָגן דאַרף אַן אינזשעניער זיך, אַ קאָנסטרוקטאָר, —
האָט אים דער זאָם געמונטערט, — נו, אַ גליקלעכן מאַרשרוט!"
און פֿונדאַסניי אים נאָך אַרומגעקוקט דאָרט,
און ערגעץ אין געדאַנק אין מידן נאָך געטאָן אַ שווים
נאָך אים, ווען ביי דער טיר איז שוין געווען ער,
און נאָכגעלאָפֿן מיטן בליק: — „אַזאַ, ווי אים,
איז פּונקט געווען צו דער מאָס די אַפּאָלטשעניע!..."

10. אָפּענע פּענצטער

I.

פֿאַרשריבענע מיט ליבער האַנטשריפֿט, זייט נאָך דיט,
די מאָסקווער גאַסן בלעטערן זיך איבער.
אָואַדיס לייענט אַלע זיי אויף אויסווייניק פֿון ווייט,
ווי לידער פֿון זיין יוגנט — האַרציקע און ליבע.

מיט פאַרכטיקייט ער קוקט אין רויטן פלאַץ זיך איין,
ער גייט אים שטענדיק דורך אַ צ׳ריקגעהאַלטענער, אַ שטילער;
מיט שטרענגער, וואונדערלעכער טעמפּלשיין
גיט שטענדיק פייערלעך דאָרט אַ פאַרהיל אים...
דער פושקין־פּלאַץ גיט פאַר זיין בליק אַ שווים אַרויף
מיט בלומען העל, ווי אַ קרישטאָלענע, אַ קלינגענדיקע וואַזע;
פון דאָרטן קאָן אים יעדער בוים שוין טאָן אַ רוף.
נאָר ער פאַרגינט זיך איצט אפילו ניט די גאַס זען . . .
פאַרשריבענע מיט ליבער האַנטשריפט, זייט נאָך זייט,
געליטערטע זיי בלעטערן זיך איבער;
וואָדיס האָט באַרעכנט — וויפל צייט
איז אומגעפער אים ביזן צוג דאָ נאָך געבליבן...

II.

ניט מער ווי זיבעטהאַלבן שעה ער האָט, —
אַ זאָג געטאָן זיך האָט ער אויפן גאַנצן קול דאָרט.
די באַד אַליין איז גוטע צוויי־דריי שעה. אַ שאָד!
מע וועט עס מאַכן אין דער היים. און נאָך אַביסל צייט פאַר אַלגען!
ער איז אַהיים אויף דראַגאָמילאָווער שאָסיי אַוועק
און ווי אַ שיכורער פון מידקייט זיך גענומען וואַקלען.
כאָטש אָפּראַזירן זיך פון וועג, —
האָט ער אַ טאָפּ געטאָן די שטעכעדיקע באַקן.
אַן אויגנבליק — אין אַ פריזירער־זאַל איז ער אַריין.
ס׳איז קיינער ניט געווען אַ פרעג געבן „נאָך וועמען דו״,
צעלייגט זיך אין אַ שטול, און לאָזנדיק די אברים זיינע פריי,
אונטערן זינגעדיקן גאַל־מעסער פאַרזונקען אין אַ דרעמל.
אים אויפגעוועקט די מייסטערן האָט זייער שטיל:
— איר זייט, ווייזט אויס, פון לאַנג שוין ניט געשלאָפן!... —
וואָדיס האָט זיך פרישער, מונטערער דערפילט
און איר געענטפערט שמייכלענדיק: — נו, יאָ, איר האָט געטראָפן!

III.

— וואָס הערט זיך עפּעס אויפן פראָנט?
איר קומט געוויס דאָך גלייך פון דאָרטן? —
האָט זי געשפּריצט אויף אים אָדעקאָלאָן
און אויפגעהאַלטן מיט אַ וואָרט אים.
זי האָט געוואָלט, מבטיח זיין זאָל דער סאָלדאַט,
אַז ס׳וועט דער דייטש דאָ ברעכן האַלדז־און־נאַקן,
אין פודער איינגעטונקט אַ שטיקל וואַט,
זיך לייכט אַדורכגעשוועבט אויף זיינע באַקן;
— די לעצטע טעג איז זעלטן אַ קליענט,

אַקאַפּעס גראָבן איז די שטאָט אַוועקגעגאַנגען די גאַנצע.
אַט זעט איר דאָ, אין זאַל, איינגאַנצן איין פּאָר הענט,
און אויך אומזיסט. — האָבן די אויגן איר געגעבן אַ צעגלאַנץ זיך, —
כ'וואָלט אויך... נאָר דער סאַלאָן דערלויבט מיר ניט אַוועק.
ווייל טאָמער אַ וואָיענער... דאָך... ווי איר אַזוינע... —
און שוין אין אַ מינוט אַרום מיט פרייד און שרעק
אַרומראַזירט געשטאַנען איז אַוואַדיס לעם זיין וואוינונג.

IV.

אַט זיינען זיי, די טייערע, די ליבע ווענט,
ס'גיט נאָך פון ווייט אין זיי דאָס האַרץ אַ ברי זיך,
עס האָבן אים די שכנים אויפן הויף דערקענט,
נאָר צוגיין ניט געאיילט צו אים מיט אַ באַגריסונג.
די טיר געווען איז פון זיין וואוינונג אויף אַ שלאָס,
דאָס פענצטער — ווייערדיק־צעפּאַכעט, אָפן.
ער האָט געוואַרט. זיך אומגעדרייט... איז וואָס,
זאָל אפשר עפּעס האָבן זיך געטראָפן?
איבערן הויף מיט אומגעדולד האָט ער אַרומגעשפּאַנט,
אַיעדע ווייל ביי פענצטער אָפּענע געטאָן אַ שטעל זיך,
דערזען: צוויי גאַז־מאַסקעס — זיי הענגען אויף דער וואַנט
מיט אויגן גלעזערנע און מיט סקעלעט־אַרטיקע העלדזער.
אַ שטיקל טיש. דאָס ווענטל פון דעם בעט.
דעם ביכער־שראַנק און אַ צעבראָכן קינדער־שפּילכל.
ווי האַלט דער זייגער? ס'איז שוין שפּעט, —
האָבן אין שטיין זיך אָפּגעקלאַפּט די שטיוול זיינע הילכיק . . .

V.

אַ טיר איבער אַ טיר. אַ קלאַפּ. אַ פרעג:
— צי קאָן מען עפּעס ניט ביי שכנים זיך דערוויסן?
— נאָך ברויט... אין אַטשערעד... גאַנצפרי אַוועק...
זיך אומקערן ביז איצט נאָך ניט באַוויזן...
אַ קענטלעכער! — האָט זיך די שכנה איינגעקוקט, —
אַן אייגענער! — די הענט איבער דער ברוסט פאַרבראָכן
און נעענטער צו אים געגעבן זיך אַ רוק, —
ס'איז, גאָט מיינער, ס'איז איר! — האָט זי געוומען אָכצן.
— ס'איז איך! — האָט ער צעטומלט אָפּגעכאַפּט געשווינד,
אַ הייסע טרוקנקייט דערפילט אין גומען. —
צי ווייסט איר ניט, וואו איז דאָס קינד?
— דאָס קינד האָט זי מיט זיך, ווי שטענדיק מיטגענומען!... —
אַ גיי געטאָן די גאַס האָט פאַר זיין בליק,
אין דער וואַראַנקע זיך דערמאָנט, און אין דעם בלוט־באַשפּריצטן קוישל.

ער האָט געמאַכט צוויי טריט צוריק,
פאַרשטעלט דעם וועג האָבן אים אומפאַרשטענדלעכע גערוישן . . .

VI.

פאַרהאַקט האָט אויף אַ ווײלע זיך זײן בליק,
געווישט האָט אומבאַמערקט די שכנה זיך די אויגן.
אָט דאָ, ווײזט אויס, האָט ערשט דער קריג
פאַר אים זיך אויף אַן אמת אָנגעהויבן . . .
אָט דאָ אַרײַן איז די מלחמה אין זײן גבול,
צו אים אין הויז, און אויסגעריסן, וואָס איר האָט פאַרגלוסט זיך...
ס'איז אַלץ אַרום עפּעס געוואָרן שרעקלעך פול
און איטוויטיק, אין אים, אַזאַ מין שווערע פּוסטקייט . . .
וואוהין גיט מען צום אַלעמערשטן זיך אַ ווענד?
וואו ווערט מען עפּעס וואָס געוואוירע? און ביי וועמען?
האָט ער געלאָזט זיך צוריק, ניט זעענדיק די טרעפּ, די ווענט,
ווי אין אַן אָפּגרונט, אַ געקאָוועטער אין קלעמער...
נאָר ס'האָבן דיינע פיס, געפענטעטע פון ווי,
אַנטקעגן פענצטער אָפּענעם פונסניי געטאַן אַליין אַ שטעל זיך.
אַרויסגעקוקט פון צימער האָבן אַלץ די גאַז־מאַסקעס די צוויי
מיט אויגן גלעזערנע און מיט סקעלעט־אַרטיקע העלדזער.

VII.

און נאָך אַ קוק, און נאָכאַמאָל דעם קאָפּ אַ דריי,
אויף נאָך עפּעס דערזען — געגאַן אין לעבן אים איז.
געוואָרט האָט אויפן טיש אַ האַלבע ניט־דערטרונקענע גלאָז טיי
און אויף אַ טאַבורעט, אין ווינקל, אַ פאַרזאָרגטער פּרימוס.
געווען איז שטיל, ווי ס'וואָלט געוואַרט איעדע זאַך,
ס'זאָל זיך אַן עפן טאָן דיר טיר — און אַ געוויין צעפּענטען!
די שאָטנס, האָט אָוואַדיסן זיך אויסגעדאַכט,
אַ שאַרכע וועלן אפשר אויף די ווענט טאָן...
דערזען האָט ער דאָס צוגעקליבענע פאַרבעטע בעט,
דעם אַבאַזשור, פאַרוועלקטע קוויטן אויף דער סאָפע.
און אין אַ רעמל — אַלגעס מיידלשער פאַרטרעט,
וואו זי אַראָפּגענומען איז אין פּראָפיל.
און ס'האָט זיך אים געוואָלט דאָס פענצטער געבן אַ פאַרמאַך,
ווי מע פאַרמאַכט מיט הענט מיט אייגענע דאָס דעקל פון אַ טרונע:
„געשיקט זיך, — האָט ער, לאָזנדיק זיך צריק, געטאָן אַ טראַכט, —
אַז אַלגע... און דאָס קינד... און אַלץ — אַנטרונען?"

11. דייטשן גרייטן אַ פּאַראַד

I.

דאָס ערשטע מאָל פאַר פיר און צוואַנציק יאָר .
זיך ניט געגרייט האָט מאָסקווע צו איר גרויסן יום־טוב.
פאַרקלאַפּטע שוי־פענצטער און זעק מיט זאַמד און גאַר,
און פון האַרמאַטן־גאַרגלען אַ פאַרטייעטער געפלאַנטער.
דאָס ערשטע מאָל פאַר פיר און צוואַנציק יאָר
האָבן די מאָסקווער פלעצער ניט באַצירט זיך
פאַר פייערונגען בונטע און שפּאַצירגענג,
צום יום־טוב פון דעם בלענדיקסטן קאַיאַר.
דאָס ערשטע מאָל פאַר פיר און צוואַנציק יאָר
האָבן אויף גאַסן זיך ניט אויפגעשטעלט קיין אַרקעס.
און אין דעם לאָקער פון געפאַר איז ניט געווען קלאָר,
און ניט געווען איז קלאָר אונטער דעם יונקערסדיקן קאַרקען :
וועט ער נאָך פאַרקומען, דער פייערטאָג, צי ניין ?
וועלן אין הימל נאָך צעבליען זיך אילומינאַציעס ? —
ווי אויסגעפרעגט וואָלט זיך איעדער שטיין,
ווי אויסגעפרעגט וואָלט יעדער פלאַץ זיך . . .

II.

עס האָבן אַכציק דייטשישע דיוויזיעס געשפּאַרט
מיט קלעמער ריזיקע דורך דריי געפּלעטע זייטן,
ווי אויף אַן אונטערהאַלט, דורך טאָג און נאַכט,
באַזויפּענע מיט אומגליק און מיט שייטערס.
אַן אומצאָליקער הישעריק, באַדעקט מיט שטאָל,
אַרומגעשמידט מיט רויפן און מיט פּלאַטן,
געקראָכן אַ געפּאַנצערטער איז אויף דער שטאָט
מיט טאַרטשענדיקע צייַנקאַסטנס מיט שוואַרצע פון האַרמאַטן.
און פון בינאָקלען אויסגעקוקט אויף רעכטס און לינקס
האָט יעדער איינער זיך אַ פּאַלאַצל אויף ווינטער.
געשטאַנען מאָסקווע איז ווי אַ ניט־צוטריטלעכער ספינקס,
געמאַרדעוועט האָט זיך בערלין : געשווינדער !
מעת־לעתן האָט געדונער פון קאַנאָנען זיך געהערט
איבער פאַרנעפּלטע און אויפגעשנייטע ראַנדן..
נאָר אויפגעשטעלט האָט זיך די אונטערמאָסקוועדיקע ערד,
און אין אַ באַרג האָט יעדער צוטריט זיך פאַרוואַנדלט.

III.

ניט מער ווי נאָך אַ טאָג, אַ צווייטער. ער גענע׳נט.
פון פאַרגעפיל גייט דורך איבער דער פעל אַ ציטער.
געביסן האָבן ביי דעם פיורער זיך די הענט —
דעם שטריק איבערן האַלדז פון מאָסקווע אַ פאַרצי טאָן.
די הויפט־שטאָט האָט געשווינדלט פאַרן בליק,
און קעפ האָבן אין הינערפלעט געדרייט זיך,
אַ שיכור טאָן מע וועט! פאַרשיכורן דעם זיג!
און איבער גאָר דער ברוסט די קלינגענדיקע קרייצן
וועט זיי אין רום דער פיורער אָנהענגען אַליין, —
האָבן זיי היקעדיק פון שיכורן געלעכטער זיך געקויקלט,
דריי רוסן אין געשפאַן — פאַרן פאַראַד־אַליי,
און מיט די כלות איבער מאָסקווע — אויף אַ טראַיקע!
זיי האָבן זיך געאײַלט, ס׳האָט קיין געדולה זיי ניט געקלעקט,
און שרייבן בריוו קיין דייטשלאַנד האָט דערעסן;
געבעטן ענטפערן קיין מאָסקווע זיך דירעקט,
און אָנגעוויזן פינקטלעכע אַדרעסן.

IV.

אַזוי פיל לענדער, ערד און שטעט,
פאַרטרונקענע אין בלוט, האָבן אין וועלט אין גאָרער זיי געהערט שוין!
געגאַן איז אַ צעיושעט־שרעקלעך געוועט:
ווער וועט אַ תליה אויפן רויטן פלאַץ פאַרפעסטיקן דער ערשטער?
ווער וועט דער ערשטער אויסקאַוואַטשען „הייל!“.
ווען ס׳וועט די פרייהייט אויף אַ קאָפ דאַרט ווערן קירצער?
נאָר יעדער אויגנבליק און יעדע ווייל
געוואָרפן אויף אַן אַנדער וואָגשאָל האָט דער גורל, ווי געוויכט, זיך.
געקרעכצט די ערד האָט אונטער לאַסט פון שטאָל.
מיט גרילץ געמאַרדעוועט אויף איר זיך האָבן פאַנצערס.
וואו ס׳איז געווען אַ באַרג — האָט זיך צעלייגט אַ טאָל,
און וואו אַ טאָל — געהויבן האָט אַ וואַנט זיך.
ס׳האָט אויפן זייגער קלאַפס שוין אויך די שעה געציילט,
זיך אין הוליאַשטשינעס אין ווילדע שוין געשמאַלצן,
און שיכור אָנגעיאָגט אַ טייל האָט נאָך אַ טייל,
מיט שפייז־קאַרטן פאַרגרייט צום מאָסקווער מאַלצייט.

V.

מיט אַ פאַראָרדענונג אין קאָפ, ווי אין אַ קעסטל אַ פאַרקלאַפטס,
איבערן וועג פון רויב און גזילהדיקן צויבער,
איז אין אַ שטאַב־מאַשין אויף מאָסקווער פראָנט געפאָרן קלאַפס.
פאַר דינסט דעם רייך האָט ער באַקומען אַ דערהייבונג.

ביי אים איז אַלץ פאַראויסגעזען ביז צו דעם מינדסטן פּרט,
און פּרט צו פּרט געפּאַסט איז שרויפיק.
געשווינדלט פאַר זיין בליק האָט בלענדיק דער פּאַראַד —
ער האָט שוין דאָ געהערשט אויף יעדער גאַס און פּלאַץ און הויפל!
„אין גרונט די געטאָ איז, — האָט ער געטראַכט, —
ביט זיין מאַסשטאַב געווען פון סאַמע אָנהייב;
דאָס מזל אויף געוויס אין מאָסקווע אויף אים וואַרט,
ער וועט אין מאָסקווע אַלץ דערנעמען און דערמאָנען"...
עס האָט אים גאַר די לאַנגזאַמקייט געקוועלט,
געריסן האָט ער זיך די הענט שוין אַ צעפיר טאָן.
אָט איצט וועט אין זיין גאַנצער גרייס דערזעען אים די וועלט!
אַ קליינע פּאוזע? ניט וויכטיק!

VI.

— אַ פּאוזע! — גיט קלאַפּס אַ קיל זיך אָפּ, —
אַן אויספּרוּאוו! ביים פינאַל! ס'קאָן גאָרניט שוין געשען דאָ!
וואו זיינען זיי, די זיסע טעג פון גראַנאַטאָפּ!?
גערמאַניע, קרעשטשענדאָ!...
ס'פאַרטראָגט קיין פּאוזעס ניט קלאַפּס.
פאַר אַלע דריי יאָר קריג האָט אים דער טעמפּ באַפליגלט;
אַ פּעטס, אַ שמאַלציקס און אַ גראַבס
וועט ברענגען איצט דער אונטערמאָסקוועדיקער זיג אים!
נאָר ס'האָט באַשיימפּערלעך געפּלאַצט ערגעץ דער טעמפּ...
דער שיקזאַל האָט אַ וויג געטאָן זיך — לאַרגאָ!
נו, יאָ! . . . אויף ברייטסטע שטרעקעס ווערט מען אויך פאַרקלעמט,
די פּרייסטע רוימען קאָנען אויך אַמאָל דערוואַרגן...
אָבער דערווייל? — לאָזט אים די פּאוזע שוין ניט אָפּ, —
וואָס פאַרא נאַכריכטן זאָל ער דעם פיורער אונטערטראָגן:
אָנשטאָט דעם רויטן פּלאַץ — אַ גרוב פון גראַנאַטאָפּ?
אָנשטאָט דעם קרעמל — די מינסקער סינאַגאָגע?

12. בינאָקלען אונטער מאָסקווע

I.

אַ פיבער האָט געמאָרדעוועט דעם דייטשן שטאַב.
די רויב געציילט אין טרוים. די ווערט אירע געטראָפן.
מיט אויגן בלוטיקע די הויפּט־שטאָט ראַש געטאַפּט
נאָך העט פון ווייט האָבן די ווילדע מטורפים.

געבײדעס אײַנגעטײלט, מיט האַק און פּאַק,
צו לוסט צו בלוטיקער זײ צוגעמאָסטן:
אַ װעלכע זײַן פֿון זײ װעט אַ קאַבאַק,
אַ װעלכע זײַן פֿון זײ אַ שאַנדהױז װעט אין מאָסקװע;
פֿון װעלכער װעט געװײן זיך טראָגן אױף דער שטאָט,
בײ װעלכע װעלן פֿענצטער זיך מיט שװאַרץ באַדעקן.
אָקטיאַבער־יום־טובֿ צוגעגאַן איז שױן אָט־אָט,
באַגעג׳נען װעלן זײ מיט צײלעמער פֿון דער פֿרײ —
געגרײט זיך האָבן האַפּערדיק די האַרדעס
קײן מאָסקװע אױף די טאַנקען היקעדיק אַרײַן, —
אַזױ ז׳געװען פֿון פֿיורער די פּאַראַד׳נונג.

II.

ער האָט אַלײן באַזוכט דעם אונטערמאָסקװעדיקן פֿראָנט,
אַליך ער, אױפֿן אױג, די לעצטע שטרעקע האָט געמאָסטן
און אָפּגענומען ראַפּאָרטן — װי נאָ׳נט
די שטײען אונטער מאָסקװע.
אין גאָרגל איז געװען דעם פֿיורער ענג און הײס,
דאָך ביז צו שום געריסן און געמאַרדעװעט האָט ער אים.
ער איז געװעזן אױפֿגערעגט, און שטרענג, און בײז,
און ניט דערלאָזט קײן לאַנגזאַמקײט אין קײן דערקלערונג.
געשטאַנען זײַנען גענעראַלן, װי אַ גרינע װאַנט,
מיט ראַנדן מיט פֿאַרריסענע פֿון הױכע הוטן.
און ער האָט דעם בינאָקל יעדער װײל געביטן אין דער האַנט,
באַפֿאַלן די מאַנקאַליע האָט אַ יעטװידע מינוט אים:
ס׳פֿאַרטראָגט דער פֿיורער ניט קײן „אומגעפֿער" —
גענױקײט, פּינקטלעכקײט ער פֿאָדערט.
— אין װיפֿל שעה אַרום װעט ס׳דײטשישע געװער
האָבן דעם מאָסקװער װידערשטאַנד צעקנאָדערט?

III.

די אױגן יעדע װײל האָט ער געגעבן אַ פֿאַרגלײז,
װי עפּעס אױפֿגעכאַפּט ער װאָלט פֿון דער השגחה:
ס׳טאָר אין טערמין ניט זײַן קײן מינדסטער גרײז,
ער איז אים אױג־אױף־אױג פֿון גאָט פֿאַרשפּראָכן!
אַ שטילער שנײ האָט זיך געבעט איבערן פֿעלד,
פֿון בױם צו בױם איבערגעשפּרונגען זײַנען ראָבן.
דער זיבעטער נאַיאָב! — האָט זיך געריסן פֿון באַפֿעל,
װי שפּיזן האָבן בוכשטאַבן זיך גאָטישע געגראָבן.
האָט פּינקטלעך ער אַלײן געקאָנט דאָך יאָ
פֿאַרשפּרעכן און פֿאַרזיכערן אַ דאַטע,

אַז אין דער גאַרער וועלט אויף טויזנט יאָר
וועט ער די הערשאַפט פונעם האַקנקרייץ באַשטאַטן!
געקוקט אַ גענעראַל האָט אויף די רויפּן פון אַ טאַנק,
ווי אויף אַ ציפערבלאַט פון זיגן און טריאומפן:
— פאַרווירקלעכט זיין סוועט רעכט דעם פיורערס דראַנג,
ווי שטענדיק —אין טערמין! ווי שטענדיק — רומפּול!

IV.

גערמאַניע האָט געמאָלדן טויזנט יאָר!
דעם זיבעטן נאָיאַב געמאָלדן האָט גערמאַניע!
עס וועט ניט זיין געענדערט אויף קיין האָר —
האָט יעדער שפּאַר אַדורכגעקלונגען דאַן אים.
פון רייכסטאַג אַנגעצונדענעם דאָס בלענדיק פייערווערק
באַלויכטן האָט דעם וועג אים פון בערלין ביז סאַמע טולע.
אונטערן דאַשעק דעם בינאַקל צוגעלייגט האָט ער
אַ טאַפּ טאַן מיטן אויג זיין רייפנדיקע גדולה,
און האָט אויף אַ בעריאָזע דאָרט אַ שוואַלבן־שלאַק דערזען,
אויף אים געהאַנגען איז צעפּוילט די דרייעק־הוט פון אימפּעראַטאָר...
געטראָגן שוואַלבן האָבן בלאָטע טומלדיק, מיט ברען,
און ראַשיק עס פאַרקיטעוועט, פאַרלייגט און עס פאַרלאַטעט.
נאָר מאָסקווע — מאָסקווע זעט אין זיין בינאָקל דאָך זיך ניט,
פון מאָסקווע ווייזט זיך ניט קיין מינדסטער שפּור אים...
אים דוכט: לעם שוואַלבן־שלאַק פון אונטן זיצט אַ בעזשענעץ אַ ייד
און ווינקט אַרויף: צי וויל ס׳דרייעקיק הוט ניט אָנמעסטן דער פיורער?

V.

מיט כריפּ מיט הייזעריקן פּילט זיך אַן דעם פיורערס שטים,
און דורך דעם פראָנט דערלאַנגט זיך אַ צעלייג ער:
ס׳פאַרהאַלט, צו אַלדי טייוולען, די געשיכטע אים,
ער האָט קיין רגע ניט קיין צייט. ווי האַלט דער זייגער?
ווער האָט געשיכטע אויסגעטראַכט? זי איבערפאָרן מיט אַ טאַנק!
אַז ס׳איז אין בליצנטעמפּ אַצינדערט בלויז דער מאַנגל!
אַ שפּיי מיט שוים מיט ביטערן האָט ער דערלאַנגט,
באַפוילן אַ בינאָקל זיך אַן אַנדערן דערלאַנגען!
און אין בינאָקל פיבערדיק ער קוקט שוין פונדאַסניי,
מיט גיר און גיפט דער בליק איז אים פאַרמיסטיקט,
און ער דערזעט: אַן אויסגעבויגענער גייט דורך פאַרביי
דער גאָטזעליקער קאַנצלער ביסמאַרק . . .
אַ זייגער אַ פאַרצייטיקן ער טראָגט אין האַנט,
עס הערט דער גאַנג זיך אויף אַ ווייטער שטרעקע,

ביי יעדן קלונג שפּרינגט אויף פון אים אַ הילצערנער קאָמעדיאַנט
און לאָזט אַרויס אַ כּריפּעדיקן קוקאַרעקו . . .

VI.

די סוויטע אויסגעצויגן שטייט. ניט זיין פאַרהערט
דעם פּיורערס אָטעם זאָל. נאָר עפּעס אָטעמט אַזוי לאַנג ער...
אַ וואָרף געטאָן דעם אַנדערן בינאַקל אויך אויף דר׳ערד,
באַפּוילן זיך אַ דריטן האָט דער פּיורער גלייך דערלאַנגען.
געיאָגט האָט אים די היץ. ער האָט געפּיבערט: קאַנצלער, באַלד!
ס׳איז ניט דער קאַנצלער. ס׳איז אַ ייד. ער כאַפּט אַרויס די שפּאַגע,
נאָר דאָס געשפּענסט זי מיטן בליק פאַהאַלט:
— וואָס טוט איר דאָ? שוין אויך אַ מת? זייט מוחל פאַר דער פראַגע!
אין מאָסקווע שנייט. צי זייט איר ניט קיין בעלן, מת, אַ שירעם?
צי ווילט איר ניט אַביסל דורכגיין זיך שפּאַצירן?
דאָ איינגענומען די וועלט איז לייכטער אָן אַ שיער,
דערביי אַ גאַרניזאָן אַזאַ, קיין עין־הרע... טויטערהייט — אַ צירונג!
איך רעד צו אייך, ווי מיט אַ מת עס רעדט אַ מת,
זייט מוחל, נאָר איר גייט, דאַכט זיך, אין מיין קאַפּאָטע...
און ליגן ליגט זי אויף אייך, פּונקט ווי אַ קאָמפּרעס —
מיט שבתדיקע... גרינע אַליפּאָגע... פּטור!...

VII.

ניט אַנדערש, ווי דעם שניי האָט איבער אים געטאָן דער שד אַ שאָט
און מיט אַ קאַלטן שוייס באַדעקט פון פּיס ביז קאָפּ אים.
וואָס הייעט ער? עס ציילט שוין די געשיכטע יעדע שעה,
און ביי זיין טיר ווי אַ באַדינערן געבויגן שטייט איראָפּע.
סך־הכל וואָלט ער שוין באַדאַרפט דאָ ענדיקן דעם קריג,
אין יעדן אויגנבליק איז איצט ביי אים אַזאַ מין מאַנגל.
נאָר אָפּוועגדן פּונעם בינאָקל קאָן ער ניט דעם בליק,
עס קלאַמערט דאָס געשפּענסט אים, ווי מיט צוואַנגען:
— איך ליג דאָ מיט אַ דייטשן גענעראַל בשכנות אונטער דר׳ערד,
אַ גענעראַל — אַ קראַם! צוקאָפּנס — וואורשטן גאַנצע רייפן,
איר זייט געוויס אַ בעלן ס׳האַרץ זיך אונטערלענען, ווי ס׳געהער,
איך מיאוס זיך. אַ ייד... איך עס דאָך ניט קיין טריפה!...
און וואָס באַלאַנגט די טויזנט יאָר,
איז בלויז מיטן בינאָקל אויפגעפּרעסן שוין אָן אָסיען האָט איר,
נו, וויפל פעלט עס אייך אַזוינס, סך־הכל, נאָך?
אַ קלייניקייט!... ס׳איז בלאָטע!...

VIII.

עס ברענט, ווי ספּירט, אין זיינע אָדערן די צייט,
ווער ווייסט, וואָס יעדע רגע אין בינאָקל קאָסט אים?

ער וואָלט זיך צו אַ טרעפּערן געלאָזט, אַ פרעג טאָן וואָס ס׳באַטייט,
זי זאָל אים קאָרטן לייגן ערב זיין אַריין קיין מאָסקווע ?
און ס׳גיסן זיך די אויגן אָן ביי אים מיט בלוט,
ער הערט דעם יידנס קול איבער זיין מאַרך זיך שאַרן :
— צי וועט איר, מת, ניט זיין שוין אַזוי גוט
מיר זאָגן, וואָס סע מאַכט מיין ברודער משה־אהרן ?
ער האָט די דיישקעס פון דער שטאָט געקאָנט אויף אויסנווייניק כמעט,
די גאַנצע וואָך אַריינגעקוועלט זיי וואָסער פונעם טייך ווי טוי ריין,
און שבת האָט ער ס׳חיות ליב געהאָט
צו הערן אין דער שול פון יידן דברי־תורה...
ער פלעגט דעם פערד פאַרגרייטן סיטשקע אויף ביינאַכט
און אָנפאָיען פאַר „מודה אני״ יעדן אינדערפרי עס.
איר גאָווערט אַזוי, מת, ניט פאַר קיין ייד געדאַכט,
צי זייט איר, מת, חלילה, ניט בקו־הבריאות ?

IX.

איך רעד צו אייך, ווי מיט אַ מת עס רעדט אַ מת,
האָט קיין פאַראיבל ניט. בעמט עס פאַר בייז ניט אָן נאַר, —
ער פלעגט אויף חתונות אַרויספאַרן באַגעגענען די געסט,
דעם וועג פאַרלויפן מיט אַ פולער פאַס די מחותנים...
געווען אַ וואַסערפירער. אָפּגעלעבט די וועלט אין טייך,
די שטאָט געמאָסטן טעגלעך מיט דער קראַמיסלע און עמער.
איך זע זיין סאַמעטענעם טלית־זאַק ביי אייך,
איר קלויבט זיך, פאַר געוויס, אין שול ? אַ שטאָט פאַרנעמען ?
אַ, דאָרטן זיינען שטעט אַ סך פאַראַן איצט ליידיקע צעשטעלט,
דאָרט וועט קיין טראָפּן שווער ניט זיין פאַרפעסטיקן דעם טראָט אייך ;
איז וויפל פעלט אייך נאָך אויף צו באַהערשן גאָר די וועלט ?
אַ קלייניקייט !... ס׳איז בלאָטע ! —
און ס׳טוט אַ ריס דער פיורער זיך : — אַהער ! —
גענויקייט, פּינקטלעכקייט ער פאָדערט : —
אין וויפל שעה אַרום וועט ס׳דייטשישע געווער
האָבן דעם מאָסקווער ווידערשטאַנד צעקנאָדערט ?

13. אַ דועל

I.

באַוויזן האָט דער ראָטנער קעכער וויגדער פלאַם
די פאָטאָגראַפיע פון זיינע אומגעבראַכטע ווייב און קינדער יעדן איינעם ;
עס האָט, אָט דער געזונטער מאַן, זיך איינגעהאַלטן קאַם,

ער זאָל ניט, ווי אַ קינד, זיך יעדעס מאָל צעווייִנען.
באַגלייט האָט אים די פּאָטאָגראַפּיע דעם גאַנצן וועג
פון זיין פאַרברענטן מינסק, פון זיינע אומבאַוואוסטע קברים,
און אים דאָס האַרץ געזעגן מיט אַ זעג,
און אויסגעצויגן יעדע רגע אין אַ יאָר אים.
איצט אויף אַ פּלאַץ אַן אָפּגעשוונדענעם, ווי דורך אַ שטראָם,
נאָך דריי פאַרטויבטע שלאַכטיקע מעת־לעתן
האָט ער באַטראַכט אַן אָפּגערייניקטן אַעראָדראָם
פאַר זיינע אונטערוועגדיקע פרידיקעס און קעסלען.
ער האָט איעדן איינציקן ישוב־הדעתדיק באַשטאָט,
אים איינגעפּעסטיקט גרינטלעך, באַלעבאַטיש האָט ער,
ווי ניט קיין קעסל ס׳וואָלט געווען, נאָר אַ האַרמאַט,
וואָס טרייבערן באַדאַרף ער דייטשע דאָטן.

II.

געפּילט אויפן אַעראָדראָם האָט זיך דער קעכער — באַלעבאָס,
אין שטילקייט און אין שניי איעדע וויל — אַ הריזנע;
די פּיס פונדאַנען אָפּגעטראָגן האָט נאַרוואָס דער דייטש
און זיבן יונקערסן געלאָזט אויף אַן אַטיזנע.
געזעסן זיינען זיי, ווי געענדז אַריינגעפּרוירעוע אין שניי,
עס האָט אפילו ניט דער ווינט געלייגט אויף זיי קיין אַכטונג;
און ווי צו זיך אין וויינגאַרטן געטאָן האָט אַ פאַרגיי
מיט גאווה, און מיט גיר, און מיט קור־זש — דער אַכטער.
אַ דריי געטאָן האָט פאַרן קעכער זיך דער גאַנצענער אַעראָדראָם,
פאַרלוירן האָט דער קעכער אויף אַן אויגנבליק דאָס לשון;
געקוקט און ניט געגלייבט און פאַרגעשטעלט זיך קאָם:
דעם שניי גיט דער פּראָפּעלער אַ צעבלאָז שוין,
אָט איז ער שוין ביי דר׳ערד. אַרויס שוין דער פּילאָט
מיט אויסגעסטאַרטשעט גלאָז איבער די אויגן, ווי אַ זשאַבע,
און ס׳האָט זיך פלאָם אַ ריס געגעבן מיט געציילטע טריט,
און מיט אַ ליש אין קינביין אָפּגעגעבן אים אַ ברוך־הבא.

III.

וואָס קומט דאָ פאַר? — האָט דער באַהערשער ניט געוואוסט,
פון אַזאַ אומגעריכטן ברוך־הבא אַ געפּלעטער:
מע זאָל אים האָבן אָנגענומען פאַר אַ רוס?
צי אָפּגעטראָטן איז מען אַזוי איילִיק, דאָנער־וועטער?!
נאָר ס׳האָט אַ צווייטער ליש אַ לייג געטאָן אים אויפן שניי,
ווי ס׳וואָלט אויף דר׳ערד געטראָפן ערשט אים די עבירה;
— זיך אויפשטעלן! — האָט פלאָם געגעבן אַ געשריי, —
דער ראָטנער קעכער! — פאַרגעשטעלט האָט זיך דער גבר אים, —

אַ מינסקער ייִד, פֿון דער נעמיגע־גאַס,
פֿון דער, וואו אויפֿגעשטעלט איר האָט די געטאָ. —
די אויגן אויסגעלופֿעט האָט דער דייטשער אַס
און ווי אַ ברענענדיקער פֿון דער הויט געקלעטערט.
דערנאָך האָט פֿלאַם אַרויסבאַקומען פֿון זיין טאַש
די פֿאָטאָגראַפֿיע פֿון זיין דערהרגעט ווייב און קינדער,
און ווי אין חלום זיך דערנעענטערט, אַן רעש
אַ וויז געגעבן האָט ער זי געשווינד אים:

IV.

— דו האָסט דרהרגעט זיי? — ניט איך! —
גענומען דרייען האָט דער דייטשער אַס זיך.
אַ קוק געגעבן פֿלאַם האָט אַרום זיך
און אַפּגעווענדט דעם קאָפּ פֿון אים, ווי פֿון אַ חזיר,
אַן אַנגעטאָנענעם אין שטיוול, אין אַ הוט,
מיט גרויסע אויסגעלופֿעטע שפּאַקולן.
ס'האָט אים אַ שפּאַר געטאָן צום קאָפּ דאָס בלוט,
און אָנגעגאָסן האָבן זיך מיט האָס די אויגן פֿולע.
אַז גאַרנישט, דאַכט זיך, מער שוין ניט ער זעט,
נאָר עפּעס אַזאַ פֿינצטער־בריענדיקן שווינדל.
אים האָט געדוכט: אַראָפּגעגאַנגען דאָ פֿונעם פּאַרטרעט
איז זיין דערהרגעט ווייב אינאיינעם מיט די קינדער...
בלויז זיי אַליין — מער קיינעם האָט ער ניט געזען,
ווי צו דער גרוב עס טרייבט זיי אייליק אָט דער קוילער.
האָט ער אַ דריי געגעבן האַסטיק זיך צו אים: — ווען דען? —
און מער קיין וואָרט האָט ניט געקאָנט אַרויס פֿון מויל אים.

V.

אַראָפּשקראָבען פֿון אים די גאווה און ס'געווער
האָט ווידער פֿלאַם פֿון סאַמע לכתחילה ניט פֿאַרגעסן.
געפֿינטלט פֿונדערווייטן האָט דאָס אָרט, וואו ס'ווערט
געגרייט דאָס פּי פֿאַר זיינע אונטערהרגעדיקע קעסלען.
— דו האָסט פֿאַרן דערמאָרדן אויסגעטאָן זיי הויל? —
האָט ער אים פֿאַרן בליק געפֿירט דאָס פֿאָטאָגראַפֿיש קאַרטל.
עס האָבן זיינע ביינער איינגעהאַלטן אַ געהויל,
אַ ים מיט ווי האָט זיך געלאָזט פֿון אים אַ שפּאַר טאָן.
— נו, קום! — האָט ער אים מיטן בליק געטאָן אַ וויז,
וואו ס'האָט אַ שוואַרצער דאַך געפֿינטלט פֿון דער בוינע. —
כ'וועל דיך ניט הרגענען!... ס'איז ניט קיין פּריז
פֿאַר אַ פֿאַרדאַמטער פּעל אַ ברוינער! —

ער האָט געפּירט אים ווי אַן אָקס. אַ קוק אויף אים געטאָן
און יעדע ווייל פאַרסטאָמפּעוועט דעם שפּאַן אים:
— פאַרוואָס ביסטו ניט צען מיליאָן
פון דער פאַרשאָלטענער גערמאַניע?

VI.

ער האָט פון גרימצאָרן זיך יעדע ווייל געטאָן אַ דריי,
און קוקן ניט געקאָנט אַן אויפגעבראַכטער האָט ער,
וואָס ס׳שטעמפּלען זיך דעם מערדערס טריט אָפּ אינעם שניי,
וואָס אויף דעם ריינעם שניי גליטשט זיך זיין עקלהאַפטער שאָטן.
פאַנאַנדערוואַרפן מיט די פיס גענומען אים ער האָט,
פאַרשמוצן אים און מיט די זוילן אים צערייבן,
אין קויט זאָל שטעלן זיך דער מערדערישער טראָט,
קיין צייכן זאָל פון לעצטן דורכשפּאַציר ניט בלייבן.
— נו, גיי, נו, גיי! — געמונטערט האָט ער אים,
פאַרווישנדיק נאָך זיינע טריט די שנייען־שפּאַרעס.
און אומגעריכט האָט ער דערהערט אַ שטים:
דערנעבן דורכגעפאָרן אויפן וועג אַ באַטאַליאָנען־קאָמיסאַר איז.
זיך אָפּגעשטעלט. און גלייך געגעבן אַ פאַרקער,
באַטראַכט דעם וואָלף. צו פלאַמען זיך געווענדט: — דו פירסט וואוהין אים?
— איך פיר אים, חבר קאָמיסאַר, אויף אַ פאַרהער! —
האָט פלאַם דערקלערט דעם קאָמיסאַר לויט אַלע דינים, —

VII.

כ׳האָב אים פאַהאַלטן דאָ, אויפן אַעראָדראָם,
אינאיינעם מיט זיין פליענדיקן קאָדעפּ.
— ווי רופט מען דיך? — מע רופט מיך ווידער פלאַם!
דער שעף פון ראַטנער קיך אין אַ באַזונדערער בריגאַדע! —
אַ שפּאַן געטאָן דער קאָמיסאַר האָט אַן פאַרטרוי,
אַ קוק געגעבן אין די אויגן גראַד אים:
— פאַרוואָס־זשע פירסטו אים אין בוינע, אויב אַזוי,
און ניט צו זיך אין דער באַזונדערער בריגאַדע?
— פאַראַן אים אָפּפירן אין דער בריגאַדע, חבר קאָמיסאַר, —
האָט צו דעם שטערן צוגעלייגט די האַנט דער ראַטנער קעכער,
געוואָלט דערציילן אים פון זיך אַ סך, אַ סך,
עס האָבן זיינע אויגן אָנגעגאָסן זיך ווי בעכער.
די פאָטאָגראַפיע פון טאַש אַרויסגעשלעפּט ער האָט:
— די קינדער און דאָס וויב, — זיך מיטן וואָרט געשטיקט האָט לאַנג ער, —
דערהרגעט האָט ער זיי אין מינסק... אין מיטן שטאָט...
דערלויבט מיר, חבר קאָמיסאַר, כאָטש איין מאָל אים דערלאַנגען!...

VIII.

אַ פּראַסטיקע געזילבערט אויף אַרום האָט זיך די ווייט,
געזוכט האָבן זיך ווינטן, וואַיענדיק, אַ האָפן.
עס האָט דער קאָמיסאַר זיך אָפּגעקער׳ווער אין אַ זייט
מיט זויגדער פלאַמס משפּחהדיקער פאָטאָגראַפיע.
דערזען האָט ער אין איר די אומבאַשיצטע וועלט,
ווי איבער טרויער־קינדער — אַ פאַרשניטענע די מאַמע.
פון זיינע אויגן האָט אַ טרער זיך אויסגעקרעלט
און אין דעם טויטן בליק פונעם פאַרטרעט זיך איינגעקלאַמערט.
און וויגדער פלאַם האָט, אַ פאַרטראָגענער, געזען,
ווי צו דער גרוב זיי טרייבט מיט אַ געהיק דער מערדער, —
האָט ער אַ ריס געגעבן האַסטיק זיך צו אים: — ווער דען? —
און מיט אַ קלאַפּ אין שליף אַוועקגעלייגט אויף דר׳ערד אים.
דער דייטשער אַס האָט אויפן שניי געטאָן אַ טראַך.
און ווען דער קאָמיסאַר דערזען האָט אויסגעצויגן אויפן ווייסן לאַן אים,
האָט פלאַם אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ: — אַנטשולדיקט, חבר קאָמיסאַר, —
און מיט דער פאָטאָגראַפיע צום דייטש: — ווער דען, גערמאַניע?!

14. אין מאָרג

I.

געגאַן אין הימל איז אַ לופטיקער געפּעכט.
ערגעץ אין שטאָט האָבן געריסן הייזער מיט אַ קרעכץ זיך.
נאָר ס׳האָט דאָס דונערן אָוואַדיס ניט געהערט,
די שטילקייט ער פאַרנומען האָט פון לייבלעכע צוויי אָפּגעשטעלטע הערצער.
דעם אַכטן לופט־אַליאַרם האָט מען געמאָלדן צו פאַרנאַכט.
שוין גלייכגילטיק געווען די שטאָט צום וואַי און צו דעם רעש איז.
אָוואַדיס דאָן אין מאָרג געשטאַנען איז פאַרשטאַרט
נעבן די סאַמע נאָענטסטע און ליבסטע צוויי נפשות.
פונקט ווי אין אָטשערעד נאָך ברויט זיינען זיי אויך אַציינד באַנאַנד,
אָט באַלד איז זייער ריי. נאָר מידע שוין. פון האַרץ.
געהאַלטן אַלגע האָט אַ קוישל אין דער טויטער האַנט,
און צו דער קוקלע צוגעדריקט האָט זיך די קליינינקע טאַמאַרע.
די האָבן זיך ,ווייזט אויס, געזאַמט דאָרט זייער לאַנג
און ניט דערגאַן, ווייזט אויס, איז זייער ריי נאָך...
געחשבונט האָט אָוואַדיס אַלץ מיטן געדאַנק,
און מיטן האַרץ, און מיט די ביינער.

II.

איך איג פאַרזשמורעט, ס'אַנדערע פאַרגלייזט,
איך פוס פאַראויס, דער צווייטער אין דער קני געבויגן,
געלעגן אַלגע איז אַזוי, ווי איר געווען וואָלט זייער הייס,
די קאַלדרע ווי אין שלאָף וואָלט זי פון זיך אַראָפּגעצויגן.
דאָס מויל, ווי ביי דעם איינהאַלטן אַ ווייטעקדיק געשריי,
געווען האַלב־איינגעפאַלן און האַלב־אָפן;
זי האָט באַוויזן נאָך, ווייזט אויס, אַרויס פון ריי, —
געחשבונט אַלץ אָוואַדיס האָט — און נאָך אַ שטיק געלאָפן...
און ס'קינד? — האָבן די אַקסל זיינע זיך געטאָן אַ וויג,
און עפּעס פונדאַסניי געגעבן זיך אין אים אַ בראָך האָט...
אויף אַלגעס ווייסע ציין געקראָכן איז אַ פליג,
אָוואַדיס האָט זי מיט דער האַנט אַראָפּגעפּאַכעט.
דער קאָפּ — אַביסל אין אַ זייט. די האָר — פאַרגלעט.
דאָס אויריגנגל האָט אַנגעריַרט דעם האַלדז, ווי אַלעמאָל ביים שלאָפן.
ער האָט געטראַכט: ווי אויף דער וואַנט אין שטוב דער מידלשער פּאָרטרעט,
וואו זי אַראָפּגענומען איז אין פּראָפיל...

III.

— טאַמאַרע! — האָט ער אַן אַן אָטעם זיך געטאָן אַ דריי,
ניט אויפוועקן דאָס קינד, אַזוי, בלויז מיטן קוק נאָר.
געצויגט דעם קאָפּ: ביי זיך אין בעטל אין דער היים
פלעגט זי אַנשלאָפן ווערן פונקט אַזוי איינאַיינעם מיט דער קוקלע...
מיט בײדע הענט האָט ער איר פנימל געטאָן אַ נעם,
פונקט ווי מע נעמט אין הייסן דאַרשט אַ וואַסער־־קרוג אַ שווערן,
און ווייגנדיק זיך, ווי איבער אַן אָפּגרונט, איבער דעם,
האָט ער, דעם גאַרגל בריענדיק זיך, טרערן שטיל געשלונגען,
אין יעדן צוג אירן ער איינגעקוקט האָט זיך,
דעם לעצטן אויסדרוק זייערן מיט זיך געוואָלט אויף זיביק נעמען.
אים האָט זיך אויסגעדוכט, אַז אויפן טויטן קינדערשן געזיכט
האָבן זיך שאַרפער נאָך געצייכנט אירע דינע ברעמען...
אָוואַדיס האָט זיי דורכגענומען דורך אויף דורך
מיט אַזאַ שניידנדיקן גליווער אין די אויגן:
ווי זי האָט עס באַמיט זיך, די נאַטור,
און זיי געפיילט, געפורעמט און געבויגן!...

IV.

און אויסגעשטאַט אַזאַ מין וואונדער־סימעטרי,
אַזאַ האַרמאָניע, וואָס דער טויט איז ניט בכוח זי צעשטערן.
געזען האָט ער אַ ניט־פאַרגייענדיקן אינדערפרי
אויף איר ניט־רירעוודיקן בלאַסן שטערן...

אונטער די וויעס האָבן שאָטנס קיניגלעך געדוט,
ווי וועכטער פונעם טויט צו אירע אויגן צוגעשטעלטע, האַרבע.
ער האָט זי קיינמאָל ניט געזען אַזוי, ווי אין דער פינצטערסטער מינוט,
ווען צוגערירט צו איר האָט זיך די דייטשישע פאַרדאַרבונג...
אַ גלעט געגעבן ציטערדיק האָט ער זי פאַר די האָר,
ס'זאָל ווי מיט קראַפּעווע אים אָפּבריען: זי איז נישטאָ מער!...
געווען איז אין דעם נפשל — פון זיינע צווי און דרייסיק יאָר
פאַרזייט דער זין, דער מאַרך און די נשמה...
אים האָט געדוכט: ער זעט דעם דייטש אָט דאָ, אין מאַרג,
זיך אים אַרומשאַרן צווישן די מתים הערט ער,
ווי ער באַטראַכט מיט טעמפּער פינצטערקייט זיין יעדן מאָרד,
און ער פאַרגייט זיך אַלע ווילדע אין אַ שיכורן געלעכטער!

V.

מחשבות אין זיין קאָפּ געוועבט האָבן זיך שטיל,
געלאָזט האָט איינע פון דער אַנדערער זיך פלעטן:
אים זיין וועט אוממעגלעך צו זיצן איצט אין טיל,
אין טייל צוריק וועט ער פון מאַרג אַוועק זיך בעטן.
דער צאָרן — אַן אַ צוים אין זיינע אָדערן פאַרזידט,
דער ווי פאַרשליידערט אויף אַ הויכן באַרג אים:
ער דאַרף איצט מתים דייטשע זען אויף טריט און שריט,
ער דאַרף אַליין מיט הענט מיט אייגענע זיי וואַרגן!
און סיי־ווי־סיי וועט ניט פאַרגיין דער ווייטעק און די וואַרג...
איז אַ נקמה אין דער גאַרער וועלט אַזאַ פאַראַן דען?
פאַר קינדער אומגעבראַכטע דאַרף זיך אין אַ מאַרג
דאָס גאַנצע הענקערשע גערמאַניע פאַרוואַנדלען!
און בלייבן זאָל אין יעטווידער פאַשיסטן־נעסט איין קינד,
אַ שאַרבן זיין זאָל דעם אַ שפּילעכל, און ביינער־בראָך — אַ בעטל.
ער וועט אין טיל ניט איינזיצן אַ רואיקער אַצינד,
צוריק אין טייל וועט ער אַוועק זיך בעטן...

VI.

און דאָך האָט ער די גאַנצע צייט אין זין געהאַט,
און פאַרכטיקייט האָט יעדע ווייל געגעבן אַ באַפאַל אים,
אַז אויף דער פייערלעכער זיצונג פונעם מאָסקווער ראָט
וועט הייבט אַרויסטרעטן, ווי אַלעמאָל, דער חבר סטאַלין.
דאָ, לעם די נאָ'נטסטע זיינע, הערן וועט ער אים,
נעבן דעם בלוט פון זיינע ליבסטע דעם פאַרשוועכטן..
אים וועט זיך דוכטן, אַז זיי הערן אויך די וועקנדיקע שטים,
אַז צורירן צו זיי וועלן זיך אויך די טרייסטנדיקע ווערטער...
זיך אָפּגעווישט צווישן געדאַכט און וואָר

די גרענעצדיקע שוועל האָט אויף אַ ווײַלינקע אַ קלײנע.
די נאַכט פון פאַר דעם יום־טוב פלעגט ער יאָר נאָך יאָר
מיט זײַ פאַרברענגען אַלעמאָל אינאײנעם.
און אין עפיר, דורך הויכן שטערנדיקן בלענד,
האָט סטאַלינס קול געטראָגן זיך ווי בליצן.
אין דער באַשטימטער שעה זיך אָנגעהויבן האָט אין מעטראָפּאָליטען
אויף מאַיאַקאָווסקי־פּלאַץ די גרויסע פײערלעכע זיצונג.

VII.

אַ דונערדיקער הענט־געפּליעסק ביז צו די שטערן האָט דערלאַנגט,
די צוקונפט האָט, געפּלעפט, זיך אויפגעשטעמפּלט.
עס האָבן רוימען אײַנגעזאַפּט איעדן קלאַנג,
און אויסגעזען אין יענער נאַכט האָט מאָסקווע, ווי אַ טעמפּל.
אײנס נאָכן צווייטן — קאַראַוואַנען — אין דער הייך.
האָט זיך אַ טשאַטע אָדלערס יעדע ווײַל געטאָן אַ כוואַליע.
דער אויפשטײַק זײערער האָט יעדנס האַרץ דערגרייכט,
אין זײער רויש געזוען איז שטרענגקייט פון כאַראַלן.
ווי אַנקערס האָט אַרויפגעפּאַכעט מאָסקווע זײַ אין רוים
אויף די נבואהדיקע ווערטער פונעם פירער.
און ס'איז געגאַן אַ פײערלעכער איבערגעפּאַרטרוי
פון זועל צו וועל אין די באַנאַכטיקע עפירן.
און ערגעץ האָט אַ מאַמע זיך געבויגן צו אַ קינד,
געזונגען דעם צום ערשטן מאָל אַ וויגליד:
— דער טאַטע שלאָגט אין הימל מיטן שונא זיך אַציגד,
אַז וואַקסן פריי, מײַן קינד, בײַ דיר עס זאָלן פליגל!

15. אויפן רויטן פּלאַץ

I.

אויף וואָגשאָלן האָט זיך געלייגט איעדע קויל,
פאַרקריצט האָט אין עפיר איעדער שאַרך זיך.
גערמאַניע האָט געהאַלטן אויפגעשפּאַרט דאָס מויל,
און אויף די זיגערס האָבן, סאַפּעדיק, געקוקט אירע משרתים:
— ס'אַ צענטל צו אַ טויז! — ז'געקראָכן אײנער פון דער הויט, —
מיט לעצטן העמד פון פאָלק אויף אַזאַ קערטל גייט ער!
— דאָס גאַנצע לאַנד אַ קאָרט אַזאַ מין מע פאַרטרויט! —
מיט שוים געגאַוועדט אויף די ליפּן האָט אַ צווייטער.
דער דריטער האָט די צונג אַרויסגעשטעקט,

ווי ער וואָלט שוין געשנאַרכט דעם ביין אויף צו באַלעקן;
אים האָט דאָס חיות זיך דאָס הינטישע געעקט:
— דער בער דער רוסישער פאַר אַלעמען וועט קלעקן! —
די ציימונגען פון גאַר דער וועלט האָבן געפּאַקט,
געוואָרפן האָבן זיך אין פיבער טעלעגראַפן.
און פון די פראָנטן צוגעשוואומען איז איעדעס וואָרט
צום רויטן פלאַץ צו דעם פאַרטונקלטן, ווי צו אַ האַפן.

II.

— אַ פּאַרטיי! — האָט זיך די וועלט אין היגערפלעט פאַרטייט.
— אַ ווען־ענס צוועלפטע שעה וועט באַלד אַ בראַך טאָן? —
און מאָסקווע איינגעקוקט האָט דורך דער נאַכט זיך אין דער ווייט,
ווי כוואַליעס האָבן די ידיעות זיך צעקלאַפּט אין אירע באַרטן.
געשטאַנען איז דער קרעמל אין זיין וואונדערלעכער פּראַכט,
אין שטרענגער אָרדענונג געביטן האָבן זיך די וואַכטעס —
און סטאַלין האָט שוין דאַן אונטער דער לאַסט פון קריג געטראַכט,
ווי אויסקומען ס׳וועט אויפשטעלן דאַנבאַסער שאַכטעס.
זיך איינגעהערט אַדורך דער שטורעמדיקער נאַכט
אין פייערדיקן, אין באַליבטן קלאַנג פון די קוראַנטן.
און וועגן זריעה אויף פאַרזיי האָט ער געטראַכט,
וואָס מ׳עט נאָכהער באַדאַרפן פאַר באַפרייטע קאַנטן.
ווי אַ סאָלדאַט — אַ פאָטער — פאַר דער שלאַכט האָט גראַד און קלאָר
אויף צו דעם מאָרגן שוין באַוועגט זיין חכמותדיקער דראַנג אים:
צי אַלץ באַוואָרנט אין דער היים איז און באַזאָרגט?
צי וועט ניט פילן זיך אין עפּעס־וואָס קיין מאַנגל?

III.

און אָט — דער זיבעטער נאָיאַב. עס דוכט, אַז גאָר די ערד
פאַרטייעט איז און שטיל, ווי פאַר אַ שטורעם.
עס האָבן זייגע טריט די פעסטע זיך געהערט
איינאיינעם מיטן קלאַנג פון ספּאַסקער טורעם.
עס קומען לאַנגזאַם די געגאַרטע רגעס אָן,
און ווייט זיך קריצט אַרטילעריסטישער געדונער.
געשטאַנען אויפן רויטן פלאַץ ז׳דער מאָסקווער גאַרניזאָן,
דעם בליק דעם שלאַכטיקן געווענדט צו דער טריבונע,
אויף וועלכער אויפגעגאַן דער גרויסער חייל־פירער איז,
מיט זאָרג מיט לויטערער פאַר גאָר דער וועלט באַלאָדן,
ס׳האָט רואיקייט פון אים געשטראָמט, ווי פון אַ ריז,
און שוואונג געשפּאַרט, ווי פון אַן אָדלער,
געגאַרט דער גאַרניזאָן צו הערן האָט זיין קול,
איידער ער לאָזט אַוועק אין שלאַכט צום ראַנד זיך;

געלויכטן אויפן טורעם האָט דאָס האַרבסטיק־קאַלטע גאָלד,
און ס׳האָבן יאָדלעס ביי דער האַנט געוועבט זיך און געפּאַנצערט.

IV.

אויף זיך דעם הימל, פּייערלעך און שטאָלץ,
געטראָגן איבער מאָסקווע האָבן טורעמדיקע שטערן:
— ס׳איז יום־טוב! — האָט אַ קלונג געטאָן, — ווי אַלעמאָל!
און קיינער וועט אים קיינמאָל ניט פאַרשטערן! —
פון מאַוזאָליי פון מירמלנעם מיט אַ באַפעל
צו רויטאַרמייער זיך געווענדט דער פירער האָט דאָרט:
— עס קוקט אויף אייך איצט, רויטאַרמייער, גאָר די וועלט,
געשמידטע קוקן אויף אייך אַלע פעלקער פון איראָפּע! —
זיין קול געגאַנגען גרויזאַם איז און פריי,
געטראָגן האָבן ווינטן עס, ווי פון דער וועלט ס׳געוויסן: —
אַ גרויסע מיסיע אויסגעפאַלן איז אויף אייך,
זייט, רויטאַרמייער, ווערט די גרויסע מיסיע! —
מיט אומגעדולד מ׳האָט יעדעס וואָרט געוואָרט,
פאַרגליווערט אינם שטאָלענעם געשטאַטנ סדר: —
זאָל אייך באַגייסטערן אויף אָט דער שלאַכט
דער רום פון אונדזעריקע אומשטערבלעכע זיידעס!

V.

געדאַכט האָט זיך: ניט פון די קברים, נאָר פון שלאַכט
צונויפגעקומען זיינען זיך מיט בענטשנדיקן הסכם
אין גאַנצן גלאַנץ פון פאַנצערדיקער טראַכט
דמיטרי דאָנסקאָי און אַלעקסאַנדער ניעווסקי.
אויף יעדן וואָרט פון פירער, האָט געדאַכט,
רייסט פון פאַרגאַנגענהייט זיך ברויזנדיק דער שליח אויף.
אָט רייסן שוין דעם רויטן פּלאַץ אַדורך
סואוואָראָוו אַלעקסאַנדער, מיכאיל קוטוזאָוו.
געדאַכט האָט זיך: אויפן גראַניט פון מאַוזאָליי
שטייען זיי אַלע שוין אין לייכטנדיקע שליעמען,
און אין דער הייך — אין פאַנען־פלאַטער — איבער די
גייט דאָס געשטאַלט אויף פון וולאַדימיר לענין.
און יעדעס וואָרט פון פירער איז אַ גלאָק צו שלאַכט,
אויף גאָר דעם לאַנד מיט קלאַנגען אַ צעזייטער:
— זאָל אייך באַגייסטערן אויף אָט דער שלאַכט
דער רום פון אונדזעריקע אומשטערבלעכע זיידעס!

VI.

דיין האַנט, ווי אַלעמאָל, פאַרדוקט הינטערן לאַץ,
געטוקט דיין בליק האָט אין פרימאָרגעדיקן בלוי זיך.

עס איז נאָך קיינמאָל אַזוי הייליק ניט געווען דער רויטער פלאַק,
און קיינמאָל איז די וואַנט די אַלטע ניט געווען נאָך אַזוי גרויסאַם!
אין גאַרן לאַנד האָבן די קעפּ אַ ריס געטאָן די בערג,
די טייכן אָפּגעשטעלט, פאַרגאַפּט, האָבן דאָס פּליסן,
און יעדער שאַרף פון שפּיז און יעדער אָטעם פון געווער
האָבן אויף ווידערקול געגעבן אַ צוזאַמענפּלי זיך.
אין רוים אַ לאַז געטאָן זיי האָבן זיך געשווינד,
איינס איבער אַנדערן — אין יאַרוסן צעשפּרייטע.
און אונטערגעכאַפּט יעדעס וואָרט אַ ווינט האָט ביי אַ ווינט,
עס אויפגענומען האָט אין לופט־ווגל ביי דער צווייטער,
און עס ווי טוי געטראָגן צו דעם ראַנד,
און עס אין האַרץ אַריינגעהויכט איעדן רויטאַרמייער.
און אין אַ פאַנצער אויסגעזען האָט דאַן דאָס לאַנד,
און ווייסער האָבן דעמאָלט אויסגעזען די שנייען!

VII.

ביינאַכט אַז צום פאַרטונקלטן וואָקזאַל
געגאַן אַוואַדיס, זעג׳נענדיק מיט יעדער גאַס זיך.
דעם חושך דורכגעשניטן האָט מיט אַ געשאַל
די ראַדיאָ, ווי אַ געהיימער קול־מבשר.
אַוואַדיס האָט אפילו זיך ניט צוגעהערט,
וואָס מעלדעט מען, ווי דאָס געווען וואָלט עפּעס זייטיקס.
זיין צוגעמאַכטע שטוב אויף דראַגאָמילאָווער גענען האָט ער,
ער האָט געזען די גאַז־מאַסקעס פון וואַנט, פאַרקוקטע אין די ווייטן...
פון פענצטער אָפּענע געהערט האָט ער דעם שאַרך,
געוואָלט ביז אומעט און ביז ווי האָט זיך אַ טרונק אים.
אויפן וואָקזאַל־זייגער וואָלט ער אַ קוק געטאָן — אַ וועלכע שעה,
נאָר ס׳איז דער זייגער אויך געווען פאַרטונקלט.
אַ שנייעלע אַראָפּגעלעקט ער פון דער ליפּ האָט מיט דער צונג,
די לונגען פאַרן ווינט געגעבן אַ צעפּראַלע.
אין יענער נאַכט האָט אַ פאַרטונקלטער אַ לאַנגער צוג
דורך דעם פאַרשנייטן סטעפּ געטראָגן צום אוראַל אים...

16. אַ פּאַוזע

I.

— אַ פּאַוזע! — האָט קלאַפּס אין שוויס געגעבן זיך אַ וואַש, —
אַ ניט־געוואָונטשענע! — האָט זי פאַרטונקלט דאָרט דעם בליק אים.
ער האָלט דאָך אַזוי פּעסט די האַנט ביים רוס אין טאַש

און ברומדזשעט דאָך אַזוי מיט גאָלדענע מיט לייכטע זיגן,
נאָר עפּעס פאָרכטבאַר שווער איז זי אַרויסשלעפּן צוריק,
צו אַלדי טייוולען, כאַטש אַ ליידיקע, פון דאָרטן...
נאַטירלעך, צווייפלט ער ניט, קלאַפּס, אין זיג,
דער פעסטקשטאַנד וועט ביים רוס אַ פּלאַץ, נאַטירלעך, דאָך טאָן!
מע זעט דאָך ניט ביי זיי אין ערגעץ קיין געווער,
דער רוים אַליין, די הוילעניש באַהערשט דאָ.
נאָר פּרוּוו זיך, קלאַפּס, און שטעק אַריין דעם צוויטן פוס אַהער,
אַז פאָרכטבאַר שווער אַרויסשלעפּן פונדאַנען איז דעם ערשטן...
— אַ פּאַראַדיז! — גייט פאַר זיין בליק די געטאָ זיך אַ גראַב,
די אויסגעקוילעטע און די פאַרשוועכטע,
וואו — איינס און צוויי — פון מאַרק אַראָפּ,
און פיקס און פערטיק!

II.

אַ פּאוזע! נו, יאָ! זיי האָבן אָפּגעשטעלט, וויזט אויס, —
האָט ער דעם וועג צוריק אויף יעדן פאַל געמאָסטן.
עס קריכט, באַשיימפּערלעך, אים פון די הענט אַרויס
אַ בלאַט אַ דעמבענע פאַר מאָסקווע...
די איז דאָך שוין ווי פון אַ בוים אַראָפּגעהאַנגען איבער אים,
אים אַנגערירט די ברוסט און אַנגעברויזט מיט דראַנג אים.
און פּלוצעם דאַכט זיך אים דעם פיורערס שטים:
דער לעצטער און באַקרוינענדיקער אַנגריף —
און מאָסקווע איז קאַפּוט!
און רוסלאַנד איז צעשפּליטערט!
ס'האָט קלאַפּס זיך גלייך באַהערשט. די פינגער צו דער הוט,
און מיט די ליפּן אויסגעפּאַמפּעט: — הייל היטלער!
און מאָסקווע איז געשטאַנען ווי אַ באַרג,
מיט רו געפּאַנצערט און מיט חכמה איבער ראַנדן:
— דער שטראָם, ווי זיין ער זאָל ניט שטאַרק,
דאָך אויפגיין באַרג־אַרויף איז ניט אימשטאַנד ער!

III.

אין יאַרוסן האָט ביי דער קרוינשטאָט זיך געלייגט דער ראַנד —
די ווייטע צוטריטן מיט פעסטשטאַנד צו פאַרשליסן.
פון אומעטום האָט צו דער הויפּט־שטאָט זיך געשטרעקט אַ האַנט,
פון אומעטום האָט הילף קיין מאָסקווע זיך געריסן.
ווי אויף אַן אויפגערופענעם אין אַלע עקן לאַנד אוראַל —
איבערגעיאָגט אויף צוגן האָבן פאַלקן זיך נאָך פאַלקן:
פון פּראַסטיקן סיביר, פון באַרגיקן אוראַל,
פון מיטל־אַזיע און פון דער וואָלגע.

נאָך זיי — פאַרשנייאיקטע מאַרשרוטן, פיבערדיק־געשווינד,
מיט לופט־מאַשינען, טאַנקען און האַרמאַטן.
דעם וועג זיי אָפּגעטראָטן האָט דער ווינט,
און איבער זיי האָט גרויזאַמקייט געפלאַטערט.
און ווי מיט אַ פאַרניכטנד־מעכטיקן טאַראַן
דעם דראַנג פון פיינט זיי האָבן אומגעוואַלגערט.
זיך אַ צעפּענטע גיבורדיק געגעבן האָט דער ראַנד,
און ווי אַ שטורעם האָט באַגינט דער אָנגריף.

IV.

אַ פלאַץ געגעבן האָט דער דייטשער פאַנצער מיטאַמאָל,
דער גיר דער דייטשישער געטאָן האָט זיך אַ וואַקל.
אַרויפגעוואַלגערט זיך ווי בערג אויף זייער שטאָל
האָבן גוואַרדייאישע חיילות מיט געפלאַקער.
צוריק געשווינדלט האָבן דייטשן אין געלאַף,
פאַרכליופּעט האָבן טאַנקען זיך, צעקוועטשט אין פייער —
געשפּרונגען זיינען רייטער איבער זיי פון גענעראַל בעלאָוו,
אין שנייען זיי געפרעסט האָט ראָקאָסאָווקיס חיל.
— ווער נאָך וויל מאָסקווע? — האָט געהערט זיך אַ געשריי, —
פאַר אַלעמען וועט קלעקן רויטאַרמייאישע געשענקען!
געגאַנגען זיינען ביזן בויך אין שניי
די גענעראַלן גאָוואָראָוו און לעלישענקאָ.
גענומען האָבן רוסישע סאָלדאַטן אויף דער שווערד
דיוויזיעס און ראַש געבראַקט זיי און געשמעטערט.
באַדעקט האָט זיך די אונטערמאָסקוועדיקע ערד
מיט פאַדלע דייטשישער אויף ווייטע קילאָמעטערס.

V.

צוריק זיינען דיוויזיעס געלאָפן אום און גראַד,
צעבראָקטע אויפגעשפּרונגען זיינען טאַנקען שווערע,
ידיעות אויסגעשעפּט האָט יעדער רוסישער האַרמאַט,
ווי הויכריידערס געמאָלדן האָט די רוסלענדישע אַרטילעריע
דעם אונטערמאָסקוועדיקן בראַך־פּאַראַד
פון דייטשע ביין־און־שאַרבנדיקע האָרדעס;
געטראָגן האָט עס דער עפיר, ניט מיידנדיק קיין פּרט,
און אַלע טיילן ערד פאַרגאַפּט האָבן געהאָרכט עס.
אין בלאָטע ביזן בויך געלאָפן איז גודעריאַן
אויף אַ געווינלעכן, אַ רעקווירירטן שליטן
און האָט אין „פאַנצער־בוך" געשווינד פאַרצייכנט אויפן ראַנד
פאַר אַזאַ אומשטייג — די באַגרינדונג און דעם מיטל.
זיך אָפּגעקייקלט און געלאָפן — ווער וואוהין.

אַז רעדער און אַן פּיס — דיוויזיעס אַריבער אַבציק.
דער טעלעגראַף פאַרשטאָפּט דאָס מויל האָט פיבערדיק בערלין,
און צוגעלייגט צו אים די וועלט האָט מיטן האַרץ זיך.

VI.

אַזוי האָט קלאַפּס דערזען זיך אין אַ ריוו — ניט לעבעדיק, ניט טויט,
אַ שפּיי געטאָן מיט בלאָטע: — דאָנער־וועטער!
גלייך ווי מע וואָלט אים אויסגעשאָסן פון דער הויט
אויף אַ מהלך פון אַ טויזנט קילאָמעטער.
אַ פּאַוזע!... צי ווירקלעך לויפט מען עס אַזוי צוריק,
צי דורך אַן אַנדער וועג מע לויפט אַזוי קיין מאָסקווע?
געשיקט זיך עס, געשיקט —
אַז ניט איבער דעם קירצסטן וועג האָט מען אַהין געלאָזט זיך?
ער האָט די מאַפּע מיט די ווייסלעך בלויז געטאָן אַ מעסט,
געזוכט אויף איר דעם פּונקט, וואו מיט אַ בליץ פאַרטראָגן ס׳האָט אים.
געזעסן אַנגעלענט איז ער אין אַ צעקוועטשטן מערסעדעס,
מיט אַ פאַרקרימט געזיכט אַן איינגעריכטס אין בלאָטע.
ס׳איז אים געווען קאַלט. נאָר דעם בינאָקל גלייך באַשטאַט.
צעשווינדלט אין די אויגן האָט מיט פיבער אַלץ זיך דאַן אים,
אים האָט זיך אויסגעדאַכט, ער זעט געגנוי און אַקוראַט,
ווי אויף אַ קוליע שלעפּט זיך מיט אַ זאַק צוריק גערמאַניע...

VII.

ער האָט דערהערט אַ קול. געלעגן ביז דער האַלב
אין שניי איז אַ יעפרייטער און געציטערט:
— סע בלאָזט אַ ווינט, מיין ליבער שוואַלב, —
האָט ער צו קלאַפּסן זיך געפּרוּווט אַ צי טאָן, —
ווי אין דער פאַבל מיטן העלפאַנד, גאָט, מיין גאָט,
וואָס אין זיין הינטן האָבן שוואַלבן אַנגעשמעקט די פעטע שפּייז זיך
און אַלע ווילע לייכטזיניק מע האָט
געמאַכט צו אים אונטערן עק אַ האָפערדיקע רייזע...
— אַ וועלכער העלפאַנד? — האָט זיך קלאַפּס אַ ריס געטאָן פון פּענט, —
וואָס פאַר אַ שוואַלבן? — זיך געפּרוּווט האָט ער אַ דריי טאָן;
נאָר פּונקט ווי ליי׳נענדיק די שריפט די הייליקע פון טעסטאַמענט,
האָט פאַרגעזעצט, ווי מיט אַ קול פון ווידוי, דער יעפרייטער:
— און ווען דעם העלפאַנד האָט דערעסן דיזע זאַך,
האָט ער אויף זיי אַ בלאָז, פאַרצייען זי, דערלאַנגט פון די געדערים,
אַז זיך צעפלויגן זייענען זיי אויף ווייט, ווי איך מיט איך,
און ניט באַאומרואיקט די שוואַלבן האָבן מער אים...

VIII.

עס האָט זיך קלאַפּס דערלאַנגט פון אָרט אַ ריס:

— יעפרייטער, אויפשטיין! איך באַפעל אייך! —
נאָר אָפּגעפּרוירן ביים סאָלדאַט געווען זיינען די פיס,
איז אויף די קני האָט ער זיך אויפגעשטעלט פּאַמעלעך,
אַ טאַפּ געטאָן פון הינטן מיט די הענט דעם זאַק,
פאַרשטעלט אים מיט דער פּלייצע, אויסגעקרימט פון ציטער.
ער האָט דערזען דעם טויט. אין אים געטאָן זיך אַ פאַרהאַק:
— פאַרצייען זי.. דער העלפאַנד און די שוואַלבן... הייל היטלער! —
געווען דער ריוו מיט שטילקייט איז געבעט,
און אויף דער הענט — שוין אַ פאַרשנייטער.
אַרויסגעכאַפּט האָט קלאַפּס דעם פּיסטאָלעט
און מיט אַ שאָס דאָס מויל פאַרשלאָסן דעם יעפרייטער.
זיך אויף שניי האָט דער יעפרייטער צוגעשפּאַרט,
מיט אויגן אָפענע דעם לעצטן הויך אַרויסגעאָטעמט,
און ס'האָט געדאַכט: ער זעט, דער מת, ווי קלאַפּס זיך שאַרט
ביי אים אין זאַק, דעם איינגעטונקענעם אין בלאָטע.

IX.

אין מאָסקווע האָט געשנייט. געשטאַרקט האָבן זיך פרעסט.
פון קעלט געפּלאַצט ביי ביימער האָט די קאָרע.
פון אונטערמאָסקווע גראַבנס זיך געמאָלדן האָבן געסט,
די שטאָט האָט ווי אַ מאַמע זיי געדענקט אויפן זכרון.
געגאַן פון גאַסן איז געהיים אַן איבעררוף
מיט שטאָלנס שטעכיקע פאַרפאַנצערט ביי די זוימען.
דעם אָטעם האָט פאַרכאַפּט די גליווערדיקע לופט
און ווינטן האָבן זיך געלאָזט פון פראָסט באַצוימען.
און, אַ פאַרשפּעטיקטער, פון אונטער שטאָט, מיט שטראָמען דאַמף פון מויל,
אַנטקעגן ווינט און פראָסט, צעהיצט און האַסטיק,
געשפּאַנט אַ זקן האָט אין וואַטענעם קאַמזויל,
די באָרד צעלאָזט און אין די הענט אַ זאַסטעפּ.
— פונוואַנען פאַטערל, — האָט אים די וואַך געפרעגט,
און אים מיט אַ באַגלייטנדיקן בליק באַשאַנקען.
— פון דאָרט, וואו אַלע מאָסקווער, נאָר אין עק, —
האָט ער הרחבהדיק פאַרקערוועט אויף וואָלכאָנקע.

17. פּאָזיציעס אונטער מאָסקווע

I.

„געהאַט, געהאַט!...” — איז נאָכגעגאַן גור־אריהן לאַנג
זיין ענטפער צו מאַמעדאָוון דעם גאַנצן אונטערוועגנס:

און אים, אַריבעריאָגנדיק, צום ראַנד דערלאַנגט
און זיך פון דאָרטן אומגעקערט צו אים אַנטקעגן...
געהאַט אַ הים... און עלטערן געהאַט,
געהאַט רשות זיך אָנקערן דער וועלט און זי באַגערן
און רעכט געהאַט צו זיין אַזוי זיך, גלאַט,
געהאַט באַוואוסטזיין, אַז ער איז און וועט ניט ווערן,
געהאַט צוזאַמענהאַנג מיט די געזעצן פון נאַטור —
געבוירן ווערן, וואַקסן און אַריבערגיין אין המשך,
און האָט עס אויך אַצינד ביי זיין ווידערגעבורט,
כאָטש ס'איז שוין זייער לאַנג און, דאַכט זיך, אָפּגעווען שוין,
און קאָן זיך אויסווייזן ניט מער ווי שיין, וואָס פאַלט
פון עפּעס צופעליקן אויפגעלייגטן פייער.
און מיטאַמאָל האָט ער דערפילט, אַז ער איז אַלט,
הגם עס ווערט אים זעקס און צוואַנציק יאָר ערשט היי־יאָר...

II.

אים שרעקט ניט דאָס צעשיידן מיטן לעבן זיך קיין האָר,
ס'איז שרעקלעך בלויז, וואָס צוגענומען קאָן עס ווערן
דורך הפקרער פאַרגוואַלדונג און דורך מאָרד
פון די באַוואָפנטע און זעלבסט־געקרוינטע ווערעם,
וואָס נידעריקער פונעם מענטש זיי זיינען אויף אַ קאָפּ
און אויף אַ האַק פון אים זיי זיינען העכער...
ס'האָט אויפן רוקן יעדע וויל זיין קעסעלע געטאָן אַ קלאַפּ,
פון זיין שינעל די פאַלעס יעדע ווילע — אַ צעפּעכער:
אָט גייט ער, דער פון גרוב געקומענער, און טראַכט,
איז ווי זאָל ער איבער דעם ווי דעם אייגענעם אַריבער?!
אַז ערגעץ אויף אַ שפּאַן פון ראַנד, די פאַזוכעס צעשפּאַרט,
טרייבן די דייטשן מחנות אומבאַשיצטע צו די גריבער...
און ס'לייכט די זון, און ווייטן זיינען קלאָר,
עס ציינדן זיך ווי אַלעמאָל אין הימל אָן די שטערן, —
איז דען אָן אונטערשייד, צי איז ער אַלט פיר טויזנט יאָר,
צי מאַכן נאָר די ערשטע טריט זיך ערשט ער לערנט?!...

III.

ער האָט געהאַט, געהאַט! אַוודאי, נו... ווי דען?
ס'איז אַלץ אין גרוב! אָבער ניט נאָר ווי מתים, נאָר ווי זוימען!
אַ כלה? — אויך. אַ טענצערין איז זי געווען,
זי וואַקסט שוין פאַר געוויס פונסניי און הייבט שוין אויף זיך איבער צוימען.
אַ רעגן איז אויף איר געגאַנגען האַרבסט,
מיט שניי געשאָטן האָט אויף איר דער ווינטער.
אַ יאָג געגעבן האָט זיך דורך זיין האַרץ

א טשאַטע פרישע פּרלינגדיקע ווינטן.
זי טאַנצט שוין. דאָרט. די מתים שוין זי וועקט און קוויקט,
עס קומען אויף איר טאַנץ צו פליען שוין די פייגל...
ער האָט אויף דראָזדן אָנגעשטעלט דעם בליק,
זיך אויף מאַמעדאָוון געוואָרפן מיט די אויגן,
צי זעען זיי דאָס אויך, אַזוי ווי ער,
ווי זי וואָלט אויך מיט זיי געווען אָט דאָ דערנעבן.
ס'וויגט זיך פון לעבעדיק־באַגראָבענע די ערד,
זיך כלה טאַנצט דעם ניט־דערטאַנצטן טאַנץ פון לעבן!

IV.

אַזעלכע בליציקע זיך טראָגן אירע פיס
אין שעמעוודיקן כלה־טאַנץ, נאָר גאַרנישט די פּאַרטייען ניט,
ווי ס'וואָלטן מעסערס זיך געוואָרפן און געגריסט
און מיט די שאַרפן זיך געוואָרגן און געטענהט...
געוועלבטע בושעווען די פאַלדן פון איר קלייד
מיט אַ פאַרכאַפּטן כוואַליקן געהויער,
ווי ס'וואָלט אַ ווינט נאָך איר געיאָגט, און זי באַגלייט,
און זי פאַרנאַרט, און זי פאַרכישופט מיטן טרויער —
און ס'איז אַ באַרג, און ס'איז אַן אָפּגרונט, און אַ שניי,
און אויפן שפּיץ איבערן אָפּגרונט — אַ גערעאַנגל.
זאָלסט ניט אַראָפּפאַלן! כ'באַשווער דיך מיט דעם ווי
פון די געשאָכטענע אין טויזנטיאָריקן וואַנדל...
עפּעס פאַרטייען זיי אין פיבער, אירע פיס,
נאָר זייער זילבערנע אַנטבלויזטקייט נעמט קיין פין ניט, —
ווי ס'וואָלטן מעסערס זיך געוואָרפן און געגריסט
און מיט די שאַרפן זיך געוואָרגן און געטענהט!

V.

ער איז געשטיגן אין אַ קייט פון רויטאַרמייער זעקס
אונטער אַ בליציק־סווישטשענדיקן רעגן.
די גרויסע טרייסט איז שוין געווען אונטערוועגס,
מיט יעדן איבערלויף האָט ער צו איר געריסן זיך אַנטקעגן.
פאַרטויבט איז ער געווען פון זאַלפן און געשריי,
און פון געדונערן פון מעכטיקע פאַרצויבערט.
אַיעדע ווייל — אַ וואַלגער זיך אויף דר'ערד, אין שניי,
אַיעדע ווײַלע — ווי אַ כוואַליע האָט דער שניי געטאָן אַ הייב אים.
עס האָט זיך אָפּגעטאָן פון אים דער ווינד און ווי,
דער פּיין פון די געשאָכטענע אין גריבער האָט פאַרלאָזט אים.
געווען איז ערד, און הימל איז געווען, און שניי,
און איבער אַלץ איז, ווי דער גורל, אויפגעגאַנגען מאָסקווע!

און יעדער אויפגעבליץ און רעוועדיקער ריס
האָט אויפגעשפּאַרט פון ווייט אַ בליאַסקעדיקע שיין אים,
ווי ס'וואָלטן מעסערס זיך געוואָרפן און געגריסט
און מיט די שאַרפן זיך געוואָרגן און געטענהט.

VI.

אין פוישטן רונדע דורך דעם שנייאיקן פאַרשאָט,
אונטער געהילך פון פייערדיקן פּויקן,
געגאַן איבער די קני אין שניי איז פּערעליאָט,
ווי ער וואָלט גאָר די ערד מיט זיינע טריט געקויקלט,
און טראָגט מיט זיך די ווינטן אויף די הענט,
און טראָגט מיט זיך די רוימען אויף די אַקסל,
און דורך דעם שניי, און דעם זאַווערי, און דורך דעם בלענד
זעט זיך דער רוקזאַק צו זיין פּלייצע צוגעוואַקסן.
דערזען צום ערשטן מאָל גור־אריה האָט,
ווי ס'טראָגט מיט גבורה פּערעליאָט איבערן ראַנד זיך.
אים האָט געדוכט: ניט בלויז אַליין ס'איז פּערעליאָט,
דורך אים פאַרגאַנגענע זיך טראָגן דורות גאַנצע
אויף אונטערמאָסקוועער ערד, איבער די קני אין שניי,
מיט קעפּ און ביקסן גרייכנדיק די כמאַרעס,
און פעלקער גאַנצע גייען נאָך זיי,
און אויך מיט אַלעמען באַגלייך איז ער — גור־אריה.

VII.

און אַלע לעבעדיקע פון זיין שטאַם,
און אַלע הפקר־אויסגעשאָכטענע ביי גריבער,
און אויך זיין כלה — אין דעם גייענדיקן ים,
און אויך זיין לעבעדיק־באַגראָבענע — זיין ליבע.
זי טאַנצט איצט דאָ אין יעדן בליצנדיקן זאַלפּ,
ס'הייבן די כמאַרעס, ווי די פאַלדן פון איר קלייד זיך.
ניטאָ פאַר ווי זיינעם אין גאָר דער וועלט איז אַזאַ זאַלב,
זוי אָט די שלאַכט! מיט רויטאַרמייער — פּלייצע נעבן פּלייצע!
די וואונדן טוען זיך אַליין איצט פון אים אָפּ,
די גריבער רייסן זיך ביי אים אין האַרץ ווי קריעה;
אויף מינסק! — טאַיט מאָסקוועס טורעמדיקער קאָפּ.
און שטערן טאַיטן סעמאַפאָרעדיק: אויף קיעוו!
ניט נאָר „געהאַט" — געמאָלדן האָט אים יעדער קנאַל
פון די האַרמאַטן אין די וויטקייטן פאַרמאָסטן:
ער האָט! ער האָט אַ היים! אַ לאַנד און אַלץ!
ער האָט אַ חלק אין די שלאַכטן אונטער מאָסקווע!

18. דער ערשטער שפּאַציר

I.

פֿאַרענדערט האָט די שטאָט סאַדאָווסקין זיך געדאַכט,
ווען ער צום ערשטן מאָל אַרויס אויף אַ שפּאַציר איז.
די זעלבע מויערן און רחבותדיקע פּראַכט,
די זעלבע ליקעלעך, און קאָנטורן, און ווירעס,
נאָר עפּעס שטרענגער און פֿאַרטיפֿטער יעדער שטריך
אונטערן דורכלויכט פֿון געמיטענע געפֿאַרן,
אפֿילו דאָס בייטאָגעדיקע העלע ליכט
און די געהאַפּטע באַקעטקייט פֿון ביימלעך אויף בולוואַרן.
אַ צ׳ריקגעהאַלטנקייט אין דער באַוועגונג און געשטויס,
און די אַנסאַמבלען פֿון געבײַדעס — שטייף אונטערגעפּאַסיקט.
ניט בלויז צום וואוינען אויסגעזען האָט יעדעס הויז,
ניט בלויז צום דורכגאַנג האָט געצויגן יעדע גאַס זיך.
סאַדאָווסקין האָט געדוכט, אַז יעדער שטיין אויף עפּעס וואַרט,
אַז אין דער ווייט הערט איין זיך יעדער ציגל.
אין הימל האָט געשפּרייט זיך רחבותדיקע פּראַכט,
מיט אַ פֿאַרהויכטער, תאוותדיקער זון פֿאַרזיגלט.

II.

אווטאָבוסן — די שויבן שטרענג מיט פֿאַרהענגלעך פֿאַרדעקט —
געפֿירט האָבן אַן רעש פֿאַרוואונדעטע פֿון די וואָקזאַלן.
ס׳האָט יעדער פֿון אַנטקעגן אָפּגעטראָטן זיי דעם וועג,
אַ קוק טאָן אינווייניק איז יעדערער געווען אַ בעלן,
זיך מיטן בליק פֿון ווייט אַ צערטל טאָן צו די,
אַ נאָענטקייט אַן אייגענע דוהך דער באַוואונדערונג דערשפּירן,
און אָפּשעפּן כאָטש וויפֿל־ס׳איז פֿון זייער ווי,
און זיי מיט פֿאַרכטיקייט מיט צערטלעכער באַרירן.
פֿון נעפּל פּראָסטיקן פֿאַרזילבערט־גראָ,
אויף הויכע פֿערד מיט אומרואיקע העלדזער רונדע
אַדורכגעשוועבט האָט יעדע ווייל אַ רייטער־עסקאַדראָן
און איז אין פּראָסט אין זילבערנעם פֿאַרשוואונדן.
באַגלייט די רייטער האָט אַ לייכטער דימענטענער שניי,
געשפּענסטיק ער און דורכזיכטיק געווען און דין איז;
און אין די גריוועס אײַנגעקלאַמערט, אויסגעדוכט זיך האָבן זיי,
ווי אויפֿגעגאַנגענע פֿון אַלטע רוסישע בילינעס.

III.

א דאַמף פון היסער שפּיז האָט ביי אַ טיר ערגעץ געגרויט,
געשטאַנען איז לעם איר אַ ריי — פון קעלט די פּנימער פאַרלאָפן.
פון דאָרטן האָט געשמעקט מיט האַרבע נאַרמעס ברויט,
פון דאָרטן האָט געשמעקט מיט זיסע, מיט פאַרפרוירענע קאַרטאָפל.
דער עולם האָט געאײלט. געריבן מ'האָט אַ האַנט זיך אין אַ האַנט.
נאָר אָפּגעווענדט האָבן די אויגן שטאָלצע זיך און גראַדע,
ווען דורכגעהילכט איבער דער גאַס האָבן צום ראַנד
פאַרדעקטע לאַסטוואַגנס מיט בערג סנאַריאַדן.
מע האָט זיי דאָ, אויף מאָסקווער ערד, געגרייט,
געשליפן האָבן מיידלעך זיי מיט הייליקייט און ציטער
אונטער די אומשולדיקע שילדן פון געוועלבן אַלערליי
און אויף זאַוואָדן מאָסקווער, פון באַמבירונג אויסגעהיטע.
און דוואָרניקעס, אין ווייסע פאַרטעכער פאַרפּוצט,
געקראַצט האָבן דעם ברוק, און אַלץ האָט אויסגעדאַכט זיך ווייניק;
אַיעדער שטיין געווען איז אייגן און פאַרהאַר'וועט גוטס,
און מאָסקווע האָט גערודערט, ווי אַ וואונדער־מוראַווייניק.

IV.

זיך איינגעהערט סאַדאָווסקי האָט אין יעדן שטיין,
אין יעדן שנייעלע, וואָס האָט געפּראַוועט אַ רויש טאָן.
אים האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז אַלע מענטשן דינען שיך,
אין פּעלצן שמויסענע און אין קורנאָסע פּוישטן.
פאַרבייגיין זעט ער זיי צום ערשטן מאָל,
און מער וועט ער זיי פאָר געוויס ניט זען שוין,
נאָר ס'וואַרפט פאַר פרייד אין גאַרגל זיך דאָס קול,
וואָס אים אַנטקעגן קומען אָן אַזוי פיל מענטשן,
וואָס ער איז דאָ, אין מאָסקווע, צווישן זיי,
צווישן די אומבאַקאַנט־באַקאַנטע, היימישע און נאָ'נטע,
וואָס ס'גייט אַזאַ פאַרקלערטער יום־טובדיקער שניי,
וואָס גאַלקעס יאָגן זיך נאָך אים מיט אַ הו־האַ, ווי אויף אַ יום־טוב.
דער רויש געווען איז אים זיסער איז פון ווייַן,
באַטרונקען פון דער הויך האָט אים עלעקטרישער געטרייבער;
צו דעם ניעסקוטשני סאַד געגאַן איז אַ טראַמווי,
און זיך געטראָגן האָט קיין כימקי אַ טראָליבוס.

V.

ניעסקוטשני סאַד האָט אים אַ קלונג געטאָן מיט גאָלד,
מיט ווייסע טעג, מיט יוגנטלעכן אָפּשיי.
די דייטשן הערן זאָלן עס, האָט ער געוואָלט,
די דייטשן, וואָס מיט בלוט זיי גייען ערגעץ אָפּ שוין.

זיי זאָלן הערן עס פון רוסלאַנד אויף אַ שטרעקע ווייט
דורך ביימער רוישיקע, פאַרהילט אין שנייען,
ס׳זאָל טיפער יעדער קלאַנג דערלאַנגען אַ פאַרשנייד
און זיי די טריט מיט ווינד און ווי׳ פאַרזווייען.
זיי זאָלן הערן, ווי עס קלינגט איצט אויס פונדאַנען דער טראַמווי,
אַן אַנגעלאָדענער מיט טומלדיקע מאַסקווער פּאַסאַזשירן,
און יעדעס שנייעלע, וואָס בלאַנדזשעט דורך פאַרביי
מיט טויזנטער פאַרשיידענע קאָלירן.
געהאַט זיי האָבן אין בינאַקל שוין געזען פאַר זיך
אי דעם ניעסקוטשני סאַד אי דעם וואָקזאַל פון כימקי.
אויף אַ פאַראַד אין מאַסקווע זיך אריינרייסן געריכט, —
און צ׳ריק מיט טרעלבייכער צעטרייבערטע געלאָזט זיך הינקען.

VI.

זיי האָבן אַלץ געזען, וואָס זען אַן אויג נאָר קאָן,
דורך מאָרד און רויב אין שריפּהדיקן יורן,
פאַרגעסן בלויז, ווי ס׳האָט אַריבער הונדערט יאָר צוריק נאַפּאָלעאָן
זיך ביי סמאָלענסק געזעגנט מיט זיין רום און מיט זיין גורל.
זיי האָבן אויסגעשטעלט אויף גאַנצע טויזנט יאָרן פאַר
דורך חורבן און דורך אַש דעם רום פון דער אימפּעריע,
און ניט באַמערקט זיי האָבן בלויז די פינף און צוואַנציק יאָר,
וואָס זיינען אויפגעגאַן די אומפאַרמיידלעכקייט דערקלערן.
זיי האָבן אַלץ געזען, און אַלץ באַשטאַט,
און אויסגערעכנט אַלץ מיט גיר און מיט צעשטערונג,
בלויז ניט געזען, ווי ס׳רייסט אַרויס אַ רוסישער סאָלדאַט
פון זייער טאַנק די גאווה מיט די שטאָלענע געדערים.
אינערגעץ ניט דערלאָזט פאַר זיך קיין מינדסטן גרייז,
און מיט דער פּינקטלעכקייט געפּאַכעט זיך, ווי מיט אַ ווייער, —
זיי האָבן בלויז געהאַט אַ טעות אין דער פּרייז,
פאַר וועלכער ס׳שיידט זיך מיט דער וועלט אַ רויט־אַרמייער.

VII.

מיט אַ געליטערט־אַפּגעפרישטן קאָפּ
פאַרקערעוועט צום אַלעקסאַנדער־גאָרטן האָט סאַדאָווסקי;
עס האָבן קינדער דאָרט אויף שליטלעך אויף און אָפּ
מיט אַ געצוויטשע פון פייגל אַלע וויל געלאָזט זיך.
און יעדערער — אויף אַ באַזונדער גראַד,
און יעדערער — מיט אַ באַזונדער צויבער;
די ביימער — אויסגעפּוצט, ווי אויף אַ מאַסקאַראַד,
וואָס האָט זיך נאָך דערווייל ניט אָנגעהויבן...
אָן אָרט סאַדאָווסקין אָנפּגעטראָטן אויף אַ באַנק

האָט אַ באַיאָרטער מאַן געבן אַן איבערגעדעקט וויגל;
סאַדאָווסקי האָט באַטראַכט דאָס קינד: — אַ דאַנק! —
און ס'האָט דער אַלטער מיט אַ שאַל געטאָן עס אַ פּאַרוויקל.
— עס זעט זיך אויס, פון פראַנט זייט איר ניט לאַנג? —
האָט, פרעגנדיק, דעם שטאָק אַרויסגעלאָזט ער.
— און איר? — האָט אים סאַדאָווסקי גלייך דעם שטאָק דערלאַנגט.
— אַ דאַנק!... און מיר? די קינדער היטן מיר די מאַסקווער!

VIII.

ער האָט באַוועגט זיך אייליק און געשווינד,
ווי זיך פאַרענטפערט, וואָס ביים וויגעלע מ'האָט אים געלאָזט דאָ;
נאָר מיט באַשיימפּערלעכן שטאָלץ אַ וויז געגעבן אויפן קינד:
— דער טאַטע דיינער פליט... אין הימל איבער מאַסקווע...
אַ העלד... ער זעט עס זעלטן־ווען... —
האָט צו דעם הימל ער אַ הייב געטאָן די אויגן.
— און איר? — האָט שמייכלדיק צו אים סאַדאָווסקי זיך געווענדט.
— כ'האָב אויך געפרוווט... נאָר כ'בין אינערגעץ ניט דערפלויגן... —
געקוליעט האָבן קינדער זיך מיט גלאַקעדיקער פרייד,
די שליטלעך — אויף און אָפּ. עס איז געווען ניט פרי שוין.
און פון די אומבאַקאַנטע פריינט די שטילע רייד
באַגלייט דער שניי האָט מיט אַ לייכטן כישוף.
— פאַר מיינע צייטן, טייערער סאָלדאַט, —
געזוכט דער אַלטינקער אַ משל האָט אַזאַ מין, —
האָט רוסלאַנד צו אַ ניד'ריקע פּאַרוואָלקנטקייט געהאַט,
און פליען איז געווען אוממעגלעך דעמאָלט...

IX.

ווער ס'האָט זיך דורכגעשלאָגן — איז געווען אַ גליק.
אַצינדערט — ביטע!... ווער סע וויל און ווער סע קאָן נאָר!...
נו, איך וועל גיין! — האָט ער דאָס וויגעלע אַ נעם געטאָן צוריק, —
ס'איז פאַרן קינד, מיר דוכט, צו פיל... אַביסל אַ סכנה!... —
ער האָט זיך אויפגעשטעלט: — ס'איז איצט דער הימל קלאָר און העל,
די דייטשן קריכן מער ניט, חבר, אַזוי פרעך היינט...
זיי האָבן אונטער מאַסקווע, ביי דער סאַמע שוועל,
געוויס אויף אַזאַ בראָך ניט אויסגערעכנט. —
אין גאָרטן האָט געהילכט אַ קינדערישע פרייד,
אויף שליטלעך אויף און אָפּ געיאָגט זיך ראַשיק.
— זיי וועלן קריכן נאָך. זיי וועלן קריכן טויטערהייט.
זיי וועלן אַזוי גיך זיך ניט באַרואיקן, פּאַפּאַשע! —
געפינקלט האָט פאַרקלערט דער דימענטענער שניי,
אַ הייב געטאָן דעם בליק סאַדאָווסקי האָט צום הימל:

— אַדורכגעגאַנגען מאָסקווע איז דערזוויל זיך איבער זיי,
פונקט ווי מע גייט אויף גלאָז אַדורך זיך מיט אַ דימענט...

X.

אַצינד באַדאַרף זיי ערגעץ אַוועקשטעלן דער בראָך,
ער וועט זיי אַניאָגן, און — אַמבאַ!
פון צוויגן טרוקענע געהערט האָט זיך אַ שאָרך,
און אויף די שפּיצן ביימער האָבן ווינטן זיך געאַמפּערט.
געווען אַיעדעס קינד איז איצט אים אַזוי נאָ׳נט,
אַיעדעס שנייעלע געצוויגן זיך צו אים האָט:
אַ, מאָסקווע!... אַנדערש זיין האָט ניט געקאָנט,
בלויז דיר באַשערט געווען איז זיין דער שניידנדיקער דימענט!...
געקוקט האָט לאַנג סאַדאָווסקי אויף דעם אַלטן מאַן,
וואָס האָט מיט בײדע הענט זיך פאַרן וויגל איינגעקלאַמערט.
עס האָט זיך אים דער דאָקטער אויף אַן אויגנבליק דערמאָנט,
ווי אים אין דער אַרומרינגלונג באַגעגנט האָט ער דעמאָלט.
זיך צוגעזעצט האָט ער זיך ווידער אויף דער באַנק,
געדעמערט האָט אויף אים די וואַנט מיט אוראַלטלעכע שפּורן,
און מיטאַמאָל האָט זיך אַ לאָז אַראָפּ געטאָן דער קלאַנג,
ווי אַ מודעה איבער מאָסקווע פונעם קרעמלדיקן טורעם.

XI.

סאַדאָווסקין האָט זיך אויסדריקלעך געדוכט,
אַיעדן קלאַנג מיט פּאַרכטיקייט פאַרנעמענד,
אַז ס׳רעדט אַזוי זיך פייערלעך אַדורך
מיט גאָרער וועלט דער אויפגעוויגטער קרעמל.
געשפּרייט האָבן זיך קלאַנגען לאַנגזאַם און באַדאַכט,
אַרויסגעפלויגענע מיט גרויזאַמקייט פון טורעם,
און אויפגעוועקט אין רוים אַ פּראַסטיק-דרעמלדיקע פּראַכט,
און אָנגעפילט די ווייט מיט רואיקייט און גבורה.
מיט פאַנאַנדערפאַך זיי האָבן זיך געלאָזט
אין זיבן פלאַכן איינס דעם צווייטן באַכגיין;
אַ הויך פון זיי געגאַן איז אויפן פראָסט,
ווי פון צעוואָרעמטע, פון הוילע גאָרגלען.
אין יעדן קלאַנג האָבן זיך אָפּקלאַנגען געהערט,
אין יעדן אָפּקלאַנג האָט די צייט געלאָזט זיך הערן:
ווער אויפהייבן אויף רוסלאַנד וועט אַ שווערד,
וועט פון אַ שווערד פאַרטיליקט ווערן!

XII.

און אויף דעם שוואַרצן ציפערבלאַט אַ ציטער האָט דערלאַנגט,

גלייך ווי אַן אויסגעשטרעקטע שווערד אַ גאָלדענע, דער ווייזער.
געהערט האָבן זיך אָפּקלאַנגען אין יעדן קלאַנג
פון אָפּגעפּלאָסענע יאָרהונדערטן פון גרייזע...
אַראָפּגעלאָזט האָבן די קלאַנגען זיך מיט גלי,
ווי האַמערס אויף קאָוואַדלעס, און פונסניי זיך אויפגעהויבן:
דער, וואָס פון פרייהייט אָנגעצונדן האָט דאָס ליכט,
וועט עס פאַרלעשן קיינעם ניט דערלויבן!
אַדורך זיינען די קלאַנגען פריי פון האָריזאָנט דעם זוים
און דורכגעבראָכן איטלעכן צוים און יעדע פענטע.
עס האָט זיך צוגעהערט דער ווינט, זיך צוגעהערט דער רוים,
און זיי אויף כוואַליעס ווייט איבערגעענטפערט.
געטראָגן פייערלעך האָבן די קלאַנגען זיך צום ראַנד,
פונקט ווי מיט רו מיט אומטיקער אָנגעפילטע עמער,
און מיט די שלאַכט־נעסטן די אוראַלטע, געוועלבטע אין דער וואַנט,
אַנטפּלעקט האָט רוסלאַנדס גורל אויפדאָסניי דער קרעמל...

19. טאָניעס קול

I.

אַ שאַרבן פון אַ פערד, געפאַנצערט מיט אַ קאַסקע,
אַ קאָפּ פון אַ יעפרייטער, גריוועדיק און העל,
אינאיינעם פוילן אין אַ קאַליוזשע, צעכראַסטעט,
פאַרדעקטע מיט אַ גרינעם דייטשישן שינעל.
זיי שלאָפן באַזונדיק אין זומפּ פאַרוואונדערט,
פון גרונטן שוימיקט שימל זיך צעגרינט.
דער פרילינג בעט מיט קויט צעטייעטן זיי אונטער,
און ס׳דייסט די דעק אַראָפּ פון זיי דער ווינט.
ס׳באַהויכט זיי טויטערהייט צום ערשטן מאָל בזיון,
די ציין אַנטבלויזט, נאָר אָנמעכטיק צו טאָן אַ ביס.
צוקאָפּנס קוקט זיך שטיל אין זיי אַ קראָ אַ־ין
און קערט מיט עקל אָפּ פון זיי דעם פּיסק.
אין אַ צעלייגטן דעמב זיך קראַצט אַ טאַנק אַ קריפּל,
דאָס זשאַווערדיקע איינגעווייד ווי גאַל פון אים זיך טריפט;
מיט בלאַטע אָנגעשטאָפּט דער בויך און זיינע ריפּן,
צעדרייטע צייך־קאַסטנס — פאַרכליופּעט אין אַ ריזז.

II.

אַן אויסגעסאַדערטן מיט פלעשער פון שאַמפּאַניער,
מיט מאַסקעס קעגנגאַזיקע און קעלישאַקלעך פאַר קאָניאַק —

דאָס איז דער איבערבלייב פון פאָלקן פון גערמאַניער,
וואָס זיינען, שיכורע, געגאַן אויף מאָסקווע, ווי אויף יאַגד.
ס׳איז שטיל אין וואַלד. קיין פייגלשער געהאָווע.
ווי קברים קוקט בלינדאַזש זיך איין אין אַ בלינדאַזש.
דער וועג זיך שפּרייט אויף וועסט פון מאַלאָיאַראָסלאַוועץ,
דער וועג פון בראַד, צוריקלויף און פון אַש.
זיי האָבן ווינטערן אין וואַלד געקליבן זיך אַ ווינטער,
סילוועסטער דאָ באַגערט באַגעגנ׳נען האָבן זיי.
געגאַנגען זיינען בייזע רוסלענדישע ווינטן,
באַלאַגערט האָט זי דאָ דער רוסלענדישער שניי.
נאָר שיכור זיך געשוימיקט האָבן האַפּערדיקע טאָסטן
מיט טרערן און מיט ווי פון קינד און קייט —
פאַר אַ פּאַראַד־אַליי אַ בלוטיקן אין מאָסקווע,
וואוהין גערמאַניע האָט ראַשיק זיי באַגלייט.

III.

בורגונדער וויין, קאָנסערוון פון נאָרוועגן
און זעקס און ניינציקער מיט רוסלענדישן שפּעק;
און בריוו אַהיים מיט צוגעזאָגטע רוסישע פאַרמעגנס,
מיט אַדרעסן קיין מאָסקווע אויף צוריק — דירעקט.
און ס׳האָט דער ווינט געלאַכט, צעקאַטשענדיק דיביימער,
דער וויסער רוים פון אַפּהילך האָט געפּלאַצט.
די בריוו ניט אָפּגעשיקט פון וואַלד אַהיים מער,
געאיילט זיך אָפּשיקן דירעקט פון רויטן פּלאַץ.
און מיט אַ ריוו זיי האָבן זיגרייך זיך באַנוגנט,
אַ קבר אין אַ קאָליוזשע — הרחבהדיק ביים וועג.
אַ צלם פון אַ טאַנק. דאָס וואַיען פון אַ וויוגע
און דער שינעל דער גרינער — פאַר אַ דעק.
ס׳איז שטיל אין וואַלד. דער פרילינג כישוף פּראַוועט,
צום אַקער און פאַרזיי איז גרייט די ערד.
דער וועג זיך שפּרייט אויף וועסט פון מאַלאָיאַראָסלאַוועץ,
דער וועג פון צ׳ריקלויפן אַן פּיס און אַן דער שווערד.

IV.

באַדעקט מיט גרינס האָבן זיך פעלד און טאָל,
און דאַך אַדורכגעשפּאַרט דאָס אַש פון אומעטום האָט.
סאַדאָווסקי אויסגעשריבן האָט זיך פון שפּיטאָל,
ווען ס׳איז געווען שוין העט אַ שטיק אין זומער.
אַ וועלט אַ פרידלעכע אַרום אים בליט
און הימלען איז אַזוי צו איר געגעגנען.
געוווּזן זומערדיק איז זיין געמיט,

און אויפן האַרץ איז זומערדיק געווען אים.
עס האָבן אָפּגעברענטעביימלעך אויך געבליט,
צו וואוקס האָט יעדער נשאר זיך געצויגן,
ער האָט אַן אומגעדולדיקייט דערפילט אין זיינע טריט,
אַן אומגעזעטיקטקייט אין זיינע אויגן.
און זיס איז אים געווען צו קוקן אויפן גראָז
און אָטעמען מיט חדווה אַלע זיבן טעמ'ען;
ניק, ביזן סוף זיך אומברענגען האָט ניט געלאָזט
די קלוגע ערד — פון גאַר דעם זיין די לעבעדיקע מאַמע.

V.

ס'האָט יעדער בוים געהאַט אַ מום, און יעדע צווייג אַ וואונד,
באַר דורכגעשוימט האָט בלי אין יעדן אָרט זיך.
אויב אָפּגעקלאַפּט זיינען געווען די קרוינען וואָר־ביט־וואָר,
זיינען געבליבן פעסט און ניט־גערירט די וואָרצלען.
געפילט האָט עס סאַדאָווסקי דער סאָלדאַט,
געפילט האָט עס דער אגראָנאָם סאַדאָווסקי,
און האָט אין דעם אַ טרייסט אַ מונטערע געהאַט,
און מוט געשעפּט, און קראַפּט אויף דעם געמאָסטן.
ער מיט אַ יאָר צוריק איז פון דער היים אַוועק,
אַדורכגעגאַן פאַרשיידנס — גליידך מיט אַלע.
עס האָט זיך אים דערמאָנט דער זומערדיקער וועג,
דורך וועלכן ס'האָט באַגלייט וואַסיאָנע צום וואָקזאַל אים.
אָט שטייט פאַר אים דער זיידע צווישן אייניקלעך און זין,
ער זעט, ווי מיט די סיווע באַקענבאַרדן זיך צעלאָזט ער:
„מיר וועלן פרי'ר דאָס דריטע מאָל אַריינגיין קיין בערלין,
אידער זיי וועלן ס'ערשטע מאָל אַריין קיין מאָסקווע!"

VI.

און פאַר דער צייט, וואָס ער איז אָפּגעלעגן אין שפּיטאָל,
האָט ער אַ סך געקלערט, איבערגעקלערט דאָרט,
און זיך געכאַפּט, אַז ס'בלאָנדזשעט אין אים טאַניעס קול
און טאַניעס קלינגענדיק געלעכטער.
ווי דאַן, צום ערשטן מאָל, אין פעלד — געענוי,
ווען זי האָט מיטן פערד זיך צוגעשטעלט און מיטן האַניק
און זיך געמאָלדן קינדיש און פאַרשייט אַזוי,
מע זאָל זי שוין פון האַרץ אַרויסרייסן ניט קאָנען...
אָט דאָס איז אויך געגאַן צושטייער אין געמיט,
אָט דאָס האָט אויך צעלויכטן אין זיין בליק זיך:
און אפשר צוליב דעם האָט אים געדוכט, אַז ס'בליט
איעדער אָפּגעברענטער בוים און אונטערוועגדיק געוויקסל.

געשריבן דעם געדאַנק האָט ער פון זיך,
אַרויסגעשלעפּט וואַסיאַנעס בריוו, מיט ביימלעך פון זיין זון באַמאָלן;
נאָר ס'האָט ניט אָפּגעטאָן פון אים זיך דאָס פאַרברווינט געזיכט,
און אויפגעוועקט דאָס גלעקלדיקע קול האָט אַלעמאָל אים:

VII.

„נו, יאָ!... ווי אַלע מיידלעך דאָ, ביי אונדז אין לאַנד", —
ליגט ער צונויף דעם בריוו פון זיין וואַסיאַנען,
און קוקט אויף דעם צונויפגעלייגטן בריוו נאָך לאַנג,
און קער עפּעס אַ שולדיקער זיך אָן אים...
ער ליגט אים אין פּלאַנשעט אַריין צוריק,
און ס'גיט אין אים דאָס האַרץ מיט ווי אַ וואָרף זיך:
צו וואָס נאָך אַט אַזעלכע וואונדן אויף דעם קריג?
צו וואָס זיך אומטראָגן מיט זיי, סאַדאָווסקי?
עס בענקט נאָך נאָענטקייט צו עמעצן זיך גלאַט,
עס בלאַנדזשען היימלאָזע אַרום פאַרלאַנגען און באַגערן.
ער איז דאָך אויף דעם קריג, ווי יעטווידער סאָלדאַט,
און יעדע צאַרטקייט איז אים ליב, און ער איז יעדער גערן...
וואַסיאַנע! — האָט זיין האַרץ מיט ווי געטאָן זיך אַ באַגאָס, —
וואָס האָט ער איר אין לעצטן בריוו אַזוינס געשריבן?
„...ביז איצט געוואונען האָבן מיר אין דער מלחמה דאָס,
וואָס ניט פאַרשפּילט מיר האָבן זי, מיין ליבע..."

20. אַ קאַפּעלע מיט בעטהאָווען

I.

דער זאַנדערפיורער קלאַפּס איז ווידער אויף זיין אַלטן אַמט.
נאָר מעלאַנכאָליע תלינישע פון מאָל צו מאָל באַפאַלט אים.
ער האָט זיך אויף זיין רייזע אונטער מאָסקווע ניט געזאַמט,
אויף דעם ניט־פאַרגעקומענעם פּאַראַד זיך ניט פאַרהאַלטן,
קיין צייט קיין איבעריקע האָט ער איינפאַך ניט געהאַט
זיך אין דער לוזשע אונטער מאָסקווע צו פאַרזיצן.
אים איז נאָך פאַרגעשטאַנען איילן זיך אויף אַ פּאַראַד
אין לענדער פיל, ביז אינדיען, אין דונער און אין בליצן!
ער איז געבליבן אומבאַזיגט, און שטאָלץ, און האַרט,
דעם בראָך באַגרינדן וועט די דייטשישע פילאָזאָפיע דערנאָכדעם.
עס האָט צו אים זיך ווייניק־וואָס געקלעפּט דער גייסט פון שלאַכט,

געטראָגן האָט ער זיך אויף דער סטיכיי פון שאַפן נייע אָרד'נונג.
עס האָבן בליצן זיך געשניטן דורך זיין קאָפּ,
די טויערן צו שטעט און דערפער אויפגעשפּאַרט אים.
נאָר ער האָט זיך דערוויל אַראָפּגעכאַפּט צוריק קיין גראַנאַטאָפּ,
ביז מיט דער וועלט וועט דייטשלאַנד ווערן פאַרטיק.

II.

ער איז רעאַל. און ליב האָט ער דעריבער גראַנאַטאָפּ,
ווייל איבערציילן קאָן מען דאָרטן אַלץ מזומן:
אויב ביי אַ יידן אָפּגעהאַקט אַ קאָפּ, איז עס אַ קאָפּ,
איז זעט ער אים און ווייסט: דאָס איז דעם רייך דעם דייטשן צוגעקומען.
אויב צוקומען וועט עפּעס נאָך, איז וועט מען זען,
איז וועט מען איבערציילן אַקוראַט, און דעמאָלט — ביטע!
די הויפּטזאַך — האָבן עס אין טאַש און האַלטן מיט די הענט,
אויב ניט דאָס גאַנצע, איז אַ העלפט. זאָל זיין אַ דריטל!
אַז וואָס אַזוינס האָט אים אין גראַנאַטאָפּ געפעלט?
וואָס האָט ער דאָרטן ניט געהאַט צו זעט דען?
אין זיין רשות איז דאָרט געווען אַ גאַנצע וועלט
מיט שטראָף־ראַטעס, מיט לאַגערן און מיט אַ געגנטלעכער געטאָ.
און אויב אפילו גראַנאַטאָפּ איז ניט פון גאַנצער וועלט די מאָס,
איז, אייגנטלעך, וואָס האָט עס פאַר אַ ווערט דען?
דערפאַר איז ער אַליין דאָרט אומבאַזיגטער באַלעבאָס,
און ס'איז זיין הערשאַפטווירקלעך עכט און מעכטיק!

III.

איז נאָך דעם בראָך אויף אונטערמאָסקווער פעלד
געבעטן האָט זיך קלאַפּס צוריק אויף פיורערישער אַרבעט,
ביז איינעמען גערמאַניע וועט די גאַנצע וועלט,
ביז אַנטאָן וועט גערמאַניע דער וועלט דעם זיגערישן שאַרבן.
דערוויל איז יעדער פויער דאָ ביי אים אין פויסט,
און יעדע פויערטע ביי אים אויפן דיסקאָנט זיך צאַפּלט,
און יעדע ציג אַליין זיך מעלקט דאָ פאַר אים אויס,
און האָניק לאָזט אַיעדער בינשטאָק פון זיך צאַפּן.
צו זיין געברויך איז אים דאָ יעדע קו.
פון יעדער גראַנאַטאָפּער קאָליחשע, ווי פון אַ וואָזע,
אויף אים דערשראָקן־אונטערטעניק קוקט
מיט דיקעס אָנגעשוואָלענע אַיעדער חזיר.
ס'איז, אמת, ווייט ניט קיין פּאַראַד, ער טוט עס גרינטלעך אַ באַזין;
פון מאָסקווע איז עס ווייט. איינגאַנצן עפּעס אַנדערש.
דאָ פאַלט מיט אים זיך ניט צונויף דעם פיורערס געטלעכע דאָקטרין,
דאָ גייט ער מיטן פיורער זיך אַביסעלע פאַנאַנדער.

IV.

ער וואָלט ניט מורא האָבן, ס׳זאָל אַראָפּפליען זיין קאָפּ,
וואָלט ער צום פיורער זיך געווענדט, צו וויסן טאָן געלאָזט אים,
אַז בעסער איז אַ הייזעלע אַ קליינס אין גראַנאַטאָפּ,
אידער אַ קאַליוחשע אַ גרויסע אונטער מאָסקווע...
ער ווייסט, אַז איינעמען אַ סך איז נאָך פאַראַן,
מע וועט נאָך לאַנג זיך מוזן שלעפּן אויף פאַראַדן,
אַהינצו ערגעץ, קיין קאַווקאַז, קיין אינדיע און קיין איראַן,
כאָטש אים אַליין וואָלט, אייגנטלעך, געקלעקט דער מאָסקווער... שאַדע!
און אין זיין אומבאַגרעניצטער מאַכט זיך באַדנדיק צו זאַט,
געפינט דער זאַנדערפיורער קלאַפּס דאָך ניט קיין רו זיך:
געוויס וואָלט ניט געווען איבעריק אין מאָסקווע אַ פּאַראַד,
ווען ניט באַדאַרפן זאָל מען נעמען מאָסקווע ביי די רוסן!...
קיין שרעק ניט לויערן אַזוי זאָל נאָך זיין פעל,
וואָלט ער צום פיורער זיך געווענדט, געראָטן פראָסט אים:
באַשטעלט, געזאַלבטער, אַ פּאַראַד אין גאַר דער וועלט,
וואו, אומבאַזיגטער, איך געפעלט, נאָר ניט אין מאָסקווע!

V.

ער וואָלט דערזוייל קיין גראַנאַטאָפּ אַהער
דעם פיורער מיט דער סוויטע איינגעלאַדן,
און פאַר דעם אומבאַזיגטן דייטשישן געווער
אַרויסגעלייגט אין געטאָ אַ פּאַראַדל,
פאַרווירקלעכט זען דער פיורער זאָל זיין טרוים,
די פרוכט פון דייטשלאַנדס דראַנג נאָך אָסטן,
אויף וועלכן ס׳האָט גערמאַניע זיך פאַרמאָסטן,
כאָטש ס׳ליזט נאָך ניט ענדגילטיק די פּראָבלעם פון רוים,
אָבער דער הויכער גראַד פון גייסט
וועט דאָ אַנטפּלעקן אַן אַ סוף זיך.
דאָ וועט דער פיורער זען, אַז ניט געגרייזט
האָט ער, פאַרטרויענדיק זיך קלאַפּסן.
האָט קלאַפּס דען ווערן ניט געקאָנט אַ דענקער אויך?
צי פון מחיק די טיר איז ניט געווען דען פאַר אים אָפן?
נאָר אַז דאָס פאָטערלאַנד האָט פאַר אַ זאַנדערפיורער אים געברויכט,
האָט ער זיין מוזע ריטערלעך פאַר דעם געאָפּפערט!

VI.

דאָך מיט פאַראָרדענונג איז ער אַרויס
און אָפּגעגעבן שטרענג האָט אַ באַפעל ער,
אַז די פאַראורטיילטע, אין לאַגער בלויז,
באַשטאַטן זאָלן שנעל אַ קלעזמערשע קאַפּעלע.

פאַרבענקט האָט ער זיך דאָ אַביסל נאָך מוזיק,
דערמאָנען דאַרפן קנעכט פאַרדאַמטע אַלעמאָל אים
אין דייטשלאַנדס בליציק־בליאַסקעדיקן זיג,
ווי אויך אין זייער לעצטער און ענדגילטיקער מפּלה.
און נאָך האָט אַ פאַרלאַנג געלאָקט אים און געפּלעט,
צי איז עס פּאַר אַ דייטש ניט אָנגעמאָסטן גלאַט דען,
אַ קוק טאָן, ווי אַ יודע כאַפּט זיך אָן פאַרן קלאַרנעט
און בלאָזט אַרויס דורך אים די זעל באַנאַנד מיט אַ רולאַדע?
עס מוז דאָס בילד סאַקראַמענטאַל־טשיקאַווע זיין
און אומגעהייער נעט און פרוכטבאַר־נאָבל,
ווען ס׳קלאַמערט זיך אַ יודע אין אַ פידל איין
ביים גרוב, וואָס ער פאַר זיך אַליין האָט אויסגעגראָבן!

VII.

אין פלודער־טאַשן אויפגעבלאָזענע די הענט געפּאַסט,
האָט קלאָפּס געשאָפּט זיך, ציענדיק זיך אויף די קנעכל.
נאָר ניט די הויכע הוט און ניט דער הויכער וויבערשער אָפּצאָס
אים האָבן ניט געמאַכט קיין טראָפּן העכער.
האָט ער צעעפנט יעדע וויל פון כעס דאָס מויל,
דאָס סליונעדיקע ליפּן־פליש פאַרקאָשערט, גלייך ווי אַרבל.
און דורך די שיטערלעך־צעשטעלטע ציין געגאַן איז אַ געהויל,
ווי פון אַן אָפּגעשוונדענעם און צוגעדעקטן שאַרבן:
— מוזיק! — זיינען געקראָכן אים אין מויל די האָר, —
מוזיק! — האָט, אויסשפּייענדיק איינע, ער פאַרהאַקט זיך.
געוווען אין לאַגער איז פאַר אַלעמען שוין קלאָר,
אַז קלאָפּס גרייט צו אַ נייע, אָרדנטלעכע „אַקציע״...
ס׳האָט אויף דער טרויעריקער ערד פון לאַגער שטיל געשנייט,
יעגן דעם טויט דערמאָנט האָבן די קברימדיקע רידלען...
און ווי פון קרייץ אַראָפּגעגאַן צעלעכערט איז אַ פּליט,
און מיט די פּנימער צו דר׳ערד געלעגן זיינען פידלען.

VIII.

זיי האָבן צו די חופּות חתן־כּלות יאָרנלאַנג באַגלייט,
געדאַכט האָט זיך, אַז ס׳שמעקט נאָך אַלץ פון זיי מיט לעקעכער און פלאָדן.
נאָר גריבער זיינען שוין געוווען גרייט,
און אויטאָמאַטשיקעס מיט גיר ס׳געווער האָבן געלאָדן.
זיי האָבן זיך געסדרט זאַכלעך, שפּאַרעוודיק און גיך,
זיך דורכגערעדט געשיקט מיט אויטאָמאַטישן געקלימפּער.
עס האָבן קאַסקעס צוגעדעקט ביי יעדערן פון זיי ס׳געזיכט,
געזען זיך האָבן בלויז די שוואַרצע רימענדלעך אַרום די קינבעך,
און אַ פאַרפּייניקטע פון הונגער און פון קלעפּ,

מיט בערד אויף דורכזיכטיקע פנימער אויף העלע,
האָט ווי פון יענער וועלט זיך אומעטיק געשלעפּט
צו דער פאַרגרייטער גרוב די קלעזמערשע קאַפּעלע.
געהאַט אַן אויסזען פון אַ טשאַטע אבלדיקע פייגל האָבן זיי,
אַזאַ, וואָס גייט צופוס. די פליגל — אונטער פּאַכוועס.
געגאַן ווי אַ באַשטראַפטער איז דער שניי,
און נאָכגעקוקט מיט שאַנד פון הינטן האָט די רחבות . . .

IX.

די קעלנער אויפגעשטעלט — געגאַן צוריק זיי זינען פון דער וועלט
דורך שלענגלדיק־צעשפּרייטע גרינע נעצן.
ווי גאָלדענע אימפּעריאַלן — קלינגענדיק און העל —
פאַרשפּילט זיי האָבן איר אַזוי פיל פריילעכסן, באַדעקנס און באַזעצנס...
געגאַנגען זיינען זיי, ווי פון אַ רייכער חתונה אַהיים...
פאַרטאָן... אַביסל וואַקלענדיקע זיך... אַביסל מידע.
די וועלט געווען איז אומפאַרשטענדלעך און געהיים,
באַלייגט האָט זי אין גריבער, ווי ב׳אַ חופּה־בעט, די יידן.
ביים פּויקער האָט די הוט געהאַלטן קוים זיך אויפן קאָפּ,
און ס׳האָט דער קאָפּ געהאַלטן קוים זיך אויף די אַקסל.
געקוקט דער קלעזמער האָט די גאַנצע צייט אַראָפּ,
און יעדע ווילע האָט זיין בליק אין עפּעס אים פאַרהאַקט זיך.
אַ קעלבל דורכגעבלאָנדזשעט האָט דעם וועג,
אַ קוק געגעבן אויף דעם איז צייט געוועזן שוין אַזוי ווייניק.
דאָס קעלבל האָט געטאָן אין אים די קינדהייט אַ דערוועק,
און זיך ניט אָפּרייסנד פון דעם, האָט שטיל ער אָנגעהויבן וויינען...

X.

די קלעזמער אויסגעסדרט קלאָפּס האָט אין אַ קרייז
אַרום דער גרוב, וואו ס׳האָבן זיך צעשאָסענע געקייטלט.
ביים הימל האָט דאָס האַרץ געטאָן זיך אַ צערייס,
און אויסהאַלטן האָט ניט געקאָנט די ערד דעם ווייטעק.
פאַרוואָרפן אויף די פידלען קלעזמער האָבן קעפּ
גלייך ווי אויף פלאַכטעס, וואו די האַק דעם גאַרגל טריי איז.
און טויטלער האָבן מיילער אין די טויטלען איינגעקלעפּט,
וואָס גיכער אויסהויכן דורך זיי דאָס חיות.
און פּלוצעם האָט צום ריוו פון ערגעץ ווייט געטאָן אַ טראָג
אַן אַלטן מאַן. אַ וואונק די קלעזמער האָט געגעבן שנעל ער.
אַנטבלויזט דעם קאָפּ. אין אַ פאַרצייטיקן אַ שוואַרצן ראָק.
די הענט — אַ הייב. און דיריזשירן זיך געשטעלט מיט דער קאַפּעלע.
צי דאָס האָט דער קאַפּעלע זיך געדוכט נאָר בלויז,
צי האָבן זי האַליוצינאַציעס געהאַלטן שוין אין כאַוועז, —

און פון איר האַרץ, אַ ווינט איז וואַיענדיק אַרויס:
געבראַכט אַהער, צום ריוו, איז אויך בעטהאָווען!

XI.

ביים זקן האָבן זיך די האָר געכוואַליעט אויפן ווינט.
די ליפּן — אַבלדיק און האַרט פאַרשלאָסן.
פון זיין זכרון האָט געטאָן גערמאַניע אַ פאַרשווינד,
פאַרגעסן האָט זיך אים געוואָלט דאָס דייטשע לשון.
קיין היימלאַנד האָט ער דעמאָלט ניט געהאַט שוין גלייך ווי די,
וואָס זייער בראַך האָט אויפגעוועקט פון קבר דאָס געבייך אים.
עס וועט ניט אויסקויפן זיין וואונדערלעכסטע מעלאָדיי
דעם טויבן פאַל אין גרוב, אפילו ניט פון איינעם!
ס'וועט זיין געשפּענסט איצט וואַנדערן פון שוועל צו שוועל פאַרשווערכט,
זיין מוחע וועט איצט זיין — אַ פאַלק, וואָס קאַרקעט ווי אַ קרא שוין.
ניטאָ איז מער קיין דייטשלאַנד אויף דער ערד,
פאַראַנען זיינען העקער פונעם דייטשן לשון!
דעם קין־צייכן אָנגעטאָן זיי האָבן זיין געבייך,
אים טראָגן גאַנץ גערמאַניע וועט צו דער ערד געבויגן.
ער זעט זי — אַ פאַרשאָלטענע — איבער דעם אַש פון חורבות גייך,
און ס'האָבן אַ פאַרמאַך געגעבן זיך אין טרויער זיינע אויגן...

XII.

ער האָט דאָס שיסעריי פון אַוטאָמאַטן ניט געהערט,
פון די פאַרמאַכטע אויגן זיך געריסן האָבן טרערן.
פאַרלאָזט האָט ער זיין קבר אויף דער דייטשער ערד
און איז אַהער געקומען די פאַרפייניקטע געהערן.
געפּאַסעוועט האָט אים פון ערד פון גאַרער דער געהוד,
און אָנגעטאָן פון די געמאַרדעטע די גיהינומדיקע לייד אים, —
האָט ער די פאַרטיטורן זיינע, אויסגעשמירט מיט בלוט,
אין גרוב אַריין אַליין געטאָן אַ שליידער,
געבעט זאָל זיין פון היילוקע די קבר־רו
מיט זיינע יתומדיק־געשענדעטע סימפאָניעס.
געפאַלן נאָך אַ שיכט אַ שיכט איז אין דער גרוב,
נאָר יעדעס שטראָמל בלוט געוועזן אַ פלאַטערדיקע פאָן איז.
ער האָט אין הינערפלעט מיט דער קאַפּעלע דירידשירט,
געוואָרגן האָבן אים פון פידלען און פון פלייטן די געוויינען.
און ווען אַ בראָך געטאָן ביים ראַנד האָט זיך דער לעצטער שיכט,
איז ער אַראָפּ אין גרוב מיט די דערשאָסענע אינאייגעם.

21. וועלט־באַהערשונג

I.

מיט אָנגעשטאָפּטע סאַקוואַיאַזשן און מיט פּעק,
וואָס האָבן זיך פון דאָרף צו דאָרף געמערט און זיך געכפּלט,
געפּראַוועט אַ שפּאַציר איבער אוקראַינע האָט פאָן־שפּעק,
הוליאַשטשענעס געפּראַוועט איבער אירע שטילע הויפן,
ווי אויסקוקן געפּאָרן בלייט איבערן לאַנד
ער וואָלט פאַר זיך אַ פּאַסנדע פּאָסעסיע . . .
ס'האָט אַ נאַהייקע ניט צעשיידט זיך מיט זיין האַנט,
און מיט זיין בוזעם ניט צעשיידט האָט זיך אַ מעסער.
די הוט איז אויף זיין קאָפּ געזעסן ווי אַ ראָב,
דאָס מויל, ווי ס'זואָלט אַליין פון גיר איבערגעקרימט אים.
ער איז געווען קורצזואוקסיק און גראָב
און מיט געשטאָפּטע רויע באַקן פון אַ טומטום.
געקוקט האָט גאווהדיק זיין קינביין איבער זיך,
זיין האַלדז האָט הערשעריש געשניטן זיך אין קראַגן.
אויף קורצע פיס זיינע געשווינדלט האָט ער גיך,
ווי ער וואָלט, ווייניקסטנס, אַליין די וועלט דאָ שוין באַלאַגערט.

II.

אין אַש האָבן די קורצע פיס זיינע מיט טופּ
געזונקען הערשעריש, באַפאַלנדיק און קלעפּיק.
באַזעצט האָט ער זיך אייליק אין סאַדאָווסקיס שטוב,
ווי נאָר זיין טייל אַריבער איז דעם דניעפּער.
אים זיינען וואויל געפעלן די געווייסטע ווענט,
דער טשערעפּענער דאַך האָט נאָך באַצויבערט פון דער ווייט אים.
ער האָט געהאַט פּאַרבלאָזענע און גראָבע הענט
מיט פינגער פונקט ווי פּיטומס פון אַן אייטער.
איז אָנגעשטעלט מיט זיי זיין פּאָטאָ־אַפּאַראַט
ער אויף סאַדאָווסקיס שטוב האָט פייערלעך און מוטיק,
און אויף אַ קאַרטע זי פּאַראַיביקט אַקוראַט,
די קאַרטע אָפּגעשיקט קיין דייטשלאַנד זיין גערטרודען,
אַ שאַץ טאָן זאָל עס אים זיין הייס־געליבטע שאַץ
און מיט אַ נאַכריכט צואיילן זאָל זי זאָפּאַרט זיך:
אויב וואויל געפעלן וועט איר דיזער פּלאַץ,
וועט ער דאָ אַלעס צוגרייטן פאַר זייער האָכצייט.

III.

געװען ס'איז אַנהײב האַרבסט. געגריפּט די פּרוכט האָט זיך אין פּײַן
אַרום סאַדאָװסקיס שטוב אין יונג־געפּלאַנצטן גאָרטן,
געלײגט האָט זיך אױף זײ אַן אומעטיקע שײַן,
געשראָקן אַרום זײ האָבן די בלעטער זיך אַ שאָרך טאָן.
אַן אַלטע בין האָט אומגעבלאָנדזשעט מיט געװײן,
און מיט געװײן געװאָרפן זיך פון אײן בױם צו דעם צװײטן,
װי זי װאָלט דאָ קײן אײנעם ניט דערקענט אַלײן
און װי צו קײנעם ניט דערגאַן װאָלט שױן איר װײ דאָרט.
געװען די עפּל זײַנען בלאַס, װי פון דערשרעק,
און װי אונטער אַ לאַסט — צו דר'ערד זיך נידעריק געצױגן...
אַרומשפּאַצירט איבער סאַדאָװסקיס גאָרטן האָט פּאַן־שפּעק
און מיטן סטעק אַיעדע װײל אַ צװײַג אַראָפּגעבױגן.
אַ קרעכץ האָט פון זײַן צוריר צו די בײמער זיך געהערט,
די בלעטער דורכגעשורעװעט האָבן מיט טױבן פּאַכע,
און ס'האָט פּאַן־שפּעק געקײט דערװײדערדיק און פרעך,
אונטערגעשפּאַרט די היפּטן מיט אַ בײמל אַ פּאַרבראַכנס.

IV.

דעם הױזגעזינד סאַדאָװסקיס האָט פּאַן־שפּעק
באַפּעלט אַריבערגײן אין קיך — זאָ שנעל, װי מעגלעך!
ער האָט די טיר זײ אָנגעװיזן מיטן סטעק,
געפּאָדערט אײליק זיך און מער באַװעגלעך.
אין שטוב — דער זידע, דער געװעזענער לײב־גװאַרדיע, איז געװען,
װאַסיאַנע איז געװען, סאַדאָװסקיס קינד געװען איז.
— נו, קום, װאַסיאַנע! — האָט דער זקן זיך געװענדט,
אַריבערטרעטנדיק פון קיך די גרענעץ, —
איך בין שױן אַלט... מיר מאַכט ניט אױס...
דאָס קינד פאַרשטײט נאָך ניט... דער עיקר — דו נאַר!... —
פּאַן־שפּעק האָט מיטן סטעק אַ ריר געטאָן זי בלױז,
איר האָט געדוכט, אַז ס'איז אַראָפּ אױף איר אַ דונער.
זי איז געגאַנגען, לאַנגזאַם שטעלנדיק די טריט,
געלעגן אױפן פּאָל דער סקאָרב אירער צעזײט איז.
דאָס קינד איז מיט אַ שפּילעכל געגאַנגען אינדערמיט,
דעם טרױעריקן צוג פאַרשלאָסן האָט דער זידע.

V.

דער װעג פון שטוב אין קיך געװען איז לאַנג,
געגאַן איז מען, געגאַן און ניט גערירט זיך פונעם אָרט דאָך.
עס האָט זײ דורך די פענצטער אַלע װײל דערלאַנגט
דער טױבער אומעט פונעם גאָרטן

מיט אַזאַ ווינטיקן, אַ קרעכצנדיקן שאָרך
פון ביימער אין אַ האַרבסטיקן געוויטער,
ווי ער וואָלט די געטריבענע געגעבן אַ פאַרשפּראָך
און זיי מיט פּיין די הערצער אָפּגעבריט דאָרט.
געפאַלן איינציקווייז אַ בלאַט איז נאָך אַ בלאַט,
געלייגט זיך זוי דער גורל פאַר די וואַנדערער,
וואָס האָבן גיין און גיין אַ לאַנגן וועג געהאַט
איבער דעם קורצן וויטעקלעכן ראַנד דאָ . . .
וואַסיאַנען בלייבן איז געוואָרן דערלויבט.
געקומען איר אויפן געדאַנק סאַדאָווסקיס לעצטער בריוו איז . . .
אַ קוק געטאָן האָט זי אין גאָרטן דורך דער שויב —
אַראָפּגעהאַנגען טרויעריק האָבן די רייפע גליוועס . . .

VI.

אַ טאָג פאַרגייט. אַ טאָג אַ צווייטער קריכט.
דער וועג, די ביימער — ווי אַ פרעמדן קוקן אָן אים;
געזעסן זיינען זיי אינדרייען אויפן קיך —
דאָס קינד, דער זיידע און וואַסיאַנע.
געזען זי האָט ניט קיינעם אַרום זיך,
אַחוץ דעם בריוו, וואָס האָט געטאָן זיך אַ דערמאָן איר.
געזעסן זיינען זיי אינדרייען אויפן קיך —
דאָס קינד, דער זיידע און וואַסיאַנע.
פאָן־שפּעק פאַראָרדנט: פּוצן אים די שיך,
און וואַשן גרעט — די אויגן זיינע מאַנען.
געזעסן זיינען זיי אינדרייען אויפן קיך —
דאָס קינד, דער זיידע און וואַסיאַנע.
פאָן־שפּעק זיך מאַרדעוועט, מע זאָל עס מאַכן גיך,
דאָס קינד געדולדיקן ער קאָן ניט.
געזעסן זיינען זיי אינדרייען אויפן קיך —
דאָס קינד, דער זיידע און וואַסיאַנע.

22. טאָגבוך

I.

ביי יעדן וועג פאַרטייעט איז אַ גרוב,
באַלאַגערט זיינען זיי מיט סודות שוואַרצע.
צו דורכגייער זיך שטרעקט ערגעץ אַ שטוב,
אויף בשורות און אויף געסט פון ערגעץ וואַרט זי.
וואַסיאַנע וואַשט דאָרטן פאָן־שפּעקן גרעט,
דער זיידע קוקט, ווי טרערן אין דער באַליע רינען.

וואוהין איז עס דאָס מזל און די זעט
פון דיר אַוועקגעפלויגן, אוקראַינע?
וואַסיאַנעס הענט זיינען ביים וואַשן הויל,
פאַרקאַשערט איבער זיי זיינען די איינגענעצטע אַרבל.
און מיט זשאַרבענדיק־פאַרשטאָפּטן מויל
דרייט אום פאַן־שפּעק זיך, ווי אַ זשאַבע, —
ער שפּרינגט אַ סאָפּענדיקער אַרום איר
און קוואַקעט אויף זיין זשאַבע־לשון:
— מיט זאַלכע הענדע, — גיט ער זי אַ פּרעכן ריר, —
איסט שאַדע... יאַ... קראַסיוואַ... אַשיען...

II.

ניט אָפּגעטראָטן האָט פון איר פאַן־שפּעק.
אין איין האַנט אַ שטיק וואורשט און אין דער צווייטער אַ נאַהייקע.
און דאַך האָט אַ געלעכטער פול מיט שרעק
אויף זיינע אָנגעשטאָפּטע פּיסקעס זיך געפּייקלט:
— מיט זאַלכע הענדע וואַשט מען ניט קיין וועש, —
געהריזעט האָט דעם וואורשט איינאיינעם מיטן וואָרט ער,
און אויך מיט דער נאַהייקע אַלע ווייל אַ דרעש
האָט ער דערלאַנגט איבער די אייגענע באָטפּאַרטן.
ער האָט זיך סליונעדיק באַלעקט. ער האָט געלאַכט.
און מיטן וואורשט צום שטוב אַ וואונק געטאָן איר:
— צום טויפל! שנעלער! זאַלכע הענדע — פּראַכט!
די רוסן פוילן זיך! מירן זיי אויסלערנען! זיי וועלן קאָנען! —
וואַסיאַנע האָט פאַרטויבט אי אים אי זיך
מיטן געוועש, ביז בלוט צערייבנדיק די הענט דאָרט,
און האָט ניט אויסגעקערעוועט צו אים ס׳געזיכט,
און מיט קיין וואָרט זי האָט אים ניט געענטפערט.

III.

זי האָט געקוקט אין באַליע, ווי נ׳אַ אָפּגרונט טיף.
ס׳איז אויפגעשוואומען איר פאַרגאַנגענהייט אַזוי ווי דורך אַ נעפּל.
געענטפערט אין געדאַנק האָט זי סאַדאָווסקין אויף דעם בריוו,
מער האָט זי קיינעם ניט געזען דערנעבן.
מיט ווייטעק איז געוועזן פאַרהויכט איר בליק,
און ביטערקייט געלייגט זיך האָט איר אויפן גומען:
אָט איצט באַצאָלט זי פאַר די יאָרן גליק,
וואָס זיינען אַזוי לייכט איר אָנגעקומען.
עס איז צו לייכט איר אָנגעקומען אַלעקסיי,
דער אינסטיטוט, וואָס זי האָט שפּילעוודיק געענדיקט,
די פאַרמלחמהדיקע לייכטיקע ראַסיי —

אַ חלום, דאַכט זיך איר, ניט מער איז עס געווען דאָן . . .
נאָר אויב ניט אונטערבראָכן וועלן זיך ביי איר די טריט
און אויב עס זיינען טעג פון פריַיהייט נאָך באַשערט איר,
וועט זי געוויס זיין דעמאָלט מיטן גורל — קוויט,
ווי ס׳קומט דעם לאַנד פון זיינע טעכטער!

IV.

פאָן־שפעק געשריבן האָט אַ טאָגבוך אַקוראַט,
די בוכהאַלטעריע פון זיינע העלדטאַטן געפירט דאָרט —
ביז מינדסטער איינצלהייט, ביז מינדסטן פרט,
זאָל ער באַשיינען דייטשלאַנדס שלאַכטיקע געשיכטע.
אַלס יורש פון אַ ביר־פירמע, ביז העכסטן גראַד
אין יחוס פון טעווטאָנער טומאה איינגעטונקען,
האָט ער זיינע פאַרדינסטן איבערציילן ליב געהאַט,
ווי איבערציילן אַלע נאַכט ער פלעגט דאָס טרונק־געלט.
אַצינדערט האָט דאָס ציילן בלויז שוין ניט געקלעקט,
געפאָדערט, ווייניקסטנס, האָט יעדער העלדטאַט אַ פאַפירוס.
האָט זיך אַ טאָגבוך רעגלמעסיק איינגעפירט פאָן־שפעק —
דער יורש דער געוועזענער פון אַ בערלינער ביר־הויז,
אַז ניט פאַרלוירן גיין זאָל פאַר זיין לאַנד
קיין טראָפּן פון דער ריטערלעכער צירונג.
ער האָט אַ לייכטן בלעטער אים געגעבן מיט דער האַנט,
פאַרהאַקט די אויגן אויף דער פאַרלעצטער נאָטירונג . . .

V.

ער האָט זיין פליס־פעדער געפרואווט. עס האָט זיין שאָטן זיך געשאַרט,
די שיין פון לאָמפּ געפינקלט האָט אין פלעשער בראָנפן;
„פיליכט וואָלט ניט געשאַדט, — האָט ער געטאָן אַ טראַכט, —
אויף פאַרנאָטירן דאָ דעם פרעכן פּאַרטיזאַנער־אָנפאַל?"
אַריינגעריסן האָבן זיי זיך אומגעריכט און דרייסט
אינמיטן אונט־ברויט. אַרויסשטעקן די צינגער זיך באַפוילן.
אַ קעלטעלע גיט דורכן לייב זיך אים אַ שפּרייז:
ווי וואָלט ער אויסגעזען, ווען מיט אַ קויל פאַרפאַרט מען דאָ אין מויל אים?
ער האָט דערלאַנגט אַ הוסט. די אויגן — אין זיגזאַג.
און נאָכאַמאָל אַ הוסט. אַ הילכיקן. מען זאָל אים הערן:
אַריינגעשטופּט אַ שטאָב זיי האָבן אין אַ זאַק
און אים אין וואַלד פאַרשלעפּט מיט אַלע אָפיצערן . . .
געטונקלט האָט דער וואַלד ניט ווייט אין טאָל.
ניט צוגעמאַכט קיין אויג דאָרט האָבן פאַרטיזאַנער.
אין שאָרך פון יעדן בוים האָט זיך געהערט גאַלינעס קול:
— אָקסאַנע! קינד... וואָס האָבן זיי מיט דיר געטאָן, אָקסאַנע?! . . .

23. זי לערנט אים

I.

אַ טרייסט אַן אײנציקע גאַלינע האָט געהאַט
און זיך געשפּייזט דערמיט אין איר אַנמזלדיקן לעבן.
מ׳האָט זי באַגעגנט, ווי אַ מאַמע, אין אַטריאַד
און כּבוד איר דעם שענסטן אָפּגעגעבן.
אַרומגערינגלט האָבן פּאַרטיזאַנער זי אין שטאַב,
ווי קינדער אייגענע באַדויערט און באַוואונדערט.
גאַלינע וועגן זיך דערציילט האָט קנאַפּ,
נאָר וועגן איר דערציילט האָבן פון לייב די וואונדן.
דערנאָך געגעבן מ׳האָט זי אַ באַפאַל:
— נו, אַט! צוויי הונדערט זעקס און פערציק זין איצט האָסטו!
אַ קאַפּטענאַרמוס זיי, מאַמאַשאַ, אונדז אין וואַלד,
און זיי, מאַמאַשאַ, אונדז אין וואַלד אַ באַלעבאָסטע! —
זי האָט צוערשט אַרומגעקוקט זיך און באַטראַכט
און ניט פאַרשטאַנען, וואָס אַזוינס איז קאַפּטענאַרמוס.
איז האָט מען איר דערקלערט: — מירן, מאַמאַשאַ, גיין אין שלאַכט,
און דו וועסט אונדז, מאַמאַשאַ, קאָכן וואַרעמס!

II.

זיך צוגעשטעלט צו איר אַ פּאַרטיזאַן האָט. אין די הענט —
אַ סוקעוואַטער שטעקן, אויסגעשניצט מיט קאַרבן.
— איך בין מעפּאַדי! — האָט ער זיך צו איר געווענדט. —
אַ ביקס באַדאַרף איך, חבר קאַפּטענאַרמוס! —
אַ קוק האָט זי אויף אים געגעבן פון דער הייך אַראָפּ
און מיט איר גאַנצן ווייי געגעבן אַ באַלאַד אים:
— מעפּאַדי? גוט! איז גיי האַק אָפּ אַ דייטש דעם קאָפּ,
וועסטו אַ ביקס פאַרדינען זיך, מעפּאַדי!
— אַט דאָס, פאַרשטיי איך, הייסט אַ גאַב, —
האָט זיך אַ קנייטש געטאָן מעפּאַדי ביים אַוועקגיין.
דאָך אָפּגעהאַקט האָט ער אַ דייטש דעם קאָפּ,
אים אויסגעשפּירט דאָרט ערגעץ אויף די וועגן.
און זיך אַ ביקס פאַרשאַפט — אַן אויטאָמאַט,
פון יעדער זייט באַטראַכט מיט קאָפּ זי,
און אויפן רימען אָנגעטאָן זי אַקוראַט,
זי אויפן בויך געטראָגן ווי אַ קאָבזע.

III.

און צו גאַלינען צוגעשטעלט זיך נאָכאַמאָל,
אין וואַליק — גאַנץ, דער צוויטער — הוילע שפּאַרעס.
און אָנגענומען זיך מיט מוט און אויפן גאַנצן קול:
— אַ וואַליק אפשר האָסטו, חבר קאַפּטענאַרמוס? —
דעם בליק אין אים פאַרשטעכנד, ווי אַ שפּיז,
האָט זי אַ זאָג געטאָן שוין ווי אַן אַלט־באַקאַנטן:
— גיי האַק, מעפּאַדי, אָפּ אַ דייטש די פּיס,
איז ווערסטו זיך אין וואַליקעס אין זיינע אָנטאָן! —
באַשלאָגן האָט דעם פּאַרטיזאַן אַ שוויס,
אַ בושה האָט געטאָן אויף אים אַ לאָף אָן:
— וואָס ביסטו, חבר קאַפּטענאַרמוס, אַזוי בייז?
אַז וואַליקעס ביים דייטש זיינען פון האָלץ און פון פּאַלאָווע!
— אַלצאיינס! — האָט זי געטאָן זיך אין דער זייט אַ דריי, —
מע דאַרף די שאַרבנס האַקן און די פּיס זיי! —
דערמאָנט האָט זי פונסניי זיך אין דער היים,
און ס'האָבן טרערן אין די אויגן זיך באַוויזן.

IV.

דער טאָג איז אומעטיק. דער טאָג איז טריב.
און איר איז שווער אַן אָרט זיך צו געפינען.
נאָר פּאַרטיזאַנער האָבן זי באַקומען ליב,
ווי אָנגעקערט זיי וואָלטן ווירקלעך אַלע זין איר.
און זי האָט ליב, ווען אַ געזאַנג גייט אויף,
ווען ס'גיסט אויף ווייט פונאַנדער זיך דער טרויער.
איר דוכט: דאָס אַש, די היים זי רופט:
וואָס אַזוי לאַנג? גאַלינע! האַ, פאַרוואָס אַזוי געדויערט?
פאַרנאַכט פאַרפירן זי אַליין די טריט
צו אַ צעליגטן טליענדיקן שייטער;
פון דאָרט זיך טראָגט אַ פּאַרטיזאַנער־ליד,
מיט בענקשאַפט אַזוי טיף געלייטערט,
מע זינגט אַזוי דעם אומעט אויס פון וואַלד,
די היימען לייבלעכע, וואָס זיינען שוין ניטאָ מער.
און ווי די נאַכט גיט נאָר אַ פאַל,
צעלאָזט מען זיך נאָך הייליקער נקמה.

V.

אַרום אין געגנט האָבן דערפעלעך געברענט,
און שוואַרץ פון רויך זיינען געווען די שנייען.
דערמאָנט מעפּאַדי האָט זיך ווען־ניט־ווען
אין זיינע זין — אין די באַליבטע רויטאַרמייער.

געזוען מעפאַדיכע... אַ היים געוועז.
און אַ קאַלזוירט געוועז — אַ זיסער יום־טוב.
דערמאַנט מעפאַדי האָט זיך ווען־ניט־ווען
אין זיין געפאַנגענעם מאַיאַנטעק,
ווי אויסגעהאַדעוועט אַליין האָט ער
איעדעס ביימעלע מיט לייב און לעבן.
איז ווער האָט עס צעבראָכן, ווער?
ווער האָט דעם פיינט עס אָפּגעגעבן?
אַ האַק, אַ מעסער אין די הענט
און, ווי די דערפער, ברענענדיקער צאָרן.
דערמאַנט מעפאַדי האָט זיך ווען־ניט־ווען
אין די פאַרוועלקטע, ניט־דערבליטע יאָרן . . .

VI.

ער פלעגט ערגעץ אַליין אַוועק,
אין גרינע דורכדרינגען געוויקסן
און ליגן, ווי אַ שטיג ביים וועג,
אַריינגעאָטעמט אין דער ביקס זיך.
אַ טאָג, אַ צווייטן — אין אַ קוסט,
און אויך — אַ דריטן און אַ פערטן,
און אָפּנעמען ביים פיינט אַ גרוס
פון היימישע, פון ליבע ערטער . . .
אַ טשמעל אין שאַרבן — שטיל, אָן רעש,
און נאָך דעם ערשטן לייכטן וואַקל
אַראָפּנעמען פון אים דעם טאַש,
דאָס מויל פאַרשטאָפּן אים מיט פאַקליע.
געשלעפּט אַ דייטש האָט ער נאָכהער אויף דר׳ערד,
אַז ס׳זאָל קיין קויל אים ניט דעריאָגן,
אים אונטערוועגס אַליין פאַרהערט,
ביז וואָס, ביז ווען, אַזוי צו זאָגן . . .

VII.

— מעפאַדי — דאָס בין איך! געהערט?
איזהאָן — געהערט? דאָס איז מיין טאַטע!
ראַסיי! — אַ וואַלגער אויף דער ערד
האָט ער געגעבן מיטן דייטשן אויטאָמאַט אים, —
געזען? אַצינד ברעך אויס!
די צונג, פאַרשאַלטענער, אַרויסשטעק! —
עס זיינען ווינטעלעך געגאַן פאַראויס,
אַ בלעטעלע זאָל ניט קיין רויש טאָן.
אַ ברוינע שטיק צעקוועטשטע לייב

גערזן מעפּאַדי האָט און קוים פאַרשטאַנען: —
דריי מאָל צעבראָכן וועד פאַר יעדן בוים
באַנאַנד מיט דיך זאַראַזנער פינצטערער געדמאַניע! —
געטונקלט האָט דער וואַלד ניט ווייט אין טאָל,
ניט צוגעמאַכט קיין אויג דאָרט האָבן פּאַרטיזאַנער.
אין שאַרך פון יעדן בלאַט געהערט האָט זיך גאַלינעס קול:
— אַקסאַנע!... קינד... וואָס האָבן זיי מיט דיר געטאָן, אַקסאַנע?

24. אויף קאַטאָרגע

I.

פאַר צוואַנציק מאַרק האָט אַן אַריער זי פאַרקויפט,
ער האָט געהאַט נאָך פיר, פאַרפירטע פון טשערניגאָוו.
א האַלב יאָר צייט האָט זי באַדינט זיין הויף,
א שאַלכל אויפן קאָפּ און אויפן מויל אַ ריגל.
דער קונה האָט זי אויסגעפּרואווט. צי איז זי שטאַרק?
אויף וויפל פערד־קראַפט? — האָט זיין גיר געטריפט מיט סלינע, —
צי איז דער מקח ניט צו טייער? צוואַנציק מאַרק!
ער האָט געצאָלט שוין ביליקער פאַר די — פון אוקראַינע...
אויף אַרבעט האָט באַגינען זי געפירט דער יאַך,
צו האַלב־נאַכט האָט צוריק זי אָפּגעפירט דער פיבער,
און אַלט געווען איז זי ניט מער ווי אַכצן יאָר,
ווען מ'האָט זי פון דער היים אויף פאַנשטשינע פאַרטריבן.
צי וועט זי נאָך אַמאָל זיך אומקערן אַהיים?
צי ערגעץ פאַר איר דאָ — אַ קבר איז ניט ווייט שוין?
איעדע נאַכט פאַרגייט די ערד זיך אין געוויין
פאַר די פאַרטריבענע אויף קאַטאָרגע קיין דייטשלאַנד...

II.

דער וועג איז לאַנג און קאַרג. די פיס — צעקיילט און הויל,
פון אירע אַכצן יאָר מע טרייבט אַזוי געשווינד זי...
ביז צו דערשטיקט ווערן שנידט אין זיך אין איר מויל
דאָס בלוטיק ציימעלע פון פריען שווינדזוכט.
נאָר יאָגנדיק פון זיך די פאַרע און די זעל,
ביז צו דער ערד אונטערן יאָך איבדרייען איינגעבויגן,
האָט זי אַ פילקע דאָרטן פליענדיק דערזען
און זי אין היגערפלעט געטאָן אַ לאַקער מיט די אויגן.
אָט איז זי, דאַכט זיך, שוין איבער איר קאָפּ!
אַ שפּרונג טאָן בלויז און מיט דער האַנט דערלאַנגען!
ווי פון אַ ווייט געיעג — דער אָטעם, אויף און אָפּ,

און ביז צום פלאַצן שטרענגען אָן זיך אירע אַנגלען.
און ביז צו קאָפּ־שווינדל מיט דראַנג זיך אַ צי אָן
און אַ צעגאָס גיט זיך דער שטאָלט פון אירע גלידער,
זאָל נאָר די פילקע איצט אַ ריר צו איר זיך טאָן,
ועלן אַ שפּריץ טאָן, ווי אין כישוף, פון איר לידער.

III.

אָן אויגנבליק האָט זי פאַרגעסן, וואו זי איז,
פאַרטראָגן ווייט האָט זי דער פיבערדיקער שטורעם.
די פילקע בוקט זיך שוין אַליין צו אירע פיס
און וואַרט איר וואַרעמען באַצויבערדיקן צוריר.
אַ שטרעק די הענט און מיט דעם בליק זיך אַ פאַרגיי,
און אין געיעג האָבן צעשאָטן אירע טריט זיך —
דאָס שטעכיק דראָט, דעם הונגער און דעם ווײ
אַדורכגעברענט דער אימפּעט האָט מיט בליצן.
זי זעט שוין ניט, וואָס ס'טוט זיך אַרום איר,
אין קויט שוין וואַלגערט זיך איר קאַטאָרזשאַנסקער זאַסטעפּ,
די פּילקע גיט זי ציטערדיק אַ ריר,
דאָס האַרץ זיך רייסט פאַרכלינעדיק און האַסטיק:
אַ וואַלייבאָלן־פעלד צעחתמעט פאַר איר בליק,
און פון איר שול, און פון איר קלאַס — אַזוי פיל אירע!
זי ווערט פאַרטויבט פון דעם געראַש, פון דער מחיק,
ס'איז צייט צו אָנהייבן! נו, יאָ! דער גאַנג — איז אירער!

IV.

זי זעט אין הינערפלעט איר גרינעם סטאַדיאָן,
אויף גראָזן שווינדלט ער אויף גאָלדענע און ווייכע.
האָט זי די פילקע אין דער הייך אַ שמייס געטאָן
און זיך פאַרקוקט, ווי אין דער לופט אַ קרייז זי צייכנט,
און — אַלץ! איר גייט ניט אָן דער טומל פון געלויף
און ניט דער רעש פון דראָענדיקע שטימען, —
פונקט ווי אַ סטאַטוע אינמיטן קאַטאָרזשאַנסקן הויף
זי אַ פאַרצויבערטע געשטאַנען איז, דעם קאָפּ צום הימל . . .
אַרויף איז מען אויף איר, נאָר זי האָט ניט געהערט,
ניט אויפגעהערט האָבן די פויסטן זי פאַרפלייצן,
און יעדער שטויס איז ווי אַ זאַסטעפּ ערד,
וואָס אין דער גרוב פאַרשיט ער לעבעדיקערהייט זי . . .
נאָר קיינעם ניט געגעבן אויף איר פּיין צו טאָן אַ קוק
און קיינעם איר געווײן זי ניט געלאָזט האָט הערן...
ביינאַכט האָט זי געוואַרעמט זיך אין שטאָל נעבן דער קו,
און פון דער קעלט האָבן געפרוירן אין די אויגן אירע טרערן.

V.

די הײם איז װײט... נאָר דאָרטן בלאָנדזשעט אום איר בליק,
פון דאָרט זי הערט זיך שטיל אין יעדן שאָרך איין.
נאָר שוין אַ נײער קונה שיכורלעך לעם איר זיך װיגט,
ס׳פּאַרקױפט אַצינד דער באַלעבאָס זי צו אַ שכן.
אַ פּרייז אויף איר אַצינד אַ צוגענגלעכע שטייט,
קיין צוואַנציק מאַרק האָט זי שוין איצט ניט אָנגעצויגן. —
און זי האָט זיך נאָך מיט איר קינדהייט ניט צעשיידט —
דאָס שאַלכל אויפן קאָפּ, אַראָפּגעלאָזט די אויגן . . .
איז מיט דער בייטש האָט זי דער נײער װירט פּאַרפּראַוועט:
ביי אים װעט צו קיין פּילקע מער זי ניט קיין צי טאָן!
דער הימל — פּרעמד. די אויגן הייבן זיך צו אים ניט אויף,
זי גייט, פּאַרקױפט אין קנעכטשאַפט צו אַ דריטן.
װאו איז איר הײם, װאו ס׳האָט אַ מאַמע זי געהאַט?
געשיקט זיך, אַז ניטאָ איר מאַמע איז שוין מער דאָרט?
עס קויפט אויף קאַטאָרגע אַ קאַט זי ביי אַ קאַט,
עס קויפט אויף אומקום זי אַ מערדער ביי אַ מערדער.

VI.

בייטאָג האָט זי דער אויפזעער געשלאָגן מיט אַ רוט,
װען זי איז, אַ פאַרמאַטערטע, געפאַלן ביי דער אַרבעט.
װי אַלעמאָל האָט זי פון מויל דאָס בלוט
געװישט, אַ שװײגנדיקע, מיט די אַרבל...
געקוקט אַראָפּ אויף אירע באָרװעסע צעביילטע פּיס
און מיטן קלייד פּאַרדעקט די ציטערדיקע קני דאָרט.
געװאָלט האָט איר זיך צו דער מאַמען צוטוליען געװיס,
ס׳זאָל זי אַליין די מאַמע אויף די הענט אירע פּאַרװיגן...
ביינאַכט האָט זי אַ לעצטן בריװ צונויפגעשטעלט
און אָנגעשריבן דעם אַדרעס — אין װאָרט נאָר: רוסלאַנד...
זאָל דורכלייענען איר בריװ דער װינט אין פעלד,
דער בוים אין װעג — און װעמען ס׳גלוסט זיך...
צעריסן איז אויף איר געװען דאָס קלייד,
אין שטרוי נעבן דער קו האָט זיך איר קלומעקל געװאַלגערט, —
האָט זי דאָס שאַלעכל פון קאָפּ צונויפגעדרייט
און אין דער שטאַל זיך אויפגעהאַנגען אויף אַ באַלקן.

VII.

פון דײטשער קאַטאָרגע אַ גרוס די מאַמע װאַרט,
חלומות ביטערע זי צירעװעט און העפּט שוין,
די אויגן קוקט זי אויס זיך טאָג און נאַכט,
אַן איינגעטונקענע פּען זיך דורכרייסן װעט אפשר?

קיין גראָז פאַר איר ניט וואַקסט, קיין בוים פאַר איר ניט גרינט,
דער טויט אין ערד־שטיבל זיך קלאַפּט פון וויטע ערטער...
זי הערט זיך איין אין יעדן שאָרך פון ווינט:
אַ לעבעדיקער גרוס איז אפשר דאָך באַשערט איר?!
ניין, ניט דער בריוו, געשריבן פאַרן טויט, ביינאַכט,
און ניט דער טרויעריקער קלונג פון שקלאַפן־קייטן, —
די ערד די אַנגעשוואָלענע מיט טרערן און מיט צער,
נאָר זי אַליין קאָן אויסשרייען דעם וויטעק,
און אויך דער באַלקן פון דער תפיסהדיקער שטאָל,
דער איינגעוועבטער אין געוועב פון שפינען,
וואו אויפגעהאַנגען אין דער פינצטער אויף אַ שאַל
האָט זיך די טאָכטער די געפאַנגענע פון אוקראַינע.

VIII.

אירע פאַרשטאַרטע אויגן זעען ניט דעם טויט,
זי זעט איר היים און איר פאַרצוקטע יוגנט,
און ווי איבער די גרענעצן, פאַרשטעמפּלט טויב,
אויף קאַטאָרגע זיך שלעפּן תפיסהדיקע צוגן.
איבערן האַלדז אין פיק, אין אומגליק און אין קויט,
גייען געפאַנגענע, געשפּאַנטע אין עבודת־פּרך.
ס'האָט פאַר אַ וועכטער נעבן זיי אַוועקגעשטעלט דעם טויט
די דריטע פאַראַזיטישע אימפּעריע.
ניין, ניט קיין בריוו, געשריבן מיט געשמידטער האַנט
אונטער דער סווישטשענדיקער בייטש פון די פאַרדאַרבער, —
די ערד די אַנגעזויגענע מיט וויי און שאַנד,
נאָר זי אַליין קאָן אויסשרייען דעם צאָרן און די חרפּה...
מיט שטעכיק דראָט אויף די געפאַנגענע פון טאָג צו טאָג
שרייבן די דייטשע הענקער בריוו מעת־לעתן גאָרע.
זיי קומען צו די מאַמעס צו די אָרעמע ניט אָן,
דער טויט צעטראָגט זיי, ווי אַ בריוונטרעגער, איבער קברים.

25. אַ נאָגאָן

I.

און אין דער אונטערערד האָט פיבערדיק געברויזט,
דעם גזר מיט מוט האָבן פאַראורטיילטע געוואויגן:
„מ'עט ניט פאַרשפּעטיקן, חברים, צו דעם טויט". —
געשפּריצט ביי יעדערן האָט שנאה פון די אויגן.

אין לעצטע שמאַטעס איינגעהילט די הויט,
פון ווידערשטאַנד די טריט געשטעלט די ערשטע קוים נאָר.
„מ׳עט ניט פאַרשפּעטיקן, חברים, צו דעם טויט״, —
געברענט ביי אַלעמען אַ פייער האָט: נקמה!
די שטומע בליקן איינס דעם אַנדערן פאַרטרויט,
דעם שטומען ווי, ווי פלאַם אין אָדערן פאַרטייעט.
„מ׳עט ניט פאַרשפּעטיקן, חברים, צו דעם טויט,
אַ טיר זיך עפענען מע קאָן נאָך צו דער פרייהייט״.
געטיילט דעם פּיין מ׳האָט, ווי דאָס לעצטע שטיקל ברויט,
מיט אים האָט יעדער ווי מיט וואָפן זיך געזעטיקט.
„מ׳עט ניט פאַרשפּעטיקן, חברים, צו דעם טויט,
זאָל אַ געשפּרעך מיט אים זיך אָנהייבן אין געטאָ!״

II.

אויף אַרבעט גייענדיק, זיך אומקערנד צוריק,
אַדורך דעם טויער ביי דער דראַטיקער פאַרצוימונג, —
געוואַר געשמוגלט האָט דער לערער הירשל גליק,
געוואַר געשמוגלט האָט די קונסט־מאָלערן נעמי,
געוואַר געשמוגלט האָט אַ נייטערן געטריי,
געוואַר געשמוגלט האָבן קינדער ביים אַריינגאַנג.
ניט מער ווי אײנער איז אַדורכגעגאַן פון דריי,
די איבעריקע צוויי האָט מען געהאַנגען.
נאָר זיך ניט אָפּגעשטעלט האָט קיינער פאַר קיין שטראָף,
מ׳האָט אין דער טיף, וואו ס׳טוט די שיין ניט קיין פאַרקער׳ווע,
עלעקטרע־לעמפּלעך געשטאָפּט מיט אויפרייס־שטאָף,
מיט פייער אָנגעלאָדן שאַכטלעך פון קאָנסערוון.
געגאַן די טויט־שפּיל איז געפערלעך און פאַרשייט,
דעם לערערס קול האָט זיך געקויקלט איבער ווייטן:
— אויב ס׳איז פאַראורטיילט דער ניט גלייך־אויף־גלייכער שטרייט,
וועט דאָך דעם זיג דערנע׳נטערן דאָס שטרייטן!

III.

און אין די דערפלעך אַ האַנדל איז געגאַן,
פון אַ בייט אויג פאַרבאָרגן און פאַרהוילן:
אַ חופּה־פינגערל פון גאָלד פאַר אַ נאַגאַן,
און אַ פּאָר אוירנגלעך פון גאָלד פאַר אַ פּאָר קוילן!
פון אויטאָמאַט־געווער ווער ס׳טראָגט אַדורך אַ דיסק,
און פון אַ קוילנוואַרפער ווער אַ טייל עס שמוגלט.
עס איז קיין שטער דעם מלאך־המות׳ שוואַרצער פּיסק,
דער טויט אַליין איז פאַר קיין אָפּהאַלט ניט געגונגד.
די סטאַליער־יונגען ניט געסטאָליערט האָבן מער,

און מער קיין ברויט האָבן די בעקערס ניט געבאַקן.
איעדן שטיין מיט בלוט פאַרשפּראָכן אויף געוועד,
און דער געפּאַר געגאַן אַנטקעגן אומגעוואָקלט.
עס האָבן אָפּגעוואָרט אין אונטערערד די פריינט,
קיין אויג האָט קיינער ביי די נעכט ניט צוגעמאַכט דאָרט;
ביז צו דעם מאָרגן־רויט געגאַנגען איז אַ שטרייט:
ווי זאָלן פירן קעגן שונא זיך די שלאַכטן?!...

IV.

— מע מוז זיך אויסרייסן פונדאַנען און אַרויס!
— ניין, ביז צולעצט זיך פייניקן און שלאָגן! —
האָבן די מיינונגען געגעבן זיך אַ שטויס,
באַפאַלן איינס דעם צווייטן ווי אַ האָגל.
— דאָ וועט מען אומקומען ביז איינעם אין געשלעג!
נקמה נעמען וועט מען קאָנען אויף דער פריי באַר! —
ביי וועמען אויגן האָב פייגלעך בלויז געפרעגט,
ווער מיט די אויגן האָט געפּאָדערט און געטענהט.
און הירשל גליק האָט אויפן באַס געטאָן אַ נעם,
עס איז זיין שטים מיט שטאָל געווען געקאָוועט:
— דאָ איז ניט מער, ווי פונדאַסניי — קידוש השם,
איך שענק אַוועק גערמאַניע דעם כבוד! —
געלייגט זיין קול האָט זיך אויף יעדערנס געמיט,
ווי ס'לייגט אויף אייזן צעגליטן זיך אַ האַמער.
געשטאַנען נעמי איז צעטומלט אין דער מיט,
דעם הייסן בליק אין אים אַריינגעקלאַמערט...

V.

ער האָט באַצויבערט יעדן איינעם מיט זיין שטים,
אַיעדן איינציקן אויף דורך אַדורכגעדרונגען.
און נעמי האָט געקוקט אַזוי אויף אים,
ווי יעדן קלאַנג וואָלט זי אַ דאָרשטיקע געטרונקען.
און אַ פאַרשפּראָכענע געשאָקלט מיטן קאָפּ,
און אַ פאַרשפּראָכענע געפינטלט מיט די אויגן.
איר דוכט, ער רייסט זי פון דער געטאָ ערגעץ אָפּ,
ווי ער וואָלט ערגעץ אין דער הייך מיט איר געפלויגן,
און ניט געשפּירט, צי עמעץ נאָך איז דאָרט פאַראַן,
מיט אַ פאַרטייעטקייט אַ הייליקער געהערט אים,
אַט מאַכט זי נאָ'נט צו אים אַן אומזיכטיקן שפּאַן,
אַט מאַכט זי נאָך איינעם, אַ דריטן און אַ פערטן...
ער האָט די האַנט פאַראויס פון זיך געטאָן אַ וואָרף,
אין גאַנצן וואוקס דערלאַנגט האָט ער אַ שטעל זיך:

— ניטאָ אַ קראַפט אַזאַ, ניטאָ אַזאַ מין וואָרט,
וואָס זאָל אונדז צווינגען אויסשטרעקן די העלדזער!

VI.

עס האָט געדוכט, אַז פון די אויגן זיינע לייכט,
אַז דורך דער הויט זיינער זיך שפּאַרן דורך די ביינער:
— זאָל זיי ניט אָנקומען די שמחה אַזוי לייכט!
אין גרוב זיי מיטשלעפּן מיט זיך זאָל יעדער איינער!
דאָ מיט געווער זיינען מיר אויך ניט מער ווי שאָף,
דאָ שלאָג זיך יאָ, דאָ שלאָג זיך ניט, צי פריִ'ר צי שפּעטער
דערוואַרט אונדז אַלעמען אין צוגעגרייטער סוף
אונטער די הפקרדיקע חורבות פון דער געטאָ!
מיר זיינען ווייניק, ווען מיר ליגן דאָ פאַרשפּאַרט,
און אַן אַ צאָל — אַרויסגעריסענע פונדאַנען!
דאָרט יעדער איינציקער קאָן אויפנעמען אַ שלאַכט,
דאָרט יעדער וואַלגער־שטיין — געווער פאַר פּאַרטיזאַנער! —
מע האָט אים אויסגעהערט — התלהבותדיק־פאַרטיי'ט.
השערות גרויזאַמע און קלאָרע און פאַרהילטע.
געאיילט די צייט האָט זיך, געפאָדערט האָט די צייט:
באַשלוסן אָננעמען — אַנטשיידן און ענדגילטיק.

26. זי איז אַ פּאַסטעכל

I.

דער אָוונט מיטאַמאָל באַפאַלט,
די נאַכט גיט אומזיכטיק אַ קלעטער.
געפירט אַ מיידעלע צום וואַלד
אַ בינטל יידן האָט פון געטאָ.
ס'האָט קיינער זיך פון די געדיכט
צו זען נאָך ווען־עס־איז דעם הימל.
אַראָפּגעשריבן צום פאַרניכט
און אויסגעשטעלט אין דער רשימה,
מיט לעצטן האָב, מיט לעצטן גוטס
געזעגנט שטיל ווי מיט דער וועלט זיך,
אָן קיינעמס טרייסט, אָן קיינעמס שוץ,
ווי טויבן אויסגעשטרעקט די העלדזער . . .
פאַרצערט ס'געזיכט איז ביז צום ביין,
און ניט קיין וויין, און ניט קיין בעט טאָן.

אַצינד געפֿירט צום וואַלד אַליין
האָט זיי אַ מיידעלע פֿון געטאָ.

II.

אַ שילערין פֿון זעקסטן קלאַס.
אַ פּאַסטעך־טאַרבעלע אויף אַקסל.
זי איז אין וואַלד שוין ניט קיין גאַסט,
ווי זי אין וואַלד וואַלט אויסגעוואַקסן.
זי ווייסט דעם וועג אַהין און צ׳ריק
און אויך די פּריז זי ווייסט פֿון בלאַנדזשען.
געשיקט האָט זי איר לערער גליק,
און זי אין וואַלד האָט מען געקאַנט שוין,
אויף איר אין וואַלד האָט מען געוואַרט
דורך אַלע סטעזשקעלעך געהיימע,
סימנים האָט זי זיך געמאַכט
אויף די בייזוועגדיקעביימער...
צוערשט איז זי געגאַן אַליין,
וואוהין — איז איר אַן אונטערשייד דען?
געשטיקט האָט גליק אין זיך געוויין
צום ערשטן מאָל ביים זיך צעשיידן . . .

III.

„דו ביסט אַ פּאַסטעכל! דו טרייבסט אַ ציג!
און פּאַשע זוכסט אין וועג איר, ביילקע! . . . —
אַזוי האָט זי געלערנט גליק,
פֿאַרקניפּנדיק איר די פּאַטשיילקע...
„דו ביסט ניט ווייט דאָ... פֿון אַ דאָרף...
דו טרייבסט די ציג אַהיים איצט, ביילקע״, —
האָט גליק געציילט איר יעדעס וואָרט,
זי זאָל עס גרינטלעך פֿאַרגעדענקען . . .
ער האָט מיט איר אַמאָל אין שול
אַזוי געלערנט חיבור, כפל...
אַצינד האָט ער ווי דורך אַ שולד
איר נאָכגעקוקט מיט פּיין אַזוי פֿיל:
„צי זעט ער זי אַצינד צולעצט —
האָט די חרטה אים געביסן, —
ווער ווייסט, וואו ס׳איז פֿאַרשפּרייט די נעץ
אויף אירע וואַנדערדיקע פֿיסלעך?״

IV.

געבלאַנדזשעט ביילקע האָט אַ נאַכט.
קיין אויגנבליק ניט אָפּגערוט זיך.

און אומגעריכט און אומדערוואַרט
אַ דייטש איז אויסגעוואַקסן פּלוצעם,
און זיך צו איר געטאָן אַ צי,
זי גלייך אַ פרעג געגעבן האַסטיק:
— אַ ייד? — אַ, גאָט באַהיט! אַ ציג!
— אַ רוס? — איר זעט דאָך, האַר, אַ פּאַסטעך! —
דערלאַנגט האָט ער די ציג אַ שטויס
און זיך אויף ביילקען אָנגעוואַלקנט:
— זעץ זיך אַוועק און מעלק זי אויס! —
איז זיך געזעצט און אויסגעמאָלקן.
זיך אָנגעזשליאָקעט האָט דער דייטש,
דעם וועג אין דאָרף גענומען פרעגן,
און ביילקע האָט געניי פאַרטייטשט
צו זיך אין דאָרף אַריין דעם וועג אים...

V.

זי גייט איצט גראַדע אויף אַהין,
אַהים די ציג זי טרייבט אַצינדער...
זיך אָפּגעדעקט האָט אין באַגין
פון זייט ביים וועגן אַן אַלטער צווינטער...
— נאָך ווייט פונדאַנען איז צום דאָרף? —
האָט זיך דער דייטש געטאָן אַ בייזער.
— עס זעט דער האַר דאָס וועלדל דאָרט,
איז רעכטס אַביסעלע אַ דריי זיך...
— און קאַטשקעס זיינען דאָרט פאַראַן? —
האָט ער זיך רוגזהדיק דערקונדיקט.
— אויף יעדן טראָט, אויף יעדן שפּאַן, —
געענטפערט ביילקע האָט אים מונטער.
— און געגנדז? — האָט ער זיך ניט באַרוט,
דעם זאַק פאַרוואַרפנד ווי אַ טאָגע.
— פאַראַן! וואו נאָר אַ שפּיי מען טוט,
קיין דורכגאַנג איז פון זיי ניטאָ גאָר!

VI.

— איז אייל זיך, פּאַסטעך!... אייל זיך... וואַרט...
אַביסל ס׳איז צו ווייט פונדאַנען... —
אויף ביילקען מ׳האָט ביים וואַלד געוואַרט,
און וואָס זי זאָמט זיך — ניט פאַרשטאַנען...
געגאַן באַגעגענען מ׳איז זי
נאָך איידער ס׳איז געוואָרן ליכטיק,
און ביילקע האָט געפירט די ציג,

און בײלקע האָט דעם דײטש געפירט דאָרט,
און ניט געוואוסט, צי ס׳איז איר אַהיבּ...
געזונקען האָט די װײט אין שלאָף,
געזונקען האָט אין שרעק איר פּנים:
— דאָס דאַרף איז, האָרעלע, שוין באַלד,
פאַראַנען קאַטשקעס, געגנדז פאַראַנען... —
און בײלקע האָט געבראַכט אין װאַלד
אַ „קונד" אויף גענדז די פאַרטיזאַנער.

VII.

באַגריסט אין װאַלד מ׳האָט בײלקען דאַן,
געמאַכט אין װאַלד מ׳האָט איר אַ װאַרע;
לכּבוד איר — אַ פאַרטיזאַן
אַ שײטערל האָט גלײך צעװאַרעמט.
און בײלקע האָט געגלעט די ציג,
געלױבט אין טאָג אירע געטראַנקען,
און אַלץ געטײט אויף איר: — ס׳איז זי,
נאָר איר אַלײן כ׳האָב צו פאַרדאַנקען!
... ער זשליאָקעט מילך, און איך — איך קלער,
אַז צײט אויף קלערן איז איצט װינציק...
מ׳עט פרואוון פירן אים אַהער,
ביז ער װעט פירן מיך אַהינצו...
אַ קוק געגעבן אויף דער ציג,
און זי אויף מיר: ס׳איז װי אונדז בײדן!...
און ער גיט יעדע װײל אַ היק:
צי זײנען קאַטשקעס אים פאַרגרײט דאָ?

VIII.

אַצינד איז זי געגאַנגען פעסט,
מיט זיכערקײט האָט זי געשפּאַנט דאָ.
עס שלאָפן פײגל אין די נעסט,
װען בײלקע פירט איר „קאָנטראַבאַנדע"...
זי װײסט, װי דורכגײן דאַרף מען שטיל,
זיך ניט קײן ריר טאָן, װי פאַרשפּראָכן —
אויב ערגעץ גיט אַ הונט אַ ביל,
אויב ס׳גיט אַ פױגל װאו אַ פּאָכע...
עס האָט באַשטימט שוין פריק אַ פרײז
פאַר בײלקעס קאָפּ אַרום אין געגנט,
אויב עמעץ גיט אויף איר אַ װײז, —
נאָר קײנער האָט זי ניט באַגעגנט.
אַרומרינגלען האָט פריק באַפעלט

דעם גאַנצן וואַלד פון אַלע זייטן.
נאָר דאָ אַן אויסשפּירער אים פּעלט,
און דאָ רינט אויס ביי אים אַ רייטער.

IX.

געשפּרייט האָט זיך צום וואַלד אַ וועג
דורך דראָט־פאַרצוימונגען און גריבער.
ווער ס׳האָט געאיילט — דער איז אַוועק,
ווער ס׳האָט געהייעט — איז פאַרבליבן.
דאָרט בלאָנדזשעט ביילקע אין באַגין,
ווען מיט געפּאַר פאַרקלעמט דער ראַנד איז.
אַ פאַסטעך־טאָרבעלע — אַהין,
צוריק — אין פויערישע טראַנטעס.
ס׳כאַפּט אַן אין איר זיך גרויס און קליין,
ווי אין אַ שטרוי ביים זונק אינאיינעם.
פון קינדער טראָגט זיך אַ געוויין,
אַ קללה רייסט זיך פון די זקנים:
— איז אויף דער וועלט דען דאָ אַ גאָט?
צי איז ניט ווי־און ווינד דער וועלט דען?
די חיה איז אַריין אין שטאָט,
און מענטשן לויפן אין די וועלדער! . . .

X.

און נאָך אין וועג, אין מויל ביים טויט,
איז אַ געאַמפּער שוין אַנטשטאַנען —
זיי וועלן דאָרטן באַקן ברויט
און נייען שיך פאַר פאַרטיזאַנער,
און בעטן גאָט פאַר זייער שווערד,
און טראָגן אַלץ פאַר זיי אַהינצו . . .
וואָס איז באַשערט — דאָס איז באַוורט,
ס׳וועט זיי אַ היים דער וואַלד אַצינד זיין . . .
און ביילקע האָט אין האַרץ געקלערט
דעם לערער הירשל גליק צו בעטן
אַ ביקס איר מיטגעבן אַהער
און מער ניט רופן זי אין געטאָ . . .
האָט זי דען, גייענדיק צוריק,
געקאָנט זיך פאַרשטעלן און וויסן,
אַז אויך דעם לערער הירשל גליק
האָט פריק איצט אָפּגעפירט דערשיסן?! . . .

27. אַן עפּל

I.

די לאַטע פון דער ברוסט אַראָפּגעפּליקט,
אַראָפּגעפּליקט די לאַטע פון דער פּלייצע,
האָט דורך דער דראָט־פאַרצוימונג הירשל גליק
אין שטאָט אַדורכגעשמוגלט שטילערהייט זיך —
באַגעגענען זיך מיט אַ חבר פון פּאַרטקאָם,
וואָס אָנגעפירט מיטן געהיימען שטאַב האָט.
מיט טריט זיך צוגערירט ער צום פּאַנעל האָט קוים,
ווי אין דער פינצטער ער געגאַן פון שטאָפּל וואָלט צו שטאָפּל.
ס׳האָט אַזוי מאָדנע אָפּגעגלאַנצט דער טראָטואַר,
ווי עפּעס־וואָס פון אים וואָלט ער פּאַרטייעט;
אים האָט געדוכט, אַז ס׳גנבעט זיך פון אומעטום געפאַר
אויף זיין פאַראורטיילטער, געבאַרגטער פרייהייט.
ער האָט איעדע ווייל זיך אומגעקוקט צעשטרייט,
און שיער אַליין ניט אויפגעוועקט צו זיך פאַרדאַכטונג.
דאָך איז ער אָנגעקומען פּינקטלעך צו דער צייט
אויפן באַשטימטן פּלאַץ, אַוואו מ׳האָט אָפּגעוואַרט אים.

II.

אַראָפּגערוקט די קעפּקע אויפן קאַרק
און מיט אַ רימען אָנגעגורט די מאַרינאַרקע,
אַרומגעדרייט אין שטוב האָט זיך דער סעקרעטאַר;
באַוועגונגען געמאָסטענע און קאַרגע,
ווי ער וואָלט זיך אַליין גאַר ניט פאַרטרויט
אַן איבעריקן קוק אויפן געקומענעם פון געטאָ.
נאָר אויסגעוואַקסן אויפן טיש איז אַ שטיק ברויט
און ווי צום ברויט געפרואווט דער בחור האָט אַ רעד טאָן:
— נו, גליק, די געטאָ אַלץ נאָך דיסקוטירט?
און פּריק מאַכט אַלע וואָך אַ בייע אַקציע? —
אַ לאָז געטאָן האָט ער זיך צו דער טיר,
איבעראַנייס פאַרקייטלט און פאַרהאַקט זי . . .
ער איז אַהער אַראָפּגעשיקט געווען —
פאַרשטעלט פּאָר אַ געליטענעם בעל־גופל,
וואָס כלומרשט האָפּט פונסניי צעפירן זיך די הענט,
דאָס מזל ביי די דייטשן פונדאָסניי צו פּרואוון . . .

III.

באוויזן אַרבעטן ער האָט שוין ביי דער באַן
און חן ביי אַלעמען געפינען אין די אויגן,
און אויך געפינען — וואו ס'איז נאָר פאַראַן —
אַזוינס, וואָס קאָן צונויף קומען און קאָן אים טויגן . . .
דערנאָך איז ער אַוועק אין בראַווערייּ,
ביי די מאַשינעס זיך געעסקט און געפּאָרעט,
און אומעטום מיט קענטשאַפט און געטריי —
קיין איינעם ניט געהאַט ער צו דער פאָר האָט!
ער האָט אין צוטרוי און אין חן
זיך איינגעקויפט ביי די געוועלטיקער די נייע.
וואו אַן אַוואַריע — איז ער אַליין,
און אויפגעשטעלט סע ווערט כהרף־עין . . .
ביז פריק אַליין האָט אָפּגעשאַצט זיין ווערט
אָט אַרבעט שוין ביי אים אין הויף פון פרי ביז שפּעט ער.
פון דאָרט האָט ער געשלעפּט געווער,
סיי פאַר דעם וואַלד סיי פאַר דער געטאָ.

IV.

ער אַ מעכאַניקער געווען איז פון באַרוף,
אַ העלפט פון טאָג אויף איינריכטונג געפּטרט.
אונטער דער נאָז ביי פריקן נעמט ער מאַסקווע אויף
דורך איינגהענטיק קאָנסטרואירטן אַפּאַראַט.
ניט נאָר ער הערט דורך דעם פון לאַנד דאָס קול,
אים דוכט, ער זעט, ווי עס באַוועגט דאָס גאַנצע לאַנד זיך
מיט זיינע גיבורישע אברים אָן אַ צאָל
און מיט די ציק רייסט עס פאַנאַנדער אויפן פיינט דעם פאַנצער.
איעדער שאָרך חודט ער נאָכאַמאָל מיט פאַרכט
און זאָגט אים נאָך פאַרטייעט, אָן אָן אָטעם:
נאָך יעדן ריד און פאוזע ער פאָלגט,
אָט גיט עפּעס אַ מונטער און אַ בראָט אים:
צי איז ער דאָ, אין אונטערערד פאַרשפּאַרט,
צי איז ער דאָרט, פונוואַנען די ידיעות שטראָמען.
ס'איז יעדער אָדער ביי אים אָנגעשטרענגט און וואַך,
ס'נעמט יעדער אָדער ביי אים אויף דאָס קול פון דער מלחמה . . .

V.

ער טרינקט זיך אָן מיט יעדן וואָרט,
און יעדעס וואָרט געהיים אונטער אַ שלאָס פאַרשליסט ער,
און ס'טריפט אין האַרצן די באַלעבנדיקע וואָר
מיט אַזאַ אומזיכטיקן כוואַליקן געפליסטער.

און פון דער אונטערערד ער לאָזט אַ שפּרונג,
וואָס טראָגט פאַנאַנדער זיך און זיך צעקלעטערט,
צווישן די קריגס־געפאַנגענע ער שפּאַרט אַדורך,
און נידערט מיט אַ טרייסט אַראָפּ אין געטאָ, —
און סטאַלינס רעדעס ווערן אַלעמען באַקאַנט,
פון סטאַלינס רוף דאָס האַרץ ביי יעדן זיך צעבליט דאָרט,
אַז אויך צו די ווי אַ געבאָט באַלאַנגט
די ווענדונג: „פריינט מיינע און ברידער!" . . .
אַז מאָסקווע ניט פאַרגעסט קיין אויגנבליק אין זיי,
אַט דאָ דערהערן זיי פון האַרץ אירן דעם צאַפּל,
און ס'וועקט אַ האָפענונג זיך אויף אין זייער ווי:
„אַ טויט די דייטשישע פאַרכאַפּער!"

VI.

אַנומלטן האָט פריק באַפעלט אַריין אין שטוב
דעם רוסלענדישן קנעכט און זיך גענומען מיט אים שפּילן:
— ווי רופט מען דיך, גענעדיקער? — מע רופט מיך דוב!
— דיין נאָמען, האַרציקער? — מיין נאָמען איז וואַסילי! —
עס טראָגט אַן אָרדינאַר אַריין פון אַנגעדרויבטער שפּייז,
עס קומען זיך צונויפנעמען זיגרייכע קאָלעגן,
און איינס דעם צווייטן אויף וואַסילין ווייזט.
וואַסילי שטייט, גלייך ווי אַ נאַקעטער אונטער אַ רעגן . . .
עס פּילן אַן די קופּלס זיך מיט ביר,
די פלעשער לאָזן איינע אויף די צווייטע זיך אַ פאַל טאָן:
— פּונוואָנען שטאַמסטו, בער, — פרעגט פריק אים, — פון סיביר?
— יאָ, פון סיביר! — ענטפערט וואַסילי שטיל און איינגעהאַלטן.
עס טרייסלט פריק זיך פון געגוס,
די שנאַפּס־קאָלעגן קייכן פאַר געלעכטער:
— פּילייכט פאַרלאַנגסטו איבערגעבן, בער, אַ גרוס, —
הייבט פריק דעם קופּל אויף, — אין יענע ערטער?

VII.

און עס צעקייקלט אַ געלעכטער זיך איבעראַנייס,
די לויזע האָר איבער די נעזער זיך צעפלויערן:
— מיר וועלן דאָרט איינגיכן זיין! — פאַררייסט
אַ פוס קעגן וואַסילי דוב דער זאַנדערפיורער.
געשטאַנען איז וואַסילי, אַפגעלאָזט די הענט,
קיין פינטל מיט אַן אויג, אַ כמאַריקער, אַ בלאַסער . . .
— ס'איז דאָרטן קאַלט, וואַסילי, סאַקראַמענט?!
און בערן גייען דאָרטן אום איבער די גאַסן?!
גיב נאָר אַ קוק, ווען וועלן מיר . . . —

האָט איינגעטונקען פריק אין פילזן־שוים די ליפּן.

— זאַפּאַרט, זאַפּאַרט, — האָט איינער אויפגעכאַפּט, — סיביר,

סיביר... ס׳איז אַלץ פאַרצייכנט און פאַרשריבן! —

געוויגט האָט זיך אין שטוב אַ ציגאַרעטן־רויך,

די פלעשער ביר גענומען אויפן טיש האָבן זיך וואַקלען,

און פריק האָט מיטן קופּל שוים, פאַרהויבן אין דער הייך,

געריסן האַסטיק זיך, ווי אין אַטאַקע:

VIII.

— וואָס קאָסט אַ בערן־פעלץ, וואַסילי, אין סיביר?

— צו וואָס סיביר? — איבערגעשלאָגן האָט אַ צווייטער, —

מיר וועלן, פריק, אין מאָסקווע זיין דאָך פריי׳ר

ווי ס׳וועט דער ערשטער שניי דאָרטן אַ גיי טאָן!

— גיב נאָר אַ קוק, אויף וועגן באַשטימט איז דער פּאַראַד?

— זאַפּאַרט, זאַפּאַרט, — גיט ער אַ קוויק זיך מיט זיין געמבע

און לייענט פון נאָטיץ־ביכל: — דער פיורער האָט פאַרשפּראָכן אַקוראַט

„אום צוועלעף אור דעם זיבעטן נאָוועמבער!”

פאַרגרייט איז דאָרטן סויבל, טכויר און פיי,

דעם וועג מיט זיי וועט קלעקן אויסבעטן ביזדאַנען! —

און מיט די אַקסל גיט וואַסילי טרויעריק אַ דריי,

ווי ער די פרייז וואָלט פון אַ בערן־פעלץ געפּרוּווט דערמאָנען:

ס׳קאָסט גאַרניט פאַר אַזאַ, וואָס כאַפּן קאָן אַ בער,

דערצו אַראָפּציען די פעל, אויב ס׳איז ניט שווער אים . . .

נאָר אויב דער בער כאַפּט אים, איז דער

באַצאָלט פאַר אַזאַ פעלץ די פעל די אייגענע... ניט מערער!...

IX.

אַצינד האָט ער זיך צוגעהערט צו יעדן שאָרך,

געקוקט, ווי הירשל גליק דאָס שטיקל ברויט דערקייעט.

עס איז געווען אַ שטילע ערב־אָונטיקע שעה,

דעם גאַסט זיינעם באַטראַכט אַצינדערט ער פונסניי האָט.

ער גאָר די געטאָ האָט געזען איצט אין זיין בליק,

און אַזאַ דאָרשט — אין די פאַרשייטע ווינקלען פון זיין שטערן:

האָט ער די האַנט אַרויפגעלייגט אויף זיינע אַקסלען: — גליק! —

און אים אַ וואונק געטאָן, ער זאָל אים בעסער הערן:

ביי די תּלינים אָנגעשמעקט האָט ער,

אַז צום פאַרניכט איז פאַרטיק פונדאָסניי אַ צעטל . . .

איז בייטיק גלייך אין וואָלד אַרויספירן וואָס מער

און אויך אַליך פאַרלאָזן גלייך די געטאָ . . .

ער האָט אים מיטגעגעבן אַלץ, וואָס ס׳איז געווען פאַרגרייט,

אים אויסגעמאָלט צום וואָלד נאָך ניט באַרירטע וועגן

און בלויז אַזוי נאָר מיטן בליק, אָן קיינע רייד,
מיט אים זיך ביי דער שוועל געזעגנט . . .

X.

געשפּאַנט צוריק אין געטאָ איילנדיק האָט גליק,
זיך ניט געגלייבט, צי וועט ער נאָך אַהין די פיס דערשלעפּן,
און אומגעדריכט האָט אויפן וועג אים אָפּגעגליקט
דאָרט ביי אַ פויער איינהאַנדלען אַן עפּל.
אַן עפּל מיט אַ רויטער באַק געטאָן פונוויטן האָט אַ ברען,
און ריחות זיסע, ווי אין הייטעלעך, אָן איינגעהילטער.
ס'האָט הירשל גליק שוין לאַנג קיין עפּל ניט געזען,
דעם טעם פון גלאָט אַ גלעט טאָן האָט ווי קיינמאָל ניט געפילט ער,
ער האָט געשפּירט, ווי ס'שפּאַרט פון דעם אי זאַפט אי ליכט,
ס'האָט פאַר די אויגן אַלץ גענומען זיך אים מישן,
דאָס לייב זייַנס האָט דער עפּל דורכן טאַש באַרירט
מיט אַזאַ ווינטלדיקן קעלטעלע אַ פרישן . . .
ער האָט אַ טאַפּ געטאָן אים אַלע ווייל,
פונקט ווי דעם שבת־אויבס אַמאָל, ווען ער אַ קינד געווען איז,
און ניט פאַרהאַלטן זיך און זיך געאיילט
צו זיין באַשערטער טרויעריקער גרענעץ . . .

XI.

ס'אַ גוטער סימן!... ביילקע וועט זיך אומקערן פון וואַלד,
און זיין געשוואָלענע, זיין קראַנקע מאַמע . . .
און נעמי! נעמי... — גיט זיין האַרץ זיך אַ פאַרהאַלט,
ער וועט זיי אַלע דאָרטן אויפקלייבן צוזאַמען,
ער וועט פאַנאַנדערטיילן אים אויף גלייכע ריפּטלעך פיר,
ווי קינדהייט אין דער היים מע פלעגט אַמאָל צעטיילן;
ס'איז אַזוי גוט אין טאַש אים יעדע ווילע טאָן אַ ריר,
און אַזוי ביטער איז די געסלעך ביז דער געטאָ ציילן!
און מיטאַמאָל איז אויסגעוואַקסן די געפאַר,
ס'האָט פון אַ פענדעלע אַ האַקנקרייץ געטאָן אַ פלאַטער:
— ווי וואַגסטו, הונט, פאַרברודיקן דעם טראָטואַר?
וואו איז, פאַרפלוכטער הונט, דיין לאַטע? —
אַראָפּגעשפּרונגען פריק איז פון וועלאָסיפּעד,
אויף הירשל גליק געלאָזט זיך ווי אַ נעפּל.
ס'האָט מיט צעוישעטקייט געטאָן פון אים אַ רעד,
ווען אונטערזוכנדיק האָט ער ביי גליקן אַנגעטאַפּט אַן עפּל.

XII.

אַ שוים האָט פון זיין אַנגעצויגן מויל געטאָן אַ שפּאַר.
דאַך האָט ער, לאַכנדיק מיט גאַל מיט גרינער,

אראָפּגעשטויסן הירשל גליק פון טראָטואַר,
זיך אין דער גאַנצער לענג געטאָן אַ ציַ נאָך:
— ביים יודן אין דער טאָרבע — פּרוכט?
ביים יודן אין דעם וואַנצן־מאָגן אַפּפּעל?
ס׳איז ווירקלעך זאַ ציַ דאָס אים בלויז זיך דוכט? —
און אים אַ שמייס געטאָן און אויסגעכריפּעט: — כאַפּן! —
געלעגן איז דער עפּל אויפן ברוק,
ביי פּריקן האָבן אויגן זיך צעברענט מיט צונטער:
געיאָגט האָט ער פון גליקן זיי צום עפּל מיט אַ צוק:
— הייב אויף! שלידער אַראָפּ! — הייב אויף! שלידער אַרונטער!
ווידעראַנאַנד — הייב אויף! ווידעראַנאַנד — שלידער אַראָפּ!
אין דעם פאַרדאַמטן אינגעווייד פון יודן — אַפּפּעל? —
און מיט דעם גומי שמייסנדיק אין פּנים און אין קאָפּ,
האָט גליקן פריק אַליין פאַרקאַנוואָאירט צו דער געסטאַפּאָ.

28. חלומות

I.

חלומות חלומען זיך נעמין אַלע נאַכט.
זי כאַפּט זיך אויף. קיין אויג פאַרמאַכט זי שוין ניט ביז באַגינען.
אויפן געלעגער דרייט זי זיך אין אַנגסט און טראַכט,
און ס׳קומט איר אַלעמאָל דער פאָטער אויפן זינען.
ציַ ווייל דער ערשטער אויפשטיין פלעגט ער אין דער היים
און דורכגיין אַלע צימערן מיט טריט מיט שטילע,
אַ קוק געבן אויף קינדער לויט דער ריי,
אפשר האָט ווער זיך אָפּגעדעקט... מע זאָל זיך ניט פאַרקילן...
ציַ ווייל די גאַנצע שטוב מיט זיינע תפילות פלעגט
זיך אָנפילן ווי פון אַ זיסן פאַסטעכדיקן האָרן,
און ס׳האָט געדוכט, מע פאָרט אַזאַ מין ווייטן וועג
אין אַ פאַרדעקטער בויד און ס׳איז פאַראַן אַזוי פיל נאָך צו פאָרן...
ציַ ווייל דאָס האָט זיך אויך איר בלויז אַמאָל געדאַכט
און הפקר ליגט דאָס אַלץ — געלעסטערט און צעטראָגן, —
איז מיט אַזעלכע שטילע טריט איעדע נאַכט
צו חלום קומט צו גיין צו איר דער פאָטער . . .

II.

זי ווייסט נאָך ביז אַצינדערט ניט, וואָס איז געשען מיט אים
פון יענער נאַכט, פון זינט ער נעלם איז געוואָרן,
נאָר אויסדריקלעך זי הערט פון ערגעץ ווייט זיין שטים,

ווי אין קאַיאָר — אַ זיסן פאַסטעכדיקן האָרן.
עס ווערט שוין דער באַגינען אויפן גאַס,
אין כמאַרעס איינגעוויקלט אין געדיכטע,
און נעמי קוקט אין חלום אויף איר גאַסט,
זי כאַפּט זיך אויף און קאָן זיך ניט קיין ריר טאָן . . .
פון קבר כאַפּט מען, פּאָר געווים, זיך אַזוי אויף, —
גיט נעמי, טראַכטנדיק, אַליין זיך אַ צעטאָרע,
זי וואָלט צו עמעצן געטאָן אַ רוף.
נאָר אַלע ליגן דאָ אין געטאָ, ווי אין קברים.
די נאַכט זיך גנבעט, טייענדיק, פונעם באַראַק אַרויס,
די שאָטנס קערן זיך אין זייער אומזיכטיקער רו אום,
דאָך זעען די באַנאַכטיקע חלומות נעמין אויס
צו זיין אַ פאַרזעצונג פון די באַטאָגיקע עינויים . . .

III.

איר חלומט זיך, אַז דורכגעגנבעט האָט זי זיך צום טייך,
זי קוקט פון ברעג אין זיינע טיפן די געהיימע;
דער הימל שפּיגלט אומשולדיק אין אים זיך, גליך
ווי ער וואָלט קיינמאָל ניט געזען דעם הפקר און די אימה...
ווי ס'וואָלט נאָך אַלץ געווען דער ערשטער אינדערפרי,
ווען ס'האָט צום ערשטן מאָל זיך ליכטיקייט צעגאָסן,
און ס'גיט אַ ווינטעלע צום ערשטן מאָל דאָס גראָז אַ ריר,
און ס'צייכ'נען ערשט זיך אָן פון דער נאַטור די מאָסן,
און סדרן זיך פאַר דעם מענטשן אויס אויף דר'ערד,
און לאָזן אים מיט פייגלשן געצוויטשער הערן,
אַז אַלץ איז דאָ פאַר אים, אַז אַלץ דאָ אים געהערט
און אַלעמען ער האָט דאָס גליק דאָ צו געהערן . . .
און ס'גיבן זיך פון אַלץ דאָס ערשטע מאָל די שאָטנס אַ באַוועג
און שטייגן איבער יעדנס מאָס, אויף ווייט צעצויגן,
און זי אַליין זיצט אַ פאַרגאַפטע אויפן ברעג,
ווי אויפגעעפנט וואָלטן זיך ביי איר צום ערשטן מאָל די אויגן . . .

IV.

אָט פירט מען זי, אַ קינד, אין וועגעלע אַדורך
אונטער אָרעפּגעלאָזענער בלאָקיטנער שטאָרע,
און פון די ביימער זי באַגלייט אַ ווינטשנדיקער שפּרוך:
„זאָל איר ניט שולט זיין קיין עין־הרע" . . .
אָט גייט זי פון דער שול אַהיים דאָס ערשטע מאָל,
און ס'גייט פאַראויס אַ פויגלשער געפּילדער ווי אַ הימן.
די רויטע פאַווערלעך זיך ווינטלען בלומיק אָן אַ צאָל,
און אַזוי באַ'נט די ערד, און אַזוי הויך דער הימל!

אַט שיפּט זי אויף אַ שיפּעלע זיך זאַלבעצוויט,
און ס׳רוימט איר עפּעס איין דער פליעסק פון רודערס אויפן וואַסער,
נאָר גאַרניט זי באַנעמט, און גאַרניט זי פאַרשטייט,
די שפּיגלט זיך אין טייך — אַזאַ פאַרטרוימטע און אַ בלאַסע.
וואָס נאָך ? רייסט זיך מיט אימפּעט אויס פון איר די פריי
און לאָזט אַ ליידיקע זי איבער, אויסגעזויגן,
ס׳בלייבט בלויז אַן אויסגעהוילט, פאַרפּייניקט לייב
מיט גרויסע, מיט דערשראָקענע, מיט אומעטיקע אויגן . . .

V.

און ווי אַ וואָלקנדל דערפילט זי מיטאַמאָל זיך לייכט,
כאַטש הייב זיך אויף, לאָז אין דער הייך זיך שוועבן,
און שפּיגל זיך אין די געהיימע טיפן פונעם טייך,
וואו ס׳שלאָפט דאָס אָפּגעחלומטע ניט־היגע לעבן . . .
זי וואָלט עס שטיל אַזוי געטאָן אַ וועק,
סע זאָל זיך אויפכאַפּן, בלויז עפּעס פרעגן:
עס ליגט, איבערגעקערט די אויגן אויפן דעק,
ווי לעם איר וויגל אויפן פאָל איר ליאַלקע איז געלעגן...
זי וואָלט עס אויף אַ ווייל גענומען אויף די הענט,
זי וואָלט עס אַ צעטאַרע פונעם שלאָף געגעבן:
אַ, וואָס אַזוינס געשען איז מיט דיר, וועלט,
און וואָס אַזוינס איז מיט דיר פאַרגעקומען, לעבן?
נאָר ערגעץ יאָגט מען זיך נאָך איר דאָ, ווי און וויגד,
דעם וועג פאַרלויפט מען דאָ מיט נעצן און מיט צאַמען . . .
צי חלומט זיך עס איר אַצינד,
צי ס׳האָט זיך איר געחלומט דעמאָלט? . . .

VI.

עס וויגט דער טייך זיך שלעפּערדיק־פאַרטראַכט,
ווי ס׳פלעגט איר וויגל וויגן זיך אין אַלקערל אין שמאָלן,
ווען אויפגעכאַפּט זי האָט אַמאָל זיך ביי דער נאַכט,
דערשראָקן פון אַ בייזן חלום . . .
ווען צוגעוויגט האָט זי דער טאַטע מיטן פוס
פון שלאָף אַ קרעכצנדיקער, טאַפּנדיק די פינצטער,
און האָט דערנאָך אַ גאַנצע נאַכט געהוסט,
און ס׳איז די נאַכט די גאַנצע אים געווען שוין ווינציק.
נאָר זינגענדיק איז ער די לאָדן אויפשפּאַרן אַראָפּ,
דאָס ליכט הרחבהדיק אַריינלאָזן אין צימער,
גלייך ווי די ערשטע פאָטערלעכע גאָב,
האָט ער צו פענצטער צוגעלייגט דעם הימל,

און איז אַוועק מיט אויפגעליגטקייט פון אַ ווינט,
אַ קוש געגעבן יעדערן, זיך צוגעזאָגט ניט זאָמען . . .
צי חלומט זיך עס איר אַצינד,
צי ס'האָט זיך איר געחלומט דעמאָלט ? . . .

VII.

געלאָזט האָט ער די פענצטער אָפן, פריי,
אַז ס'זאָל אַ בלעטעלע פון בוים אין שטוב אַ גרין טאָן,
און פון די פייגעלעך די זיסע צוויטשעריי
זאָל מיט אַ שמחה אויפוועקן פון שלאָף די קינדער . . .
וואו איז ער איצט ? וואו גייט ער ערגעץ אום ?
וואָס האָט ער זיך ניט אומגעקערט אַהיים מער ?
די פייגל זוכן דאָרטן אים אַרום,
און ס'פרעגט זיך אויף אים נאָך דער שאָרך פון ביימער.
עס גייט דער טייך זיין וועג זיך שטיל און שאַ,
די מאַמע שווינדלט ערגעץ דורך מיט טריט מיט גיכע,
אַן אויסגעפּוצטע אין דער שבתדיקער ליאַנעזער שאַל
מיטן פאַרהילטן קרבן־מנחה אין איר טיכל.
און נעמי גיט זיך אַ דורכגעשאָסענע אַ צי,
זי וואָלט פונדאַנען זי אַ רוף געגעבן : „מאַמע ? !" . . .
צי חלומט זיך עס איר אַצינד,
צי ס'האָט זיך איר געחלומט דעמאָלט ?

VIII.

זי זיצט שוין אַזוי לאַנג ביים טייך פאַרשטעלט,
און קיינער טרייבט זי ניט... ניטאָ זיך וואָס צו אײלן...
ס'איז אַזוי גוט אין חלום דורכלאָזן די וועלט,
אינערגעץ זיך ניט אָפּשטעלן קיין ווילע . . .
איר חלומען זיך בינען, פליענדע פון בלום צו בלום,
זיי עגבערן פאַרגאָפט פון צווייט אַרויס דעם האָניק,
און ס'גייט פון טויזנטער באַשעפענישן אַ געזשום,
און קעגנאיבער אויפן ברעג צעגיסט זיך אַ האַרמאָניק
מיט גלאָקיק־זילבערנעם געלעכטער פון דער נאָ'נט.
ער הילכט מיט אַזאַ ווייטעק אָפּ ביי איר אין האַרצן,
זי וואָלט דאָך אויך נאָך פריילעך זיין געקאָנט !
און פונעם שלאָף, אינמיטן חלום, זי צעלאַכט זיך . . .
עס גיבן אין באַראַק די שלאָפנדיקע זיך אַ וואָרף,
אויף דעם געלעכטער ענטפערן זיי אָפּ מיט קרעכצן :
ס'איז מיטן חלום אויס ! נאָר איינס איז וואָר :
אַז גליק האָט צ'ריק פון שטאָט ניט אומגעקערט זיך.

IX.

איעדע רגע ווי אַ בלאַט רייסט זיך פון נעמין אָפּ,
און ווי אַ שאָטן, נאָיענדיק, גייט יעדע רגע נאָך איר.
זי האָט געוואוסט, אַז ס׳גייט אַוועק אַ מענטש, איז פאַר זיין קאָפּ
הרגען די מערדער איס אַ גאַנצענע משפּחה.
און אויך האָט זי געוואוסט, אַז ס׳בלייבט דאָרט ווער,
קומט אָן דעם טויט נאָך איינער אויף זיין חלק.
און כאָטש אָנטשיידן זיך איז איר געווען שווער,
ווי זאָל זי זיך צערייסן דאָ און וועמען זאָל זי טיילן,
האָט מיט פאַרמאַכטע אויגן זי אַ שפּרונג געטאָן אין וועג.
און — וואָס וועט זיין זאָל זיין! דערטראַכטן וועט זי שפּעטער,
און אין דער זעלבער נאַכט איז זי אַוועק.
די דראָט־פאַרצוימונגען געמיטן פון דער געטאָ . . .
די איז געגאַנגען לאַנג. געמיטן דאָרף און וועג,
איבערגערעכנט אַלץ, וואָס דער אַוועקגאַנג קאָסט איר,
און אויפן דריטן טאָג פון בלאָנדזשען און פון שרעק
איז זי אַריין זיך אויסבאַהאַלטן אין אַ קאָסטיאָל.

29. וואָס קאָסט אַ בערן־פּעלץ?

I.

די אימה טשאַטעוועט אויף יעדן ראָג,
די פענצטער — אויסגעזעצט, די טירן — אָפן.
אין געטאָ דורכגעגאַן איז גליק פאַרטאָג,
נאָר נעמין האָט ער דאָרט שוין ניט געטראָפן.
ער לעבט? — האָט יעדער שטויב געטאָן אַ פרעג,
ס׳איז ער? — געשטוינט האָבן די שטיינער.
„אָ, זאָג ניט קיינמאָל, אַז דו גייסט דעם לעצטן וועג“, —
אַזוי געשען איז ניט מיט אים אַליין נאָר.
געלאָפן ער פון לאַגער איז באַנאַנד מיט אַכט,
עס האָבן גריבער אויפן וועג אים אויסבאַהאַלטן.
געקומען איז צו הילף די מוטער־נאַכט,
נאָר אַ געיעג מיט פייער האָט דאָס לויפן זיי פאַרהאַלטן.
אַ פאַל געטאָן האָט גליק נאָך פאַרן ערשטן שאָס,
זיך אויפגעשטעלט, ווען אויפגעהערט די שיסעריי האָט.
צווישן דערשאָסענע געלעגן אַ פאַר שעה,
פונקט ווי אַ מת, נאָר — לעבעדיק, פאַרטייעט . . .

II.

צעשפּרייט האָט זיך פאַר אים אַ טויטע גאַס.
ס׳איז קיינער ניט פאַראַן. אַ שטילקייט אַ געפּלעטע.
בלויז ער אַליין — דער יענוועלטיקער גאַסט —
מאַכט אַ קאַיאַריקן שפּאַציר איבער דער געטאָ.
ער גייט. אים דוכט, אַז ס׳הילכן אָפּ
די טריט זיינע איבער די געסלעך פון דער געטאָ.
אַ מת איז ער ביי פריקן בלויז אין קאָפּ,
אַ מת איז ער ביי פריקן בלויז אין צעטל,
כאָטש יעדער טראָט קאָן זיין צום לעצטן ראַנד
אַ בלינד־פאַרפירנדיק, אַ קבר־טרעפּל.
און גייענדיק אַזוי האָט מיטאַמאָל זיך אים דערמאָנט,
ווי אויסגעריסן פריק האָט פון זיין האַנט דעם עפּל
און אים געטאָן אַ שליידער אויף דער ערד אַראָפּ
און, טרעטנדיק אים מיט די פיס, געכריפּעט: „כאַפּן!"
און מיט דעם גומי שמייסנדיק אין פנים און אין קאָפּ,
האָט ער אַליין פאַרקאַגוואַירט אים אין געסטאַפּאָ . . .

III.

דאָך האָט ער ווי־ניט־איז זיך אומגעקערט צוריק.
קיין עפּל איז ניטאָ... און נעמי איז ניטאָ מער...
אים וועט נאָר אויסקומען איצט מער ניט הייסן גליק,
אין יענער נאַכט געענדיקט האָט זיך גליק. אַצינד — אַן אַנדער נאָמען!
ער איז געגאַנגען ווייטער מיט דעם טריבן טאָג,
זיך ביי אַ פענצטער אָפּגעשטעלט. אַ קלאַפּ געגעבן: „מאַמע!"
קיין ענטפער איז ניטאָ... קיין מאַמע איז ניטאָ...
איז ער אַריין און האָט דערזען אַ בילד אַזאַ מין:
אַן איבערגעקערט בענקל אויפן דיל,
אַ פלעשעלע רפואה אויפן בענקל,
און שטיל, אַזוי פאַרחתמעט־שטיל,
ווי קיינער וואָלט דאָ קיינמאָל ניט געווען גאָר.
געזוכט האָט גליק אַ סימן בלויז,
און בלוט דערזען האָט אויפן בעט ער.
געראַנגלט האָט זי זיך, ווייזט אויס,
די מאַמע, קראַנקערהייט, אין געטאָ . . .

IV.

„און וואו קאָן ביילקע זיין אַצינד?" —
האָט גליק געלאָזט זיך ווייטער שפּאַנען.
„דו ביסט אַ פּאַסטעכל! דו טרייבסט אַ ציג,
דו וואוינסט אין דאָרף, ניט ווייט פונדאַנען!"

באַדאַרפט געווען באַוואָרענען אַפּרי׳ר,
באַדאַרפט געווען דעם וועג פאַרלויפן!
אַריינשטודירט האָט ער מיט איר,
פונקט ווי דעם חיבור און דעם כּפל:
„דו ביסט אַ פאַסטעכל!... דו טרייבסט אַ ציג,
און פאַשע, ביילקע, זוכסט אין וועג איר״.
ס׳גיט אים ביז ווי־און־ווינד אַ צי
אויף יענע אומעטיקע וועגן —
זי ווייסט דעם וועג אַהין און צ׳ריק,
אויף יעדן ביימעלע אַ סימן.
„דו ביסט אַ פאַסטעכל! דו טרייבסט אַ ציג״.
ווי ווייט דאָס איז! אַ, גאָט אין הימל!

V.

געגאַן איז גליק מנחם אבל זיין אַיעדע שטוב,
אַריינזאַפּן די לידיקייט די ווייסטע אין די אויגן.
ס׳האָט אַ געהיימע קראַפט אַהינצו אים געשטופּט,
ס׳האָט אַ געהיימע קראַפט אַהינצו אים געצויגן.
ער איז אַדורך די גאַס איבער איר גאָרער גרייס,
פון עק ביז עק, אונטער דער שטילקייט איינגעבויגן.
די פענצטער צוגעמאַכט ביי יעדן הויז,
ווי ביי אַ מת פאַרמאַכט מען שוויגנדיק די אויגן.
אַ צווייטע גאַס האָט זיך אַריינגעקנופּט,
אויף איר האָט אויך דער טויט רשות געהאַט דאָ.
אפשר צוריק אַוועקגיין צו וואַסילי דוב?
אפשר אויפסנייי אַראָפּרייסן פון זיך די לאַטע? —
נאָר ניט געווען איז שוין וואַסילי מער —
דערגאַן אַהער איז פון דער הויט דער הוילער:
ס׳האָט פריק פון אים ווי פון אַ בער
די פעל אַראָפּשינדן באַפוילן.

VI.

געכאַפּט האָט פריק וואַסילין ביים עפיר,
געהייסן גראָבן אים אַליין אַ גרוב זיך.
אים האָבן צוויי עס־עסאָווצעס אַוועקגעפירט,
געהאַלטן שטרענג אויף אים דעם אויפזיכט.
זיי האָבן אין די אויער־רערלעך אים געפירט
אין זיגעריש מיט אים זיך ביי דער גרוב געוויצלט:
— וואָס קאָסט אַ בערן־פעלץ, וואַסילי, אין סיביר? —
געפרעגט באַזונדער האָט אים יעדער היצעל.
— ס׳קאָסט גאָרניט פאַר אַזאַ, וואָס כאַפּן קאָן אַ בער,

דערצו אַראָפּציען די פעל, אויב ס׳איז ניט שווער אים... —
געקוקט וואָסילי האָט אַהין, געקוקט וואָסילי האָט אַהער,
און ווען די גרוב באַטראַכט האָבן די היצעליעס געהעריק,
האָט מיטן רידל איינעם דוב דערלאַנגט אין קאָפּ,
דעם צווייטן מיטן רידל אויסגעהאַקט די אויגן,
מיט בײדע זיי די גרוב געגעבן אַ פאַרשטאָפּ
און האָט אין וואַלד, געזעג׳נענדיק זיך, אַפּגעצויגן . . .

30. אַ נאַכטלעג אין קאָסטיאַל

I.

אין קאָסטיאַל אָפּגעלעגן נעמי איז די ערשטע נאַכט
נעבן דער טיר, פאַרצויגן מיט אַ שאַלעכל דאָס פּנים,
און אַ פאַרטויבטע פון דערשרעק האָט זי געוואַרט,
ס׳קאָן עמעץ זיך אַריינרייסן און זי דערקאַנען, —
אַז דורכגעגנבעט האָט זי זיך אַהער,
אַז זי איז אַן אַנטלאָפענע פון געטאָ, —
האָט זי צונויפגעקאַרטשעט זיך נאָך מער,
ניט וואַגנדיק דעם בליק אַ הייב טאָן צו די געטער.
ס׳איז דאָרטן קאַלט און אויסגעהוילט געווען,
געהיימניספול זיך אויסגעדאַכט האָט יעדער צעל איר;
אַוועקגעגאַנגען ערגעץ אין דער הייך זיינען די ווענט,
דורך פענצטער איז דאָס ליכט געפאַלן אויף דער סטעליע.
ס׳האָט נעמי נאָך געשלונגען שטרעקעס אין געלאַף,
געשפּרייט האָט נאָך די שרעק אויף איר אַ נעץ פון נעפּל.
נאָר איינגעבראָכן איר בהלה האָט דער שלאָף,
דער פּחד האָט דער מידקייט זיך אונטערגעגעבן . . .

II.

אויף אינדערפרי אַריינגעקומען איז דער קסיאָנדז אַליין,
די הענט פאַררוקט אין אַרבל, ווי אין שוואַרצע הילזן:
— צי האָט זי קיין באַגער זיך ניט צו טויפן? — ניין!
— צי וויל זי זיך מתוודה זיין? — באַהאַלטן בלויז זי וויל זיך!
— עס שטראָפט איך איצטער גאָט, מיט זיין גערעכטער האַנט ער צאָלט,
די קירך קאָן מיט קיין ווידערשפּעניקער די לייד ניט טיילן, —
האָט פאַרזעצן זיך דאָס געשפּרעך דעם קסיאָנדז געוואָלט, —
באַוועגט דען די חרטה ניט פון זיך עפּעס דערציילן? —
עס האָט זיך נעמי אומגעקוקט און עפּעס נאָך געוואַרט

פון דעם באַיאָרטן מאַן, וואָס איז געווען דערגעבן.
פון זיין הלבשה האָט אָראָפּגעווייט די נאַכט
און אָנגעפּילט דאָס הויז דאָס געטלעכע מיט נעפּל.
פאַרצויגן האָט ביי נעמין זיך דער שטאַרער בליק,
און ס׳האָט גענומען אויספעלן איר אָטעם,
דערזען זי האָט איר אָפּגעלאָפן לעבן אויף צוריק
און קוים אַ זאָג געטאָן: — געשעצטער פאָטער!

III.

וואָס קאָן דען וועגן זיך דערציילן דער,
אויף וועמענס וועג אַ בעץ פאַרלייגט איז פון געבוירן,
אויף וועמען אָנגעשטעלט עס איז פון ביקס די רער
און גייט אים נאָך, פאַרפאָלגנדיק אים, ווי דער גורל?!
וואָס קאָן דען וועגן זיך דערציילן דער,
אַ וועמען ס׳איז קיין האָפענונג קיין מינדסטע ניט געגעבן
אפילו פון אַ מת, כאָטש אויף אַ האַלבן מעטער ערד
און אויף אַ ברעקל בליי — איבערצוריסן אין דער מיט דאָס לעבן?
וואָס קאָן דען וועגן זיך דערציילן דער,
ביי וועמען אָפּגענומען אַלץ איז, חוץ די ראיה,
אַז זען זאָל ער זיך קאָנען אומעטום אַ גר,
ווי ס׳גייט איעדע שוועל מיט ניט-געבעטנקייט אַ ברי אים?...
וואָס קאָן דען וועגן זיך דערציילן דער,
וועער שולדיק ביז צום טויט אין דעם איז,
וואָס נידערן איז לייכט און אויפשטייגן איז שווער,
וואָס סם איז זיס, און ביטער איז דער אמת?!

IV.

דאָך, פאָטער גנעדיקער, דאָך פרעגט מיך אויס,
וואָס איר פאַרלאַנגט פון מיר צו הערן,
כ׳וועל מיט דעם ריינעם אמת ענטפערן דורכאויס,
כ׳וועל אַלץ, וואָס איר פאַרלאַנגט, דערקלערן!
— ווי רופט מען דיך? דיין נאָמען רוף מיר אָן!
— מיין נאָמען, פאָטער גנעדיקער, איז מיין פאַררעטער! —
ס׳האָט דורכדרינגלעך דער קסיאָנדז אויף איר אַ קוק געטאָן
און ניט באַזינט, וועער מיט איר מויל עס רעדט דאָ.
— ווי אַלט ביסטו? — האָט מיט פאַרטייעטקייט זיין קול
אויף נעמין זיך אַ זעץ געגעבן.
— כ׳בין, פאָטער גנעדיקער, געשטאָרבן שוין אַזוי פיל מאָל,
אַז שווער איז צו געדענקען, ווען צוערשט כ׳האָב אָנגעפאַנגען לעבן!
— ביסטו אַ יונגפרוי נאָך? — האָט ער דעם קאָפּ געטאָן אַ קער
און מיטן בליק פאַרהאַלטן איר דעם אָטעם.

אָן אָטעם האָט זי זיך געגעבן אַ פּאַרקלער:
— עס ווייסט די לייד ניט פון קיין חרפּה, פּאָטער!...

V.

— האָסטו נאָך גאָט אין האַרץ, צי גלויבסטו נאָך אין אים? —
האָט בעענטער צו איר דער קסיאָנדז געפּרוּווט אַ טראָט טאָן,
און מיט אַן אויסגעהוילטער שלאַבעריקער שטים
האָט זי פון פולן האַרץ אַ זאָג געגעבן: — פּאָטער! —
און זיך פאַרטראַכט... זי איז געווען אויסגעשעפּט און מאַט.
עס האָט געדוכט, אַז ס׳שיטן זיך פון איר יאַרטויזנטיקע שטויבן. —
כ׳האָב, פּאָטער, ווי ב׳אַ ווייטן חלום אַלץ געהאַט:
און אויך אַ גאָט, און אויך אַ גלויבן!
איצט וויל איך פאַר אַ גאָט — אַ שטיקל ערד, אַביסל גראָז...
אַ נאַכטלעג אָן פאַרגוואַלדיקונג איז איצט מיין גלויבן! —
פון אונטער שאַלעכל זיך האָבן אירע צעפּ אַליין צעלאָזט,
ווי ס׳זואָלט זיך אויפן קסיאָנדז פאַרשפּרייט אַ נעץ פון צויבער.
געדוכט האָט זיך דעם קסיאָנדז געלעכטער אין איר קול,
און אויך אַ ווייט געוויין געדוכט האָט זיך אַזוי אים.
צי ווערט ער ניט דורך איר אָט דאָ אַליין געפּרוּווט צומאָל?
צי האָט די הימלאָזע אים ניט פאַרפירט אין קירך אויף אַ נסיון?

VI.

מיט אַ פאַרענטפערונג האָט זי צוריק די צעפּ באַשטאַט
און מיטן שאַלעכל צוריק פאַרהוילן אַקוראַט זיי:
— ניט מיינע זיינען זיי!... דעם דייטשס... ער וועט זיי אָפּשערן, דער קאַט,
און אָנשטאָפּן מיט זיי פאַר די עס־עסאָווצעס מאַטראַצן,
פּונקט ווי די ביינער מיינע און מיין הויט
ער איבעראַרבעטן אין מיסט וועט און אין שטאָפן,
אַז וואַקסן זאָל ביי דייטשע מכשפות פעטע קרויט
און גרויסע אומגעהייערע קאַרטאָפּל... —
דעם קאָפּ האָט זי געטאָן אַ לאָז אַראָפּ,
אים אין די אַקסל איינגעצויגן, ווי אין פיבער: —
צי כ׳האָב אַ גאָט? איך האָב! איך האָב!
מער איז פון בראָך מיר גאָרנישט ניט געבליבן.
ער איז אין וואַלד. ער איז פאַרלייגט ביים וועג.
פּונקט ווי אַ כמאַרע פונעם מבול איז ער וואָך דאָרט,
איך גיי צו אים נאָך היינט ביינאַכט אַוועק.
איך דאַנק איך, פּאָטער, פאַר דעם נאַכטלעג!

31. זיבן קינדער

I.

דער פחד טראָגט איבער דעם וועג זיך אויף און אָפּ,
ער קלינגט מיט פערד־געהירזש און מיט באַפעל פון שפּאָרן.
וואַסיאַנע האָט ביינאַכט דערהערט אַ שטילן קלאַפּ,
ס'האָט עמעץ ביי דער טיר זיך אומזיכער געפּאָרעט.
ניט טרעפנדיק דעם פאַל, איז זי פון פּיל אַראָפּ
און אויפגעמאַכט די טיר. פאַרטריבט די שרעק אַ מענטשלעך קול דען?
זי האָט דערזען אַן אויפגעפּאַטלט־קינדערישן קאָפּ —
אַ סטאַרטשענדיקן פון אַ קלומעקל מיט טראָלדן.
פון אָפּגעמאָגערטן געזיכט אַרויסגעבלאַנקט האָבן די ציין,
און אין דער פינצטערניש האָבן געגלאַנצט פאַרווילדעוועטע אויגן:
— קיין דייטשן, מומעלע, זיינען ניטאָ דאָ, ניין? —
געשטאַנען איז אַנטקעגן אים וואַסיאַנע איינגעבויגן,
זיך איינגעקוקט, ווי אין אַן אָפּגרונט, ציטערדיק און וואַך,
געשראָקן פאַר דעם סאַמע מינדעסטן גערויש זיך.
צי האָט עס ניט אַהער אַרויסגעוואָרפן די געפאַר
מיט אַ צעבושעוועטער כוואַליע פונעם חושך? . . .

II.

פאַרהאַרטעוועט געווען איז אויפן קינד די הויט.
עס האָט געדוכט: פון דעם זיך שיילט דאָס בגדל ס'צעפּליקטע.
די פיס די באָרוועסע באַקלעפּט מיט קויט,
און ווי דעם ווינט געפעלט, לאָזן די פּאַטלעס זיך אַ וויג טאָן.
געהאַלטן האָט עס אין איין האַנט אַ שטיקל ברויט,
זיך מיט דער אַנדערער באַמיט אין לופט עפּעס צו כאַפּן
און אויף דער טיר געוויזן פונעם שטיבעלע, פאַרטרויט,
מיט דעם פאַרווילדעוועטן גלאַנץ פון די שוואַרצאַפּלען.
דאָס מויל געעפנט האָט זיך ווי אַ וואונד
און זיך פאַרמאַכט צוריק, ווי עפּעס צום דערמאָנען:
— צי קאָן מען איבערנעכטיקן דאָ ערגעץ וואו? —
אַ קוק געטאָן דאָס אורחל האָט אויף וואַסיאַנען.
— וואָס טוסטו דאָ? דו ביסט פון ווייט? —
האָט זיך וואַסיאַנע עס געפּרואווט אַ גלעט טאָן.
אַרומגעקוקט האָט זיך דאָס קינד פון יעדער זייט:
— געלאָפן, מומעלע, מיר זיינען פון דער געטאָ! . . .

III.

אַ גאַנצע טשאַטע זיינען זיי אַוועק,
באַגלייט פון לעצטע געטאָ־בליקן טריבע.
און איינציקוויז געפאַלן אויפן וועג, —
געבליבן איז פון זיי ניט מער ווי זיבן . . .
וואַסיאַנע האָט וועגן דער שטאָל געטאָן אַ טראַכט,
אַ קלער געטאָן וועגן דעם בוידעם האָט וואַסיאַנע.
און ס'שטייט ניט אויף קיין אָרט די נאַכט,
דערהערן ערגעץ זיי מע קאָן נאָך . . .
ס'איז קלאָר, ס'איז קלאָר, — וואַסיאַנע זיך דערמאָנט:
אַ כאַפּטע הינט דערשפּירן קאָן זיי באַלד דאָ;
האָט זי דאָס קינד אַ נעם געגעבן פאַר דער האַנט
און עס אַוועקגעפירט צו זיך אין שול באַהאַלטן.
ווען מיט אַ שטיקל ברויט דאָס צווייטע מאָל
איז זי אין שול ביינאַכט אַריינגעלאָפן,
האָט זי דערזען, ווי אויסגעלייגטע אויפן פּאָל
זיינען נאָך זעקס איינס נעבן אַנדערן געשלאָפן.

IV.

באַוואַקסענע און איינגעטונקענע אין קויט,
פון פּנימלעך אַדורכגעלויכטן אויגן האָבן בלויז זיך.
זיי האָט ניט אַנגעיאָגט אינערגעץ ניט דער טויט,
ווי קעגן זיי ער ניט באַוואָפנט האָט זיך גרויזאַם.
געגאַנגען זיינען זיי פון לאַנג שוין און פון ווייט,
זיי האָט געקאָסיעט דאָס געיעג, אינערגעץ ניט קיין היגע . . .
דורך טעג דורך גאַנצע — אונטערוועגס — פּאַרטיי'ט,
און ביי די נעכט — פון ווינט זיך לאָזנדיק פאַרוויגן.
געלאָפן היין און צוריק, ווי אין אַ גרויסער שטייג,
זיך אויפגעהויבן שנעל, ווי פון אַ שטייג — אַ טשאַטע פייגל.
אַ ריזו איז אונטערוועגס זיי מיט באַהעלטעניש געטריי,
און אַ געטרייער ערי־מקלט איז אין פעלד פאַר זיי אַ סטויגל.
די עלטערן פאַרלוירן האָט פון זיי דאָ ווער,
און ווער די היים פאַרגעסן האָט פון זייער עדה.
נאָר איינער אויסבאַהאַלטן האָט אַ צייכן פון אַ פּיאָנער,
און ביי אַ צווייטן האָט פאַרוואַלגערט זיך אין קעשענע אַ דריידל.

V.

געשלאָפן זיינען זיי, ווי נאָך אַ שלאַכט,
די הענט צעשפּרייט, און אויפן הוילן דיל — די באַקן;
און ווער פון שרעק — דאָס פּנימל באַגראָבן טיף,
און ווער ווי צוגענאָגלט פאַרן האַלדז־און־נאַקן.

פאַרשידענע בגדים, שמאַטעס — מלא ריס
און צוגעדעקט מיט טאַרבעלעך דאָס רוב נאָר.
בעזען האָבן ביי אַלעמען זיך בלויז די פיס,
די קליינע גלותדיקע פיס די וואַנדעראָוונע.
פון יעדן אָטעמען חלומות זיך אַרויס,
וואַסיאַנען דאַכט זיך, אַז זי זעט זיי אויף דער וואָר דאָ.
צום אַלעם ערשטן הרגענען זיי קינדער אויס,
די קינדער פריי'ר פאַר אַלעמען זיי מאָרדן...
—שלאָפט! שלאָפט!—האָט זיך וואַסיאַנע אויך אַוועקגעזעצט אויף דר'ערד—
כ'וועל איך ניט אויפוועקן, ביז אומפאַרמיידלעך זיין נאָר ס'וועט דאָ... —
אין יעדן אומרואיקן הויך פון אירע געסט האָט זי געהערט:
„מיר זיינען, מומעלע, געלאָפן פון דער געטאָ" . . .

VI.

פונקט ווי אַ קאָמערטאָן, געפּראָוווט גערמאַניע האָט איר האָק
איבער די קעפּ פון קינדער די פאַרטריבענע אין געטאָ,
און איז געווען שטאָלץ מיט איר ממשלה און געוואָג,
און אומבאַזיגט, און זעלבסטפאַרגעטערט.
עס האָט איר ניט געסטייעט קיין געדולד
צו וואַרטן דעם טריאומף איבער דער אַלוועלט דער געפלעטער,
האָט זי דערהויל איר אונטערוועגעדיקע קרוינען־שטול
געפירט איבער די קברדיקע געסלעך פון דער געטאָ
און אויסגעקלעפּט איבער די אבלדיקע ווענט
תקנות, וואָס באַקרוינט אַיעדערע מיט זיג איז.
געווען צו יעדן שאָטן איז די נייע אָרדענונג געווענדט
און דער מלוכהשער סטאַטוט פון אירע מאָרדן און הריגות.
דאָס בלוט פון געטאָ האָט גערמאַניע עקספּאַנירט
אויף אַלע מערק, וואו אָפזאַץ איז געווען נאָר:
— פאַרלאַנגט, פּילייכט, ווער יודן־זייפע? עכטע. ניכט?
פון לויטערן פּראָפּעטן־מאַרך! פון קנאָבן פענאָמענען!

VII.

און זיי — זיי האָבן ניט קיין צייט צו וואַרטן אויף דער האָק.
צו לעבן וויניק שוין געבליבן איז זיי אַלע.
אַ סיום מאַכן זיי אויף די יאָרהונדערטן לפ"ק —
קיין אות ניט גיין חלילה זאָל פאַרפאַלן.
אָן אונטערערדלער אין עפיר יאָגט אָן אַ שטראָם,
מיט לעצטן מוח־שטראַל שליסט אויף אַ ייד פון פּראָג דעם אַטאָם,
און אין די וואָרצלען פון אַ בונטן אידיאָם
זיך מיט התלהבות גראָבט אַ בעל־גראַמאַטיק.
און אין געציילטע רגעס פאַרן טויט,

אונטער דעם הענקערס הפקר־שיכורע געווישן,
סטראַיעט דעם פידל אַן אַ וואונדערקינד, דער וועלט פאַרטרויט,
און קלעפּן שטעלט אַ צווייטער זיך אַ נייע סטאַטוע פון משהן.
זיי האָבן לייענען זיך ניט פאַרגינט
ס׳געזעץ און די תקנות פון דער דייטשישער אימפּעריע,
אַז אין דער געטאָ — פאַר אַ ניי־געבוירן קינד
זיינען מחויב צען דערהרגעט ווערן.

VIII.

אַז ס׳האָט דאָרט יעדערער געהאַט צו טאָן לרוב,
געבליאַסקעט אויגן האָבן דולע פון געאַמפּער.
עפּעס אַ פאַרמעטענער, אָפּגעצערטער רב
האָט ערשט פונסניי פאַרפירט אַ סיכסוך מיטן רמב״ם.
איז וואָס־זשע גייט אים אָן דער הענקער מיט זיין האַק?
דער ניצוץ אלוהים ווערט פון קיין האַק ניט דורכגעריסן.
קיין איינער איז פון זיי נאָך ניט געווען זאַט
פון דאָרשטיקייט, פון אויפשטייג און געניסן.
איז וואָס, אַז ס׳ווערט דער קרייז פאַרצויגן, ענג און קליין?
דער בליץ קיין סך באַדאַרף ניט ביז דעם דונער!
ס׳באַגרייפט אַן אויפשטענדלער, ווי מיט דעם אייגענעם געביין
פאַרדעקט אַ רוסישער סאָלדאַט אַן אמבראַזורע.
און קינדער — אומעטום, אויף וואו אַ וועג,
צעזייט זיינען ווי בריענדיקע זאַמען.
אַט זיינען זיי, די אורחימלעך, פאַרבליבענע פונעם געיעג,
די זיבן אורחימלעך, אין שול זיי שלאָפן ביי וואַסיאַנען.

32. ויהי ערב, ויהי בקר

I.

— שלאָפט, שלאָפט! — האָט שטיל וואַסיאַנע זיי געוויגט,
באַטראַכט די אורחימלעך די יידישע זי האָט דאָרט.
און אין דער געטאָ האָט די ערד געטרייבערט פריק.
נאָך אַלע קינדער זיך געיאָגט, זיי אָפּזוכן געפאָדערט!
גענומען יעדעס שטיבעלע אין קלעם,
אַ שליף פאַרלייגט אויף יעדן געסל.
און שולדיק, אויסגעטראָגן, איז געווען אין דעם
חנינה דעם צירולניקס מעוברתע געגעסל.
וואָלט דען חנינה ניט אַ פאַל געטאָן צו דר׳ערד אַליין

אינמיטן גאַס פּאַר — וואו אַ קינד, פּאַר — וואו אַ מוטער
און זיך ניט איינגעזויגן מיטן מויל אין יעדן שטיק,
ווי אין זיין שוואַרצן שלוכצנדיקן טוטל?
נאָר אין צירולניע ז׳ער געזעסן, ווי אין אַש,
אַ וויינענדיקס האָט אַלע ווייל געגעבן אַ פּאַרצי ער —
און אָנגעהויבן אַלעמאַל פון אַ טשאַרדאַש
און אויסגעלאָזט אים אַלעמאַל מיט „אלי־ציון״ . . .

II.

אַ בראָך איז צו דער גאַנצער וועלט!
ס׳פּאַררופט אַ קול אונטערן שטאָט אים צו דער גרוב, אַהין נאָר . . .
אַ שערער האָט דעם מלאך־המות דאָ פּאַרפעלט,
און זי: — חנינה!... — וואָס חנינה?
אין איין זייט — ער, און אין דער צווייטער — זי...
צו וואָס נאָך אומקערן צוריק זיך וועט ער?
די בערד ביי ידן פּאַרן טויט ראַזיר
און אויפן טוטל שפּיל, ס׳זאָל פריילעך זיין אין געטאָ! . . .
געפונען האָט זי ביי דעם זאָנדערפיורער אין די אויגן חן,
געהייסן איבערלאָזן האָט ער זי אויף שפּעטער,
אַז קומען זאָל זי אַלע נאַכט צו אים צו גיין —
די בלום די וואונדערבאַרע פון דער געטאָ.
נאָר ס׳האָט חנינה זיך געשפּרייט אונטער איר יעדן טראָט
און אויפן טוטל אויסגעשפּילט איר יענע וועלט און די וועלט.
אַריינגעפירט אין געטאָ זי נאָך כלהוויז ער האָט,
אַז ס׳איז געווען, האָט ער געזאָגט, פון גאָט אַ זיווג!

III.

ערשט דאָ, אין געטאָ, האָט ער אָפּגעשפּילט די חתונה אַליין,
פּאַרבעטן אַלע זיינע קונדן, אויסגעקוילעטע אין געטאָ.
דער שפּיגלדיקער שערער־זאָל האָט זיך אַרויסגעוויזן קליין
פאַר אַלע געסט, וואָס ער האָט אויף דער חתונה פאַרבעטן.
דעם שפּיגל האָט חנינה אָנגעריבן ביז צו גלאַנץ,
גלייך ווי אויף קוליעס פיר אַריינגעהונקען האָט די חופּה.
און ס׳האָבן די געקוילעטע אַ גאַנצע נאַכט געטאַנצט,
און ס׳האָבן די געקוילעטע אַ גאַנצע נאַכט געטופּעט.
און ס׳האָט די געטאָ זיך צונויפגעלייגט אויף ווייך,
און לעקעך האָט מען פון אונטער דער ערד געבאַקן.
חנינה האָט געוואָלט, אַ חתונה זאָל זיין
מיט אַ באַזעצנס, און מיט לעפל, און מיט הכל־בכל!
און אויפגעגאָן מיט זיבן קולות איז דער „הרי־את״,
ווי ס׳גייט מיט זיבן פאַרבן אויף אַ רעגנבויגן.

און אנגעפילט אַ כוס: — דעם מלאך־המות אַ וויואַט!
און ס׳טאַנצט אין בלוט שוין דער באַגינען — ויהי ערב, ויהי בקר!

IV.

אַ להוטע נאָך בלוט און וויין,
לאָזט זיך די תליון־נאַכט אַראָפּ אין געטאָ.
— אפשר די לעצטע? — ווערט אַ רעש... קאָן זיין!
נאָר ביז דער שחיטה רייסט זיך דורך אויף לוסט אַ היתר.
דער פּיין איבער געשמידטע לייבער זיך צעפּליסט,
און די געמיטן רייסן זיך, ווי קריעה זוי געפּלעטע.
ס׳צעבליען זיך, ווי רויזן אויפן מיסט,
די בריענדיקע אויגן פון דער געטאָ,
און אויסגיין ווילט זיך, האַלדזנדיק, אינצווייען:
געאָרעמט ווילט זיך אויף דעם טויט אַריבערשפּרינגען,
און איינס דעם צווייטן אויפן האַלדז זיך אַנטאָן, ווי אַ שטיק,
ס׳זאָל בליציק זיין אין אָפּגרונט דאָס פאַרזינקען,
פון לאָקערדיקע היצעליעס באַדראָט,
דורך פאַסטקעס אויפגעוואָרפענע און גריבער,
ברעכט פון דער געטאָ דורך דאָס שטעכעדיקע דראָט
די אונטערערדישע פאַרשעמטע ליבע...

V.

די געטאָ גייט אַנטקעגן איר מיט ברויט,
פון יעטווידן פאַרבאַט אַראָפּגעקלאַפּט דעם טריוואָקס,
אלמנות און יתומים, און דער טויט,
און שעמעוודיקע אויגן, גאַרנדיק נאָך זיווגס.
ס׳האָט ניט קיין צייט די געטאָ וואַרטן אויף דער האַק,
און אין דערוואַרטונג אויסשטרעקן דעם גאַרגל אַלעמאָל איר.
אַ סיום מאַכט מען דאָרטן אויף יאָרהונדערטן לפ״ק,
און אויף יאָרהונדערטן אויף נייע מאַכט מען אַ התחלה . . .
געליבטע וואַרטן אָפּ די נאַכט, אין פּיין געפּלעט,
דעם טויט, אין גאַרונג, היפּערן זיי דריי מאָל איבער.
אויף די געלעגערס — די באַשערטע זוכן זיי ביז שפּעט,
נאָר ס׳טרייבן וועכטער די באַשערטע צו די גריבער . . .
אַ להוטע נאָך בלוט און וויין,
בראָיעט די נאַכט אין געטאָ ביז באַגינען.
און אויף די דעכער די באַגאַסענע מיט פּיין
גייט אום דער טויט אין אַ מונדיר אַ גרינעם . . .

VI.

חתנים, יונג און אַלט, געבאַרגטע ביי דער גרוב,
האָט ניט באַשוואוירן אייך דער טויזנט־יאָרעדיקער שפּרוך דען,

אַז ס׳זאָלן חתונות ביי יידן זיין אין יעדער שטוב
און ס׳זאָלן ניט געמינערט זיין ביי יידן קיין געבורטן ?
געליבטע גייען אויס, געפלעט אין פיין,
די לויפן איבער גאַסן אום, אין פיין פאַרבלענדיקט.
פון יעדן איינעם שטראַלט די ניט־פאַרגייענדיקע שיין
פון אומפאַרמידלעכער און הפקרער פאַרלענדונג . . .
די לויפן אום די נעכט די גאַנצע ביז קאַיאַר —
פון ליבע, ווי פון מרידה היילקער, באַשוואָרן.
אויף מיסט און אַש פון אָפּגעברענטע יאָר
בליט זיך פאַנאַנדער דאָס געוויקס פון שרון...
כאַפּט אויס די פוקסן און די פוקסיכעס פאַר זיי,
די, וואָס די ווייַנגערטנער פאַרניכטן און צעטרעטן . . .
ווי פון אַ פאַרטעך וואַרפט די האַלבנאַכט צום פאַרזיי
פאַנאַנדער שטערן זשמעניעסווייז אין געטאָ.

33. קימפּעט

I.

אין געטאָ איז געגאַן אַ פרוי צו קינד.
אין געטאָ איז געגאַן אויף קינדער אַן אָבלאַווע.
אין געטאָ האָט געדעמערט. אין געטאָ האָט באַגינט,
און פייגל זייַנען אומקומען געפלויגן מיט געהאַווע.
געזעסן איז דער טויט אויף יעדער שוועל,
אַזוי ווי אַ בן־בית, און געקוקט אין אַלע זייטן.
און דאַך האָבן זיך קינדער דורכגעשאַרט אין פעלד.
פון פעלד אין וואַלד. פון דאָרטן ווייטער.
און מאַמעס האָבן דאָרט, געפירטע צו דעם טויט,
דעם הימל איינגעלייגט, זיך לעבעדיק באַגראָבן :
צי וועלן קינדער האָבן אויפן וועג אַ שטיקל ברויט,
צי עמעץ וועט אויף זיי אין וועג רחמנות האָבן ?
באַפוילן האָבן דייטשן : קינדער צען
פאַר יעדן נייַ־געבוירענעם אין געטאָ מאָרדן.
אַזוי איז דאָס געזעץ דאָס דייטשישע געווען,
באַווליקט האָט אַזוי די נייַע אָרד׳נונג.

II.

חניתה דעם צירולניקס ווייב געגאַנגען איז צו קינד.
זי האָט געהאַט אַ גרויסן בויך ; מע האָט געשאַצט : אַ צווילינג.

עס האָבן מאַמעס זיך די הענט געבראָכן: ווי און ווינד!
און אפשר טראָגט זי דריי? וואָס קאָסט עס איר? גיי, סילוק!
— דערשטיקן דאַרף מען! — האָבן שכנים זיך געלאָזט, —
ווי גאָט איז ליב, אויב נאָר מע קאָן עס. —
און ווער עס טייט אויף איר, ווי נאָר זי שטעקט אַרויס די נאָז:
— זי טראָגט אים שוין, דעם שיינעם שלח־מנות! —
און איניקע איז אָנגעגאַן ביז בלוט די זאַך,
אַז דווקא אויך אַ ברית געמאַכט זאָל ווערן!
— פאַרקערט, — געטענהט האָבן זיי נאָך, — בעת אַ גזר
מחויב זיינען יידן אַלעמאָל זיך פּרוכפּערן און מערן! —
און אים, חנינהן, לאָזט קיין פויגל ניט אַדורך,
קיין שטיין אין גאַס לאָזט, דאַכט זיך, אים צו רו ניט.
און יעדער, ווער סע קאָן, דערלאַנגט אין אים אַ שטורך:
— דאָ, פּונקט אין געטאָ, איז אים אָנגעקומען, דעם צירולניק!

III.

ער זעט אַליין דאָך, דער צירולניק, אויך,
ער איז דערוויל, ברוך־השם, ניט בלינד דאָך,
אַז ס׳טראָגט זיין ווייב איבער דער געטאָ אום דעם בויך,
פּונקט ווי אַ גזירה פאַר די קליינע קינדער . . .
און וואָס אַמאָל ווערט מער די רגע נאָ׳נט,
ס׳דערשטיקט געוויין פון מאַמעס אויף אַ מייל איז,
און ווער ס׳האָט גאָט אין האַרצן — אים דערמאָנט:
— באַשטעל, צירולניק, זיך, באַשטעל אַ שיר־המעלות,
אַ סגולה איז עס דאָך!... געוויס...
פאַר די ניט־גוטע אין דער געטאָ — פייער־בראַנדיק.
וואָלסט נאָך באַדאַרפט פאַרבעטן פריקן אויפן ברית
און היטלערן מכבד זיין מיט סנדק! —
חנינה אויף דיך טוטל האָט געשפּילט ווידעראַנאַנד,
געוויין האָט זיך געגאָסן אויף דער גאַנצער געטאָ.
און שפּילנדיק האָט ער זיך אין געשטאַרבענע דערמאָנט,
נאָך ווען די געבוירענע אַ נאָמען געבן וועט ער . . .

IV.

חנינה אַ משפּחה האָט אַ מעכטיקע געהאַט.
די האַלטן אין זכרון אַלעמען מע קאָן נישט.
געקומען איז דער זיידע — אַ ניקאָלייעווער סאָלדאַט,
אַריבער הונדערט יאָר געלעבט. געהייסן האָט ער מאַניש.
אַ ייד אַ גבר. אַ ייד אַ דעמב.
אַ ייד אַ כעסן. נאָר אין תוך אַ גוטער.
געגעבן האָט חנינה מיט דער גאַנצער לונג אַ נעם,

אויף „יאָ" אַ מאַך געטאָן אַליין זיך מיטן טוטל.
און פעטערס האָבן זיך געטאָן אויף אים אַ שאָט,
צירולניקעס און קלעזמער, ווי די באַרלעך פון בית־עולם.
אַ טומל אין זכרון אויפגעוויגט זיך האָט
און נעמענער אַזוי פיל ליגן שוין אין מויל אים.
און שפּילנדיק איז קוים אַרויס ער פונעם רעש,
אַז ס'זאָל אין די מרחקים ווייט אים ניט פאַרציען;
ווי שטענדיק, אַנגעהויבן האָט ער אַ טשאַרדאַש
און אויסגעלאָזט, ווי אַלעמאָל, מיט „אלי־ציון" . . .

V.

געהערט חנינהס ווייב האָט יעדע נאַכט,
ווי קינדער זיך ביי איר אין בויך געררודערט האָבן.
ווען קאָנען זאָל זי זיי ביי זיך אין טראַכט
ווי אין אַ קבר אין אַ פינצטערן באַגראָבן!...
ס'האָט פריק נאָך איר לאַסטוואָגן דערלאַנגט
און צו דער גרוב באַפוילן פאָרן איר אויף קימפּעט.
געמען דעמאָלט האָט חנינה זי אונטער דער האַנט,
געקוקט אויף איר, ווי חתנויזה, מיט חסר־דעהדיקן אימפּעט:
אויף אים זאָל פאַלן דאָ דער ערשטער זאַסטעפּ ערד,
צעלעכערן די קויל צוערשט זאָל אים דאָ!
דעם דעך פון קינדער ניט־געבוירענע געהערט
האָט דאַן חנינה ביי דעם קבר ערב קימפּעט...
אַ נאָמען נאָכן זיידן האָט זיך אים געוואָלט,
אַ ניקאָלייעווער סאָלדאַט! — די גאַנצע צייט האָט ניט גערוט ער.
מ'האָט אים באַפוילן גיין צוריק, האָט ער געפאָלגט,
פונקט ווי מע וואָלט אים עפּעס אָפּשפּילן געהייסן אויפן טוטל.

VI.

און ס'גיט זיך מיטאַמאָל אַן עפן אויף די טיר.
דער היצעל פריק. דאָס האַרץ גיט זיך אַ טיאַכקע.
— דעם טוטל לייג אַוועק! און נעם ראַזיר! —
געוועזן ער זיכער איז אין געטאָ מיט זיין גאַרגל.
חנינה האָט אים אָנגעטאָן אַ שניי־ווייסן סערוועט,
איבער די בעק געטאָן מיט זייף אַ פיר אים.
און ווען דאָס בערשטעלע אַוועק איבער דיין הויט איז מיט אַ גלעט,
האָט זיך מיטן צירולניק אים פאַרגלוסט אַביסעלע פילאָזאָפירן.
פון צווישן אָנגעזייפטע באַקן, ווי אין שמאַלץ,
האָט ס'מויל מיט פינצטערניש פון אַ פאַלאַנקע זיך צעהודיעט: —
וואָרום שנײַדסטו מיר, יודע, ניט אַדורך דעם האַלדז,
דו האָלטסט אַ מעסער אין דער האַנט דאָך, יודע? —

האָט ביי תּבֿינהן זיך אין קאָפּ אַ קער געגעבן אַלץ,
די גאַנצע וועלט איז צו צום מויל אים, ווי דער טוטל . . .
אָט נאָך אַ זיף... אָט נאָך אַ גלעט... און מיט דער שאַרף צום האַלדז!
און ס׳האָט דער שניי־ווייסער סערוועט אַ פּלי געטאָן פאַרבלוטיקט.

VII.

און ס׳קומט אין געטאָ יעדע נאַכט
דער ניקאָלייעווער סאָלדאַט דער זיידע צו דערמאָנען,
אַז ער איז דאָ און אַז ער וואַרט —
דערהערן וויל ער דאָ זיין הונדערטיעריקן, זיין אַלטן נאָמען . . .
ער שטייט מיטן מעדאַל, דער אַלטער ניקאָלייעווער סאָלדאַט,
ביים פענצטער פֿון חנינהס לײדיקער צירולניע.
און פּעטערס קומען זיך צונויפֿן פֿון דער מוטערס צד,
מיט שוועסטערקינדער ווערט די געטאָ פֿול נאָך,
און אַלע בלאָנדזשען זיי די געטאָ דורך,
זיי גייען אום איבער די אַבלדיקע געסלעך.
זיי הערן אַין זיך אין געוויינען פֿון געבוירט.
אַ נאָמען מאָנען זיי נאָך זיך, מע זאָל זיי ניט פֿאַרגעסן.
פּוטוויטן קוקט אויף זיי די שלאָפֿנדיקע קלויז.
ס׳איז קיינער דאָרט נישטאָ. בלויז שאָטנס ציטערדיקע פּאַכען.
זיי קלאַפּן אָן אין יעדן לײדיק הויז:
— וואו איז דאָ, יידן, ערגעץ אַ בן־זכר?

34. מזומן

I.

אָן אומרואיקער שלאָף פֿון שרעק און פֿון פֿאַרפֿאַלג.
ס׳געיעג נאָך זיך זיי זעען פֿאַרגעזעצט אין חלום.
מע מאָנט ביי זיי, פּונקט ווי מע מאָנט ביים פּאַלק,
וואָס קאָן זיך מיט דער וועלט פֿון הענקערס ניט צעצאָלן
פֿאַר פֿרויען אויך די קייטן אויפֿרייסן פֿון קנעכט
און פֿאַלן אונטער זיי פֿאַרפֿעגטעט און פֿאַרפֿלאָנטערט.
מע מאָנט ביי זיי מיט האַק און שווערד,
פּונקט ווי ביים פּאַלק קרייצוועגן אויף אַלע מאָנט מען
פֿאַר טרוים און שוואונג דורך ראַנגלעניש און שלאַכט,
פֿאַר גיין דורך אַרבע מיתות צו דעם מקור.
מע לאָקערט נאָך זיי טאָג ווי נאַכט,
ווי נאָך די טאַטעס און די זיידעס דאָ מע לאָקערט,

פאַר זוכן זיך אַ תּיקון אומעטום,
און ביי דעם מינדסטן וואָרעם — גרויס דיך אין די אויגן.
מע יאָגט נאָך זיי ווי נאָך אַ חייב־מיתה זיך אַרום,
וואָס גאָר די ערד האָט זיך פאַר אים ווי אַ מזבח אויסגעצויגן.

II.

זיי ליגן — איינס פון צווייטן ווייט און נאָ'נט,
פאַרהיט עס זאָלן אויך אין חלום פון געפאַר זיין די מחיצות.
מע מאָנט ביי זיי, ווי ביי אַזאַ בעל־חוב מע מאָנט,
וואָס זיך צעקוויטשעוען ער קאָן ניט מיט די היצעלס
פאַר וועלן אָנקערן זיך אומעטום דער ערד
און טראָגן פרוכט צעבליט אין אַלע רוימען,
וואו ס'זאָל אים וואַנדערן ניט זיין באַשערט,
ווי ניט געפּענטעט זיין ער זאָל אין צוימען.
געשלאָפן זיינען זיי אַצינד אין שול,
פאַרוועבט אין אויסוועגלאָזן גאַנג אין מידן;
און אויסגעקריצט האָט בוילעט זיך אויף זיי די שולד
פאַר זייער אָנגעהעריקייט צו יידן . . .
אַרויסגעגנאַרט האָט זיי ביים מלאך־המות גליק
און אויף די אומוועגן אין פעלד צעוואָרפן זיי, ווי זריעה;
די וועלן ערגעץ אפשר נאָך אַרויסוואַקסן צוריק,
ווי נאָך די נעכט וואַקסן אַרויס די אינדערפריען.

III.

אַ מינדעסט ווינטעלע האָט ניט געטאָן קיין בלאָז,
קיין מורמל האָבן ניט געטאָן די וועלקנדיקע בלעטער.
אַרויסבאַגלייט די אורחימלעך האָט גליק כעלות,
איידער ס'באַגינט די פיין, די ליידן אין דער געטאָ,
איידער דעם טויער פון דער געטאָ שפּאַרט דער אומגליק אויף
און לאָזט אַ פאַרטיע געשפענסטער דורך אין גיהינום,
און ס'נעמען פייגל ווינען אין דער לופט,
און ס'נעמט דער הימל צו דער ערד געגנענען, —
איידער דער טויט אַרומשליכן באַגינט,
איידער דער ערשטער קרעכץ רייסט פון דער טיף אַרויס זיך.
אַ קוק געטאָן האָט דעמאָלט גליק אויף יעדן קינד,
אַ קוק געגעבן אויף דעם ואמעטיקן היימלאָזן אינדרויסן.
דעם אָפּקלאַנג ער פאַרשפּראָכן האָט ביי יעדן שטיין,
דעם שאָרך פון יעדן בוים, וואָס איז אין וועג געוואַקסן,
און שטיל אַ זאָג געטאָן צו זיך אַליין:
איצט דאַרף מען גרייט צום לעצטן אַקט זיין!

IV.

גענע׳נטערט האָט באַשיימפּערלעך שוין יעגער טאָג,
ווען ס׳וועט אין געטאָ בלייבן בלויז דער אָפּהילך פון די ליידן.
„ס׳איז גוט! — האָט גליק געטראַכט, — וואָס נעמי איז ניטאָ.
איז פאַר אַ קוק אויף איר — דערזען איר סוף כדאַי דען?״
ס׳טוט סיי־ווי־סיי ניט אָפּ זיך איר געשטאַלט
פון זייַנע דריי מאָל אויסגעמעקטע אויגן, —
אַלצאיינס, צי איז זי ערגעץ־וואו אין וואַלד,
צי ס׳האָט דער אומגליק אויפן וועג זי ערגעץ־וואו פאַרזויגן . . .
און אָפּטאָן וועט זי זיך ניט פון זיין בליק
ביז צו דער לעצטער רגע, וואָס אויף פּיין איז אים געגעבן.
„געוויס, געוויס! — האָט ער געטראַכט, — איז דאָס אַ גליק,
וואָס מ׳עט מיט טמא הענט ניט אָפּנעמען ביי איר דאָס לעבן!״
אַדורכגעשווינדלט האָט אַ טרויעריקע נאַכט פאַר אים:
ער טראָגט פאַר נעמין ציטערדיק אַן עפּל...
דער טראָטואַר... דער ברוק... דעם תּלינס שטים...
און ס׳האָט זיך אים דער בליק געגעבן אַ פאַרנעפּל.

V.

אָט איז ער, אָט, דער אויפגעריכטער באָק.
אַ בויך. אַ הינטן. אַ נאַגאַן און אַ נאַהייקע.
ער פּרעסט. ער זשאַרבט. ער מאַרדעוועט. ער בראַקט.
און פון געגוס ער, הירזשענדיק, זיך קייקלט.
ס׳באַלעסטיקט אים די צייט. די שיין אים קוועלט.
אַראָפּגעוואָרפן פון דער שאַנד האָט ער דעם צודעק
און שפּאַנט אַ נאַקעטער, פאַרזשאַרבנדיק די וועלט,
פאַרשייט, און פרעך, און ברודיק.
זיין קראַפט באַשטייט אינעם דערדריקטנס קלעם,
זיין רעכט זיך לויכט אינעם נאַגאַן און שטאַמט פון דער נאַהייקע;
איבער דערוואָרגענע ער גאַוועדט גאַוועדיק און טעמפּ,
די הענט — אין בלוט. די פיס — אין לאַיקע.
און אונטער אים און איבער אים — אַזעלכע, פּונקט ווי ער —
אַ סך! אַ מענגע! מיליאָנען!
דאָס גאַנצע דייטשע „ווער״ —
אין אָנגעשטאָפּטער פריק — קערן זיי אַלע אָן אים!

VI.

דעם קאָפּ גיט אין די אַקסל גליק אַ צי אַריין,
און אויף די אויגן זיך אַ פינצטערניש פאַרבעט ער.
ער וויל ניט זען פונעם געשענדטן טאָג די שיין,
ניט זען די הייזלעך די פאַרבראַכענע פון געטאָ.

אים יעדער אויסגעדוכטער דורכלויכט איז אַ שטער,
און יעדער שיך, וואָס דורך דעם חלל קומט צו אים אָן.
ער וויל נים זען די טרויעריקע ערד,
ער וויל ניט זען דעם גלייכגילטיקן הימל.
אים דוכט: אונטער איעדער וויע ווארעמט ער אַ שטיין,
און ס'איז פאַרשלאָסן אין זיין אויג דער מינדסטער פינטל,
ער וויל נים זען אַצינדערט זיך אַליין
און גאַרניט, וואָס מיט דעם אַרום פאַרבינדט אים...
נאָר פריק דער היצעל שווינדלט פאַר אים אומעטום,
אויף גאַר דער ערד. צו יעדן ער געגעגט שוין.
און, הירזשענדיק, ער פּאַכעט מיט דער קליוטשקע אום,
פאַרוואַרפנדיק זי אויפן האַלדז פון גאַר דער מענטשהייט . . .

VII.

אַ בילד דערמאָנט זיך גליק. אין שטעטעלע. פון לאַנג.
דער היצעל. אָט. ער שלעפּט אַ הונט איבערן גאַס צום קיילן.
ווי ס'רייבט דער הונט זיך מיטן גאַרגל אינעם שטאַנג
און גיט אַזאַ מין יאושדיקן שפּרונג איעדע ווײַלע...
ער לויפט פאַראויס און פּרואווט צוריק, פאַרצוקט.
און פון די אויגן — בלוט. און פונעם אָטעם — פיילן.
ס'גיט אַ דעטאַל אַ שניט: ס'זעצט אויף די הינטער־פיס דער הונט זיך צו
און בייסנדיק די ערד, פאַרגייט ער שטיל זיך מיט אַ יעלה,
דעם האַלדז דעם איינגעשניטענעם — אַ דריי,
אַ ביין... אַ רויער ביין גיט אויפן וועג אַ בליץ אים...
און ער פאַרגעסט, אַז ס'שלעפּט אים, ווינד־און־ווי,
מיט דעם פאַרציענדיקן שטריק דער הערשנדיקער היצעל...
און גליקווישט אָפּ פון שטערן קאַלטן טוי
און שטעלט דעם מידן בליק אָן אין פרימאָרגן:
ער זעט די גרינע היצעליעס, וואָס זייען טויט,
אָ, ס'אַראַ פרייד ס'וועט זיין זיי דורכהריזען די גאַרגלען!

VIII.

— ניט דיר איז דאָך דעם אָנגעשטאָפּטן פריק צעטרייבערן פאַרטרויט, —
האָט גליק צו זיך אַליין געטאָן אַ בלעבל: —
נאָר שליידערן אין אים זיך ווי אַ שטיין אויף טויט
האָט ניט די פולע ווערט דען פון אַ מענטשלעכן לעבן?
און נעמי — ערגעץ דאָרט אין וואַלד,
אוןביילקע — אויף די וועגן ערגעץ אַ פאַרפירטע,
און טויזנטער אַזעלכע, — האָט זיין בליק געשטראַלט, —
איז שוין אַ שלאַקס־האָגל! ער לייגט זיך ווי געוויכטן! —
און גליק באַפעלט: פאַרזאַמלען זיך מע זאָל,

זיך אויסציילן פונסניי און זיך דערזען מזומן.
פון מאָל צו מאָל ווערט ווייניקער די צאָל,
נאָר דראַנג ביי די געבליבענע קומט צו און צו מער...
און אַ באַשלוס געהיים דאָרט אָנגענומען ווערט,
ער שטראַלט פון אויגן שלאָפלאָזע און מידע:
אַ שמידעריי באַשטאַטן אין דער אונטערערד!
גשוער אַליין זיך שטעלן שמידן!

35. זאָג ניט קיינמאָל, אַז דו גייסט דעם לעצטן וועג

I.

און אין אונטערערד אַ פייער זיך צעברויט.
אַלץ איז אָנגעווענדט אויף ווידערשטאַנד דעם טויט!
דורך די קעלערס, דורך די רערן — הוילע טריט,
פלאַם אין אויגן, און אין הערצער — דינאַמיט!
וויסט די נאַכט איז, און דער טאָג איז חושך־שוואַרץ,
אומבאַמערקט פאַרקניפּט אַ האַרץ זיך מיט אַ האַרץ!
יאַטן — איינציקוויז, באַזונדער און באַנאַנד.
ס׳שטרעקט אין אונטערערד אַ האַנט זיך צו אַ האַנט!
צו די טויערן פון געטאָ ביי דער נאַכט
קומען קאַטאַרזשניקעס אָן, ווי פון אַ שלאַכט,
פון דער אַרבעט, פון דער קאַטאָרגע געשמידט,
און באַשלוסן הערן פעסט זיך אין די טריט.
ס׳וואַרטן שטיבעלעך דערשלאָגענע, פאַרטיי׳ט:
אפשר הערט זיך וואו אַ בשורה אין דער וויט?
— ניט דיין מזל, ניט דיין גורל, ניט דיין גליק, —
ווענדעט אומעטיק אַ בליק זיך צו אַ בליק...

II.

פון וואו־ניט־וואו — פון אַ מאַלינע צי אַ הייל,
וואָס ס׳וויסט קיין פויגל אין דער וועלט ניט, וואו זיי זיינען, —
זיך געצויגן האָט אַ וועג צו דער פּאַרטיי,
זיך געצויגן האָט אַ וועג צו פּאַרטיזאַנער.
אין פיבער שליידערן די אויגן זיך אַהין,
געזיכטן אָפּגעצערטע, מאָגערע און דאַרע.
עס קומען ווינטעלעך באַפולמעכטיקט צו פליען,
גלייך ווי שלוחים פון די וועלדער לעגענדאַרע...
פון בליק צו בליק קייקלט אַ האָפענונג זיך דורך,

און יעדער בליק איז מיט געהיימעניש באַשוואוירן,
און אין די אויגן לייענט יעדער אויס אַ שפּרוך,
און אין דער שטיל ווערט מען דאָרט איינציקווייז געוואוירע:
ס'איז ביי דעם וואַלד ערגעץ אַראָפּ אַ פּאַראַשוט
צו די געהיימניספולע מחנות פּאַרטיזאַנער . . .
עס ווייסט ניט קיינער ניט דעם טאָג, ניט די מינוט
עס ווייסט ניט קיינער ניט דאָס אָרט און ניט פּטוואַנעז . . .

III.

עפּעס נייס האָט דער געקומענער געבראַכט,
עס פּאַרכאַפּט ביי די דערוואַכטע זיך דער אָטעם,
אין געדאַנק ביי זיך שוין יעדערער זיך שפּאַרט
לעם די שטעכיקע פאַרצוימונגען פון דראָטן:
„אַ פּאַרשפּעקטיקטס שוין דאָס מזל אויף אונדז פאַלט,
ניט קיין קינדער, ניט קיין מאַמען, ניט קיין טאַטן
וועט שוין קיינער ניט אַרויספירן אין וואַלד".
ס'זיינען העגט אַוועק צוואַרעמען זיך יאַטן.
אין דערוואַרטעניש פאַרביי גייט אַ מעת־לעת,
אין פאַרצוקן און אין בלוט גיט אַ דערמאָן ער.
ס'ליגט אין רינשטאָק שוין אַ קאָפּ פון אַן עס־עס,
אייגנהענטיק אָפּגעהאַקט פון פּאַרטיזאַנער.
איינס צום צווייטן זיך געשפּענסטיק נע'נטערט צו,
איינס פון צווייטן זיך דערווייטערט ווי אַ שאָטן.
און עס פליט ערגעץ אין לופט שוין אויף אַ צוג —
אי מיט קאַסקעס, אי מיט שאַרבן־בראָך באַשאָטן.

IV.

צווישן שטיינער אין דער געטאָ וואַקסט אויך גראָז,
צווישן קלעמער אין דער געטאָ רייסט דאָס האַרץ זיך.
נאָך זיין מזל האָט זיך הירשל גליק געלאָזט,
יאָטן אויסגעציילט, מיט זיך צוזאַמען — אַכצן.
פון וואַרשטאַטן צו די ביקסן אויף געשלעג,
פון פאַרשמידקייט אין די קייטן צו באַגאַנען,
און פון פּילפּול און פון חקירה גאַנצע טעג:
צי אַ פאַלק ווי אַלע פעלקער יידן זיינען,
אויב די ערד פאַר זיי צו חלום גייט נאָר אום,
און די זאַמען זיי צעטרענצלט דער געוויטער,
אויב זיי זייען אויף אַן אָפּגרונט אומעטום
און ווערן זעלבסט ווי די גערעטעניש פאַרשניטן?!..
דאָך אין געטאָ אַ צעבלי גיט זיך אַ בוים,
ווען די צייט פאַר בלי פאַרביי איז שוין אפילו,

ס'איז דער פרילינג דאָ, ווען ס'פּלאַצט ערגעץ אַ צוים,
ווען פון פרייהייט כאָטש אַ חלום קומט — איז פרילינג!

V.

— ס'קומט אין געטאָ — זאָגט דער לערער הירשל גליק, —
אויף די זון אַריין געמיטער צו דערזועקן . . .
ווען ענס גורל ס'איז זיך אומקערן צוריק,
ווען ענס גורל ס'איז פאַרבלייבן אויף די וועגן . . . —
דורכן מויל פון מלאך־המות, פראַנק און פריי,
אונטער בייזן פייף פון בייטשן און פון רידלען
טראָגט מען ביקסן אין דער געטאָ שטיל אַריין
אין פוטליאַרן אין פאַריתומטע פון פידלען . . .
זיך ניט אומגעקערט האָט הירשל גליק ביינאַכט,
ערגעץ איינגעשטעלט פונסניי האָט ער דאָס לעבן,
נאָר די פלוג־בלעטלעך פון געטאָ — נעמיס פראַכט —
האָט באַוויזן ער צעוואַרפן און צעגעבן.
אויב ס'וועט אויסקומען אויף אומקומען צו גיין,
זאָל דער טרויער זיך אין וועג אַליין צעטרעטן,
און קאַיאַר האָט ער אַ ליד געבראַכט אַליין,
זינגען זאָלן פאַרטיזאַנער זי אין געטאָ:

VI.

„זאָג ניט קיינמאָל, אַז דו גייסט דעם לעצטן וועג,
הימלען בלייענע פאַרשטעלן בלויע טעג,
קומען וועט דאָך אונדזער אויסגעבענקטע שעה,
ס'וועט אַ פּויק טאָן אונדזער טראָט: מיר זיינען דאָ!
פון גרינעם פּאַלמען־לאַנד ביז לאַנד פון ווייסן שניי
מיר קומען אָן מיט אונדזער פּיין, מיט אונדזער וויי,
וואו געפאַלן איז אַ שפּריץ פון אונדזער בלוט,
שפּראָצן וועט דאָרט אונדזער גבורה, אונדזער מוט.
ס'וועט די מאָרגן־זון באַגילדן אונדזער היינט,
און דער נעכטן וועט פאַרשווינדן מיט דעם פיינט.
אויב פאַרזאַמען וועט די זון און דער קאַיאָר,
זאָל דאָס ליד גיין — אַ געבאָט פון דור צו דור.
אָנגעשריבן ס'איז מיט בלוט און ניט מיט בליי,
ניט קיין לידל פון אַ פויגל אויף דער פריי.
ס'האָט אַ פאָלק דאָ צווישן פאַלנדיקע ווענט
ס'ליד געזונגען מיט נאַגאַנען אין די הענט!"

36. אָן געוועטער

I.

אויף גאַטס באַראַט, פון דאָרף צו דאָרף,
אַרומגעבלאָנקעט נעמי האָט אַ לאַנגע צייט שוין.
אויף שטרעקעס ווייטע און דערנעבן דאָרט
געגאַן איז איר גערענגל מיט די דייטשן.
דער אומגליק גיט דעם וועג איר אַ פאַרלויף,
געפאַר האַלט פון אַנטקעגן זי אין טרייבן.
זי אַרבעט ביי אַ פויער אָפּ אַ וואָך אין הויף,
און לענגער קאָן זי מער דאָרט ניט פאַרבלייבן.
ווי זיס באַדאַרף דאָס לעבן זיין,
אַז איינשטעלן פאַר דעם זאָל מען אַזוי זיך קאָנען!
אין איר פאַרוואָגלטקייט — וועג־אויס וועג־איין —
האָט נעמי אויף באַוויזן שוין צו זיין אַ נאָנע,
און מיטן צלם זיך פאַרשטעלן פון דער שווערד,
און קעגן הונגער זיך פאַרשטעלן מיט תעניתים.
ניטאָ קיין פרייז פון גיין איבער דער ערד
אפילו דורכן טויט! די שדים ווייסן!

II.

איז זי געגאַן. אין ערגעץ קיין פאַרהאַלט,
ערגעץ אַהינקומען איז וועט זי פאַר געוויס דאָך.
אָט דאָ פאַררופט די שטילקייט פונעם וואַלד,
און דאָרט — פון טייכל דער געפּליסטער . . .
און אומעטום — דאָס זיס פאַרוועלקטע גראָז
מיט ריחות, טראָגנדיקע זיבן טעמ׳ען;
ניטאָ קיין גרעסער גליק, ווי סתם אַ לאָז
אויף דעם זיך טאָן, ווי אויף אַ מאַמען . . .
נאָר קוויקן זיך מיט דעם איז איר פאַרווערט,
און אָנשעפּן זיך רו איז איר פאַרבאָטן.
ווער קאָן דען אָפּשאַצן די ווערט
פון אָן געפאַר אויף דעם אַ טראָט טאָן?
איז זי געגאַן. קיין קוק אַרום זיך ניט פאַרגינט.
געשלייפט ווי מעסערס זיינען אַלע וועגן.
און אומעטום האָט די געפאַר באַגינט,
און ס׳איז דער אומגליק איר געגאַן אַנטקעגן.
דאָך האָט די מידקייט איר פאַרשטעלט דעם וועג

III.

און ביי אַ טייכל זי מיט דרעמל אָנגעלאָדן.
נאָר פלוצעם — דייטשן! טומל און געוועק,
צום טייך אַ הישעריק זיך אָנגעפלויגן באָדן.
— ציגיינערין! — האָט איינער זי באַמערקט, —
וואָס ברודיקסטו דעם טייך מיט דיינע שוואַרצע אויגן? —
דעם טייך האָט נעמי ניט געזען שוין מער,
אַ שטיוול אַ געקאָוועטער איז ווי אַ שטיין צו איר געפלויגן.
אַדורכגעפאַכעט סווישטשענדיק ער האָט
און לעם איר קאָפּ לעם דער צעפּאַטלטער פאַרהאַקט זיך.
— נו, טרעף, ציגיינערין, — האָט שוין אַ צווייטער איר געדראָט, —
ווען וועט אַראָפּפליען דער קאָפּ פון דיינע אַקסל? —
ס'האָט נעמיס בליק געטאָן אַ שווים
איבער דעם טייך, איבער דער ווייט, איבער די רוימען:
— ווען פליגל וועלן אויסוואַקסן אויף אים! —
און מער קיין וואָרט ניט אויסגערעדט האָט נעמי.

IV.

אַ בלישטשע האָט געטאָן אין לופט אַ שווערד,
געלעכטער זיך געטאָן האָט אין דער הייך אַ קויקל.
געקאָטשעט אויפן ברעג האָבן די דייטשן זיך ווי פערד
און, שפּרינגענדיק, פאַרפלעקט פון טייך די בלויקייט:
— אָט זיינען זיי, די פליגל פאַר דיין קאָפּ! —
האָט איינער צוגערוקט צו נעמין זיך אַ הוילער,
די שווערד געטאָן צום האַלדז אַ לאָז אַראָפּ
און מיטן שפּיץ אַ ריר געטאָן דאָס מויל איר:
— נו, רעד! — האָט ער געבלינצלט מיט דער שאַרף, ווי אויף אַ שלאַכט, —
די פליגל זיינען דאָ! דיר צומעסטן מיר וועלן באַלד זיי! —
ער האָט געקייכט פאַר פרייד, געהיקעט און געלאַכט,
געטרייסלט אויף זיין בויך האָבן זיך זיבן שמאַלצן.
און מיט העוויות זיגערישע הירזשענדיק אַוועק
אַ הוליע טאָן אין טייך די זיגער זיינען.
נאָר ניט געוועזן איז ווייט שוין יענער וועג,
וואָס האָט געפירט אין וואַלד צו פאַרטיזאַנער.

V.

דער זיט פון וואַלד איז וואָרנדיק און האַרב
און אָנגעשפּיצט אויף שטענדיקן גערוישגל:
אויב ניט קיין אייגענער — איז לייג זיך גלייך און שטאַרב,
אויב אָן געווער — איז בעסער ניט אַריינגיין!
און אָט איז נעמי שוין מיט מזל אינעם וואַלד,

נאָר עפּעס מאָדנע — גלייך ווי ניט און יאָ דאָ . . .
מע קוקט אויף איר אַזוי פאַרוואונדערט־קאַלט
און אומהיימלעך אַזוי און — כלאַ־ידע . . .
געדוכט האָט איר, אַז ס'דויערט נאָך ס'געיעג,
אַ בליץ האָט דורכגעשניטן איר דאָס האַרץ אַ ווײַלע :
זי איז פון געטאָ אַזוי אומבאַטראַכט אַוועק,
זי האָט פאַרלאָזט די געטאָ אַזוי אײַליק . . .
פאַרדעכטיק האָט זי זיך דאָ אויסגעדאַכט,
פון קיינעם ניט געשיקט, פון קיינעם ניט דערוואַרט דאָ . . .
ווי האָט זי אויסגעמיטן די געפאַר ?
ווי האָט זי מיטן וועג זיך אָפּגעפּאַרטיקט ?

VI.

אַ פינצטערניש האָט זיך געלייגט אויף איר געזיכט,
ערשט איצט האָט זי באַזינט איר טעות :
זי איז אַוועק אַליין... אַליין... פאַר זיך...
און ניט פאַראויסגעזען, אַז עפּעס אַנדערש דאָ איז . . .
זי האָט געקוקט און גאָרנישט ניט געזען :
מע קאָן אַ סך, פון אַלץ זי פרעגן ! . . .
זי איז אַוועק, ווען גליק איז ניט געווען,
און ווען געפערלעך איז געוואָרן יעדער רגע ! . . .
— פונוואַנען ? — האָט די וואַך געטאָן אַ פרעג.
— פון געטאָ ! — האָט געענטפערט נעמי.
זי האָט צו יעדן צווייגעלע דעם בליק געשטרעקט,
און אַזוי פרעמד געווען איז יעדער בוים איר . . .
— נו, און געווער ? — געווענדט האָט זיך די וואַך נאָכהער,
דעם בליק אין נעמין אײַנגעזויגן
און הילכיק אויסגעהוסט זיך : — אָן געווער
איז מען אין וואַלד, ווי אָן די אויגן.

VII.

געווער האָט נעמי ניט געהאַט,
געהאַט האָט נעמי בלויז אַ לאַטע.
צעביילטע פיס פון נע־ונד
און שטילן וואַנדעראָוונעם פלאַטער . . .
מיט אומעט וואַלדיקן אין בליק,
דערמאָנט אין איר די וואַך האָט שפּעטער ;
נאָר זי איז שוין געגאַן צוריק
דורך וועגן אַנדערע אין געטאָ.
פון ווייט נאָך אויפן וואַלד אַ קוק,
וואָס איז פאַרוואַרצלט פעסט געשטאַנען.

זי האָט דערזען אַ מעלה־גרהדיקע קו,
אַ היים, וואָס איז אין ערגעץ ניט פאַראַנען . . .
און ווייטער דאָרט געלאָזט זיך גייך.
וואוהין? — איז שוין אַלצאיינס געווען איר . . .
זיך אָפּגעשטעלט האָט זי ביי יעדן וואַלגערשטיין,
זיך איינגעהערט אין יעדן קריי פון הענער . . .

37. אַ ביקס

I.

אין פלאַם זיך שמעלצט דער הימל־ראַנד,
עס וויגן וואַלקנס זיך, ווי בלאָז־זעק גרינע.
פאַרביי דער געטאָ ביי דער וואַנט
האָט אַ געשפּענסט אַדורכגעשלייכט באַגינען.
געגאַן פון וואַלד איז דאָס געשפּענסט,
געגאַן ס'איז טעג, און נעכט, און וואָכן,
דורכאויס פון אומוועגן פאַרבלענדט,
און פון בייזוואונדערן פאַרשפּראָכן.
באַדעקט מיט פינצטערקייט ס'געזיכט,
די פיס צעביילט, די האָר צעפלאָטערט,
האָט אָנגעטאָן ס'געשפּענסט אויף זיך
די מגן־דודיקע לאַטע.
אויף פּיין און אָפּקומען — אַט באַלד
זיך אויפשפּאָרן דער טויער וועט דאָ,
און דאָס געשפּענסט וועט פונעם וואַלד
זיך צ'ריק אַריינגנבען אין געטאָ . . .

II.

די ברוסט — אין געטאָדיקן ציר,
דאָס האַרץ — אין קלעמענדיקן פיבער.
אויף אַ פרימאָרגיקן שפּאַציר
איז דאָס געשפּענסט די געטאָ־שוועל אַריבער:
גוט־מאָרגן, אומגליק, אויפדאַסניי!
דערשטיקטע געסעלעך, גוט־מאָרגן!
ס'האָט איר דאָס האַרץ געטאָן אַ שנייד,
און טרערן האָבן זי געוואָרגן:
דער חלום פון דער פריי איז אויס,
געענדיקט זיך פון וואַלד די טרוימען! . . .
דאָס האַרץ ביי גליקן שפּרינגט אַרויס,

זיך איינגן קול פֿאַרטויבט אים: — נעמי! —
פֿון געטאָ אַ קאַיאַר זיך שפּרייט
און שטיל באַזאַלבט די געטאָ־געגנט.
עס האָט דאָ קינדער גליק באַגלייט,
און דאָ האָט נעמין גליק באַגעגנט . . .

III.

קיין וואָרט. קיין קלאַנג. קיין מינדסטער וויג.
גלייך ווי דערטרונקענע אין ווי פֿאַרוויינט.
פֿאַראַנקערט בלויז דעם בליק אין בליק
האָט איינער שוויַגנדיק ביים צווייטן.
באַרוישט, צעטומלט, האָט דאָרט גליק
זיך איינגעזויגן אין איר פּנים;
גענומען שפּאַנען הין און צ׳ריק,
פֿאַרזען, ווי ס׳יאָגט איר שמייכל אָן אים:
— ס׳איז ווייניק האָבן בלויז אַ קאָפּ,
אַז קאָנען אָפּגעבן מע זאָל אים! . . .
אַ ביקס!... — האָט איר דאָס האַרץ געקלאַפּט, —
ס׳איז אַלץ געווען... פֿאַרביי... אַ חלום...
אַ חלום איז געווען דער וואַלד,
אַ חלום איז געווען דאָס בלאַנדזשען. —
איר קאָפּ אין אַקסל אַ באַהאַלט,
ווי ביי אַ פֿויגל, האָט געטאָן זיך . . .

IV.

אַ שולדיקער האָט גליק געהערט,
געלאָזט אויף זיך די ווערטער פֿאַלן:
— אַ ביקס האָט איצטער מער די ווערט
פֿון מיר, פֿון דיר און פֿון אונדז אַלע!
די ביקס באַשטימט: ווער יאָ, ווער ניין!
אויך דאָרט איר אַלע רעכט געהערן! —
זי האָט געשטיקט אין זיך געוויין,
דאָך האָבן דורכגעפּלייצט די טרערן . . .
— ס׳האָט נעמי ניט געהאַט קיין ביקס, —
געהערט האָט זיך אַ שאַרך פֿון בלעטער, —
אַ לאַטע בלויז!... — איז האָט צוריק
דער וואַלד זי אָפּגעשיקט אין געטאָ . . .
אַצינדערט וויס! און ניט פֿאַרגעס
און יעדן איינציקן דערמאָן עס,
אַז ס׳נעמט דער וואַלד ניט אָן אויף קעסט
פֿאַר גוטע רייד און פֿאַר רחמנות!

V.

אַראָפּגעלאָזט אויף גליקס געזיכט
האָט פון דער גאַנצער געטאָ זיך דער אומעט.
דער וועג אים נאָכגעשלעפּט האָט זיך,
ווי צו די פיס אַ צוגעקניפּטער קלומעק.
ניט אַלץ האָט ער פון נעמיס רייד
מיטן געדאַנק באַנומען און פאַרשטאַנען.
דער וואַלד האָט זיך פאַר אים געדרייט,
געשווינדלט האָבן פּאַרטיזאַנער,
דערווייטערט אַלץ האָט זיך פון אים
אַדורך די אַנזע׳ודיקע רוימען.
און מיט אַ צוגעזעצטער שטים
האָט ער אַ זאָג געגעבן: — נעמי!
אויב אַ סאָלדאַט, איז מיט אַ ביקס!
אויב טראָגסט דאָס לאַנד, איז אינעם האַרצן!
מיט יעדן שטיינדל און געוויקס
אויף קאַנען גרייט פאַר דעם אין שלאַכט זיין!

VI.

— ...דאָס לאַנד!... — האָט נעמי נאָכגעזאָגט, —
מיט יעדן שטיינדל און געוויקסל... —
זי האָט ווי מיט דעם אָנהייב טאָג,
מיט יעדן וואָרט אַצינד געשטיקט זיך, —
נאָר וואָס? — האָט זי געצוימט די טריט
און אָפּגעלאָזט דעם אָטעם יאָגן,
איעדער וואָרט אירס האָט געבריט,
געפאַלן ס׳איז ווי פון אַ האָגל, —
איז עפּעס אַנדערש דען פאַראַן,
איז עפּעס נאָך דאָ חוץ דעם צויבער
פון גיין מיט אַלע — האַנט ביי האַנט
קעגן די מערדער און די רויבער?
נאָר ס׳קוקט דער וואַלד מיט אַ פאַרדאַכט,
כ׳וויס ניט, מיט וואָס אים איבערצייגן,
אַז כ׳קער אים אָן מיט לייב און האַרץ,
ווי יעדעס בלעטל קער דעם צווייג אָן...

VII.

און אויב עס ווייסט דער וואַלד אַליין
בלויז די, וואָס קומען פון די היימען
מיט די געררוכן פונעם פליין,
מיט די גערוישן פון די ביימער,

און אין דער ביקס — פון פעלד די לויב,
און אין דער שפּיז — פון פרוכט דער פלאַטער,
איז מיר פון געטאָ זיס דער שטויב,
איז מיר קיין חרפּה ניט די לאַטע.
כ׳שלאָג אומעטום זיך פאַרן לאַנד!
באַנאַנד מיט ברידער און מיט זיידעס,
וואָס האָבן ערלעך דורות־לאַנג
מיט שווייס באַטרונקען און פאַרזייט עס,
וואו ס׳טראָגט אין מויל דיך יעדער טייך,
וואו ס׳שלאָפט דער גרונט מיט דיינע זאָמען,
וואו יעדער בוים דיך אונטערשטרייכט,
וואו יעדעס בערגל טראָגט דיין נאָמען,

VIII.

וואו יעדן שטיק איז ליב דיין וואָרט,
און דיך געמורמל יעדן ווינטל,
און שטאַרבן קאָן איך דאָ און דאָרט,
ווי דאָ און דאָרט — זיך אַ צעגרין טאָן!
ס׳גייט קנאָפּ מיר אָן און ווייניק־וואָס,
צי זעט מען אונדז, צי ניט אפילו . . .
דאָס לאַנד אינגאַנצן איז די מאָס
פון אונדזער האָרבסט און אונדזער פרילינג . . .
און איך וועל האָבן ס׳גליק, ווייזט אויס,
זיך שלאָגן פאַרן לאַנד אין געטאָ,
וואו ס׳וועט זיך שלאָגן קליין און גרויס,
מיט הוילע הענט — צי פריי׳ר, צי שפּעטער . . .—
און שוין צו קיינעם ניט פאַרטרויט,
האָט נעמי סתם אַ זאָג געגעבן: —
פאַרוואָס קומט אונדז אַזאַ מין טויט?
פאַרוואָס קומט אונדז אַזאַ מין לעבן?

IX.

איעדעס וואָרט האָט גליק געהערט,
איעדע ווייל דעם קאָפּ אַ קער׳ווע.
זי איז גערעכט צי ניט גערעכט,
אים פעלן שאַכטלעך פון קאָנסערוון,
ער זאָל זיי אָנפילן מיט טאָל
און זיי מיט אויפרייס־קראַפט פאַרוויגן.
ער האָט געדענקט: ס׳איז נאָך ניטאָ,
ער האָט געוואוסט: מע דאַרף עס קריגן!
דאָך מיט אַנטשולדיקונג האָט ער,

צווישן דער ווירקלעכקייט און טרוימען,
צו נעמען זיך געטאָן אַ קער
און איר אַריינגעמורמלט: — נעמי!
געגעבן האָט אונדז אַלע רעכט
מיט אַלע גלייך די רעוואָלוציע,
באַשיצן אויף דער גאָרער ערד
איצט דאַרפן מיר מיט אונדזער בלוט זי!...

38. התבודדות אין בערלין

I.

התבודדות געהאַט דער פיורער האָט דעם וויפּלטן מעת־לעת,
נאָר ניט פאַרלאָזט האָבן די האַרץ־פּריינט אים די סאַמע נאָ׳נטסטע.
פאַרפאַלגט האָט אים דער ייד, וואָס ווי אַ מת האָט מיט אַ מת
אַדורכגערעדט מיט אים זיך האַרציק אונטער מאָסקווע,
ווי ער וואָלט דאָ געשטאַנען נעבן אים
און די פאַרדאַמטע באַרד צעוויקלט ווי אַ וואָלקן.
— איר זייט שוין אויך אַ מת? — האָט דאָרט די קברדיקע שטים
פאַרקילט אין אים דאָס בלוט און אים ניט אויפגעהערט פאַרפאָלגן.
צי בלויז אין פיבער אים אַזוי זיך דוכט,
צי ווירקלעך נאָכן טויט שטייען זיי אויף פון גריבער
און גייען, ווי זיי ווילן, פראַנק־און־פריי אַדורך,
ווי אין די ביכער שטייט ביי זיי געשריבן?...
פאַרשפּרעכונגען פאַרשידענע האָט ער געהאַט,
באַמיט דערמאָנען זיך זיי אַלע האָט ער דעמאָלט,
און יאָגנדיק די אויגן אום און גראָד,
האָט ער זיך אַלע וויל פאַרקוקט און זיך פאַרשטאַמלט.

II.

אַדורכגעוואונקען האָבן זיך די פּריינט געהיים
הינטער דעם פיורערס פיבערדיקן האַלדז־און־נאַקן:
געווען איז איינער אומבאַוועגלעך, ווי אַ געצן־אויפזעער פון ליים,
דער אַנדערער האָט ווי אַ פראָש געגעבן יעדע וויל אַ קוואַקע.
ווי צום באַפעל געשטאַנען שטום זיינען די ווענט
און גלייכגילטיק אַריינגעזאַפּט אין זיך עפּעס פאַרנעפּלטס.
— ס׳איז גלייכער לאָזן אים אַליין, הער הימלער! — זיך געווענדט
האָט צום געסטאַפּאָ־שעף דער דאָקטער געבעלס.
פאַרקערפּערט ביידע האָבן דעם יסוד

פון פיורערס דראנג, דעם גייסט פון דער אימפעריע.
אַ בינטל צלמער אויף בײדנס בריסט באַשטעטיקט האָט,
אַז די בית־עלמינס פון דער וועלט ענדגילטיק זיי געהערן.
ס׳האָט יעדערער אַן אַרדער שוין אויף זיי געהאַט
אינאײנעם מיט אַ צהאָג אויף אַ גאַס אַן אײגענער אין מאָסקווע;
איז מעגלעך דען, אַז מ׳האָט פאַרזען עפּעס בײם קעגנערס צד?
געשיקט זיך, אַז די פּינקטלעכקייט האָט פּלוצעם זיי פאַרלאָזט דאָ?

III.

גליך ווי אַ וועקסל — טערמינירט — געקוקט די מאַפּע האָט אויף זיי,
אונטערגעשריבן מיט דער האַנט דער אייגענער פון פיורער.
אין מאָסקווע איז געגאַן אַ שניי.
דיוויזיעס דייטשישע געפרעסן האָט דער שטורעם,
און ס׳האָט אויף ווייטן זיך געהערט צוריק־געיאָגטער טראָט
פון דייטשלאַנדס משוגעת — איבער דער וועלט אַ הערש טאָן.
איבערגעוואונקען האָבן זיך די פריינט: — געגלויבט איז גאָט,
וואָס אַפּגעגליקט דעם פיורער לויפן האָט דעם ערשטן.
זיי האָבן זיך מיט אים אַצינדערט ניט געשיידט,
און אויף קיין אויגנבליק אַליין איצט ניט געלאָזט אים,
די „רעזידענץ" נאָך אַלץ באַטראַכט, ווי אַ טראַנשיי
פון דריטן רייך, פון דער אימפעריע — אונטער מאָסקווע.
געטשאַדעט יעדער בליק האָט ווי אַן אויסגעברענטער קנויט:
האָט די השגחה ניט צומאָל באַזוכט דעם פיורער דעמאָלט?
נאָר ער, אַן אויפגעריצטער, איז געקראָכן פון דער הויט
און עפּעס אומפאַרשטענדלעכס פיבערדיק געשטאַמלט:

IV.

— יאָ, ביסמאַרק! — האָט ער אַלע ווייל געטאָן אַ הייב זיך און אַ זעץ
און זיך געלאָזט פון זעאונגען פון זיינע לאָקן;
ער האָט אַדורכגיין מיטן זייגער, מיטן הילצערדיקן לץ
געזען באַשיימפּערלעך אים אין בינאַקל . . .
און אָט דער שוואַלבן־שלאַק... ער לאָזט ביז איצטער אים ניט אָפּ,
און די פאַרפוילטע דרייעק־הוט זיך איבער אים נאָך שאָקלט.
ער האָט אַרומגעכאַפּט מיט ביידע הענט דעם קאָפּ.
צי האָט דער טיזול ניט אַריינגעשטופּט אין האַנט אים דעם בינאַקל?
— אַ, די בינאַקלען! — האָט ער מיט די ציין געטאָן אַ קריץ,
אין זיי האָט ער דעם קריג אַזוי פיל מאָל געוואונען! . . .
געפּיבערט האָט ער אַלץ נאָך וועגן „בליץ"
און אויסגעבויגן זיך, ווי פאַר אַ דונער.
געמינעט זיך דער בליק מיט אויפגלאַנץ און פאַרלאָש
האָט ביי דעם ליימענעם משגיח איבער געצן.

און ס׳האָט מיט בויך־רייד זיך געווענדט דער, וואָס איז ענלעך אויף אַ פראָש:
— ס׳האַלט מיטן פיורער שלים!... ווייזט אויס, אַז ער פּאַרעדט זיך!...

V.

דער פיורער האָט פון צייט צו צייט געטאָן אַ קער
דעם חיה־רעהדיקן בליק אויף די צעוואָרפענע באַריכטן,
וואָס זיינען אין דער רעזידענץ געגאַנגען רעגולער
פון שטעט פאַרקנעכטיקטע און לאַגערס פון פאַרניכטונג.
דאָ איז געבליבן טריי אים דאָס אימפּערישע געווער,
דאָ האָט דאָס מזל אים קיין טראָפּן ניט פאַרראָטן,
דאָ האָט פון וויפל פעלקער שוין אַ חלק אים געהערט.
אין אַש, אין ביינער און אין שמאַטעס.
— ס׳איז קאַפּיטאַל! — האָט ער געפיבערט, — ס׳איז וואַליוט!
מיט איר וועט דייטשלאַנד נאָכאַמאָל פאַרמעסטן זיך אויף מאָסקווע!
ער דאַרף פון פעלקער אָפּצאַפּן אַ דריטל בלוט!
פאַר יעדער פרייז! וויפל יאָרהונדערטן דאָס זאָל ניט קאָסטן!
און אויסוואָרצלען פון זיי דעם ווידערשפּעניקן געדאַנק,
פון זיי זאָל שלעפּקראַפט בלייבן פאַר גערמאַניע!
צו דעם באַדאַרף מען, אַז אַ גוטער טאַנק
איבער די שאַרבנס זייער וועט זאָל גרינגלעך זיי דערמאָנען!

VI.

און ניט נאָר גלאָט אַזוי! — האָט מיט די וויעס ער געפּאַטשט, —
די דורכגעפּרעסטע — אויפן פּלאַם! אַ דייטשער פאַלק־צוג איבער אייראָפּע
זאָל יעדער שייטער זיין! קאַטינער וואַלד איז קוואַטש!
ווייכהאַרציקייט איז — מיט פאַרניכטעטע די ערד פאַרשטאָפּן!
זאָל אַ גערוך פון מענטשן־אַש גיין ווי אַ זייל פון שרעק
פאַראויס פאַר יעדער דייטשער אָרדינאַציע
און אָפּראַמען פאַר הערשאַפט דייטשישער דעם וועג. —
האָט ער מיט בליק געמאָרדעוועט פון בלאַט צו בלאַט זיך,
אין יעדער איינער — ער געזען האָט זיין פאַרזיי,
אין יעדער ציפער האָט ער גיריק זיך אַריינגעפרעסן.
געקראָכן, אַ געריר־טער קבר־וואָרעם, איז ער איבער זיי,
און די באַלאַנסן צוגעלייגט צום קאָפּ זיך, ווי קאָמפּרעסן.
באַרעכנט פּינקטלעך, וויפל יעדן פאָלק שוין פעלט
און וויפל נאָך צום אומברענג איז פאַראַנען,
אַז אונטערטעניק זאָל די גאַנצע וועלט
דער בלוט־געזאַלבטער האָק פון דער אימפּערישער גערמאַניע!

VII.

און דאָך געהאַט אַן אויסוועג האָבן אַלע דריי,
פּונקט ווי מע יאָגט זיי נאָך, און שוין באַוואוסט איז יעדן איינעם,

אַז ראַטעווען פונעם געיעג וועט סיי־ווי־סיי
ניט איינגעבן אַצינד זיך קיינעם.
צי פריִ׳ר צי שפּעטער, דאָ צי דאָרט —
די האָבן אויסגעזוצן אַזוי, פּונקט ווי געווען ס׳וואָלט קלאָר זיי
אין אַרעאַל אין בלוטיקן פון רויב און מאָרד,
אַז אָפּגעזאָגט האָט זיי דאָס מזל זיין געהאַרכזאַם.
עס האָבן די, וואָס זייער הויפּט־געווער איז שרעק,
פון שרעק דערפילט אויף זיך דעם אַנגריף אויף אַ שטרעקע;
און בלויז „ווי ווייט ?״ האָט יעדער בליק געפרעגט,
אויף וויפל צייט וועט מוט ביי זיי נאָך קלעקן ?
אויף דער „השגחה״ זיך פאַרלאָזט דער פיורער האָט
אַצינדערט ביי דעם אויסעראָרדנטלעכן שטאָפּל.
— נו, יאָ !... — האָט זיך געקווענקלט געבעלס, — גאָט איז גאָט,
נאָר מאָסקווע גיט אים אַ באַדייטונג צו אַ קנאָפּע ! . . .

VIII.

— אַריינרופן ! — האָט זיך אַ דריי געטאָן דער פיורער מיטאַמאָל, —
די כימיקער ! . . . — עס גייט נאָך ווייט ניט אָן דער סוף אים, —
ווי האַלט עס מיט די נייע גאַז־וואַגנס ? די קראַפט ? די צאָל ?
ס׳איז, געבעלס, זיכערער אַ סך פון אייער פילאָסאָפיע ! —
עס איז אַריין אַן אַלטער מאַן און פאַר די הערשער זיך געשטעלט,
געוואָרן די שוואַרצאַפּלען אין פאַרגליווערונג זיינען אים גרעסער.
אַדורכגעדעמאָנסטרירט מיט הענט מיט ציטערדיקע אַ מאָדעל
פון נייע גאַז־וואַגנס, פאַרפולקומט און פאַרבעסערט.
עס האָט דער פיורער ניט געקוקט : — דאָך, אויף דער וויפלטער מינוט ?
— דער קראַמף — פליוס פיר. און אויף דער פינפטער די אַגאָניע ! —
פאַרגלייזט די אויגן האָט דער פיורער : — גוט ! —
אויף אים פאַרלאָזט ער זיך. ער צווייפלט ניט. ער קען אים. —
און איצט די דורכלאָז־פּיאיקייט — האָט ווייטער ער,
ניט קוקנדיק, בלויז מיטן קול געטאָן אַ פרעס אים.
— די וויסנשאַפט באַמיט זיך אַלץ וואָס מער, —
האָט מיט אַ שמייכעלע פון גליק פאַרנייגט זיך דער פּראָפעסאָר.

IX.

זיך איינגעזויגן אין מאָדעל מע האָט פאַרטיי׳ט,
ווי ניט געווען ס׳וואָלט אַ מאָדעל, נאָר אַ מאָדאָנע.
דער פיורער בלויז געווען איז ערגעץ זייער ווייט,
אין זיינע זעאונגען געוועזן איז פאַרטאָג ער.
— ווי האַלט עס מיט די אויוונס ? — דורכגעריסן האָט זיך שטים
די שטילקייט, וואָס די וויסנשאַפט האָט אָנגעוויט דאָרט.
אַרויסגעגליטשט האָט גלייך זיך דער פּראָפעסאָר שטיל,

און אויף זיין אָרט געשטעלט האָט זיך אַ צווייטער.
און ווי אַ פּאַן האָט ער צעוויקלט אַ פּראָיעקט —
אַ שטאָט אַ גאַנצע מיט פאַרשידענע געבידן,
וואו מיליאָנען וועלן דורכמאַכן דעם לעצטן וועג
דורך פייער און דורך אומגעהערטע לײדן.
געגאַן איז דער פּראָיעקט פון הענט צו הענט,
ביז ס'האָט דער פיורער מיט באַגײַסטיקונג באַערט אים. —
אַרויספּאַרן! — האָט ער זיך צום געסטאַפּאָ־שעף געווענדט —
און אינסטרוקטירן מינדלעך אויף די ערטער!

X.

געהאַנגען זיינען לעם דער מאַפּע אויף דער וואַנט
פון אויוונס ריזיקע די ערשטע אָנגעמערקטע שפּורן,
און ווי עס קאַרטשען פעלקער זיך אין זייער בראַנד —
האָט שוין געזען באַשיימפּערלעך דער פיורער,
ווי ס'ווערט אַ שטאָט פאַרטיליקט נאָך אַ שטאָט,
ווי גאַנצע לענדער טרעטן אָפּ דעם וועג אים.
ער האָט די אויגן יעדע ווייל אַ הייב געטאָן צו גאָט,
אַ חולה־נופלדיקן וואָרף געטאָן זיך יעדע רגע,
און אָט אַזוי, מיט אויגן אין דער הייך פאַרגלייזט,
די האַנט אויף די פּראָיעקטן פאַלן האָט געלאָזט ער:
— מיט אָט־אָ די אַנטפּלעקונגען פון דייטשן גייסט
באַנייען וועלן מיר דעם מאַרש דעם זיגרייכן אויף מאָסקווע!
אונדז אויף דעם וועג אַליין די פּראָפּעציאונג אָנגעוויזן האָט.
די ווילדע רוסן קאָן מען עס מיט פייער נאָר דערקלערן. —
און דער געסטאַפּאָ־שעף האָט זיך פאַרנייגט: — יאָ... גאָט איז גאָט,
נאָר זיי... די רוסן... גלייבן מער אין... אַרטילעריע!

39. עקספּערימענטן

I.

ס'האָט קלאַפּסן אַלעמאַל געצויגן צו פילאָזאָפיע,
די פאַרגאַנגענער אין אים געלאָזט האָבן זיך הערן.
און אויף צו אויסדריקן דאָס דאָזיקע געפיל,
האָט ער באַשטימט דעם לאַגער מיט אַ לעקציע באַערן.
די יידן פון דער געטאָ גראָנאַטאַפּס
זאָלן אים זיין קאָמפּלעקט, — האָט ער באַפוילן דער געסטאַפּאָ.
געמאָלדן מ'האָט אַ לעקציע פון זאָנדערפיורער קלאַפּס:

„די וויסנשאַפט גערמאַניעס אויף אַ נייעם שטאַפל"!
די האַק פון זאַנדערפיורער קלאַפּס זיך שלייפט
ניט נאָר ביים אָפּהאַקן די קעפּ און ביי די מאָרדן,
אויף דעם געדאַנק זי טראַגט פון דייטשלאַנד אויף איר שאַרף
ביים איינפירן אין וועלט די נייע אָרד'נונג.
ער האָט שטודירט און גרינטלעך אויסגעפאָרשט
די פּאָזן ביי געהאַנגענע, ווען ס'איז דאָס בלוט ביי זיי נאָך וואַרעם;
און ניט צום איבערווינדן איז פון מאָל צו מאָל זיין דאָרשט
זיך טיילן מיט דער אָנגעזאַמלטער דערפאַרונג.

II.

אין טאָגבוך האָט דער זאַנדערפיורער קלאַפּס פאַרשריבן אַלץ,
פון יעדן זאַץ האָט זיך זיין גייסט זיין מיזאַמער געריסן:
„די מעלאָדי פון כאַרכלדיקן האַלדז,
ווען ביים געהאַנגענעם דער שלייף גיט אַ פאַרצי זיך!"
ער האָט זיך לידנשאַפטלעך איינגעקוקט צו דעם געהאַנגענעם אין בליק,
אין ריס פון די פאַרגלייזטע וויסלען האַפערדיק זיך איינגעהערט דאָרט:
„אָט איז זי, אָט די שטאַרבנדיקע לאַנגזאַמע מוזיק
פון לעצטן בלוט-אַקאָרד אין די פאַרשטאַרטע אָדערן-געפלעכטן".
באַזונדערס אָנגעשטרענגט, מעטאָדיש, ליב
באַשעפטיקט האָט דער מוח זיך ביי קלאַפּסן,
ווען ער האָט נאָכגעשפּירט „די ווייפלטסטע סעקונדע נאָכן לעצטן כריפּ
לאָזט די אורין ביי דעם געהאַנגענעם אַראָפּ זיך?"
ער האָט עס פעסטגעשטעלט. גענוי און אַקוראַט.
מיט שטאָלץ גיט ער זיך שטענדיק אַ דערמאַן עס.
— סאַקראַמענטאַל! — האָט ער געשיינט, דער קאַט,
פאַר דעם דערגרייכטן זיג פון וויסנשאַפט גערמאַניעס.

III.

ער איז דאָ האַר, געלערנטער און ווירט,
און מיט זיין מאַכט דער אומבאַגרענעצטער ער באַלעקט זיך.
עס איז אים גוט. ער וויצלט זיך. פילאָזאָפירט:
אין לאַגער הערט מען שטייענדיק זיין לעקציע!
לכבוד דייטשלאַנדס וויסנשאַפט — דער הימן פון דריטן רייך!
די קלאַנגען איבער קלאַפּסן שוועבן אום און פליען.
לכבוד דייטשלאַנדס וויסנשאַפט האָט קלאַפּס באַפוילן גלייך
אין לאַגער צו זיך אויפטריט אויפשטעלן אַ מוסטערהאַפטע תליה.
און איינעם פון די צוהערער אַרויספירן צו איר
אַלס אַ באַשטעטיקונג צו זיינע רייד, צום שלייף ניט איילק אים אַ הייב טאָן —
ס'זאָל קאָנען לאַנגזאַם, גרינטלעך ווערן אילוסטרירט
דעם זאַנדערפיורערס וויסנשאַפטלעכע באַהויפּטונג.

ווער וועט דער קרבן זײַן ? — איז דורכגעגאַן אַ שניט, —
אַלצאײנס אויף וועמען וועט דער גורל פֿאַלן !
אַרויסגעפֿירט האָבן געסטאַפּאָוצעס פֿונעם המון אַן אַלטן ייִד.
ער איז געגאַנגען שטיל, און ס'האָט געדוכט, אַז ס'גייען מיט אים אַלע.

IV.

— און דו, — האָט צו אַ צווייטן ייִדן זיך געווענדט
דער זאַנדערפֿיורער קלאָפּס, די אויגן אויסגערונדיקט,
מיט דראָאונג אָנגעגאָסענע, — דו זײַ דער אַסיסטענט,
וועסט אויף די פֿינגער ציילן הילכיק די סעקונדן ! —
ווי פֿון דער תּליהס שנאָבל האָבן קלאָפּס' באַפֿעלן זיך געהערט,
מיט גדולה מיט אימפּערישער דער רוים געווען פֿול איז.
עס האָט דער ייִד אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ צו דר'ערד,
דאָס איז געווען דער דאָקטער צבֿי מאַרגוליס.
נאָר ס'האָבן די עס־עס זיך אָפּגעשטעלט בײַ דער טריבון :
— הייל היטלער ! — צאָרנדיק דערלאַנגט אַ הודע, —
פֿאַרשוועכט דעם זאָנדערפֿיורערס ווײסנשאָפּט, אַ בונט ! —
געלאָזט דירעקט אויף קלאָפּסן די השתּנה האָט דער יודע.
אַרויסגעכאַפּט האָט קלאָפּס דעם רעוואָלווער.
אַ שאָס. מיט בלוט די באָרד בײַם זקן אָפּגעצייכנט.
און אַ פֿאַרטויבטער, פֿאַלנדיק צו דר'ערד,
געקוקט אוף קלאָפּסן האָט דער ייִד מיט אַ גן־עדנדיקן שמייכל.

V.

געבושעוועט האָט קלאָפּס פֿון בושה אויפֿגערעגט :
— דער יודע ! — האָט ער, מאָרדעווענדיק זיך, געשטורעמט.
און אויף דער תּליה קוקנדיק האָט אים מאַרגוליס שטיל געפֿרעגט :
— פֿילייכט וועט אויספּרואוון אַ דײַטש דער זאָנדערפֿיורער ? —
אַראָפּגעלאָזט מאַרגוליסן האָט קלאָפּס פֿון זיך אַ פּאַטש,
אַ שליידער אים אויף דר'ערד, און פֿון דעם איבערפּאַל צערודערט,
האָט ער מיט ליפּן שוימיקע געפּייקלט : — קוואַטש !
דאָס האָסטו פֿאַר דײַן ווערטפֿאַליקער פֿראַגע, יודע ! —
דער דאָקטער אויפֿגעשטעלט האָט צ'ריק זיך אויף די פֿיס,
זיך אָפּגעווישט דעם שטויב, דערלאַנגט אַ קוק צום הימל אַ באַרוטער.
און מיט דער גומי האָט אים קלאָפּס פֿונסניי דערלאַנגט אַ ריס :
— דאָס האָסטו פֿאַר דײַן שטײַן און קוקן צו דעם הימל, יודע ! —
ס'האָט ענגער דער המון געגעבן זיך אַ פּרעס,
פֿאַרטײַעט דורכגעלאָפֿן איז אַ ווינטיקער געהאַווע ;
און קלאָפּס האָט גלײַך פֿאַראָרדנט די עס־עס :
נאָך הײַנט בײַנאַכט אין געטאָ — אַן אַבלאַווע !

VI.

אין האַרצן הילכט באַצייטנס אָפּ דער טראָט
פון די מחבלים איבער אומעטיקע געסלעך פון דער געטאָ.
אַרועקגעלאָזן קינדער מ׳האָט אויף גאַטס באַראָט
איבער דער כראָפּעדיקער ערד, מיט נעצן אומעטום געבעטער.
אפשר וועט עמעץ אויסשטרעקן אַ שטיקל ברויט,
אפשר וועט עמעץ מיט אַ דאַך פּאַרזען זיי ביי די ראַנדן,
אפשר וועט עמעץ כאָטש ניט אָנרירן דעם טויט
אויף די געיאָגטע מינדעריעריקע וואַנדרער?
...און ערגעץ זיינען אורחימלעך, פאַרמאַטערטע פון וועג,
געשלאָפן ביי דער לערערין וואַסיאַנען.
ס׳דערוועגט זיך ניט וואַסיאַנע זיי צו טאָן אַ וועק:
זאָלן זיי אָפּרוען, ביז וואַנען אָפּרוען מע קאָן נאָך...
פונקט ווי אַ ווערבע איינגעבראָכן קוקט זי שטיל אויף זיי
און טראַכט: סאַדאָווסקין אָנשרייבן אַ בריוו אַזאַ מין:
זי לעבט. דער זיידע אויך. און חוץ זייער געליבטן וואַראַביי —
שוין נאָך פון זיבן אָנגעפלויגענע איז זי אַצינד אַ מאַמע...

04. אַ בריוו פון אוראַל

I.

וועג־אויס, וועג־איין — קיין אָנהייב און קיין ברעג...
פון האָפענונג און פּיין — אַ פלאַנטערדיק געוועב איז.
סאַדאָווסקי מיט זיין טייל איז אָפּגעטראָטן וויטער אין געשלעג
צום אויפגעוואַכטן דאָן, צו די קובאַנער סטעפּעס.
ער פון דער היים אויף בריוו האָט מער שוין ניט געוואַרט
און ניט געוואוסט, צי וועט ער נאָך אַמאָל אַ בריוו באַקומען.
צעטראָטן אויף אַרום געלעגן איז די פּראַכט,
און דאָס האָט ער געלייענט פאַר אַ גאַנצן זומער.
— אָט דאָס, סאַדאָווסקי, שרייבט דיין זון דיר, וואַראַביי, —
האָט ער, דעם חורבן זעענדיק, זיך שטיל געפּייניקט, —
אויף אויסווייניק איעדן בראָכשטיק פאַרגעדענק מיט זוי,
דאָס האָסטו בריוו איצט פון דער היים. זיי זיינען דיינע!
ס׳איז אפשר בעסער, — האָט אין קאָפּ ביי אים געטאָן אַ בליץ, —
וואָס שיקן בריוו אויף יענער זייט מע קאָן ניט...
ווי וואָלט זיין האַנט זיך אויפגעהויבן איצט
אויף עפּעס אָנשרייבן אַהיים... וואַסיאַנען?

II.

אויף אַפּרו שטעלט מען זיך ניט מער ווי אויף אַ טאָג.
אַ דאָרף. אַ וואַלד. און וויטער באַלד מע לאָזט זיך.
און דאָך פון ערגעץ האָט אַ בריוו דעריאָגט
אינמיטן וועג דעם קאַפּיטאַן סאַדאָווסקי.
צי איז עס ווירקלעך אים? צי בלויז דאָס אים זיך דאַכט?
יאָ!... אים... ער פּרוּווט זיך עמעצן דערמאָנען...
עס איז פאַר אים געווען איגנאַצן אומגעריכט —
אַ בריוו... פון וועמען?... און פונוואַנען?...
ער האָט אים לאַנג געהאַלטן אין דער האַנט.
פון וועמען קאָן ער זיין — געוומען טרעפן.
די האַנטשריפט איז באַקאַנט און ניט באַקאַנט,
און פאַרזיכטיק אַזוי אים אויפגעעפנט.
נאָר פאַר דער ערשטער שורה נאָך פון בריוו
ער מיטן בליק צום סוף געלאָפן גראָד איז,
און ס'האָט אויף אים אַ שפּרונג געטאָן די אונטערשריפט:
אַוואַדיס . . .

III.

נו, ענדלעך, זיך דערמאָנט, —
האָט ער אַ שמוך צו זיך אַליין געגעבן.
ער האָט דעם בריוו איבערגעלייגט פון האַנט אין האַנט:
ס'קומט אַלעמאָל אַ פריינט צונויף אין לעבן!...
און זיך ניט רירנדיק פון אָרט,
די שורות שלינגען גלייך געוומען האָט ער,
און ניט אַדורכגעלאָזט קיין איינציק וואָרט,
קיין רגע ניט איבערגעכאַפּט דעם אָטעם.
דעם בליק געטאָן אַ וואָרף אויפן קאָנווערט,
דעם שטעמפּל — איילִיק אָפּגעמאָסטן.
און אויף אַ ווײַלע זיך פאַרהאַלטן און פאַרקלערט:
וואָרט אויס!... עס גייט דאָך ניט דער בריוו פון מאָסקווע?!
און ווידער צו דעם זייטעלע פּאַפּיר אַ פאַל,
מיט בלאַנדזשענדיקן בליק געטאָן אַ כאַפּ עס.
ערשט דאַן האָט ער אַ מאַך געגעבן מיטן קאָפּ: אוראַל!
און דאַן ער אויפן שטעמפּל האָט דערזען: טשעליאַבינסק!

IV.

און דאַן האָט ער דעם בריוו געוומען לייענען פונסניי,
זיך איינהערן אין יעדן וואָרט, פונקט ווי געהערט וואָלט ער זיין קול דאָ.
עס האָט דער דורכרייס פונעם קלעם אַ שווים געטאָן פאַרביי —
פון סאַמע דניעפּער ביז דער וואָלגע.

ער האָט אים אין זכרון לעבעדיק געהאַט,
אַ יאָג געטאָן אויפן אוראַל האָט דער געדאַנק אים,
און אַנגעשטויסן אויף אַ וואָרט זיך: טאַנקאָגראַד.
ס׳האָט אים פאַרכאַפּט דער אָטעם: טאַנקען! טאַנקען!
און איבערחזרן גענומען יעדעס וואָרט
און גלעטן יעדן אות, פונקט ווי אַ שווערד אַ שאַרפע:
„ווען קאָנען כ׳זאָל באַשרייבן אַלץ, וואָס דאָ קומט פאָר,
וואָלט עס דערמאָנט די ערשטע טעג פון דער באַשאַפונג.
פון כאָאָס, פון צעוואָלגערטן מאַשין־געוועב,
האָבן זיך קאָרפּוסן אויף הוילן סטעפּ אַ הייב געגעבן שלאַנקע.
אין קורצן: מ׳איז אַראָפּגעגאַן אויף דעם פאַרשנייטן סטעפּ
און מ׳האָט אַ זאָג געטאָן: ס׳זאָל ווערן טאַנקען!

V.

זיינען געוואָרן טאַנקען! פונקט ווי אין דעם ביבל־מיף,
האָט אויפגעשיינט דאָס ליכט און זיך צעשפּרייט האָבן די שטערן".
סאַדאָווסקי האָט געזונקען אין דעם בריוו,
איעדעס וואָרט פונסניי גענומען לייענען און הערן:
„...אַ שווינדל אויפן שניי געטאָן האָט אַ געצעלט,
נאָך אים זיך אויפגעפליגלט איינער האָט נאָך איינעם.
און פרעסט אַזעלכע ניט געזען האָט נאָך די וועלט,
אַזוי זיי איבערטראָגן ניט געקאָנט וואָלט קיינער.
און ס׳האָט זיך אַ באַהעפט געגעבן טאָל מיט באַרג,
און איינער יאָגט אין טעמפּ דעם צווייטן איבער.
און ס׳איז געווען טאָג, און ס׳איז געווען נאַכט,
ווי אָנגעשריבן שטייט דאָרט אין דער ביבל...
פאַרכישופט, דאַכט זיך, דער אוראַל איז איצט אַליין,
נאָך ניט געזען האָבן די בערג זיינע אַזאַ מין וויכער.
אין קורצן: ס׳האָט געוויער געלאָזט זיך גיין.
דערפילן וועט דער דייטש עס אויפן רוקן שוין איינגיכן.

VI.

מיר האָבן גרוסן שוין פון פראָנט. ס׳איז גוט!
עס שרייבט אַליין דער גאָט פון קריג! וואָס מערער מאָנט ער.
געטראָפן האָב איך דאָ אַ האַלבן אינסטיטוט
מיט פּראָפעסאָרן, מיט חברים און באַקאַנטע.
נאָך אויף דער ראָד, ווי ס׳וואָלט קיין היים גאָר ניט געווען.
נאָך אונטערוועגס, צעלייגט אויף טשעמאַדאַנען.
נאָר ס׳שטייט אַ פרוי ביי אַ מאַרטען
מיט דעם געפיל, ווי ביים האַרמאַט וואָלט זי געשטאַנען.
איבערגעשטרייכט זיינען באַגריפן דאָ פון צייט,

באַקוועמלעכקייט באַקומען האָט אַ נייעם אינהאַלט.
די מענטשן האָבן זיך אַנטפּלעקט דאָ פונדאַסנײַ,
אינגיכן וועט דער דייטש, סאַדאָווסקי, עס דערפילן.
און דאָ איז מיר אַמבוילעטסטן געוואָרן קלאָר
דער וועג אין פאָלק פאַר פינף און צוואַנציק יאָרן דורכגעמאַכטע.
אין קורצן: ס׳דאַכט זיך מיר, אַז היינטיקס יאָר
וועט רוסלאַנד צווינגען אַנדערש וועגן זיך אַ טראַכט טאָן . . .

VII.

אַ גרוס דעם גאַנצן טייל. ווי שלאָגט איר זיך אַצינד?
צי ווייסט איר עפּעס־וואָס וועגן וואַסיאַנען?״
אַדורכגעלייענט האָט סאַדאָווסקי עס געשווינד,
ער האָט געוואַרט, אַז ס׳זאָל אָוואַדיס וועגן דעם דערמאָנען.
„אַנטשולדיקט מיר, וואָס אַזוי ווייניק איך דערצייל,
געציילטע פּאָר מינוט פאַר ווייסעך־וויפל־צייט איצט פריי כ׳בין.
ס׳האָט זיך אַזוי געמאַכט, אַז חוץ מיין טייל
האָב איך ניט קיינעם מער צו וועמען שרייבן...
מיט אַלגען האָב איך זיך געזען אין מאַרג. כ׳האָב זי געטראָפן טויט.
מיין טעכטערל טאַמאַרע — אויך דאָרטן, דערנעבן.
אַ דייטשישער פּוגאָס האָט זיי אין ריי נאָך ברויט
אַרויסגעריסן פון מיין לעבן״.
באַהאַלטן האָט דעם בריוו סאַדאָווסקי אין פלאַנשעט
צווישן וואַסיאַנעס בריוו, אינגאַנצן אַ צעשטרייטער.
ער האָט גאָר ניט באַמערקט, ווי ס׳איז געוואָרן שפּעט,
פאַרטאָג האָט מען אין וועג זיך אויפגעהויבן ווייטער.

41. פון אַן אויסגעקוילעט שטעטל

I.

אינמיטן הויף באַמערקט אָוואַדיס אָפּט
אַ שמיד בעת דער בייטאָגיקער הפסקה,
ווי ער וואָלט שטייענדיק געכאַפּט אַ שלאָף
און שלאָפנדיק דאָרט, ווי אַ בוים זיך אויפן ווינט געשאָקלט.
ער שלאָפט ניט אויס זיך, ווי ס׳באַדאַרף צו זיין, די נאַכט,
מיט רו ווערן די ביינער זיינע ניט געזעטיקט.
ווי נאָר ער גיט די אויגן אַ פאַרמאַך,
אַזוי דאָס גאַנצע אויסגעקוילעט שטעטל זיינס דערזעט ער.
די נאָרמע מאַכט ער דאָך — אויף אַנדערהאַלבן מער.
ער זוכט, ער נישטערט אַרבעט אויס פון אונטער דר׳ערד זיך,
און ס׳בלייבט אים ניט קיין צייט אויף טאָן אַ קלער,

עס זאָלן די יסורים אים ניט אָניאָגן אַהערצו.
נאָר ס׳קומט, צו אים דער עגמת־נפש און דער צער
אין די הפסקות שטיל, ווי שאָטנס אויף אים וואַרטן;
זיי טוען אויפן האַלדז אים אָן זיך צאַרט,
און אויפן מיטן הויף ער בלייבט ווי אַ פאַרשטאַרטער . . .

II.

ער שטייט ווי אַ פאַרבלאָנדזשעט פערד,
וואָס איבעראַשט באַמיט ער זיך דעם וועג דערקאָנען,
און ווי אַן איינגעשניטן ציימל קייט ער שווער
באַזונדער יעדעס רינגעלע — דערמאָנונג נאָך דערמאָנונג.
ער האָט געטראַכט און איבערלייגט זיך: טאָמער דאָך,
געשיקט זיך, ראַטעווען זאָל קיינער זיך ניט קאָנען?
אפשר האָט אים געשאָנעוועט דאָס מזל פונעם בראָך,
אָט האָט זיך דאָך געראַטעוועט אלקנה! . . .
ער, אמת, האָט אין דייטש זיך פרי׳ר געטאָן אַ גראָב,
נאָך אויפן לאַסטוואָגן, וואָס האָט צום גרוב געשלעפּט זיי,
און אויסגעהריזעט פונעם גאָרגל אים דעם קנאָפּ
און אויסשפּייענדיק אים, אַ ריטש געגעבן — שעפּסן!
וואָס זיצט איר? — האָט ער זיי געטאָרעט און געוועקט . . .
„אלקנה! — גיט זיך אברהם־הערש אַ טראַכט, — אַ מענטש אַ פּראָסטער,
און אָט אַזוי איז ער אַוועק.
די איבעריקע האָבן שלעפן ווייטער דאָרט געלאָזט זיך" . . .

III.

— אלקנה! — האָט ער זיך צו אים געווענדט
ביים ערשטן קוק, — דערציי׳ל! דו האָסט ניט וואָס פאַרטייען! —
און ס׳האָט אלקנה זיך אַ קוק געגעבן אויף די הענט:
— דערציילן — וועט דאָס לעבן, אברהם־הערש, ניט סטייען!
— און מיינע, האַ, האָסטו געזען?... — געזען!...
אין שבתדיקן קלייד, מיט אַלעמען. ביים ריוו, ווי ביי אַ וואָגן...
— נו, יאָ. — האָט ער איבערגעריסן אים, — ווי דען,
אַז אים האָט די כּאַליערע ערגעץ אומגעטראָגן . . .
— און אָט אַזוי געוואָרט האָבן זיי שווייגנדיק ביים ריוו,
די פיס צום גרונט אַראָפּגעלאָזטע,
און ס׳איז געווען אַ רעגנדיקער אינדערפרי,
און אין געשריי האָט זיך דערהערט, פון דיינער. נו, אָט האָסטו!... —
ס׳האָט מיטן בליק זיך אברהם־הערש ערגעץ געווענדט,
ווי ער דאָס גאַנצע לעבן וואָלט געטאָן אַן איבעררעכן,
און ס׳האָט ווי אַ שטיק פּייער אויף זיין מויל געטאָן אַ ברען:
— מיין נעכע . . .

IV.

און אברהם־הערש פארגייט זיך מיטן אַטעם לאַנג.
ער פילט, ווי פאַרן גאַרגל גיט אַ נעם דער בראַך אים:
מיט בריוו באַוואָרפן האָט ער גאַנץ בוגורוסלאַן,
צי איז דאָרט ניט פאַראַן אַ שפור פון זיין משפחה ?!...
אַט גיט זיך נעכעס קליד אים אַ דערמאַן,
אַט גיט אַ ריס פון סאַמע קבר נעכעס קול אים,
אַט גיט אַ שניט ווי דורך אַ צווינטער זיך מיט שרעק אַ באַן,
און ביים וואָקזאַל ניטאָ איז קיין פאַרשווין, ניטאָ קיין בעל־עגלה...
ס׳איז אים מיט לעבעדיקער היים דאָס האַרץ נאָך אַזוי פול,
אַ וועלט אַ גאַנצע וועקט נאָך פון דער ווייט אים —
געוואָלט האָט ער אַצינד איבער די חורבות טאָן אַ גיי,
אַליין זיך ווי אַ חורבה טאָן לעם זיי אַ שליידער...
עס האַלט דאָס האַרץ ביי אים זיך קוים איצט איין,
דאָס לייב דאָס גאַנצע פאַר דעם ווייטעק קנאַפּ איז.
ער וואָלט אויף אַ געשלעג געמאַכט איצט קידוש, ווי אויף וויין,
ער וואָלט איעדער גרוב געגאַנגען זאָגן אַ גוט־שבת!

V.

גוט שבת, ייִדן, אויסגעקוילעטע אין יעדער שטאָט
און לעבעדיקערהייט געוואָרפענע אין ריוון!
ווען זיין זאָל ערגעץ אין דער וועלט אַ שטיקל גאָט,
וואָלט ער אַליין באַדאַרפט זיך אויף די קברים זעצן שבעה!
גוט־שבת, שטיבער לידיקע, דערשטיקט פון רויב,
און איינגעבראָכענע, פאַרבלוטיקטע פּידאַשקעס!
עס גיבן זיך אַליין די דעכער אַ פאַרהייב,
ווי עמעצער וואָלט אינווייניק געָרעשט נאָך...
גוט־שבת, ווינטן, קומענדע פון דאָרט,
דורך שליאַכן אויסגעפּאָרענע מיט ווערסטן גראַדע!
צי האָט איר ניט געזען, ווי עמעץ פאָרט
אַהינצו זאָגן קדיש?
גוט־שבת, קרענעצעס, פאַרוואַקסענע מיט גראָז,
וואו ייִדעס האָבן אָפּגעשטעלט די פערד צום פּאָיען!...
אים דוכט זיך, אַז ער הערט אַ בעל־עגלהדיקן גלאָק —
ער קלינגט ערגעץ אין וועג מיט אַזאַ ווייטן טרויער...

VI.

אַט איצט, ווען ס׳איז פון אַלץ שוין גאָר נישטאָ,
ווען ס׳קוקט אויף אים די וועלט די גאַנצע, ווי אַ קרקע,
איז אַזוי זיס אים יעדער שינדל פון דער שטאָט,
און יעדער דאַך, און יעדער אויסגעדרייטער פּאַרקן.

ער האָט געהערט: ווען ביי אַ מענטשן שנײַדט מען אָפּ די פיס,
טוען די אָפּגעשניטענע אַ לאַנגע צײַט נאָך וויי אים.
אַזוי־אַ טוט זיך שטאָט אים וויי, און ס'וועט געוויס
דער וויי שוין ביז דער גרוב קיין טרייסט אים ניט פאַרווייען.
די פּליאָמעס גיבן אויפן פּנים אים זיך אַ צעלייג,
ער זעט, זײַן נעבע גייט. ס'איז אויף די טיר פון זיך כאַלופּע.
געהייסן אָנטאָן איר מע האָט דאָס שבתדיקע קלייד,
פּונקט ווי געגאַנגען וואָלט זי צו דער חופּה.
און ער קאָן גאָרנישט טאָן. אפילו קיין געשריי,
ס'זאָלן די בערג אַ ציטער טאָן, קאָן ער ניט געבן,
נאָר אָט אַזוי — זיך וואַרגן מיט דעם וויי, —
איז וואָס־זשע דאַרף ער עס, זײַן לעבן?

VII.

קיין שלאָף בײַנאַכט, קיין אָפּרוענדונג בײַטאָג,
זיי באַמבלען אים אין קאָפּ, די בעל־עגלהדיקע גלעקער:
ס'איז ניט קיין תכלית, אברהם־הערש, ביים האָרן דאָ
צו בלאָזן פייער פאַר די דײַטשן אויף אַ שטרעקע!...
זיי קלינגען אים אַרײַן פון ווײַט אַזוי פיל זאָרג
און טריקענען אים, ווי מיט בראָנפן, אויס דעם גומען:
עס שלאָגט זיך ניט קיין בעל־עגלה, אברהם־הערש, אויף באַרג,
אויב שלאָגן — איז געשלאָגן זיך מזומן!
פּונקט ווי געשלאָגן האָט מען זיך אויף אַ יאַריד
אין די אַמאָליקע, די אַלטע צײַטן!
עס היבן זיך, ווי ביי אַ פערד, ביי אים די טריט,
און ס'גיט שוין אַ פאַררוף די נעפּלדיקע ווײַט אים,
און ס'קלינגען, מאָנענדיק, די גלעקער אַלץ,
דעם מאָרך אים מיט פאַראיבל זיי פאַרטונקלען:
אלקנה האָט איבערגעהריזעט כאָטש אין דײַטש דעם האַלדז,
ער האָט זיך מיט זײַן לעצטן כאָרכל כאָטשבי אָנגעטרונקען!

VIII.

און דו? האָסטו דען קיין פאַסטראָמקעס ניט געריסן מיט די ציין?
קיין שליעס האָסטו ניט געריסן מיט די הענט דען?
איעדער דוכטנדיקער קלונג זיך וואַרפט אים, ווי אַ שטיין,
פאַרשלייפּט אים מיט אַ ווײַטער כישופדיקער פּענטע.
און נעכען מיטאַמאָל דערזעט ער גיין אין איר פאַטאָ,
ווי אָנגעטאָן זי וואָלט זיך אויף אַ גרויסן יום־טוב.
איז גיט ער זיך אַליין אַ ריס: — וואָס שטייסטו, תם?
גיי צו אַוואַדיסן און פּועל: שיקן אויפן פראָנט דיך!
מיט אים וועסטו ניט דאַרפן האַרעווען קיין סך,

אַ וואָרט, אַ פּיפּס אַ מינדסטער איז געגוג אים!
איז גיי און עפן אויף פאַר אים דאָס האַרץ,
דערציייל אים פון אַ שטאָט אַ גאַנצער מיט הרוגים!
ער וועט דיך אויסהערן און העלפן דיר אַליין,
ער וועט פאַרשטיין, ווי גרויס דער צאַרן און דער ווי איז.
האָסטו דען קיין פאַסטראַמקעס ניט געריסן מיט די ציין?
צי ניט געריסן האָסטו מיט די הוילע הענט קיין שלייעס?

42. קיין סטאַלינגראַד

I.

מיט רעגנבויגס שפּריצט דער אוראַלטער אוראַל,
ווי סערפּן גאָלדענע לאָזט ער זיי הויך פּאַנאַנדער.
ער האָט די בראשיתדיקע טראַכט געגעבן אַ צעפּראַל
און בערג אַרויסגעשיקט געשטאַלטע צו די ראַנדן —
זיי ווייסן ניט אין וועג קיין אָפּהאַלט און קיין צאַם,
דער טויט ווערט קעגן זיי געפּלעפּט מיט זיינע קלעמער.
אויף שמעלצער פון אוראַל גייט אויף וואָלאָקאָלאַמסק,
אויף זייער צויבערדיקער מי — דער גייסט פון קרעמל.
דער שונא קריכט, אין פאַנצערס דרייפאַכיק פאַרטאָג,
דעם ים דעם גאָלדענעם פון ווייץ מיט בלוט באַטריפן.
פאַרחלשט ליגט, ווי פאַר אַ שפּרונג, דער שטילער דאָן
און שטיל פאַרשפּרעכט דעם שונאס טריט אין זיינע טיפן.
אוי, שטילער דאָן, דיין שוועסטער וואָלגע וואַכט אַצינד!
עס זאָטלען פעסטונגען געפאַנצערטע דיינע געטרייע זין,
ווי פערד קאָזאַקישע זיי זיינען דיינע זין געהאַרכזאַם!

II.

אוואַדים שניידט דעם רוים, ווי דער געדאַנק,
אוואַדים פּרעסט די צייט — אַריבער נאַרמעס אַלע.
פונוויטן זעט ער ביי דעם ראַנד איעדן טאַנק,
וואָס גייט אַראָפּ פון די קאַנווייערס די אוראַלער.
די היץ פון יולי איז אויסגעמישט מיט פייער פון געווער,
און גאָלד פון רייפנדיקן ברויט — מיט בלוט פון די באַצווינגער.
עס שטייגט דער איינס־אויף־איינס אין גיהינומדיק געפּעכט
פאַר יעדן זאַנג, פאַר יעדן בוים, פאַר יעדן ציגל.
מיט וואָרצלען קלאַמערט אין דער ערד זיך יעדער שטאַם,
די היץ אין סטעפּ צעפּלאַסטערט איז זותרניש.
פאַרכלינעט האָט דער פיינט אין פייער און אין פלאַם

זיך ביי די ווענט פון אוראַלט־רוסישן וואָראָניעזש.
און דאָס פאַרוואונדעטע, צעקנאָדערט־אָנגעבראָקטע שטאָל
האָט ער אַ וואַש טאָן ביי די ברעגן פון דער וואָלגע זיך פאַרמאָסטן.
עס שוועבט אויף יעדער רוסלענדישער שטאָט
דער רום דער הערלעכער פון שלאַכטן אונטער מאָסקווע.

III.

צעשוימיקט, באַרג־אַרויף זיך יאָגן טעג,
ווי פיילן אָנגעצילטע, גראַדע.
אַוואַדיס גרייט זיך ווידער שוין אין וועג:
אַ פּאָר טאָן פאָדערט זיך אַצינד קיין סטאַלינגראַד אים.
אַ בריוו פון נאַרקאָמאָט. דער זעלבער זאַם.
דער זעלבער סטיל. די זעלבע האַנטשריפט.
אַרויספאָרן ווערט פאַרגעלייגט אים ניט געזאַמט,
און אויפן פּלאַץ — די נייטיקע באַקאַנטשאַפט.
ס׳דערמאָנט זיך, ווי געוועגדט האָט ער זיך פּרי׳ר אויף „דו“.
דערנאָך געזאָגט שוין ווידער „איר“ אים,
אַ ווייז געטאָן אים מיט די אויגן אויף אַ שטול:
„איר פאָרט נאָך היינט אַוועק. עס זיינען גרייט שוין די פּאַפּירן!...“
ביים לייענען דעם בריוו האָט אים געדוכט,
ער איז אין מאָסקווע פונדאָסניי. אין אַ פאַרטאָג ער זעט זיך.
די שורות לויפט ער פיבערדיק אַדורך,
פונקט ווי די ליקעלעך, די גאַסן און די פּלעצער.

IV.

אינגאַנצן אַנדערש זעט אים מאָסקווע אויס,
כאָטש ס׳גרייפט דער דייטש אויף איר אַצינד פונסניי דאָ.
אין גרינס אַן אָנגעטאָנענע — זי קוקט פאַראויס,
געפאַסט אין זיכערקייט, אין מוט געלייטערט.
צי ווייל ער האָט געפילט, ווי ס׳שלאָגט זיך דער אוראַל,
צי ווייל אין איר ער אַ סאָלדאַט האָט אַ דערפאַרענעם געזען איצט,
צי אַלץ צוזאַמען, נאָר אין יעדן פאַל
האָט זיך מיט זיכערקייט דיך גלויבן איצט געגרענעצט.
אין איר פאַרטונקלטקייט איז זי איצט גרויזאַם־העל,
און מיט פאַרטייעטקייט איז אָנגעברויזט אַיעדער אָרט דאָרט.
זי זעט אינגאַנצן אויס, ווי אַ באַפעל,
זי זעט אינגאַנצן אויס, ווי אַ פאַראָרד׳נונג.
זי איז אין ווי אַדורך די העכסטע מאָס
פון רום אין אירע אומשטערבלעכע שלאַכטן,
פונקט ווי אַ דימענט גייט זיך דורך איבער אַ גלאָז,
און ס׳בלייבט דעם בראָך שוין דעם ענדגילטיקן צו וואַרטן.

V.

ער פֿאָרט קיין סטאַלינגראַד דורך מאָסקווע פֿונדאַסניי,
פּונקט ווי אַהער דורך מאָסקווע פֿונעם פֿראָנט איז ער געפֿאָרן.
דאָס גאַנצע לאַנד דורך מאָסקווע פֿאָרט. מע פֿאָרט פֿאַרביי.
מע שטעלט זיך אָפּ, ווי ביי דעם אָנהייב פֿון די יאָרן.
ער קוקט מיטן געדאַנק אין רויטן פּלאַץ זיך איין,
ער גייט אים שטענדיק דורך — אַ צ׳ריקגעהאַלטענער, אַ שטילער.
מיט שטרענגער וואונדערלעכער טעמפּל־שיין
גיט שטענדיק פֿייערלעך דאָרט אַ פֿאַרהיל אים.
און עפּעס אַנדערש זעט ער איצטער מאָסקווע דאָך,
זיינע געדאַנקען שוין אין סטאַלינגראַד זיך וועלבן.
ער איז אַציינד אי דאָ אי דאָרט,
ווייל בײדע זיינען איינס איצט און דאָס זעלבע . . .
צום הויף אויף דראַגאָמילאָווער גיט אים אַ צי,
די אויגן — צו. מיט ווי פֿונסניי ווערט קלאָר אים:
אויף דראַגאָמילאָווער האָט ער ניט וואָס צו גיין אַציינד,
אַראָפּגעלאָזט איז דאָרט פֿאַר אים אַ שוואַרצער פֿאָרהאַנג . . .

VI.

ער בלאָנדזשעט אום מיטן געדאַנק איבער דער שטאָט,
די גרענעצן פֿון רוים און שטח זיך פֿאַרווישן.
געזען דאָ אויפֿן סטעפּ זי אויסדריקלעך ער האָט
אין קאַרפּוסן צעבליטע, ווי דורך כּישוף.
געקוקט האָט ער אויפֿן צעוואָרפֿענעם אוראַלער סטעפּ,
וואו ס׳האָבן זיך אין וואונדער בראַכשטיקער באַהאַפֿטן
און זיך געשטאַלטיקט אין אַ וואונדערלעך געוועב —
צו יעדן שרויף האָט זיך געזעגענען געוואָלט אַ לאַף טאָן . . .
ס׳גייט דער צעשייד איבערן האַרץ שוין מיט אַ שניט,
פֿון גאָר דער וואָלגע דער געפּליעסק זיך הערט שוין.
און פּלוצעם — גלייך צו אים מיט פֿעסטע טריט
דערזעט ער שפּאַנען דעם פֿאַרזאָרגטן אַברהם־הערשן:
— אויף ווידערזען, אוראַלער סטעפּ און בערג,
און זיסער רעש, און עכאָדיקער פּלאַטער
פֿון אומבאַגרייפֿלעך־וואונדערלעכע ווערק, —
עס וואַרטן אומבאַגרייפֿטע טעג איצט — סטאַלינגראַדער!

פרץ מאַרקיש

(פון יאָר 1938)